STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05337

NOAH PANDRE

Zalman Shneour

*Permanent preservation of this book was made possible
by Judith Caplan
in memory of
Sol & Tamara Goldstein, her parents*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן שניאור

*

נח פאנדרע

זלמן שניאור

נח פאנדרע

פינפטער טייל: „פאַנדרעס אַנטלויפן"

JEWISH HERITAGE LIBRARY
71-25 MAIN STREET
FLUSHING, NEW YORK 11367

פאַרלאַג „ניי - לעבן"
תל-אביב, תשל"א — 1970

©

אַלע רעכט געזיכערט

נדפס בישראל תשל״א

דפוס „אור״ בע״מ
רח׳ הר־ציון 104, טעל. 822481
תל־אביב

פ י נ פ ט ע ר ט י י ל:

„פאָנדרעס אנטלויפן"

אַ געזאַנג צו אַמעריקע
(אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט)

זיי געגריסט קאָלומבוסעס לאַנד! דיר געהערט היינט מיין וואָרט. אַנדערש ביסטו ווי אַלע לענדער וואָס איך קען.

אויף דיינע ריזיקע פעלדער הערט מען נישט דאָס סאָפּען פון אַקערער, נישט דאָס געזאַנג פון שניטער, נאָר דאָס פּירכען פון קוילן און פייפן פון דאַמף.

אונטער דיינע שווערסטע לאַסטן שטעלט אונטער איר אייזערנע פּליי־צע די מאַשין. און דיינע קינדער באַפרייען זיך אַלץ מער און מער פון דער אַלטער קללה: „מיטן שווייס פון דיין פּנים זאָלסטו עסן ברויט"...

די אַכזריות פון גרויסע קינדער, דער אינסטינקט פון אַ געזונטער חיה און די פילאָזאָפיע פונעם „אויבערמענטש" קלינגט אין דיין האַרבן לאָזונג: „העלף זיך אַליין!".

אונטער זיין האַמער ווערן שוואַכע. מיט פּסולת־געמישטע, איבערגעע־קאָוועט צו מעטאַל. פּוילישעקעס צעבריהן זיך.

דאָס לעבן ביי דיר איז ספּאָרט, דער טויט ספּאָרט, די וויסנשאַפט ספּאָרט. איין פוטבאָל אין אַ סך קאָלירן.

אַפילו דיינע געלט־מאַכער זענען נישט אַזוי זשעדנע, ווי אין דער אַלטער וועלט. ווי אַ זילבערנער דיסקוס, אין אַ גרויסער אַרענע, אַזוי קייקלט זיך ביי דיר שטורמיש דער טאַלער. און ווער ס'איז פלינקער, דער כאַפּט אים. אַ ספּאָרט ביי דיר דאָס רייכטום, ווי אַלע ספּאָרטן. אַליין די עקספּלואַטירטע פּאַטשן בראַוואָ.

און אָט די דאָזיקע קינדער דיינע האָבן דיך, שפּילנדיק, געמאַכט צום וועלט־שפּייכלער. לויפנדיק וועט־געלויף — מיט ברויט און גאָלד פאַרשאָטן דיך.

נישט די וואָס זויערן ביי אַ טעפּל קאַווע, וועלן אָפּשאַצן דיין אימפּעט. נישט די וואָס גלעטן זיך דעם פּליך — דיין גרויסמוטיקע האַרטקייט.

און וועט אַמאָל קומען צו דיר משיח צו אויסלייזן דיך פון טומל, צו באַפרייען דיך פאַר העכערע צוועקן — נישט אויף אַ ווייסן אייזעלע וועט ער קומען צו רייטן, נאָר אויף אַ שטאָלענעם אָדלער. אויף אַן אָדלער פון זילבערדיקן אַליומיניום — געטריבן פון פאַרבאָרגענע ליכט־כוואַליעס.

✡

פאַרנייס נישט אַזוי די נאָז פון דיינע וואָלקנקראַצערס, אַמעריקע! אַ גרויסן טייל אין דיין אויפבוי האָט אויף שקלאַוו — מיין שטעטעלע, און די באַשיידענע מענטשן, וואָס זענען דאָרט אויסגעוואַקסן אונטער דראַניצע־דעכלעך. אַ סך, אַ סך אַזעלכע שטעטלעך...

פון פאַראָרעמטע, איבערגעקינדלטע מדינות האָסטו אויפגענומען אַלע פאַריאָגטע און פאַרפּלאָגטע מיט אַ דור צוריק. אַזוי ווי זונדל גאָטס גנבס הייזקע ביים דניעפּער — אַלע באַליידיקטע פון שטאָט.

מ׳האָט זיי באַוויינט ווי די טויטע אַלע די, וועלכע זענען מיטן לעצטן העמד און קישן צו דיר אויסגעוואַנדערט, אַמעריקע! ווייל געהיימנישפול ביסטו דעמאָלט געווען, און שרעקלעכע זאַכן האָט מען, מיט אַ דור צוריק, דערציילט פון דיר.

מ׳האָט דערציילט, אַז דו ביסט אַזוי ווייט איבערן ים, אַז צוריקפאָרן פון דיר קען קיינער נישט מער. און קיין קשיות האָט מען נישט געפרעגט: ווי אַזוי מען איז אַהינגעפאָרן...

מ׳האָט אין חדר דערציילט, אַז פאַרן קלענסטן פאַרברעכן פאַרמשפּט מען ביי דיר צום טויט. און אַזוי ווערט מען אומגעבראַכט: אַ שיקסע אַן אייזערנע זיצט אויף אַן אייזערנעם קאַסטן, מוז איר דער פאַרמשפּטער אַ קוש טאָן. בייסט אים די אייזערנע שיקסע אָפּ דעם קאָפּ. און דער קאָפּ פאַלט אין קאַסטן אַריין.

נאָר די גרעסטע שרעק פון אַלע שרעקן, איז פאָרט געווען דאָס, וואָס מען מוז ביי דיר אַרבעטן אום שבת. קיין באַלעבאַטיש קינד מיט אַ גלייכן פאַרשטאַנד האָט דאָס גאָרנישט משיג געווען. אויף אַזאַ שרעקלעכע עברה, וואָך איין, וואָך אויס, האָבן זיך געקעגט אַוועקלאָזן נאָר עם־הארצים, גראָבע יונגען, אָרעמינקע שניידער, שוסטער־לאַטוטניקעס, און בכלל מענטשן, וואָס האָבן נישט וואָס אָנצווערן.

ווען אָט די אַרויסגעשטויסענע האָבן זיך געהעצקעט אויף די נעבעכ־

דיקע פורלעך, צווישן די אָרעמע בעבעכעס, צום פּאַרעכאָד, אָדער צום שליאַך, אויפן וועג צו דיר, אַמעריקע, האָבן זיי חשובע באַלעבאַטים אַרויס־באַגלייט מיט קאָפּ־שאָקלעניש און מיט פרומע זיפצעלעך, ווי מען באַגלייט אַרויס רשעים אין גיהנום, פוס־סאָלדאַטן — אין מלחמה. שוואַרצע קנעכט — אין דער שקלאַפעריי.

דאָס האָט אויסגעזען, ווי די עלטערע, קליגערע, רייכערע, בכבודיקע, געריבענע וואָלטן יענע נאַקעט און באָרוועס אַרויסגעשטויסן פון אַלע עקן שטאָט און פּאַרקויפט, ווי יוספן אין מצרים, צו דינען פרעמדע האַרן, מחלל־שבת זיין און רעדן „ענגעליש" אָנשטאָט יידיש...

פּאַר קנעכט אין די שוויץ־שאַפּן פּאַרקויפט, אויף שלעכטע שיפן אַוועקגעהוידעט זיך, איבער אומברחמנותדיקע כוואַליעס.

אָבער די זעלבע געשיכטע, וואָס מיט יוספן און מיט זיינע ברידער, איז אויך דאָ געשען. פונעם פּאַרקויפטן נאַקעטן בחורל איז אויסגעוואַקסן יוסף דער שני־למלך, דער שפייזער פון זיין אַלטן טאַטן און פון זיינע „פּאַרזינדיקטע" ברידער אין דער אַלטער היים, אין אַלע הונגער־יאָרן.

און די טעכטער זיינע, אָט דעם יוספס, און דאָס ווייב זיינס — די איינגעדאַרטע ליטוועטשקע, אויף בולבעס אויסגעהאָדעוועטע אין דער אַלטער היים, האָבן זיך צעבליט אויף אַמעריקאַנער קעסט. בראָנקס און ברוקלין זענען פּאַרפלייצט געוואָרן מיט טונקל־קעפּיקע מענטשן־בלומען. אַלץ מאַמעס און טעכטער פון אַמאָליקן שניידערל...

ד אָ ס איז די נקמה פון דער געשיכטע אַליין! וואָס קלאַסן און פעלקער פּאַרקרימען, גלייכט ז י, פריער שפּעטער, אויס.

לאָזט מען זי נישט — איז מיט בלוט און מיט שריפות. אויסגלייכן מוז זי, די געשיכטע.

✡

מיט זיין שטאַרקן גוף און מיט זיין פרישער נשמה, האָט זיך אויך אונדזער נח פּאַנדרע געשלאָגן פּאַר זיין קיום אין שטעטל. מיט דער גאַנצער סביבה אַרום אים, האָט ער זיך געשלאָגן, מיט יידן און מיט גויאים. מיט דערנידערונג, מיטן יאָך פון פרעמדע ווילנס.

נאָר אַלעמאָל איז ביי אים אַרויסגעקומען, ווי ביי אַ שטיפקינד. וואָס ער האָט נישט געטאָן, צי גוט צי שלעכט, איז געווען אַ פעלער. פּאַרשריען האָט מען אים און פּאַרטומלט. אין אָסטראָג אים געשלעפּט, מיט דער בייטש פון געזעץ איבער אים געפּאָכעט.

ביז ער האָט מער נישט אויסגעהאַלטן און, פאַרשפּריצט מיט דעם טרפהנעם בלוט פון זיינע פאַרפאָלגער, איז ער אַנטלאָפן צו דיר, אַמעריקע!

פאַר גאַנצע דורות פון אונטערטעניקייט, שרעק און בזיונות האָט ער זיך איינמאָל אָפּגערעכנט. און די האָלאָבליעס פון זיין וואָגן איז געווען זיין וואָפן.

ווי דער חוט־השדרה פון אַ גוף, אַזוי איז ער אַנטלאָפן פון שטעטל. ווי אַ האַרטער קנאָכן, אויף וועלכן אַלע שוואַכע האָבן זיך אָנגעלענט און געמיינט, אַז דאָס קומט זיי...

און באַלד נאָך זיין פאַרשווינדן איז דאָס גאַנצע לייב פון שטעטל צוזאַמענגעפאַלן. בלוט־אָרעם געוואָרן, פאַרוועלקט. אין שטענדיקער אימה פון פּאָגראָמען געטוליעט זיך, געטרוימט און געוואַרט אויף דעם אונטער־גאַנג. אַוועק דער באַשיצער! דער שטורעם־ווינט, האָט אים אַוועקגעטראָגן.

אויף דיין זאַפטיקן באָדן, אַמעריקע, איז ער אַנידערגעפאַלן, אַט דער פאַרטראָגענער זוים פון יענער זייט ים. אָן דיין ערד אָנגעכאַפּט זיך. פאַר־טיפט וואָרצלען, אַרויסגעיאָגט בלעטער און צוויט.

און ער לעבט נאָך אוודאי, ערגעץ־ווו, אַט דער פאַנדרע, ווי אַ דעמב, אַ גרוי־קעפּיקער, און קוקט מיט אַ קינדערישן שמייכל אויף זיינע קינדער און קינדס־קינדער אַרום אים. אַלע — בירגער פון דער ערד. זיכערע אונטערן הימל.

איר וועט זיי דערקענען, זיינע קינדער, אָן זייערע גרויע אויגן, אַרומ־געזוימט מיט פּעך־שוואַרצע ווייעס; אָן דער האַרטער גריבעלע אין גאָמבע; אָן די ברייטע פּלייצעס און שמאָלע בייכער; אָן דער גוטסקייט, וואָס איז צעגאָסן אין די געשלענגלטע מויל־ווינקלען.

איר וועט זיי דערקענען אויף פוטבאָל־פּלעצער, אויף פאָלקס־טריבו־נעס, צווישן ריזיקע מאַשינעס, אויף צעאַקערטע פעלדער. עפּעס איז פון זיי געוואָרן. אין שאָטן זענען זיי געוויס נישט געבליבן.

צו הייס איז נאָך געווען פאַנדרעס בלוט, בשעת ער איז אַנטלאָפן, אַז זיינע זוימען זאָלן אַזוי גיך פאַרלוירן גיין, דעגענערירט ווערן. ווי זון־בלומען איבער קרויט־קעפּ בליען זיי אוודאי אויף אַמעריקאַנער ערדן.

זוכט זיי און איר וועט זיי געפינען! טאָמער נישט די קינדער פון מ י י ן פאַנדרען איז — פון א י י ע ר ן. יעדעס שטעטל האָט דאָך געהאַט איר נח פאַנדרע.

מיין שקלאָוו איז נאָר אַ סימבאָל, אַ צויבער־שפּיגעלע אַזאַ, ווו יעדערער קוקט אַריין און דערזעט זיך אַליין, זיין יוגנט, זיין אַמאָליקע היים.

זוכט זיי אין אַמעריקע פֿאַנדרעס קינדער און איר וועט זיי געפֿינען און... שרייבט מיר אַ גרוס פֿון זיי.

איך — דאָ קען נאָר דערציילן ווי אַזוי ס'איז געשען און ווי אַזוי פֿאַנדרע האָט געמוזט אַנטלויפֿן אין לאַנד פֿון קאָלומבוסן.

ר׳ דאָדיע „פיר מאָל צאָלענט״

1.

זינט די מגיפה איז אַוועק איבער דער שטאָט, האָבן שקלאָווער דאָק־טוירים געוואָרנט, מען זאָל זיך היטן מיט רויע שפּייזן, ווי למשל: קרויט און מערן און קירבעס און אוגערקעס; און למען־השם נישט עסן אָפּ־געשטאַנענע, צוגעוואָרעמטע פּאָטראַוועס, נישט קיין געפּרעיעטע פעטע געקעכצן, ווי למשל: טשאָלנט...

האָבן דאָך יידן מורא פאַר דאָקטאָריע נישט ווייניקער ווי פאַרן פּריי־סטאַוו, האָט מען געפאָלגט. און שבת אָפּגעקומען מיט שיטערע יאַיכלעך. געדאַרט־געקוואַרט.

אָבער נישט אַלעמען איז דאָס גוט באַקומען.

ר׳ דאָדיע „פיר מאָל טשאָלנט״, קען דינען אַלס בעסטער באַווייז, אַז נישט פון טשאָלנט קרענקט מען און נישט פון יאַיכלעך איז מען געזונט. אַז נישט פון ווייניק עסן לעבט מען און נישט פון צופיל — שטאַרבט מען. אַזוי ווי מיר וועלן זען פון דעם, וואָס דאָ ווערט ווייטער דערציילט.

איינגעפונדעוועטע טשאָלנט־עסער זענען אין שקלאָוו, אָן עין־הרע, פאַראַן געננוג. למשל: משה דעם טאָקערס זין פון אַקעגן דעם ליובאַוויטשער בית־מדרש, פון וועלכע מען דערציילט גוזמאות. מען דערציילט, אַז אינעם אימפּעט פון טשאָלנט־עסן, שלינגען זיי אַפילו איין די איינגעפּרעגלטע דיקע פעדימער, מיט וועלכע די געפילטע שבתדיקע קישקעס און טריבעכער זענען געניים. און אַז אין די מוראדיקע טעפּ, אין וועלכע מען פאַררוקט ביי זיי טשאָלנט, קאָכט מען ביי לייטן גרעט.

איז מילא, אין די ווינטערדיקע שבתים גייט נאָך אָפּ אַזאַ טשאָלנט־עסן גאַנץ גלאַטיק. משה דעם טאָקערס בנים ווילן עסן טשאָלנט פון גרויסע גרעט־טשוהונעס און שלינגען פעטע פעדימער? זאָלן זיי עסן געזונ־טערהייט! ווער עס פאַרגינט זיי נישט די פּאָמוניצעס שוואַרצע קאַשע

אויף מענוסע־שמאַלץ און די פינף פונטיקע געפּילטע טריבעכער, ביי דעם זאָגן איידעלע שכנים, זאָל, רבונו של עולם, וואַקסן האָר אויף די פּיאַטעס!
אָפּגעוואוינטשן און — שפּייען פונדעסטוועגן אויס.
אויסגעשפּייט, ווישט מען אָפּ די איידעלע מיילער און מען גיט צו:
— וועמען אַרט דאָס? אַבי ס'איז שטיל...
משמעות, אַז עס זענען דאָ צייטן, ווען עס איז גאָרנישט שטיל.

און כּד־הוה! זומער־צייט... ווען עס גיבן אַ זעץ די גרויסע היצן, לאָזן משה דעם טאָקערס בנים הערן, אַז זיי האָבן געגעסן טשאָלנט. די גאַנצע גאַס איז פון זיי אויף.

אין די הייסע זומערדיקע שבתים, ווען אורי דער קאַסאָקער כאַפּט דעם עונג־שבתדיקן שלעפל און פייגע זיין ווייב כראָפּעט אונטער אַקעגן אים, איז בכלל נישט קיין זעלטענע זאַך, עס זאָל זייביידן פּלוצלונג נישט איבערשרעקן אַ גראָבער געוואַלד־געשריי פון מאַנסביל און אַ יאָמער־דיקער קוויטש פון ווייבער.

שפּרינגט מען דאַך אויף נישט־טויט נישט־לעבעדיק פון די בעטן און מען לויפט אין די בלויזע זאָקן צו די פענצטער. דערזעט מען משה דעם טאָקערס שנורן: איינע אַ געלע, איינע אַ שוואַרצע און איינע אַ בלאָנדע, אַלע דריי לויפן זיי, און זייערע שטוב־פּאַטשיילעס פלאַטערן אין לויף, ווי די פליגלען פון איבערגעשראָקענע גענדז. און אין משה דעם טאָקערס שטוב גופא, ביים אָפענעם פענצטער, שטייט שצערע — די מאַמע פון די בנים, אין אַ ראַצעמאָרענער הייבל אויפן איינגעדאַרטן אַלטיטשקן קאָפּ און ברעכט די הענט און שרייט נאָך די שנורן אירע:
— אוי, גיכער, גיכער!... זעט ער זאָל באַלד קומען!

כאַפּן דאָך די איידעלע שכנים אַרויף די שטעק־שיך אויף די זאָקן און לויפן אַרויס אויף דער גאַס, זען, נאָכפרעגן זיך... ערשט ס'איז גאָר־נישט! אַן אַלטע מעשה איז דאָס: די מענוסע־שמאַלץ און די געפּילטע טריבעכער האָבן זיך צעשפּילט ביי משה דעם טאָקערס בנים אין די בייכער — שרייען זיי. מער גאָרנישט...

— טפו זאָלן זיי ווערן! — שפּייט אויס אורי דער קאַסאָקער — דאָס האַרץ איז מיר איינגעפאַלן...

אוריס פאַרשלאָפענע אויגן קוקן כעסדיק אויף זיין אייגענער ברייטער נאָז. נאָר די מומע פייגע ווייסט, אַז דאָס קוקט ער אויף איר, זי זאָל אים העלפן זיין אין כעס... העלפט זי אים:

— הע־ען, קבצנישע קישקעס! מ׳וואָלט געקענט מיינען די שטוב ברענט...

דערנאָך קומט צו לויפן חישין דער דאָקטאָר מיטן שטעקעלע. שבת פאַרט ער נישט אין זיין פאַיעטאָנדל. ער שאַנעוועט די פרומע לייט. נישט ווי קראָל דער דאָקטאָר, דער פריץ, דער משומד־להכעיס.

נאָר אַ דאָקטאָר מוז דאָך פאָרט וויזן, אַז ער איז פרייער פאַר אַלעמען און דערלויבט זיך מער ווי אַלע אַנדערע, טראָגט ער דערפאַר אום שבת אַ שטעקעלע. אָן זיין האַלטן דעם שטעקעלע טיף אונטער דער גאַלקע זעט מען באַשיינפערלעך, אַז אין דער וואָכן נעמט ער עס קיינמאָל אין האַנט נישט.

בכן, קומט ער צו לויפן חישין דער דאָקטאָר, שטעלט זיך אַוועק ביי משה דעם טאָקער אין מיטן שטוב, צווישן די אויסגעלייגטע בנים מיט די אויפגעלאָפענע בייכער. און דורך די אָפענע פענצטערלעך זעט מען, ווי ער פאָכעט מיט דער ביינערנער גאַלקע פון זיין מוקצה־שטעקעלע, ווי אַ קאַפּעלמייסטער, און מען הערט זיין מוסר פול מיט חכמת הדאָק־טאָריע:

— איר, אַזעלכע און אַזעלכע, חזירים וואָס איר זענט! וואָס מיינט איר — אַ מאָגן איז אַ טאָרבע? וואָס קלערט איר זיך — געדערים זענען בלעכענע טרובעס? וויפל מאָל מ׳האָט אייך אָנגעזאָגט און איר — גאָרנישט. מענוסע־חלב, טריבוכעס, טפו!

קרעכצן די בנים:

— אוי, אוי, פּאַני דאָקטאָר, ווער זאָל דאָס וויסן?

— איז אָט ווייסט איר! — פּסקנט זיי דאָקטאָר חישין אָפּ, דרייט זיך אויס צו די ווייבער און הייסט גלייך געבן די מאַנסבילן די אמתע פּאָרציע ריצנאייל, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי צו האַלבע גלאָז יעדערן... און צוצולייגן זיי הייסע פלעשער צו די בייכער... הייסע ציגל איז נ אָ ך בעסער...

דערנאָך לאַכט די גאַס אַ גאַנצינקן טאָג פון די בנים. איין אורי דער קאַסאָקער איז בייז. ער קען נישט פאַרגעסן, וואָס די גראָבע־יונגען האָבן אים געפּטרט דעם שבתדיקן שלעפל.

נאָר מיט דער צייט, אין משך פון יאָרן, האָט ער זיך אויך צוגעוווינט צו די מוראדיקע אַפּעטיטן אין משה דעם טאָקערס הייזקע און צום פּסק, וואָס מען כאַפּט דאָרטן דערפאַר. און ווערט ער אויפגעריסן, דורך קולות־געוואַלדן, אין די הייסע תמוז־שבתים, פונעם נאָך־טשאָלנטדיקן

שלאָף, אַזוי גיט ער אַ הויב איין געפּרעיעטע באַק פון קישן און פרעגט סתם אין דער וועלט אַריין:

— האַ־אַ־אַ? ווע־ער?

נאָר באַלד כאַפּט ער זיך אַפּנים אַליין, ווער דאָס קען זיין. מאַכט ער „אַ־אַה! המ...״ און דרימלט ווייטער איין.

פאַרטייטשט מומע פייגע זיין ווייב דאָס, וואָס פעטער אורי מיינט מיטן „אַה! המ...״ אַנגעשפּאַרט אויף איין עלנבויגן אין בעט טייטשט זי דאָס אָפּ אַזוי:

— די בייכער פלאַצן זיי שוין דאָרטן... טפו!

דרייט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט און שלאָפט אויך איין.

זיי ביידע ווייסן שוין, ברוך־השם, אַז נישט מען שלאָגט זיך, נישט, חס־וחלילה, עס האָט זיך אַנגעצונדן אין אַ קוימען. דאָס שרייען משה דעם טאָקערס בנים פון בויכווייטיק און די שנורן לויפן זוכן דעם דאָקטאָר איבער דער שטאָט. מער גאָרנישט.

און צוליב וואָס זאָלן זיי באמת זיין בעסער פאַר אַנדערע, בעסער פאַר הי״שין דעם דאָקטאָר, בכבודו ובעצמו? הי״שין אַליין האָט זיך אין משך פון יאָרן צוגעוווינט צום שבתדיקן אַנגעלויף פון משה דעם טאָקערס שנורן. און נישט קוקנדיק אויף זיין גוטסקייט, וואָס ער ווייזט אומעטום אַרויס צום פּראָסטן עולם, און נישט טראַכטנדיק אַפילו, אַז צו די וויבאָרעס אויף ראַבינער זענען משה דעם טאָקערס בנים געלאָפן די ערשטע צו וואַרפן ווייסע גאַלקעס אין זיין ווילער־קאַסטן — מאַכט ער צו משה דעם טאָקערס אַנגעלאָפּענע שניר אַ מידן פנים, לאָזט זויער אַראָפּהענגען די אונטערשטע ליפּ איבער דעם שוואַרצן בערדל, און זאָגט אַזוי:

— וואָס ווילט איר פון מיר? און צוליב וואָס זאָל איך מיט אייך לויפן? מסתמא ווייטער טשאָלנט?... ווי? טו גיט זיי צו... האַלבע גלעזער ריצנאייל און גייט אייך געזונטערהייט!...

נישט אַזעלכע אומגעלומפּערטע פּרעסערס ווי משה דעם טאָקערס בנים מיינען מיר, און נישט פון אַזוינע ווילן מיר דאָ דערציילן. פאַרטאָ־טשעס זענען דאָס, נישט קיין טשאָלנט־עסער. שטאָפּן זיך איבער מיט גראָבע מאכלים און שרייען „ראַטעוועט!״.

מיר ווילן דאָ ברענגען אַ ראיה פון אַ טשאָלנט־עסער אַ מייסטער, אַ קוגל־שלינגער אַ ספּעציאַליסט, אַ קינסטלער אין זיין פאַך, פון ר׳ דאָדיע „פיר מאָל טשאָלנט״ ווילן מיר ברענגען אַ ראיה.

.2

פאַר כאָליערע צייט איז ער נאָך געווען אַ זקן אַ ייד, פון אַ יאָר עטלעכע און זעכציק. מאָדנע איינגעבויגן, באַלכסון, ווי איינער, וואָס טראָגט אַ שווערע משא אונטער דער קאַפּאָטע און וויל נישט נאָכגעבן. אַ געלב־לעכער פּנים, אַ געלבלעך־סיווע באָרד און געלבלעך־בלאַסע הענט, מיט האַרטע גרינע אָדערן איבערגעשפּאַנט. די אויגן־ווייסלען אויך דורכגעשלאָגן מיט אַ געלקייט. וואָלט מען דאָך געקענט מיינען, אַז ר׳ דאָדיען טוט ווי די לעבער? הויבט זיך גאָרנישט אָן. ר׳ דאָדיע האָט זיך נאָך, זינט ער לעבט, אויף קיין שום חולאת נישט געקלאָגט; און שקלאָווער רופאים, פונעם באַנקע־שטעלער ביזקל „געקאָנטשעטן״ דאָקטאָר, האָבן ביי אים קיינמאָל קיין צעבראָכענעם צווייער נישט פאַרדינט. אַזאַ מין קאָליר איז צעגאָסן ביי ר׳ דאָדיען אונטער דער הויט און מער גאָרנישט. נישט אַנדערש דער זאַפּרען פון הונדערטער און טויזנטער אויפגעגעסענע שבתדיקע טשאָלנטן ליגט אים אין בלוט און וויל נישט אַוועקגיין.

געווען איז ער, נאָך מיט אַ צען יאָר צוריק, דער אונטער־שמש אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, געשטאַנען אונטערן הויכן באַפּעל פון גבאי ר׳ ישראל און בערע רחמיאלס — דער אויבער־שמש. נאָר זינט זיינע דערוואַקסענע זין און טעכטער זענען אַוועק קיין אַמעריקע, געמאַכט דאָרט אַ לעבן און אָנגעהויבן שיקן געלט, האָבן זיי אים גענומען שרייבן אין די בריוו, אַז... יאָ, עס פּאַסט זיי נישט, דער טאַטע זייערער זאָל זיין אַ שמש, און אויף צום לעבן, אים און דער מאַמען, וועלן ז י י שיקן, וויפל מען באַדאַרף.

מיט האַרץ־ווייטיק האָט ר׳ דאָדיע אָפּגעלאָזן זיין חזקה און איבער־געגעבן אַ צווייטן קרוב זיינעם — בונים לעקיש. ס׳איז טאַקע דער זעלבער בונים, וועלכער האָט אויסגעזאָגט דעם סוד פון אורי דעם קאַסאָקנס האָן און געמאַכט פון אים אַ קהלשע כפּרה.

זינט דער ליובאַוויטשער בית־מדרש שטייט אויפן ברעג אָזערע איז נאָך קיין חסידישער שמש נישט אַרויס אין „אָסטאַווקע״, סיידן דער רבונו של עולם אַליין האָט געהייסן גיין... האָט דערפאַר ר׳ דאָדיעס אָפּזאָגן זיך געמאַכט אַ גרויסן רושם. פונעם גבאי ר׳ ישראל אין מזרח־וואַנט ביזקל לעצטן באַלעגאָלע ביי דער טיר, ווייסן נאָך עד־היום נישט ווי אומצוגיין מיט ר׳ דאָדיען. צי ווי מיט זייער גלייכן, צי ווי מיט אַ שמש, וואָס דערלאַנגט סידורימלעך און וואַרט אויף אַ גריוונעצקע

אינעם טאָג פון „יאָרצייט”. דער גבאי ר׳ ישראל, אַז ער שמועסט מיטן געוועזענעם שמש, איז ער אי פריינדלעך, ווי מיט אַן אלטן דאַוונער, אי ער קוקט אויף אים אַ ביסעלע פון אויבן־אַראָפּ, ווי אויף זייַנעם אַן אַמאָליקן „אונטערטאַן”. און אַזוי אויך אַלע באַלעבאַטים אין ליובאַוויטשער בית־מדרש: מען פרעגט ביי אים פאַנאַנדער וועגן די גדולות פון זיינע עלטערע קינדער אין אַמעריקע, און מען פאַרבעט אים אויף טשאָלנט מיט אַ קאַפּעלע רחמנות, ווי אַן אָרעמען מענטשן, וועלכער האָט נישט גענוג צו עסן ביי זיך אין דער היים און איז זשעדנע אויף אַ פרעמדן ביסן.

ר׳ דאָדיע אַליין, דאַכט זיך, ווייסט שוין נישט מער, צו וועלכן ראַנג ער געהערט. צי ער איז נאָך אַלץ אַ שמש, צי אַ באַלעבאָס מיט באַלע־באַטים גלייך. צווישן אָט די קעגנזאַצן פון אָפּהענגיקייט און אומאָפּהענ־גיקייט, חשיבות און אונטערטעניקייט, זאַטקייט און זשעדנעקייט, פּלאָנטערט ער זיך ביז צום הייַנטיקן טאָג. אין דער היים עסט ער אָפּ טשאָלנט פאַר זיך און אַ ברייט אָרט לאָזט ער איבער פאַר די טשאָלנטן פון בכבודיקע באַלעבאַטים אויך. ער נעמט נישט אָן פאַר אַן אומכבוד, ווען מען פאַרבעט אים אויף שבת, אין בית־מדרש צי אויף דער מיטן גאַס.

מען קען אָבער נישט זאָגן, אַז ר׳ דאָדיע איז אַ פרעסער. חס־ושלום! אין מיטן וואָך באַגנוגנט ער זיך מיט גאָר ווייניק. אַפילו יום־טוב נעמט ער נישט קיין איבעריקן ביסן אין מויל. נאָר זינט יידן האָלטן שבת און זינט יידענעס פאַררוקן טשאָלנט ל כ ב ו ד שבת, איז נאָך אַזאַ גרונ־טאָוונער טשאָלנט־עסער, ווי ר׳ דאָדיע נישט געבוירן געוואָרן. ס׳איז, דאַכט זיך, זיין איינציקע לעבנס־אויפגאַבע אויף די עלטערע יאָרן; זיין שוואַכקייט און זיין גבורה.

די גרויסע פעאיקייטן צו עסן טשאָלנט האָט ר׳ דאָדיע געוויס באַזעסן נאָך אַלס אָרעמער, נעבעכדיקער שמש. נאָר דאַמאָלט האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט אויף אים, נישט אָנערקענט זיין טאַלאַנט... דערפאַר, אַז ער איז געוואָרן אַ פרייער באַלעבאָס, אַ טאַטע פון פאַרמעגלעכע קינדער אין אַמעריקע, האָבן אַלע באַלעבאַטים פון בית־מדרש גענומען לויפן וועט־געלויף. אַלע ווילן אויסכאַפּן ר׳ דאָדיען, האָבן אים ביים שבתדיקן טיש, אַלע זענען מיט אַמאָל געוואָרן מבינים אויף דעם, צו וואָס ער איז באַרופן...

אַזוי קומט אַלעמאָל די אָנערקענונג צו שפּעט, ווען מען איז שוין אַלט און שוואַך, ווען די ציין פאַלן אַרויס און די אויגן גוצן זיך אָפּ.

נאָר ר׳ דאָדיע טוט וואָס ער קען, כדי צו דערווייזן, אַז דער כבוד, וואָס מען גיט אים אָפּ איז נישט אומזיסט, אַז ער האָט דאָס כשר פֿאַרדינט.

בפרט זינט זיין אַלטיטשקע האָט זיך אָפּגעטראָגן און ער אַליין האָט זיך אריבערגעקליבן צו זיין ייִנגסטן זון נטע, וועלכער איז געבליבן אַ שקלאָוועד תושב, האָט ער זיך מיט לייב און זעל אַריינגעטאָן אין זיין גרויסן באַרוף:

לעבן און עסן טשאָלנט.

די קינדער אין אַמעריקע האָבן אים אַפילו, באַלד נאָך דער מאַמעס טויט, געוואָלט אַריבערנעמען צו זיך, האָט ער זיי געלאָזן שרייבן אַ שיי־נעם דאַנק... וווהין, שרייבט ער, וועט ער פֿאָרן אויף די עלטערע יאָרן? ער וועט שוין, שרייבט ער, דערלעבן זיינע טעג און שבתים אין דער אַלטער היים און וועט האָבן נחת פֿון דער ווייטן.

קלוגע יידן, וואָס קענען לייענען אַפילו דאָס, וואָס שטייט נישט געשריבן, האָבן חושד געווען, אַז נישט אַזוי פֿאַר דעם ווייטן וועג האָט ר׳ דאָדיע מורא, ווי פֿאַר בלייבן „אָן טשאָלנט״. וואָרום, וווּ וועט זיך אים קאָלומבוסעס מדינה אָננעמען פֿיר טשאָלנטן אין איין שבת? און צי וועלן גאָר די אַמעריקאַנער קינדער דערלאָזן דער אַלטער טאַטע זאָל זיך אַזוי פֿאַנאַנדערלאָזן?

זענען זיי אפשר אויך געווען נישט אומגערעכט.

פֿון דאַמאָלט אָן האָט ער געקראָגן זיין צונאָמען: „פֿיר מאָל טשאָלנט״. דווקא מיט אַ „צדיק״ — צאָלענט. וואָרום ר׳ דאָדיע רעדט נישט שאַרף אַרויס אַ „שין״ און נאָך שווערער אַ „טש״. אַזוי ווי ער רעדט אַרויס דאָס וואָרט, אַזוי רופֿט מען אים. און צי האָט ער דאָס אַלץ טאַקע כשר פֿאַרדינט — וועלן מיר זען אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

3.

דאָנערשטיק הויבט זיך שוין ר׳ דאָדיע אָן מכין צו זיין. דאָנערשטיק פֿאַסט ער. פֿרייטיק אַ טאָג קומט ער אָפּ מיט „שיהע־פּיהע״, מיט אַ גלאָז טיי מיט מילך, מיט אַ סוכאַריקל. אַפילו ביינאַכט, נאָך קבלת־שבת, עסט ער גאָר ווייניק. דעם גאַנצן כוח באַהאַלט ער אויף מאָרגן.

שבת אין דער פֿרי שטאַרקט זיך ר׳ דאָדיע, ווי אַ לייב. ער פֿעדערט זיך און שטייט אויף, ווען עס גרויט קוים־קוים אויף טאָג, כדי צו דאַוונען דעם ערשטן מנין מיט אַלע פּראָסטע לייט, אַזייגער זיבן אין

דער פרי. און ווען דער גאַנצער עולם באַלעגאַלעס, שניידער און שוסטער האַלט נאָך אין אויסשפּייען צו „עלינו“, שטייט שוין ר׳ דאָדיע גרייט ביי דער טיר, דער טלית-זעקל אונטער דער פּאַכווע, דער מאַנטל זיינער אָנגעוואָרפן, אָן די אַרבל, איבער זיינע איינגעבויגענע פּלייצעס. אַזוי שטייט ער אַ רגעלע און מאַכט נאָך מיט די ליפּן, אַפּנים די לעצטע ווערטער פון דאַוונען. און ווי נאָר דער „קדיש יתום“ ברעכט אויס אין אַלע עקן פון בית־מדרש, מיט דער פרייליכקייט פון ענדיקן אַזוי פיל לאַנגע שבתדיקע תפילות און מיט דעם אָנזאָג פון שבתדיקן קידוש, קושט שוין ר׳ דאָדיע די מזוזה און גייט אַרויס. אַלעמאָל גייט ער אַרויס דער ערשטער.

אַז די אָפּגעדאַוונטע יונגע־לייטלעך יאָגן אים אָן מיט זייערע געזונטע פיס און מיט זייער הילכיקן „גוט־שבת!“ ענטפערט ער זיי „גוט־שבת גוט־יאָר“ פאַר זיך, נישט אומדרייענדיק אַפילו דעם קאָפּ. אַזוי פאַרטאָן איז ר׳ דאָדיע אין דער הייליקער מלאכה, וואָס שטייט אים פאָר, ביז האַלבן טאָג אָן אויפהער. אַ מינוט האָט ער פיינט צו פאַרלירן.

אָנגעקומען צו נאָטען, זיין מוזיניק, אַהיים, ביי ווענען ער ווינט און עסט זינט די אַלטיטשקע איז געשטאָרבן, זעצט ער זיך גלייך אַוועק צום געגרייטן טיש, אויף דער שטרויענער קאַנאַפּע, וועלכע איז לכבוד שבת אויסגעבעט מיט רויטן סיטץ. ווי ער שטייט און גייט זעצט זיך ר׳ דאָדיע. און שוין זיצנדיק וואַרפט ער פון זיך אַראָפּ די דעליע מיט איין געניטער באַוועגונג פון די אַלטע פּלייצעס און לייגט אָפּ דעם טלית־זעקל אָן דער זייט. אַלץ כדי נישט פאַרלירן חס־ושלום איין רגע אויף איבעריקע זאַכן. כאָטש דער שוואַרצער טשוואָק אויף דער אַקעגנדיקער, אויסגעקאַלכטער וואַנט איז גאָרנישט אַזוי ווייט...

אָנגעגאָסן אַ פולן בעכער מיט בראַנפן, נעמט אים ר׳ דאָדיע קונציק אַרויף אויף דער אויסגעשטרעקטער דלאָניע, שפּאַרט אים אונטער מיטן גראָבן געלבלעכן פינגער. אַזוי שטייט ער פעסט, דער בעכער, מען מעג זיך שאָקלען און אַ טראָפּן וועט נישט אַראָפּפאַלן.

— על כן ברך ה׳ את יום „הסביעי“ „ויקדסהו“, ברוך אתה ה׳ „סהכל“ נהיה... בדברו!

אַזוי מאַכט ר׳ דאָדיע קידוש מיט זיינע ספּעציעלע „שינען“. נאָר עס דאַכט זיך, אַז די זאַפּטיקע שבתדיקע שיגען זענען ביי אים אויסגעטריקנט און פאַרמאָרעט געוואָרן פון פאַסטן דאָנערשטיק און נישט דערעסן פרייטיק. צווישן „נהיה“ און „בדברו“ בלייבט ער אַ רגע שטיין און קוקט

אויף דער סטעליע. און נאָר זיין געלבלעכער גאָרגל גליטשט זיך, בשעת דער קליינער פויזע, אַרויף און אַראָפּ. ס'איז אַ טריק אַזאַ ביי ר' דאָדיען. אַ באַזונדערע סגולה. דער סוד פון אָפּהאַלטן איין איבעריקע רגעלע דעם סוף קידוש האָט אין זיך זיבן טעמים. ער האָט אין זיך די זיסקייט פון פאַר־לענגערן אַ גרויסן נחת־רוח. די אַפּעטיטלעכקייט פון שבתדיקע מאכלים אויפן טיש און אין אויוון. נאָטען, זיין זון, און מינע־דינהן, זיין שנור, לויפט אַזש אָן דאָס וואַסער אין מויל פון אַזאַ מחיהדיקער סטאַנציע צווישן „נהיה" און „בדברו".

מינע־דינה, זיין שנור, איז נישט קיין איבעריקס גוטע און נישט קיין צו גרויסע בריה. זי איז אָבער געטריי דעם שווערס מנהגים. זי זעט דאָך זייער גוט, אַז אַ גאַנצע וואָך קומט ער אָפּ מיט וואָס נישט איז. מיט אַן עקל פון אַ הערינג, מיט אַ געבאַקטער בולבע אין פעלצל, מיט אַ גלאָז טיי און מילך. פאַרגינט זי אים דעם איין־איינציקן שבת מיטן גאַנצן האַרצן, בפרט, דער שווער גיט אַלעמאָל צו שטייער...

סטאַרעט זי זיך. די מאכלים, וואָס זי גרייט אָן פאַרן שווער, און אגב פאַרן מאַן און פאַר זיך, זענען פּראָסט און גוט. נישט געקינצלט און מיט דער ברייטער האַנט.

איז קודם כל פאַרבייסט מען נאָך קידוש מיט אַ גרויסן שטיק קאָרענעם לעקעך, וואָס איז טונקל ווי מאַלץ און קלעפּט זיך פון האָניק און איז צוגעפּראַוועט מיט נעגעלעך. דערנאָך מיט אַ „פליישיקן" טאָרט, וואָס איז איינגעמאַכט אויף געגנדזענע שמאַלץ, באַשאָטן מיט צימרינג און געפילט מיט איינגעמאַכץ. דערנאָך פאַרבייסט מען מיט קאַלטן פרייטיקדיקן ברוקווע־צימעס און מיט אָפּגעקילטע שטיקער ברוסט, אויף וועלכע דער צימעס איז געקאָכט.

מען מאַכט די שיינע לאַנגע ברכה „על המחיה ועל הכלכלה". און איידער אָנהויבן זאָגן, פאַסמאַקעוועט זיך ר' דאָדיע, כדי פאַנאַנדערוויגן די זיס־פאַרקלעפּטע צונג. דוכט זיך, אַז ער דאַנקט גאָט, וואָס ער האָט אים אַ ביסעלע „מחיה" געוועזן.

ערשט נאָך דער לאַנגער ברכה הענגט אויף ר' דאָדיע זיין טלית־זאַק און זיין „דעליע" אויפן טשוואָק און לאָזט זיך אַוועק, באַמקענדיק, צו דער פאַמוניצע אין פירהויז. ער וואַשט זיך און מאַכט המוציא. באַלעבאַטים טרינקען ערשט טיי פון הליאַק, פאַרן דאַווענען, און ר' דאָדיע מאַכט שוין המוציא. טונקט אַ שטיק חלה אין גראָבן זאַלץ, דווקא אין גראָבן, כדי צו פילן, אַז ס'איז זאַלץ, נישט נאָר, אַז ס'איז געזאַלצן...

נאָך דער „מוציא" פּאַרט אָן אַן עק קאַלטע פיש מיט טונקעלער פּאַרקילעכץ. אַ ברודער פונעם קאַלטן צימעס איז דער עק פיש. שיריים פון געכטן... דערנאָך גייט רעטעך מיט שמאַלץ. אָנגעטורעמטע האַלב־קיילעכדיקע און געפערטלטע שטיקלעך; מירמל־ווייסע, פּאַרגאָסענע מיט גענדזן פעטס און דורכגעשאָטן מיט האַלב־גרינע פיטשינקע שטיקלעך ציבעלע. דער געמישטער ריח־נחוח פון גענדזענע שמאַלץ און זאַלץ און ציבעלעס און רעטעך גיט אַ זעץ, לכבוד־שבת, פון דער אויפגעדעקטער טיפער טעלער. טרערן פון באַגייסטערונג לויפן אָן אין ר׳ דאַדיעס געלב־לעכע אויגן. „אַה !!" מאַכט ער און ציט אין זיך טיף אַריין די לופט. די נאָז ווערט אים שמאָל און די געלבלעכע באָרד גיט זיך אים אַ שאָקל. מינע־דינה זיין שנור וויל עפּעס זאָגן. נאָר ר׳ דאַדיע גיט אַ מאַך מיט זיין געלבלעכער האַנט, מ׳זאָל בעסער לויבן דעם רעטעך שווייגנדיקערהייט...

דערנאָך גייען ציבעלעס מיט געהאַקטע אייער, אַן אַנדערש מאָל געה־האַקטע לעבער מיט היגערשע שמאַלץ, אָפּטמאָלביידע מינים. פון אַלע מינים ווערן אָנגעלייגט אין ר׳ דאַדיעס טעלער די גוטע קופּקעס, דער־נאָך, — קאַלטע פּעטשאַ מיט כריין, אויף וואָס ר׳ דאַדיע איז אַ גרויסער קענער. פון שיטערע, הייסע פּעטשאַ האַלט ער נישט. לכבוד שבת עסט ער נאָר געדיכטע מאכלים. בכלל אַלץ, וואָס לאָזט זיך בעסער אָננעמען מיטן גאָפּל ווי מיט דעם לעפל.

נאָך די קאַלטע שפּייזן שלעפּט מען אַרויס פון אויוון די הייסע. אַ טשוהון מיט טשאָלנט. אייגנטלעך, צוויי טשוהונעס. איין כלי מיט שוואַרצער קאַשע אויף מאַרכאָווע ביינער, און די צווייטע — אייגעפּרייעטע אַרבעס מיט טשאָלנט־פליייש צוזאַמען. עס איז דער עיקר פון אַלע עיקרים אין טשאָלנט בכלל, און אין ר׳דאַדיעס טשאָלנט — בפרט.

פריער לייגט זיך ד׳ דאַדיע אָן אַ טיפן טעלער מיט שוואַרצע פייערדיקע קאַשע, מאַכט אַ קיילעכדיקע גרוב מיט דעם לעפל אין מיטן, גיסט עס אָן מיט פליייש־זאַפט פון דעק טאָפּ און ערשט דערנאָך פילט ער עס אָן מיט געפּרייעטע אַרבעס. אין דער פעט־פּאַרגאָסענער גרוב לייגן זיך די אָנגעדראָלענע אַרבעס ווי אַ הויפן אייעלעך פון אַן אומבאַקאַנטן כשרן פויגל, געבעט אין אַ ווייכן נעסט פון שוואַרצער קאַשע. טונקעלער העלפאַנד־ביין מיט העלער שוואַרצקייט לויפן געוועט. אַ מחיה צו קוקן.

מיט שכל און מיט גרויס באַהאַוונקייט פּאַרט ר׳ דאַדיע אַרום און אַרום דער שוואַרצער קאַשע מיט זיין אַ ביסעלע אָפּגעקייטן צינעגעם לעפל, און נאָך יעדן אַרומפּאַר פּאַרט ער אַריין אין מיטן אַרבעס מיט יויך, ווי

אין אַ גאָלד־גרוב. צוויי־דריטל שוואַרצע קאַשע און איין־דריטל אַרבעס. אַזוי לעפּלט ער און לאָזט זיך וווילגיין, ביז אין טיפן טעלער בלייבט קיין שריד־ופּליט נישט. און עס האָט נאָך נישט געטראָפן, אַז צום סוף זאָל אים נישט סטאַיען קיין אַרבעס אין לעפל אָדער שוואַרצע קאַשע.ביידע מינים ענדיקן זיך מיטן לעצטן ביסן. אַן אויג פון אַ מייסטער!

פּאַרטיק געוואָרן מיט דעם עיקר־טשאָלנט איז זיך ר׳ דאָדיע מהנה מיט אַ פיינעם שטיקל איינגעפּרייעט פליישׁ, אָפּט מאָל מיט אַ געגדזענער פּאָלקע אויך, ווי עס מאַכט זיך. דער בעסטער גומער אין שבתדיקן פלייש־עסן זענען די מאַרכאָוועביינער. ביינער מיט אַ סך לעכעלעך, ווי אַ זאַפּ־טיקע נעץ, און ביינער מיט איין לאָך אָנגעפּילט מיט מאַרך. אויף ביידע סאָרטן שפּילט ר׳ דאָדיע אויס, מיט ביידע ליפּן און מיט אַלע צען פינגער, די גאַנצע סימפאָניע פון עונג־שבת. זענען זיך נאָטע, זיין זון, און מינע־דינה, זיין שנור, מתקנא אין דעם אַלטנס הויך־מוזיקאַלישע פעאיקייטן צו „ציען טענער״. העלפן זיי אים אָפּגעבן קאָנצערטס אויף אַנדערע פּיאַליקע ביינער. דער אַלטער ר׳ דאָדיע שפּילט טראָמבאָן; נאָטע, אַלס אַ געוואָ־ענער זעלנער — קלאַרנעט, און מינע־דינה מיט אירע שוואַכע ווייבערישע ליפּן שפּילט די פלייט. איינער פאַסט זיך אַריין אין צווייטן און מיט אַזאַ חשק, אַז עס דרינגט דורך ווענט און פענצטער, דערגרייכט צו שכנים, און די גאַס ווערט נתפּעל פון אַזאַ געהויבענער, שבתדיקער סמאָצקע־טריאָ, ניין אַזייגער אין דער פרי.

דערנאָך קומט אָן פון אויוון דער געפילטער קעלבערנער מאָגן, אָדער אַ געפילטע געגדזענע האַלדז. ס׳הענגט אָפּ פון סעזאָן. און כדי דעם געפילטן „מאָגן״ אָדער האַלדז זאָל נישט זיין אומעטיק, סיי אין דעם שבתדיקן אויוון, סיי אויפן שבתדיקן טיש, ווערן זיי אַלע מאָל באַגלייט פון אַ בלעטערדיקן לאָקשן־קוגל אין אַ הויכער טשאָרלע, דורכגעשלאָגן מיט אייער און מיט קעלבערנע געהירן. דער געפילטער מאָגן ווערט פריער געגעסן, געשניטן אין האַלב־פונטיקע ברויגע רעדער, דערנאָך דער בלעטער־קוגל. כדי דער קוגל זאָל זיך בעסער גליטשן, נאָך אַזאַ זעטיקן מאָלצייט, און כדי ער זאָל פאַר די זעלבע הוצאות זיין אַ פאַרבייסן, באַשיט מען זיינע לאַנגע דרייעקיקע שטיקער, הייסערהייט, מיט צוקער און צימרינג, ווערט דערפון ברוין און זאַפטיק זיין געלבע ווייסקייט אין שניט, און זיין ריח גייט אין הימל אַריין.

און כדי אַריינצונעמען אין זיך וואָס מער עונג־שבת, כדי צו פאַרזוכן אַלע זיינע טעמים און אַלע זייערע שאַטירונגען, איז זיך ר׳ דאָדיע נוהג

צו עסן איין פערטל בלעטער־קוגל אין נאַטור, אָן שום פּריפּראַווּעס און איין פערטל מיט צוקער און צימרינג. אַזוי איז ער יוצא לכל לדעות. כדי אָנטאָן דעם אַלטן נחת, באַגנוגענען זיך, נעבעך, נאָטע און מינע־דינה, יעטוועדערער, נאָר מיט איין פערטל בלעטער־קוגל. צוליב כיבוד־אב זענען זיי זיך פשוט מפקיר... נאָך מער: אָפּט מאָל קען שוין מינע־דינה מער נישט עסן אַזאַ וואָגיקן דעסערט, פאַרט אַ יידענע, אַ מאָגן פון אַ פּיס־קליאַטע! פאַרזוכט זי פון חלק בלעטער־קוגל נאָר פון יוצא וועגן, און דעם גרעסטן טייל לאָזט זי איבער, זי וואַרט אָפּ ביז ר׳ דאַדיע וועט פאַרטיק ווערן מיט זיינע צוויי חלקים און לאָזט זיך פאַנאַנדער אין אָפּגעבן כבוד דעם אַלטן שווער. מאַכט זי אַ ליבינקן שנעבעלע און זיסינקע אויגעלעך און גיט אַ פרעג אַזוי שטיל און ברייטהאַרציק:

— אפשר וועט דער שווער עסן נאָך אַ שטיקעלע?

נישט אַלע מאָל זאָגט זיך ר׳ דאַדיע אָפּ. נאָר אויב יאָ — דאַן טוט ער דאָס מיט אַ שטומען מאַך מיט דער האַנט און מיט אַ פילדייטיקן קוק אויף דער שנור. דאָס מיינט צו דערמאָנען מינע־דינהן:

— יידענע, וואָס דו ביסט! האָסט אַפּנים פאַרגעסן וואָס איך האָב נאָך היינט אָפּצואַרבעטן?

פאַרריכט מינע־דינה איר נישט־געלונגענע שפּיל אויף גוטסקייט מיט „מים־אחרונים", וואָס זי דערלאַנגט צום טיש. וואַשט זיך ר׳ דאַדיע די פאַרפעטסטע פינגער און ליפּן מיט די מים־אחרונים און קען נישט אָפּוואַשן. דאָס וואַסער שטייט נישט צו. נעמט ער צו הילף דעם ברעג טישטוך.

גיט ער דערגאָך אַ פּאַטש פון גרויס וווילטאָג מיטביידע געלבלעכע הענט און פאַרגלאָצט די אויגן צו דער סטעליע. ער הויבט אָן בענטשן מיט גרויס התפעלות, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט איינשמועסן די קינדער זיינע, אַז גוט און געשמאַק זענען דאָך געווען די קאַלטע און הייסע שבתדיקע מאכלים, אה? נאָר דאָס בענטשן. געלויבט דער אויבערשטער, איז נאָך געשמאַקער און בעסער...

נאָר אין מיטן בענטשן, ביי „טוב ומהטיב" ווערט שוין ר׳ דאַדיעס התפעלות קילער. ווייזט אויס — קיינעם נישט איינגעשמועסט, אַפילו זיך אַליין אויך נישט. ס׳איז אַ נעבעכיקער טאָג! ווי קומען אַזעלכע סקאַר־באָווע, פאַרעוווע ווערטער צו רעטעך מיט שמאַלץ און צו אַ געפילטן גענדזענעם העלדזל?...

און וואָס נעענטער צום סוף, אַלץ שלעפעריקער ווערט זיין קול, און

די געלבלעכע, מיט עונג־שבת פּאַרגאָסענע אויגן, קלעפּן זיך אים פּאַוואָ־לינקע צו.

לאָזן אים נאָטע און מינע־דינה איינדרימלען, אַזוי ווי ער זיצט, מיט די לעצטע ווערטער פון בענטשן אויף דער צונג, און ראַמען דערווייל נישט אָפּ פון טיש. זיי ווייסן, אַז דער שטוביקער טשאָלנט איז נאָר אַ יסוד, דער פונדאַמענט פאַר, ווייניקסטנס נאָך דריי עטאַזשן פון פרעמ־דע נאָך פיינערע טשאָלנטן. טאָ זאָל ער אָנקלייבן כוחות, דער אַלטער.

לאַנג דרימלט נישט ר׳ דאָדיע. אַמאָל מער אַמאָל ווייניקער. נאָר דאָס ווייניקע וועט ער נישט פאַרשלאָפן. מען זאָל נאָר קיין מורא נישט האָבן!... ווי נאָר מען הויבט אָן צו גיין פון צ ו ו י י ט ן מ נ י ן, אַזוי גיט עפּעס אַ געהיימער פאָדים אַ צי ר׳ דאָדיען פאַר דער נאָז, פון אונטן אַרויף. כאָטש, דאַכט זיך, פאָלג מיך אַ גאַנג! ווו ר׳ דאָדיע דרימלט, זיצנדיק אויף דער קאַנאַפּע, און ווו דער ליובאַוויטשער בית־מדרש איז. ס׳איז פּשוט נישט מעגלעך ער זאָל דערהערן פאַר דרייסיק קלאַפּטער דאָס פרייליכע הודזשעריי פון באַלעבאַטים בשעת גיין אַהיים. ס׳איז נאָר דער שאַרפער חוש ר׳ דאָדיעס. ווי אַ פּינקטלעכער באַלעגאָלע קלאַפּט ער אָן ר׳ דאָדיען מיטן ביישטעקל אין פענצטער: „ר׳ דאָדיע, איר שלאָפט נאָך? ר׳ ישראל דעם גבאיס טשאָלנט פאָרט דאָך באַלד אָפּ!״.

— האַ? — גיט זיך ר׳ דאָדיע אַ כאַפּ אויף — וואַ־אָס?

כאָטש קיינער רעדט מיט אים נישט און קיינער פרעגט אים נישט.

גיט ער זיך אַ שטאַרקן גלעט איבערן פּנים און באָרד, ווישט אַראָפּ די לעצטע שפּינוועבס פון זיין זיסן שלומער. אין איין מינוט אַרום איז ער שוין וואַך און מונטער. פריש און רירעוודיק, ווי היינט פרי נאָכן דאַוונען. לאָזט ער זיך גיין צו זיין „דעליע״ אויפן טשוואָק, און וואַרפט זי אָן מיט אַ זיסן קרעכץ אויף די איינגעבויגענע פּלייצעס. דער דאָזיקער קרעכץ איז אַ מין צוזאָג דעם רבונו של עולם, אַז ער, ר׳ דאָדיע, וועט זען טראָגן דעם טייערן יאָך פון עונג־שבת ביזקל סוף, ווי שווער עס זאָל נישט זיין... און, באַמבלענדיק בנעימותדיק מיט די פּוסטע אַרבל, שפּרייזט ר׳ דאָדיע אַרויס אויף דער שבתדיקער גאַס און לאָזט זיך אַוועק אויף זיינע טשאָלנט־אַוואַנטורעס.

טשאָלנט ביי דעם גבאי

.1

באַמבלענדיק מיט די פּוסטע אַרבל און אונטערקרעכצנדיק פון עונג־שבת, לאָזט זיך ר׳ דאָדיע קודם כל אַוועק צום ליובאַוויטשער בית־מדרש.

אָקאָרשט געקומען פון מנין, דערזעט אורי דער קאַסאָקער פון פענצ־טער ר׳ דאָדיען מיט זיין דעליע. קוקט ער אָן די אייגענע נאָז זיינע און מאַכט צום ווייב אַזוי:

— נאַ, פייגע, ער איז שוין „עולה־לרגל” נאָך טשאָלנט...

ר׳ אורי איז אַ למדן אַ ייד און האָט האָלד משלים פון חומש און גמרא. אָבער מיט זיין ווערטל וועגן דאָדיען טרייבט ער אַ האָר נישט איבער. וואָרום דריי מאָל נאָכן היימישן טשאָלנט פּאַדיעט ר׳ דאָדיע אַרום איבער דער שטאָט און טוט אָן כבוד די פרעמדע טשאָלנטן.

אַ טשיקאַווע זאַך! ר׳ דאָדיע קומט אַלע מאָל צו דער ריכטיקער צייט. בשעת ר׳ ישראל דער גבאי נידערט־אַראָפּ דעם גאַניק פון ליובאַווי־טשער בית־מדרש. אַ מינוט נישט פריער און נישט איין מינוט שפּעטער.

אַלס גבאי גייט ר׳ ישראל אַרויס פון שבתדיקן דאַווענען שפּעטער פון אַלע באַלעבאַטים, און ס׳האָט נאָך נישט געטראָפן ער זאָל נישט דערזען ר׳ דאָדיען מיט זיין דעליע. דער געוועזענער שמש איז כלומרשט זייער פאַרהאַוועט און קוקט נישט אינעם גבאיס זייט.

— ר׳ דאָדיע! — גיט אים ר׳ ישראל אַ רוף.

— אַה! — גיט זיך דער אַלטער האַסטיק אַ קער — גוט שבת אייך, גבאי!

— גוט־שבת גוט־יאָר! — איז ר׳ ישראל צופרידן, וואָס דער געוועזענער שמש האָט נאָך נישט פאַרגעסן קיין דרך־ארץ — נו, וואָס, ר׳ דאָדיע, מירן אפשר גיין מאַכן קידוש?...

ר׳ דאַדיע ציט אָן אַ זייער ערנסטע און מאַטע מינע אויף זיין געלבלעכן פּנים:

— המ... — קווענקלט ער — קידוש?... כ׳האָב שוין אַפילו געמאַכט קידוש אין דער היים נאָר כ׳וויס?... לכבוד שבת...

ר׳ ישראל גיט ממזריש אַ לעק די אויבערשטע ליפּ און איז מיט ר׳ דאַדיען גלייך מסכים, אַז יאָ... לכבוד שבת, נישקשה, מעג זיך אַ גור־טער ייד פאַרגינען מאַכן נאָך אַ מאָל קידוש. און פאַרוואָס טאַקע נישט צובייסן אויך. האַ? ווי מיינט ער?

ר׳ דאַדיע מיינט גאָרנישט. ר׳ דאַדיע שווייגט. מיט אַ העויה פון מסירת־נפש גיט ער נאָר אַ מאַך מיט ביידע הענט אונטער זיין דעליע, ווי איינער זאָגט: נאַ. מ׳עט זען טאָן לכבוד שבת אַלץ וואָס ס׳איז אין מענטשלעכע כוחות. אַפילו נאָך אַמאָל צובייסן אויך...

אָנגעקומען צו ר׳ ישראלן אין שטוב, זעצט זיך ר׳ דאַדיע אַוועק אַקעגן זיין געוועזענעם גבאי, נישט אָפּלייגנדיק די דעליע פון די פּליי־צעס. דאָס דאַרף באַדייטן, אַז ער איז דאָ אַן אורח, נאָר אויף איין רגעלע. מאַכן קידוש — דאָס יאָ. נאָר ווייטער האָט ער גאָרנישט בדעה צו פאַרבלייבן. חס־ושלום!

אָבער די פּאָטער־שטולן ביים גבאי זענען טיף און ווייך. און פונעם געבן זיך אַ זעץ אַריין אין אַזאַ באַקוועמלעכקייט גליטשט זיך דער אויבערמאַנטל אַראָפּ און באַדעקט דעם לען פון שטול. לאָזט עס שוין ר׳ דאַדיע זיין ווי עס איז. שפּעטער וועט מען זען.

אַפריער מאַכט קידוש ר׳ ישראל גבאי און זאָגט לכתחילה אָן ר׳ דאַדיען, אַז מיטן קידוש איז ער אים נישט „מוציא״, אַז לכבוד שבת איז אַ יושר ער זאָל מאַכן קידוש באַזונדער.

ר׳ דאַדיע איז גערירט פון אַזאַ כבוד. און באַלד נאָך ר׳ ישראלן שטרעקט ער פייערלעך אויס זיין געלבע, טרוקענע דלאָניע, שטעלט אַרויף דעם בעכער ווי אויף אַ פונדאַמענט און שפּאַרט אים אונטער מיטן גראָבן פינגער, כמנהג חב״ד, ווי דער מנהג פון די חב״דער חסידים. דער זעלבער רביעות־בעכער ווי אין דער היים. מיט דעם אונטערשייד, וואָס ר׳ ישראלס בעכער איז פון ריינעם זילבער מיט צאַצקעס אויסגעקריצט און נישט מיט בראָנפן איז ער פול, נאָר מיט גוטן ראָזשינקע־וויין, אויף וועלכן מען מעג מאַכן „בורא פרי הגפן״. איר שפּילט זיך מיט אַ גבאי?

פאַרמאַכט ר׳ דאַדיע ביידע אויגן, ווי איינער זאָגט: איידער איך האָב

געמאַכט אַ ברכה, ווייל איך פון שבת נישט הנאה האָבן אַפּילו מיט איין אויג אויך נישט.

— על כן ברך ד' את יום „השביעי" „ויקדשהו"...

לויט דער פּרישקייט, מיט וועלכער ר' דאָדיע מאַכט קידוש, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז ער איז אָקאָרשט געקומען פון דאַוונען און האָט, זינט ער איז היינט אויפגעשטאַנען, נישט געהאַט קיין טראָפּן אין מויל. פאַרענדיקט ער דערפאַר מיט גרויס כוונה און מיט טיפער, שבתדיקער שמחה:

— בורא פּרי... הגפן!

— אמן! — ענטפערט ר' ישראל זייער חשובדיק און רייבט זיך די הענט. עס דאַכט זיך, אַז ער מיינט דערמיט צו זאָגן: נאַ, ר' אורח, אַצינד, אַז מיר זענען יוצא געווען מיט עולם־הבא, וועלן מיר זיך, מיט גאָטס הילף, נעמען צום עולם־הזה.

.2

ר' ישראלס יידענע איז אַ גרויסע בריה. אַלס דעם גבאיס אשת־חיל קומט איר אויס אויפצונעמען, אין משך פון יאָר, אַ שפּאַר ביסל געסט, טעלער־לעקער, נדבות־בעטער, וואַנדער־בחורים. טיי טרינקט ביי איר דער גאַנצער ליובאַוויטשער בית־מדרש, רעכענענדיק, אַז טיי און צוקער געהערן צו די ענינים פון בית־מדרש און קאָסטן דעם גבאי קיין אייגן געלט נישט. ל"ג בעומר קומט מען עסן פּירעשקעס און שמיני־עצרת מאַכט מען ביים גבאי די גרויסע חסידישע סעודה... געניגט דערפאַר איין ווינק פון ר' ישראלס פינגער און אויפן טיש וואַקסט אויס מכל־טוב.

ביים גבאי איז דער סדר פון שבתדיקע צובייסנס, נאָך קידוש, דער זעלביקער, ווי אין אַלע באַלעבאַטישע הייזער; נאָר פיינער, אויסגעקליי־בענער. דאָ גייט פריער ווייצענער לעקעך, נישט קיין קאָרענער, אייער־טאָרט געפילט מיט געזיסטן צימרינג און טאָרט געפילט מיט איינגעמאַכץ. דערנאָך — קאַלטער מערן־צימעס. אָן דעם גייט עס נישט. נאָר ביים גבאי איז דער צימעס צוגעפּראַוועט מיט האָניק אָנשטאָט צוקער און אַפּילו קאַלטערהייט פאַרשמעקט ער דעם טיש מיט בינשטאָק... איר שפּילט זיך מיט אַ גבאי? וואָס אַ גבאי פאַרגינט זיך, קען זיך אַ פּראָסטער באַלעבאָס נישט פאַרגינען. אַפּילו די קאַלטע ברוסט־פּעטס פונעם צימעס איז ביים גבאי אָנגעשניטן אין גראָבינקע און לאַנגע פּענעצלעך. אונטן און אויבן

רויט פאַרפאַרבט פון מערן מיט איינגעפּרעיעטן האָניק. און אין מיטן — ווייס ווי מירמלשטיין...

פאַרבייסנדיק מיט די שיינע שטיקלעך ברוסט, זאָגט ר׳ ישראל אָפּ כמעט אַלע מאָל דאָס זעלבע שטיקל תורה.

— אָט! — טשמאָקעט ער צו — די גמרא זאָגט: „אסר חזיר התיר שבוטא״. די תורה האָט אונדז געאסרט עסן חזיר, האָט זי אונדז מתיר געווען שבוטא. וואָס איז אַזוי גוט און אַזוי פּעט ווי... ווי דער דבר־אחר. נאָר גיי ווייס וואָס „שבוטא״ איז!... און אַז איר וועט באַצאָלן ח״י גילדן, וועט איר געפינען אין שקלאָוו שבוטא? נאָר אויף וואָס טויג אונדז שבוטא, אַז קאַלטע צימעס־פליייש איז אַזוי גוט ווי שבוטא? און ווי לאַנג קרענקען די גויאים, ווי זיי האָבן אַזאַ טעם אין זייער דבר־אחר...

אויסגעהערט אַזאַ קורצע און וואַגיקע דרשה, גייט ערשט ר׳ דאָדיע אַריין אין אמתן טעם פונעם גבאיס צימעס־פליייש. ער איבערצייגט זיך, אַז דער גבאי איז גערעכט. ניין, באמת, גערעכט ווי דער טאָג! אויפן יאַריד אין שקלאָוו, אויף די גויעשקע טישלעך, איז אים טאַקע אויסגעקומען צו זען עפּעס מיני שטיקער פעטס אָפּגעפאַרבט אויף רויט פון אויבן און פון אונטן, און אין מיטן לויכט דאָס ראַזיק־ווייס, ווי גוטער מירמלשטיין... טאַקע זייער ענלעך צו ר׳ ישראלס „שבוטא״ דאָ אויפן טעלער. צעלאַכט זיך ר׳ דאָדיע און זאָגט נאָך זיין געוועזענעם גבאי: אסר חזיר... ווי זאָגט איר, ר׳ גבאי? כע־כע, ווי לאַנג קרענקען די ערלים!... ס׳צעגייט אין מויל...

אָפּגעווישט די וואָנצעס מיטן ברעג טישטוך און אָפּגעבראָקט די לאַנגע ברכה, מאַכט ר׳ דאָדיע אַ באַוועגונג אָנצוטאָן די אַראָפּגעגליטשטע „דעליע״ אויף זיינע אַלטע פּלייצעס.

שלאָגט אים אָבער ר׳ ישראל איבער:

— נו!

שטעלט ר׳ דאָדיע אָן אַ פּנים מיט אַ בתמיה*. ס׳הייסט: וואָס עפּעס אין מיטן דערינען „נו״?

— גייט וואַשט זיך! — פאַרטייטשט די גבאיטע.

— און לאָמיר טאַקע צובייסן! — פאַרקוועטשט דער גבאי איין אויג.

— צובייסן?... — גיט זיך ר׳ דאָדיע אַ קראַץ מיט איין געלבלעכן צייג־פינגער.

---

* מיט אַ פאַרוואונדערטער מינע.

און באַלד גיט ער אַ ווייז מיט דעם זעלבן פינגער ערגעץ־ווו אָן אַ זייט, נישט אין צפון, נישט אין דרום, נישט לינקס, נישט רעכטס:

— כ׳האָב שוין אַפילו געוועזן צוגעביסן... אין דער היים...

— ס׳טייטש, — מאַכט די גבאיטע אַ פריינדלעכן פּיסקעלע — מ י י ן טשאָלנט ווילט איר נישט פאַרזוכן?

— וואָס הייסט? — צעפּירט ר׳ ישראל מיטביידע הענט — א ו נ ד ז ע ר טשאָלנט וועט איר נישט פאַרזוכן?

קיין שטיינערנע האַרץ האָט ר׳ דאָדיע נישט. גיט ער נאָך:

— כ׳ווייס... אפשר... ווייל לכבוד שבת...

— אוודאי! לכבוד שבת!... — איז מסכים ר׳ ישראל שבתדיק־ברייט־לעך און מיט גוטמוטיקער טרייסט און אַ קאַפּעלע פון אויבן אַראָפּ. ער טוט דאָס ווי אַ רב, וואָס פּסקנט „כשר" אַ יענטעוואַטער אָרעמער יידענע, וואָס פרעגט אַ שאלה אויף אַ הון.

מאַכט ר׳ דאָדיע מער קיין שהיות נישט און טראָגט אַוועק זיינע עטלעכע און זעכציק יאָר צום גרויסן בעקן אין קאָכשטוב און צו דער גרויסער קופּערנער קוואָרט מיט צוויי הענטלעך, וואָס שטייט און וואַרט אויף נטילת ידים.

3.

עס רעדט זיך נאָר אַזוי „פאַרזוכן". אויפן עניוותדיקן לשון פון דער גבאיטע הייסט דאָס פאַרזוכן... וואָרום איידער ר׳ דאָדיע דערגייט צום פייערדיקן טשאָלנט, שפּרייזט ער, אָן עין־הרע, אַריבער אַ שפּאַר ביסל שבתדיקע קאַלטע געריכטן. אייגנטלעך איז דאָס ווידער אַמאָל כמעט די זעלבע סקאַרבאָווע סעריע, ווי ביי ר׳ דאָדיעס שנור, ווי ביי אַלע גוטע פרומע לייט. נאָר ביי ר׳ ישראל דעם גבאי זענען זיי פון גאָר אַ באַזונדער קוואַליטעט. אָנשטאָט אָן עקל פון נעכטיקע פיש, דערלאַנגט מען דאָ די גוטע מאַרענירטע הערינג, וואָס דער פעטער רוקן איז ביי זיי בלווי, ווי די מאָרדע פון אַ גלוח, און דער זילבערדיקער בויך איז געפילט מיט איינגעמאַכטע ציבעלקעלעך און מיט פעפערלעך. טאָמער איז נישטאָ קיין הערינג, איז דאָ מאַרענירטע העכט מיט רעדעלעך ציטרין און מיט אַ פאַרגלאָזטער יויך...

דערנאָך, ווי דער שטייגער איז, גייען די גוטע געהאַקטע לעבערלעך. אָבער נישט קיין אָקסענע און נישט קיין קעלבערנע, נאָר דווקא גענ־

דזענע מיט גענדזן־שמאַלץ אום ווינטער. און הינערשע מיט הינער־שמאַלץ אום זומער. אַזאַ מין געהאַקטע לעבער, ווי די גבאיטע מאַכט, פאַרשמירט דעם האַלדז און גומען מיט אַ מחיהדיקער ווייכקייט, וואָס האָט אין זיך זיבן טעמים. אַ באַלזאַם קען ווייכער און איידעלער נישט זיין. אָט וואָס אַ גבאי פאַרגינט זיך עסן לכבוד שבת!

דערנאָך גייט רעטעך מיט שמאַלץ, אָבער יונגער רעטעך אין זייער דינינקע שטיקעלעך געשניטן, אָדער גאָר געשאָבענער רעטעך, וואָס אָנגעהויפט איז ער אין דעם טעלער, ווי אַ היפשע קופקע געפאַלענער שניי. און מען דאַרף אים גאָרנישט קייען; וואָרום ער צעגייט אַליין אין מויל, ווי אַ ביטערלעכע געפרוירנס, און קילט אָפּ צונג און גומען נאָך די שאַרפע פעפערדיקע מאכלים און נאָך די גוטע ביסל משקה. אָט וואָס אַ גבאיטע דערטראַכט זיך מאַכן פון רעטעך!

דערנאָך גייט הייסע פעטשאַ. דעם גבאי ר׳ ישראלס פעטשאַ, וואָס זעט אויס ווי בורשטין און גיסט זיך ווי בוימל און האָט אין זיך אַלע שבתדיקע ריחות פון געסמאַליעטער פיסנאָהע און פון קנאָבל און לאָרבער־בלעטער, און גיט זיך אָפּ מיט כלערליי טעמים פון געשניטענע שטיקלעך אייער און פופיק און הינערשע געהירלעך און הינערשע לאַפּקעס און וואָס איר ווילט הערן און זען.

— המ... — מאַכט ר׳ דאָדיע — הייסע פעטשאַ... גאַנץ פיין!

אָבער פון זיין קרום־מויליקן קאָמפּלימענט דערקענט די גבאיטע. אַז פון הייסע פעטשאַ איז ר׳ דאָדיע נישט קיין זייער גרויסער אָנהענגער. דערמאָנט זי זיך, אַז ער האַלט שטאַרק פון פאַרגליווערטער פעטשאַ, אַזוי ווי פון אַלע געריכטן, וואָס לאָזן זיך בעסער אָננעמען מיטן גאָפּל איידער מיטן לעפל.

— נאָר טאָמער — מאַכט זי אַ זיסינקן שנעבעלע — טאָמער האָט ר׳ דאָדיע האָלד קאַלטע, איז דאָ קאַלטע אויך...

— מיר, — העלפט איר ר׳ ישראל — מיר האָט דער פערשעל נישט געהייסן. קאַלטע? חס־ושלום! אָבער איר... אָן עין־הרע...

דערהערט, אַז ס׳איז דאָ קאַלטע פעטשאַ אויך, קריגט שוין ר׳ דאָדיע גאָר אַן אַנדער חשק צו די הייסע.

— מ׳עט זען... — מאַכט ער, און שאַרבעט פון טיפן טעלער, בוימל נישט קיין פעטשאַ! הפלא־ופלא!

נאָר אַזוי גיך ווי די גבאיטע דערלאַנגט אים דעם גוטן שטיק קאַלטע

פּעטשאַ פאַלט ביי זיך ר׳ דאָדיע אַראָפּ. ער שעמט זיך אַ קאַפּעלע, קוקט זיך אַרום פאַרלעגן.

— שוין אַפילו — קווענקלט ער — אין דער היים פאַרזוכט קאַלטע... אין דער היים...

— נישקשה, נישקשה! — טרייסט אים דער גבאי — דעם חטא נעם איך אויף מיר!...

— נו, אפשר ווייל... לכבוד שבת... — פאַרענטפערט זיך ר׳ דאָדיע.

די קאַלטע פּעטשאַ דער גבאיטעס איז טאַקע אַ מלוכה נישט קיין פּעטשאַ. פון דריי ראַנדן באַשטייט זי און פונדעסטוועגן איז עס איין מאכל. דער אונטערשטער ראַנד איז דער פונדאַמענט; טונקל און געדיכט אויפן אַנבליק, איז ער אויסער דעם באַזייט און באַשפּרייט מיט כלערליי מיני שטיקעלעך, דרייעקיקע און פירעקיקע און קיילעכדיקע און האַלב־קיילעכדיקע, און איז באַשפּרענקלט מיט כלערליי אַפּעטיטלעכע קאַלירן. אַ מין געפילטער פון געהאַקטע פיסלעך און קנאָבלקעלעך און ציבלקעלעך און געלכלעך און ווייסלעך און געווירצלעך און מערעלעך און מאַרכעלעך און מאַנדעלעך. אַלץ ליגט דאָ ברידערלעך צוזאַמענגעטוליעט און אויס־געמישט, פאַרשטאַרט אין מיטן וועט־געלויף לכבוד שבת: ווער ס׳איז שענער און געשמאַקער...

איבער דעם, ווי אַ שטיק ברוינע קריסטאַל, ליגט אויסגעגאָסן דאָס עכטע פאַרקילעכץ, וואָס פאַרגרעסערט די קאַלירטע ברעקעלעך פון פונ־דאַמענט, ווי אַ ווייכע ברענגלאָז, און מאַכט פון זיי עפּעס אַ מין געהיימניש־פולן שריפט פון שבתדיקע געשמאַקן און פון „רזין דשבת״...

און איבער דעם אַלעם שטייען און קוקן אויף אייך גרויסע גאָלדענע אויגן פון פאַרקילטן ביינער־מאַרך און צווישן זיי — רעדעלעך פון גע־שניטענע געלכלעך און ווייסלעך, ווי די קוויטן פון אַ ווייסער פּאַווע. און אַרום, ווו נישט ווו, בשמימלעך־ממזרלעך, שוואַרצינקע, פרייליכע, מחוצפּהדיקע, וואָס שטרייכן אונטער די שיינקייט פון דער פּעטשאַ ווי חן־פּינטעלעך דעם פרישן פּנים פון אַ יפת־תואר. און כדי צוצוגעבן נאָך מער רייץ דעם שיינעם שטיק, ווי אַ האַלבער טעלער די גרויס, איז נאָך דער פּוסטער אָרט אין טעלער, ביים סאַמע שניט פון מאכל־מלכים, פאַר־גאָסן מיט בוריקעס כריין. אַ פּורפּורנער קאָלנער פון אַ בת־מלכה וואָלט מער נישט געקענט באַשיינען איר ליכטיקן פּנים, ווי דער רויטער כריין דעם שטיק פּעטשאַ. ר׳ דאָדיע גיט אַזש אַ קרעכץ דערזעענדיק פאַר זיינע געלבלעכע אויגן אַזאַ מאַלעריי. ער בלייבט אַ ווײַלע זיצן מיט אַן

אָפּענעם מויל. גיט אַ קוק אויף דער גבאיטע און אַ קוק אויף דער קאַלטער פּעטשאַ; און ווייטער אויף דער וואַרעם־שמייכלענדיקער גבאיטע און ווייטער אויף דער פּעטשאַ מיט כריין; און ווייסט, דאַכט זיך, נישט צי ס׳איז געמאַכט געוואָרן צום עסן צי צום קוקן. לסוף באַשליסט ער, אַז ס׳איז אַ זאַך וואָס מ׳עסט, אַז לכבוד שבת איז אַ גבאיטע קאַפּאַבל צו מאַרינירן קווייטן און בראָטן גאָלדענע רענדלעך אויך... נעמט ער זיך אָן מיט האַרץ, מאַכט אַ גזלנישן פּנים און קריכט אַריין אין דער וווּנדערלעכער פּאַרקילטער מאָלעריי מיט אַ גרויסן זילבערנעם גאָפּל...

4.

נאָך פּעטשאַ גייט אַ גאַנג טשאָלנט. אַן איידעלער גבאישער טשאָלנט. דהיינו: איינגעבראָטענע בולבעס פון בולבע־לאַנד, וואָס יעטוועדער בול־בעלע קוקט זיך דורך און איז פונדעסטוועגן קרוכלע פון דרויסן און פּוכקע פון אינווייניק, ווי אַ געפילטער קאָנפּעט. און אָנשטאָט די גראָבע אַרבעס ביי דער שנור, אין דער היים, גייט דאָ, ביי דער גבאיטע, רייז מיט זאַפרען, געלב ווי ציטרין און דורכגעוועבט מיט רויטלעכע געשלענגלטע זאַפרען־פעדימלעך... צוויי טשאָלנט־געריכטן דאַכט זיך, ווייט ווייט איינע פון דער צווייטער ווי טאָג און נאַכט און קליידן פונדעסטוועגן די מלכה־שבת און פּאַסן זיך אויף איר צונויף, ווי אַ מאַטעווע געזאַפרענטע „הויב" מיט שפּיצן צו אַ גאָלד־ברוינעם, גלאַנציקן מלכותדיקן קלייד.

דערנאָך פּאַרשטייט זיך, גייט די גוטע שבתדיקע איינגעפּרעיעטע פלייש אַרום ווייכע, שוואָמיקע קנאָכנס, אַמאָל מיט אַ צוגאָב פון הון, ענטל אָדער גענדזנס. לויטן סעזאָן נאָך.

דערנאָך גייען די קוגלען... נישט קוגל נאָר קוגלען, בלשון רבים. נישט ווייניקער ווי צוויי. געבריהטע און געקליגלטע קוגלען זענען דאָס. איין קוגל פון מאַנע־גרייפּלעך מיט צימרינג און מיט ראָזשינקעס און מיט צוקער און מיט געווירצן. ער שיט זיך אין שביט ווי געמאָלענער נוס און ווייגט מיט זיסע טרערן פון איינגעמאַכטס און מיט פעטע טרערן פון הינערשע שמאַלץ. דער צווייטער קוגל איז נאָך געהויבענער און נאָך קונציקער. ס׳איז דער הויפּט־קוגל. ער איז אין גאַנצן אויסגעבויט פון געפילטע בלינצעס. פון פּוכקע דריי־עקן איז אויסגעבויט אַ גאַנצער צילינדער. אונטן ברייט, אויבן שמאָל. און יעדע בלינצע איז פאַר זיך געפילט מיט געברוינטע מעל און מיט פיינע הינערשע גריבענעס, און

אונטער יעדער בכבודיקער בלינצע איז אויסגעבעט אַ מחיהדיקער גע־לעגער פון גרייפּלעך און אייער־געלכלעך און געריבענע געהירלעך. צען־פופצן עטאַזשן פון אַזעלכע בלינצעס. נאָר אין דער הייסער טשאַרלע, אין משך פון דריי־פערטל מעת־לעת, זענען אַלע עטאַזשן צוזאַמענגע־שמאָלצן געוואָרן אין איין איינגעפּרעיעטן שטיק, דרויסן ברוין אָפּגעלאַקט מיט שמאַלץ און ציבעלע־שאָלעכץ און אינווייניק... דעם מלכּס אוצרות!

אַרויסגענומען פון דער הייסער פּאַליוועגער טשאַרלע ווערט אַזאַ שאַפונג אומברחמנותדיק געשניטן פון אויבן־אַראָפּ אין פיר אָדער זעקס טיילן, לויטן באַדאַרף. און דעם „מלכּס אוצרות" מיט אַלע מחיהדיקע געפילעכצן און אונטערלייגעכצן קוקן אַרויס פון אַנדערטהאַלבן צענדליק באַהאַלטערלעך, פון איין זייט שניט און פון צווייטן זייט שניט.

דערזען אונטער דער גבאיטעס געבענטשטע הענט אַזאַ הערלעכקייט, ווערט ר׳ דאָדיע איין ווײלעטשקע מטושטש, עפּעס ווי ער וואָלט דערזען די מלכּה שבת אַליין אַ מוטער־נאַקעטע, און הויבט אָן צו פינטלען... באַלד אָבער לאָזט ער אַראָפּ די געלבע אויגלעך, ווי בשעת כּהנים־דוכענען. האָט אַפּנים מורא, עס זאָל אים, שונאי ישראל, נישט פאַרשאַטן צו דער ראיה... אַזוי האַלט ער זיי האַלב־צוגעמאַכט ביז ער דערהערט אַ ווייכן כמאַל. די בת־מלכּה האָט זיך אויסגעגליטשט און געפאַלן מיטן נאַקעטן לייב אויף זיין טעלער... עפנט ער פאַוואָליע אויף ביידע עינים און דערזעט פאַר זיך אַ גרויסע ווונדערלעכע שטיק „באַשאַפונג" מיט אַן איינגעפּרעגלטן רוקן און מיט אַנטבלויזטע משופּעדיקע זייטן. און לאַכן טוט עס צו אים מיט אויפגעשניטענע רעברעס, פון וועלכע עס טריפט מיט עונג־שבת און מיט משיחס צייטן, מיט טוי פון הימל און מיט פעטקייט פון דער ערד. גייט ר׳ דאָדיען אויף אַ ליכט, אָבער זיין גאָפּל קריכט נאָך אַלץ אומזיכער און באָברעט זיך פאַרשעמטערהייט צווישן די מחיהדיקע ריפּן, ביז ער קריגט מוט און מאַכט אָן אַ חורבן אינעם גאַנצן שטיק בלינצע־קוגל.

אַריינגעפּאַקט די ערשטע פּאָר ביסנס, עפענען זיך ביי ר׳ דאָדיען די אויערן אויך. דערהערט ער ווי ר׳ ישראל דער גבאי רעדט צו אים דאָס, וואָס ער רעדט אַלע מאָל שבת צום קוגל. נאָר ר׳ דאָדיע ווייסט קיינמאָל נישט קלאָר, צי דער גבאי רעדט מיט גוטמוטיקער ערנסטקייט, צי מיט אַ באַהאַלטענעם קלוגעטשקן מיין.

— אַ גליק — מאַכט ר׳ ישראל — וואָס איר, ר׳ דאָדיע, זיינט אונדז נאָך געטריי און העלפט אונדז צו. וואָרום אַז נישט, ווי וואָלטן מיר זיך

ספראַווען מיט אַזעלכע „לייבן"? די קינדער אויסגעגעבן. געבליבן „דיעד דאַ באַבאַ". פאַר אַזאַ מצווה, ר׳ דאָדיע, וועט איר אם־ירצה־השם מאריך ימים זיין...

מילא, זאָל זיך דער גבאי מיינען דאָרטן וואָס ער מיינט. געזונטער־הייט! אַפילו חוזקן אַ קאַפּעלע — אויב ער וויל. ר׳ דאָדיע איז אַצינד פול מיט עונג־שבת און צווייטדייטיקע ווערטלעך שטייען צו אים צו ווי אַרבעס צו דער וואַנט. אדרבא, ער איז כמעט ווי גערירט פון אַזאַ לויב וואָס דער גבאי לויבט אים. איז ער זיך משתדל צו פאַרדינען די מצווה ביזקל סוף. אָפּט מאָל די גרויסע מצווה מיט נאָך אַ קלייניקער מצווהלע. ס׳ הייסט: אַ צולאָג פון נאָך אַ שטיקל בלינצע־קוגל...

5.

נאָך אַזאַ פּאָרציע פון עונג־שבת טוט ר׳ דאָדיע דעם ערשטן שלוקערץ. ס׳איז דער אָנזאָג פון גרויסן שלוקערץ אויף אַ פולער וואָך... דאָס באַ־דייט, אַז ד ע ר ו ו י י ל איז זיין טשאָלנט־באַדאַרף געדעקט. אויף די עלטערע יאָרן קען מען פון אַ יידן מער נישט פאַרלאַנגען. מען מוז אים לאָזן מאַכן אַ הפסקה. בענטשט מען.

אָפּגעבענטשט מיט גרויס דבקות, גיט ר׳ דאָדיע אַ הויב די פאַר־שוומענע אויגן און אַ קוק אויפן וואַנט־זייגער און דערשרעקט זיך:

— העז אַ מעשה! שוין האַלב־צוועלף...

הויבט ער זיך אָן שאַרן צו דער „דעליע" זיינער, וואָס די ישראליכע האָט איר בשעת נטילת ידים אויפגעהאָנגען אויפן דושניק פון הרובע.

— ווּהין איילט איר זיך אַזוי, ר׳ דאָדיע?... — אַזוי מאַכט ר׳ יש־ראל בנעימותדיק און קוקט זיך איבער מיט זיין פּלוניתטע, ווינקט איר אונטער.

— זיצט נאָך אַ ביסל! — העלפט זינגען די ישראליכע און קוקט זיך איבער מיטן מאַן מיט דער זעלבער מינעלע.

— שוין אַזוי שפּעט! — מאַכט זיך ר׳ דאָדיע תמעוואַטע און פּלאָנ־טערט זיך מיט אָפּגעשוואַכטע הענט אין זיין דעליע. פון דער הייליקער שבתדיקער עבודה אָפּגעשוואַכט.

העלפט אים ר׳ ישראל אָנטאָן דעם אויבערמאַנטל, אָן די אַרבל, וואַרפט עס אים אָן בנעימותדיק אויף די אַראָפּגעבויגענע פּלייצעס און שטעקט דערוויייל אַרויס אַ שפּיץ צונג זיין יידענע און זאָגט אַזוי:

— נאַ, צושפּאַרן זיך, ר׳ דאָדיע, וואָלט איר געקענט ביי אונדז אויך...
ר׳ דאָדיעס סיווע ברעמען כמורען זיך אַ ביסעלע אָן. שיכור פון קוגל און טשאָלנט ווי ער איז, דערפילט ער עפּעס הינטער זיך אַ צווייענ־דיקן לשון. איין לשון מיט אַ קול און דער צווייטער אָן אַ קול... ענטפערט ער אָפּ אויך צווייטייטיק, סתם אין דער וועלט אַריין:

— אך, וואָס רעדט איר וואָס, ר׳ גבאי? אַ גוטשינקן שבת, גבאיטע, אַ דאַנק פאַר טשאָלנט!...

— צו געזונט!

— אַ גוט־שבת, אַ גוט־יאָר!

— פאַרגעסט אונדז נישט איבעראַכטאָג, אם ירצה השם!

באַגלייט מיט אַזעלכע ברכות, רוקט זיך ר׳ דאָדיע צו דער טיר. פון שטוב־טיר צום גאַניק, דורכן לאַנגן קאָרידאָר, לויפט שוין ר׳ דאָדיע מיט פאַרהאַוועטע שאַרנדיקע טריטעלעך. דערכאַפּט דאָס ר׳ ישראל מיטן אויער און גיט צום צווייטן מאָל אַ שטעק אַרויס דעם שפּיץ צונג צו זיין גבאיטע. דאָס גיט ער איר אַ ווינק, אַז ער און זי, זיי ביידע פאַרשטייען זייער גוט וווהין ר׳ דאָדיע איילט זיך אַזוי.

דאָס האָט ער מורא צו פאַרשפּעטיקן טשאָלנט ביי ר׳ ניסן דעם בעל־תשובה.

טשאָלנט בײַם בעל־תשובה

.1

דער בעל־תשובה — דאָס איז ניסן דער דיעכטאַרניק. אַ קלײנער ײדעלע אין די פּערציקער יאָרן; אַ רירעוודיקער, אַ פײערדיקער, מיט טיף־שוואַרצע שיטערע קרײזלעך אויפן קאָפּ, שטענדיק פאַרשוויצטע, שטענדיק צוזאַמענגעקלעפּטע. זעען זײ דערפאַר אויס ווי פאַרקילטע שלענגעלעך דיעגעכץ. פּונקט אַזוי שיטער און געקרײזלט איז זײַן קײַלעכ־דיק בערדל. ברודנע־שוואַרצלעך איז די הויט פון זײַן פּנימל און נאָך פאַרדעכטיקטער שוואַרץ זענען די הענט זײַנע. די נעגל לויכטן פון זײ אַרויס ווי מויערקעפּעלעך. און מען איז זיך קײנמאָל נישט קלאָר פון וואַנען עס נעמט זיך צו ניסנען אַזאַ שוואַרצקײט — איז דאָס פון דער נאַטור, צי פון אײַנגעגעסענעם דיעגעכץ, מיט וועלכן ער, אַזוי ווי זײַנע עלטערן, האַנדלען פון קדמונים אָן? דער שקלאָוער בעדער ווײסט דאָס מסתמא בעסער... אפּנים שוואַרץ פון בײדע זאַכן צוזאַמען. שוואַרץ פון געבורט און שוואַרץ־חנעוודיק פון דיעגעכץ אויך. והא ראיה! מיטן ווײַטן ריח־נחות פון דיעגעכץ זענען פאַרפומירט אַפילו זײַנע שבתדיקע מלבושים. איר קענט אים לופטערן און כשרן, אַט דעם שוואַרצינקן ײדעלע, וויפל אײַער האַרץ גלוסט און דער וואָכעדיקער ריח פון זײַן פּרנסה וועט זיך פון אים נישט אויסוועפּן. ס'איז אַ קללה אַזאַ פון רבונו של עולם, די וואָך זאָל שטענדיק נאָכלויפן נאָך ניסנס שבת און יום־טוב. ער אַלײן פילט דאָס נישט, נאָר אַנדערע יאָ. אַפילו פּאַלאַהײקע, די וואַסער־טרעגערין, קלאָגט זיך, אַז דאָס שטיקל חלה, וואָס זי באַקומט בײַ אים, פאַר אַראָפּנעמען די שבתדיקע לײַכטער, גיט זיך אָפּ מיט דיעגעכץ...

די גאַנצע תשובה, וואָס ר' ניסן תשובהט, טום ער אום שבת. וואָרום ווען דען־זשע זאָל ער תשובה טאָן? אַז אַ גאַנצע וואָך אַרבעט ער עבודת־פּרך אין מאַרק, אין זײַן קראָם. קלײן און דאַר ווי דאָס איז,

קייקלט ער גרויסע פעסער, שלעפּט פּעך מיט ליקעס און שטריק, טראָגט מוראַדיקע שטיקער פּעך פון קעלער ארויף און אין קעלער אראָפּ, שלעפּט זיבעצן גוזאים פאַר די פּאָלעס אויף איין מאָל. און דער מויל קאָכט ביי אים אויך ווי אַ פּעך... נוצט ער דערפאַר אויס דעם איינציקן פרייען שבתדיקן טאָג אויף תשובה־טאָן.

דאָס גאַנצע תשובה־טאָן באַשטייט, אייגנטלעך, אין דעם וואָס ער בלייבט דער לעצטער נאָכן צווייטן מנין אין פּוסטן ליובאַוויטשער בית־מדרש. פאַרשפּאַרט זיך דאָרטן אין עזרת־נשים און איז מאריך אין דאַוונען און דבקט זיך און ציט אויס דעם מוסף אין דער לענג און אין דער ברייט. צעלייגט עס אויף טעלערלעך. מ'זאָגט אפילו, אַז ער שטייט דאָרטן, אין עזרת־נשים, דריי מאָל שמונה־עשרה, און חזרט איבער יעדעס וואָרט צוויי מאָל, און איז ביי זיך אַלץ נישט יוצא. די פריילעכע שבתדיקע תפילות הערן זיך ביי אים אָן קלאָגעדיק און געצויגן ווי ראש־השנהדיקע „יעלות" און ווי יום־כיפּורדיקע נעילה־ניגונים. כאָטש גיי און טראָג אים צו חלשות־טראָפּנס.

„נאַ, ער דראַפּעט זיך שוין אויף די ווענט!..", אַזוי רופן אָן מיושבדיקע באַלעבאַטים, שכנים פון גאַס, אַזעלכע באַגרעבעניש־ניגונים. אַפילו ר' מענדל דער מורה־הוראה, וואָס איז אויך גוט משוגע אין די ענינים פון דאַוונען און שלייפט דעם „זין" פון „תזכרו" אין קריאת־שמע ווי אַ שטאָלענעם מעסער אין אַ צעראַצטן שאַרפשטיין, אַפילו ער רופט אָן אַזאַ מוסף פון בעל־תשובה אין ווייבער־שטיבל: „אַ דאַוונען פון אַ חסיד אַ שוטה...".

האָרכט מען אַזוי שבת־אויס שבת־איין, ווי ניסן דער דיעכטיאַרניק טוט תשובה, נאָר קיינער ווייסט נישט אויף וואָס ער טוט תשובה, אין וואָס אַזוינס אַזעלכענעס באַשטייען זיינע גרויסע זינד, צוליב וועלכע ער איז מקריב דעם עונג־שבת און גודיעט זיך אַליין און אַנדערע אין דער פּוסטער ווייבער־שטיבל? צי זענען דאָס ווייבערישע זינד, וואָס האָבן צו טאָן מיטן יצר־הרע? צי זינד פון משא־ומתן אַ גאַנציקע וואָך אין קראָם און אין מאַרק? לויט דעם ווי זיינע שוואַרצע „פאַרדיעגעכצטע" אויגן זענען איבערגעהיצט און ברענען, און וועדליק זיין ברודיקלעכע שוואַרצאַפּלען לויפן אַרום, זעט מען אָבער באַשיינפּערלעך, אַז גאַנץ אומזיסט איז דאָס נישט. ווער עס האָט אַ קוק, זעט קלאָר, אַז ניסן דער דיעכטיאַרניק האָט, ברוך־השם, נאָך וואָס תשובה־צו־טאָן, און ס'איז

טאַקע אַ גרויסער יושר ער זאָל תשובה־טאָן... לאָזט מען אים דערפאַר קריכן פראַנק און פריי אויף די גלייכע וועגט אין פוסטן עזרת־נשים, אלײנקע שבת נאָך מוסף, ווען די גאַנצע שטאָט עסט שוין טשאָלנט און זינגט זמירות. און די שקצים־ייִנגלעך זאָגט מען שטרענג אָן, מ׳זאָל ר׳ ניסנען נישט איבערמישן זיינע שבתדיקע „יעלות״, נישט ווארפן אים קיין שטעכעלקעס דורכן אָפענעם פענצטער, נישט שטופן קיין לאַנגע שטרויעלעך דורכן שלאָס פון טיר, אזוי ווי מ׳האָט זיך פריער נוהג געווען, אין די ערשטע צייטן פון זיין תשובה־טאָן...

אַרויסגיין גייט דער בעל־תשובה אַרויס פון דאָווענען אַזייגער האַלב־צוועלף, ווען אַלע באַלעבאַטים פון גאַס האָבן שוין לאַנג אָפּגעזונגען זמירות און אָפּגעגעסן דעם צווייטן קוגל. אָט פונקט, צו דער דאָזיקער מינוט, צילט אַלעמאָל אָן ר׳ דאָדיע „פיר מאָל צאָלענט״ און פאַרפעלט קיינמאָל נישט. ער קומט אָן דעם בעל־תשובה אקעגן, גייענדיק פון דעם גבאי ר׳ ישראלס טיש, אוןְ קרעכצנדיק פון זאַטקייט און פון עונג־שבת.

.2

כדי צו באַווייזן דער גאַנצער גאַס, אַז ער פייפט אויף זייער פאַרפרעסנקייט און אויף זייער אָפּלאַכן פון אים און פון זיין פרומקייט, שפּרייזט ניסן דער דיעכטיארניק פּאַמעלעך, פּאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ אויף איין פּלייצע, מיט אַ זיסינקן תהנונים־שמייכעלע אויף די ליפּן. פשוט — שטערבלעך פאַרליבט אין דער מלכה־שבת... און כדי אויסער דעם אויסצווזען ווי אַ שטיק תלמיד־חכם, אַ מקובל, וואָס האָט זיך, גייענדיק פון מוסף, פאַרטיפט אין די ווונדערלעכע רזין־דשבת, טראָגט ער זיין אויבערמאַנטל קוים אָנגעוואָרפן אויף די פּלייצעס, קרום און מהיכי־תיתדיק. איין ארבל שלעפּט זיך כמעט אויף דער ערד און איין פּאָלע בעזעמט די גאַס. און ר׳ ניסן שפּרייזט זיך טריטעלע נאָך טריטעלע, אַרויסוואַרפנדיק די נעזלעך פון די געדיעגעכטע שיך איינמאָל רעכטס, איינמאָל לינקס, און שמייכלט זיך זיין מכלומרשט געהיימניספולן שמייכעלע. ס׳הייסט, ער, ניסן דיעכטיארניק, ווייסט עפּעס אַ זאַך ועגן שבת וואָס קיין חסיד אין דער וועלט ווייסט עס נישט... און טוט אים עפּעס !...

אַזאַ פאַרסודעטע בנעימותדיקייט איז נאָר אויסגעגאָסן אויף זיין גלאַנציקן שוואַרצינקן פּנימל. אָבער זיינע אומרואיקע גליענדיקע אויגן — דער יצר־הרע אליין, דאַכט זיך, שפּילט אין זיי מיט כל דבר־אסור. אָט

זאָל נאָר אַ יינגל אַ שקאָץ, אײַנמיטן בנעימותדיקן גאַנגעלע, אַ טשעפּע טאָן אים, נאָכשרייען אים אַ וואָרט, אַזוי וועט זיך ניסן דער בעל־תשובה אין איין מינוט אָנגיסן מיט שוואַרצער דיעגעכצדיקער בלוט און וועט זיך אַ מאָרדעווע טאָן ווי אַ הונט. ער איז קאַפּאַבל אין אַזאַ מינוט אָפּצורייסן אַ לעבעדיקן אויער, אָפּשלאָגן אַ לונג ביי אַ קינד. עס האָט שוין נישט איין מאָל געטראָפן אַזאַ מעשה אײַנמיטן די זיסינקע שבתדיקע טריטעלעך. האָבן זיך יינגלעך פון דער גאַס פאַרזאָגט אַ צענטן, אַז אַ יאַטקע־הונט און ניסן דעם דיעכטיארניק, ווען ער גייט פון מוסף, טאָר מען פאַרן עק נישט אָנכאַפּן...

און עס האָט נאָך נישט געטראָפן דער בעל־תשובה זאָל אַריבערשפּרייזן דאָס בריקל איבער דער קאַנאַווע, נישט ווייט פון ליובאַוויטשער בית־מדרש, און נישט באַגעגענען ר׳ דאָדיען. ד ע ר קומט פון איין הייליקער אַרבעט ביי ר׳ ישראלס טיש מיט דער דעליע אויף די פּלייצעס, און ד ע ר קומט פון אַן אַנדער הייליקער אַרבעט אין ווייבער־שטיבל מיט דער דעליע אויף די פּלייצעס. דעליע קעגן דעליע. דערפילן זיי זיך ביידע ווי מענטשן פון איין ראַנג און פון איין הייליקן דינסט, ביידע פאַרקניפּט און פאַרוועבט מיט שבתדיקע פליכטן.

— אַ גוטשינקן שבת אויף אייך! — רופט אויס ניסן־בעל־תשובה דער ערשטער, גיט אַ וואָרף אַרויס פון גרויס שמחה מיט ביידע פאַרדיע־געכצטע הענטלעך, זיין אייביק ברודיק פּנימל ווערט זיס, די פּעכיקע קרייזעלעך און פאַותלעך צעטרייסלען זיך, דער גאַנצער הייסער גופעלע צעצאַפּלט זיך. אַזוי ווערט ער אײַנגאַנצן אַ געמיש פון סמאָלע מיט האָניק. טאַקע אַ מין „צפּיחית־בדיעגעכץ".

— גוט־שבת, גוט יאָר! — ענטפערט ר׳ דאָדיע אַ ביסעלע צוריק־געהאַלטן. ערשטנס איז ער ביי זיך תקיף אקעגן אַזאַ מסופקדיקן תלמיד חכם ווי ר׳ ניסן דיעכטיארניק. און צווייטנס ווייסט ער, אַז ס׳וועט נישט אַנטלויפן. אדרבא, וואָס מער ער וועט זיך צוריקהאַלטן, אַלץ שטאַרקער וועט מען אים ציען.

— נו, — מאַכט ר׳ ניסן און וואַרפט פאַרדבקעט מיט די הענטלעך און פיסלעך — מירן אפשר גיין מאַכן קידוש?

גיט ר׳ דאָדיע אַ צי מיט דער געלבלעך־בלייכער נאָז. אָנגעגעסן מיט צוויי טשאָלנטן, ווי ער איז, דערשפּירט ער שאַרפער דעם ריח פון ניסן דעם בעל־תשובהס קראָם. און אַ פּריקרעקייט גיט זיך אים אַ ריר אין אָפּגעצויגענעם בויך, אונטער דער אַטלעסענער קאַפּאָטע. אָבער

די גרויסע מצוה פון שבת איז פּאַרט גובר. גיט ער אַ טיפּן שמעק טאַבאַק און די נישט־גוטקייט פאַרגייט, ווי מיט דער האַנט אָפּגעווישט.

— קידוש... — זאָגט איר? — איז זיך ר׳ דאָדיע מישב הויך אויפן קול און ווישט דעם פּאַרטאַבאַקטן פינגער אָן לאַץ.

יוצא־געווען פאַר ריינלעכקייט — גיט ר׳ דאָדיע אַ שטעק דעם זעלבן צייג־פינגער ערגעצווו אָן אַ זייט. מען ווייסט בלויז נישט צו רעכטס צו לינקס, און גיט אַ ווייז־אָן נישט אין צפון נישט אין דרום, נישט אין מזרח נישט אין מערב:

— כ׳שוין אָפילו געווען געמאַכט קידוש... צוגעביסן אויך...

לויט דער עניוות, מיט וועלכער ער רעדט אַרויס די עטלעכע געצויגענע גלייכגילטיקע ווערטער, וואָלט מען באמת געקענט מיינען, אז אויסער אַ ביסל ראָזשינקע־ווייַן און אַ טרוקענעם שטיקעלע לעקאַך האָט ער נאָך היינט גאָרנישט טועם געווען...

— נו, איז וואָ—אָס? — שטייט צו אים צו דער בעל־תשובה מיט היץ און מיט שאַקלדיקע תנועות און מיט פייער אין די אויגן — וואָס רעדט איר, ר׳ דאָדיע? מ י ך וועט איר לאָזן זיצן שבת אָן אן אורח צום טיש?

— כ׳ווייס? — לאָזט זיך ר׳ דאָדיע גנאָדיק איבעררעדן — אפשר... נאָר... ווײַלע... לכבוד שבת...

— לכבוד שבת, לכבוד שבת! — צעשאָקלט זיך ניסן דער דיעכטיאַרניק, ווי יאָרצייט ביי עמוד, און וואַרפט פון גרויס התלהבות מיט די פּעכיקע קרייזעלעך, מיט די שטויביקע פּאָלעלעך און מיט די פּוסטע אָרבעלעך. — אַט־אַט־אַט, ר׳ דאָדיע! טאָקע ווייל לכבוד שבת!

— אָבער נאָר... קידוש! — דינגט זיך ר׳ דאָדיע מפונקדיק, מיט אַ געצויגן־הייזעריקן קולכעלע — כ׳האָב זיך נאָך היינט, נאָכן דאַוונען, נישט צוגעשפּאַרט.

— נאָר קידוש, נאָר קידוש! — צאַפּלט זיך ר׳ ניסן דער דיעכטיאַרניק און לאָזט זיך גיין גיכער, ווי ער וואָלט מורא געקראָגן ר׳ דאָדיע זאָל חס־ושלום חרטה נישט האָבן. אַזוי ציט ער נאָך מיט זיך דעם אָנגעגעסענעם, געלאַסענעם זקן, ווי אַ קליינער זשוואָווער פּאַרעכאָדל ציט נאָך, אויף אַ בוקסיר, אַ לעבעדיקע גרויסע לייווע, אָנגעפּאַקט און אָנגעלאָדן מיט קוגלען און מיט טשאָלנטן.

3.

די שבתדיקע צערעמאָניע ביי ר׳ ניסן דעם דיעכטיאַרניק אין שטוב

הויבט זיך אָן, פונקט ווי ביי ר׳ דאָדיעס שנור, ניין אַזייגער אין דער פרי נאָכן ערשטן מנין, און פונקט ווי ביי ר׳ ישראל דעם גבאי האלבּ־עלף נאָכן צווייטן מנין. דער זעלבער סדר. די זעלבע געריכטן.

— אויף וואָס ווילט איר מאַכן קידוש? פּאַדיעט דער בעל־תשובה אַרום ר׳ דאָדיען — אויף בראָנפן צי אויף וויין?

— אויף וואָס... קידוש? — איז זיך ר׳ דאָדיע מישב הויך אויפן קול — דאַכט זיך... וויין איז אַ ביסעלע לייכטער:..

ס׳הייסט, אים דאַכט זיך, אז וויין איז אַ ביסעלע לייכטער... און מחמת דער שטענדיקער מורא גישט־יוצא־צו־זיין פאר שבת, גיסט אים דער בעל־תשובה אָן אַ בעכער. שוין איין מאָל אַ בעכער! דער גוטער יאָר ווייסט ווו ער האָט אויסגעקראַצט אַזאַ כלי. הויך און גרויס איז עס ווי אַ בלעכערנע פושקע אין אַ בשמים־קראָם, און נעמט אין זיך אריין אַ גוזמא צמוקים־וויין. פונדעסטוועגן גיט זיך ר׳ דאָדיע אַן עצה מיט אַזאַ געוויכט, ווי אַ קונצן־מאַכער אויפן יאריד. גאָר א מאָל אין אַ נאָווינע שטעלט ער אַרויף די הויכע כלי אויף דער אויסגעשטרעקטער דלאָניע און שפּאַרט זי אונטער מיטן גראָבן פינגער. שטייט דער בעכער שטראָם און גלייך ווי אַ טעלעגראַפנער סלופּ, וואָס איז אונטערגעלענט מיט אַ קרומער בערווענע. אָבער די צוויי אָפּגעגעסענע פיינע טשאָלנטן לאָזן זיך פּאָרט אַ קאָפּעלע פילן. קומט אַרויס דער דריטער קידוש אַ ביסעלע אַ געשלור־קערצטער, און דער סקאָרבאָוער שבתדיקער ניגון רייסט זיך אַלע ווײַלע איבער. האָרכן צו ר׳ ניסן דער דיעכטיארניק און לאָנע זיין ווייב אַזאַ מין ראַמאָנס לכבוד דער מלכה־שבת:

— אוי, על כן ברך ד׳ איך!... את יום „הסביעי״ איך!... „ויקדסהו״... ברוך אתה ד׳ איק! בורא פּרי... אוי... הגפן!

ר׳ דאָדיע מאַכט קידוש מיט צוגעמאַכטע אויגן, ווי אַ האָן בשעת ער קרייט. ביידע, להבדיל, קענען דאָך אויסוויינק... די דעליע זיינע מיט די פוסטע אַרבל הענגט אים אויף די פּלייצעס, כדי צו דערווייזן ר׳ ניסנען, ניסעלעכן און זיך אליין אז... ווייטער ווי קידוש וועט דאָס נישט גיין. איך! חס־ושלום, אָט אָפּגעמאַכט קידוש, איך! אַ כזית לעקאך אין מויל, איק! גייט ער זיך, איך! מיט גאָטס הילף אוועק צוצושפּארן זיך...

אָבער אַ גוטער זופּ פון צמוקים־וויין שוואַכט אים אָפּ דעם זאַיאדלען שלוקערץ און באַרואיקט א ביסל דעם דרוק אין מאָגן, אונטער דער לעפעלע. זעצט ער זיך אריין אין שטול אַ ביסל טיפער.

— עפּעס גאָר אַ געהויבענער קידוש־ווײַן ביי אייך! — מאַכט ר׳ דאַדיע אָפּזויגנדיק די סיווע וואָנסעס.

— וואָס רעדט איר וואָס? — צעבליט זיך דעם בעל־תשובהס גע־דיעגעכצטער פּנימל — ס׳איז דאָך קיווע דעם לעקאָך־מאַכערס ווײַן, און... און פּסחדיקער... יקר המציאות!...

נו, מיטן נאָסן ביסל קידוש אליין קען מען דאָך נישט יוצא־זיין. בייסט מען צו.

שייך זאָגן צובייסן. מען שמועסט דאָך, אַז גיסן דער דיעכטיארניק איז אַ פייערדיקער בעל־תשובה. און ווען האָט ער צייט תשובה צו טאָן אויב נישט שבת? איז אים די וועלט ווייניק און קיין זאַך איז אים נישט טייער. לכבוד שבת שלעפּט מען ארויף אויפן טיש, ער און לאנגע זיין ווייב, אַלע שיריים פון שבתים און יום־טובים און פון אַ גאַנץ־יאָר. אַלץ וואָס די ניסעלעכע האָט אין אַלע שופלאָדן אויף אַלע פּאַליצעס, אין פירהויז און אין שפּיזשאַרניע. אויסער שבתדיקן קידוש־ווײַן און פראָסטן בראָנפן שלעפּט מען אַרויף אין אַ גראָפין געלבלעכן ספּירט, רעשט פון פּסח, און נאַליווקעס און בראָנפן אָנגעשטאָנענעם אויף פרישע פלוימען — סליוואָוויץ. און אויסער געווײַנלעכן האָניק־לעקאָך און אייער־טאָרט כלעריי מיני קאַלטע גאָגעלעך און כרעמזעלעך און סוכאַריקלעך און האָניק־טייגלעך, פון אַ יום־טוב געבליבן, וואָס זייערע אַפּגעטאָיעטע ניס און באָבקעס צעפאַלן זיך שוין פון שטיין אין דער פייכטלעכער שפּיזשאַרניע...

און רק ער האָט נאָך מורא, דער דיעכטיארניק, אַז ער איז נישט יוצא.

— האָסט דאָרטן עפּעס נאָך? — שרייט ער צו זיין אשת־חיל אין קיך.

— ס׳איז נאָך דאָ אינגבערלעך! — ענטפערט אָפּ לאנגעס ווייבערישער בת־קול פון קיך־אַרויס — אַ ביסל האַרטלעך פאַר ר׳ דאַדיען... האָב איך געמיינט...

— וואָס איז דאָ וואָס צו מיינען? — גיט דער בעל־תשובה אַ וואָרף אַרויף מיט ביידע דורכגעשוואַרצטע הענטלעך, וואָס קיין באָד איז נישט בכוח אָפּצוואַשן זיי — גיב, גיב! לכבוד שבת וועט מען זיך שוין אן עצה געבן.

פּאָרט אַ טעלער מיט געשניטענע, פאַרלעגענע אינגבערלעך, אויף פאַרפּעלעך פאַרקנאָטן און אין צוקער און האָניק און אינגבער איינגע־פּרעגלט. פון דרויסן זענען זיי אפילו א ביסעלע צעקראָכן פון לאנג שטיין, אָבער אינווייניק — זענען זיי האַרט ווי שטיין. מען דאַרף זיך מיט זיי

אומגיין אָסטראָזשנע, ווי מיט פלוימען און ביינדלעך... און מיט גאָטס הילף און טאַקע לכבוד שבת גיט מען זיך מיט זיי אויך אַן עצה.

אַלע פאַרבייסעכצןביים בעל־תשובה אין שטוב שמעקן אַ ביסעלע מיט דיעגעכץ. אַפילו די שטאַרקע קאַרשן־נאַליווקע פון דער פאַרבונדענער פלאַש האָט אַ ביי־געשמאַק און עס פילט זיך אַז זי שטאַמט פון אַ דיעכטיאַרניק. איז לכתחילה קרימט אַ ביסעלע ר׳ דאַדיע מיט זיין געלבלעכער לאַנגער נאָז, קוקט זיך אַרום פון וואַנעט דער ריח גייט. כאַטש ווייסן ווייסט ער דאָך גאַנץ גוט, אַז ביים בעל־תשובה איז אַלץ דורכגענומען מיטן ריח פון זיין וואָכעדיקער פרנסה. מיט זיין אייגענער פרנסה און מיטן טאַטנס און זיידנס. דריי דורות דיעגעכץ, גיי טרייב עס אַרויס פון שטוב!... נאָר ביסלעכווייז געוויינט זיך ר׳ דאַדיע צו צום ביי־גערוך. אדרבא, עס הויבט אים אפילו אָן צו געפעלן, וואָס דער ריח פון די נאַליווקעס און פאַרלעגענע פאַרבייסעכצן קעמפן מיטן וואָכעדיקן עם־הארצישן גערוך פון מאַרק און קראָם און זענען מנצח. אָט איז דער גראָבער ביי־גערוך איינגאַנצן פאַרשלונגען געוואָרן אינעם מחיהדיקן טעם פון די קאַלטע גאָגעלעך, וואָס זענען ווייך ווי מאַליגעס און דורכגענומען מיט היינערישע שמאַלץ ווי מיט טוי. שטאַרקט זיך אויך ר׳ דאַדיע, מיט אַלע כוחות פון שבת, און העלפט קעמפן און באַקעמפן די וואָכעדיקייט וואָס וויל אים אָפּשרעקן דעם פולן מאָגן מיט איר מאַרק־גערוך, און איז זי מיט גאָטס הילף טאַקע מנצח. נייע אַפּעטיטן שטייגן אין אים אויף. **אַפילו דער שלוקערץ — איק! פון די פריערדיקע טשאָלנטן, האָט זיך** עפּעס דערשראָקן און איז אַ ווײַלע אַנטשטומט געוואָרן.

—צעגייט אין מויל! — אַזוי לויבט ר׳ דאַדיע זשוואַקענדיק דער ניסעלעכעס קאַלטע גאָגעלעך און שטרעקט די געלבלעכע האַנט אַנצונעמען נאָך אַ גליטשיקן קאַלטן גאָגעלע — די גבאיטע האָט דאָך אַ שם מיט אירע גאָגעלעך! נאָר אַזאַ מין גאָגעלע... איק! איר הערט? ניין! ס׳איז אַן אַנטיק!

— דו הערסט! — שרייט ניסן דער דיעכטיאַרניק מלא התפעלות און וואַרפט זיך ווי אַ וועוויערקע — לאַנגע מיין ווייב, האָסט עפּעס דאַרטן נאָך?...

וואָס דען, זי האָט נישט? זי ווייסט דען נישט, אַז ניסן איר מאַן איז אַ בעל־תשובה און האָט אַלע מאָל מורא נישט יוצא צו זיין פאַרן אורח, פאַר שבת, פאַר גאָט? העלפט זי אים אין זיין אויסערגעוויינלעכן תשובה־טאָן מיט וואָס נאָר זי קען. און אויפן טיש, ווי אויף אַ מזבח

פון גאָט, גייט אַרויף אַלץ וואָס איז אָנגעגרייט אויפן בוידעם און אין קעלער. דהיינו: זויערע אוגערקעלעך, קוואָס־עפּל, איינגעזויערטע ברוס־ניצעס. מיט אזעלכע פּאַטראָוועס לאָזט זיך גאָר אַנדערש פאַרבייסן מיטן קאַלטן צימעס־פליייש, צו וועלכן ר׳ דאָדיע האָט זיך ביז איצט נישט צוגערירט. ס׳איז אַ דערקוויקעניש צו מישן דעם אָפּגעשטאָנענעם טעם פון צימעס־פעטס מיט אַ קוואָס־עפּל אָדער מיט אַ הייפל איינגעזויערטע ברוסניצעס, וואָס בייסן אויף דער צונג ווי זעלצער־וואַסער, בפרט אין די הייסע זומערדיקע שבתים פּילט מען גאַרנישט, אַז ס׳איז אַזאַ חמימה אויף דער וועלט. ניין, וואָס אַ בעל־תשובה קען צוקלערן לכבוד שבת קען טאַקע אַ פּראָסטן חי־וקים נישט איינפאַלן.

אויפגעלייגט און דערקוויקט און צעקיצלט פון אַזעלכע נייע פאַרביי־סעכצן, וואַרפט שוין פון זיך ר׳ דאָדיע אַראָפּ זיין געוועגטענע דעליע, כראָמשצעט אַן אוגערקעלע און דערקלערט זיין פּלוצלעכן חשק צום צימעס־פליייש בזו הלשון:

— אזוי איז דאָס אַ ביסל פעטלעך אזוי... איך! נאָר מיט אן אוגערקעלע גייט עס ווי אַ מזמור...

— דו הערסט? לאָנע מיין ווייב! — צאַפּלט זיך ניסן דער דיעכטאַרניק

— מיט אן אוגערקע, זאָגט ר׳ דאָדיע, גייט עס ווי אַ מזמור!... ע... האָסט עפּעס נאָך?

4.

באַלד נאָך דער לאַנגער ברכה כאַפּט ר׳ דאָדיע ארויף די דעליע אויף די פּלייצעס, צעבאָמבלט זיך מיט די פּוסטע אַרבל און סיווע פּאות און, ארומפּאָרנדיק מיט דער צונג צווישן די יאַסלעס, מאַכט ער אַן אָנשטעל, אַז ער גייט. אָט, ווי איר קוקט אים אָן, גייט ער אַהיים:

— נו, אַ גוטן ש...

— כאַפּט נישט, כאַפּט נישט! — פּאַקט אים ניסן דיעכטיארניק פּאַר אַ פּוסטן אַרבל. און די געוועגטענע דעליע גליטשט זיך אליין אַראָפּ פון די אַטלעסענע פּלייצעס, ווי אַ פיינקוכן פון אַ פעטער סקאָווראָדע, און פאַלט אריין אין ר׳ ניסנס אָרעמס. און מען קען בשום־אופן נישט זאָגן, אז ר׳ דאָדיע האָלט שטאַרק מלחמה קעגן אַזאַ ברוטאַלן אנטבלויזן פון זיין שבתדיקער, אויסגעגרינטער זשופּיצע.

טאָמער ווייניק, לויפט נאָך אַרויס די ניסעלעכע פון קיך און העלפט

דעם מאַן אירן. זי נעמט איבער ר׳ דאַדיעס דעליע אין איר רשות, ווי אַ משכון:

— וואָס רעדט איר? ר׳ דאַדיע! איר וועט ביי מיר נישט פאַרזוכן אַ לעפל טשאָלנט?

אַלס זייער אַ גאַלאַנטער מאַנספאַרשוין פון דעם אַלטן דור קען זיך ר׳ דאַדיע נישט אַנטקעגנשטעלן דער בעל־תשובהטע. טוט ער נאָך איין קליינינקן קרעכצעלע, גיט אַ הויב איין הויקערדיקע פּלייצקעלע און גיט אַ ווייז מיטן פאַרטאַבאַקטן צייג־פינגער ערגעצוו אָן דער זייט, נישט רעכטס, נישט לינקס:

— שוין אפילו געוועז פאַרזוכט טשאָלנט... ביים גבאי... נאָר פאַרפאַלן... כ׳בין שוין ביי אייך אין די הענט.

און גייט זיך וואַשן.

מחמת גרויס פלייסן זיך אין תשובה־טאָן, פאַרלויפט אים ניסן דער דיעכטיארניק דעם וועג, כאַפּט זיך צו מיט התלהבות צו דער בלעכערנער קוואָרט און גיסט וואַסער אויף ר׳ דאַדיעס געלבלעכע הענט. מילא, גאָט האָט אים נישט געהאָלפן צו גיסן וואַסער אויף די איידעלע הענט פון אַ תלמיד־חכם, טאָ זאָל כאָטש זיין וואַסער אויף די הענט פון אַ געוועזענעם שמש, אַ זקן אַ ייד, אַן אורח אויף שבת. אַבי וואָס מער מצוות און וואָס מער תשובה־טאָן.

חזרט זיך איבער די זעלבע חתונה ווי ביים גבאי אין שטוב. עס רעדט זיך נאָר אַזוי „אַ לעפל טשאָלנט". דאָס לעפל טשאָלנט וואַקסט אויס אין אַ גאַנצן שבת־טאָץ מיט הערינגלעך אין עסיק און צוויי סאָרטן קאַלטע פיש, געפילטע און געשניטענע, זיסע און געפעפערטע און ציבעלע מיט רעטאך אַ מאָל אין אַ נאָווינע, און אין צוויי סאָרטן לעבערלעך, קעלבערנע — געהאַקטע, און הינערשע געבראָטענע אויף ערב־שבתדיקע קוילן און באַגאָסענע מיט גענדזן־שמאַלץ. קאַלטע אייער אין צוויי מינים: מיט ציבעלעס געהאַקט, און געשניטן און געמישט מיט ציבעלע־שאָלעכץ און מיט גריבענעס. און פעטשאַ. הייסע פעטשאַ און קאַלטע פעטשאַ. דערנאָך מאַרשירט דער טשאָלנט מיט איינגעפּרעיטע פערל־גרויפּן און בולבעסלעך און רייז און פעטע קנאַכנס און פּאַלקעס פון הינער און קוגלען...

לויט דעם מישמאש, אין די קאַלטע מאכלים אַזוי ווי אין די הייסע, און לויט דער איילעניש מיט וועלכער זיי קומען אָן צום טיש, זעט מען באַשיינפּערלעך, אַז נישט ר׳ ניסן דער בעל־תשובה און נישט די

ניסעלעכע די בעל־תשובהטע זענען געווויגט צו אזוי פיל געריכטן אויף איין מאָל. אַלץ איז איבערגעהויפּט און איבערגעטריבן, אָן אַ טאָלק און אָן אַ סדר; נישט מיט מנוחה־שבת נאָר מיט קרעמערישן אימפּעט. נישט קיין תענוג — נאָר א סאַפּעניש, נישט קיין נחת־רוח — נאָר אַ צאַפּלעניש און אַ בהלה פון מורא נישט יוצא צו זיין פאַרן שבת.

ס'איז אָנגעלייגט אויפן טיש און אָנגעשטעלט. אין הורבעס מאכלים שטעקן גאָפּלען און מעסערס. נישטאָ קיין פריער און קיין שפּעטער. מאַן און ווייב כאַפּן איינער ביים צווייטן פון די הענט. יעדער איינער קען בעסער יוצא זיין פאר גאָט און פאַרן אורח און ביידע ווייסן נישט אויף וואָס פאר אַ וועלט זיי זענען. ד'ער בעל־תשובה איז נאָך אָבער אלץ נישט יוצא:

— האָסט דאָרטן נאָך עפּעס?... — אזוי רופט ער צו לאַנגען זיין ווייב, סמאַטשקעט אַ הייסן ביין, און באַלד כאַפּט ער אַ קאַלטע היגערישע לעבערקע אויפן גאָפּל און אין אַ רגע אַרום גיסט ער שוין פּעטע יויך אויף אַ הייפל פּערלגרויפּן. און אלץ אַזוי פאַרשמאַיעט און פאַרהאָוועט און פאַר'עסק'ט און פאַרקאָכט אין עונג־שבת אַריין. מיט אַזאַ קליינינקן גופּעלע און מיט אַזאַ שוואַכינקן אַפּעטיט צווישן אזוי פיל פולע טעלער און טעלערלעך און טעפּעלעך און שיסעלעך, פאַריקע און פאַרגליוועטע, טונקעלע און ווייסע און געלע. איין גאָט זאָל זיך טאַקע מרחם זיין אויף אַזאַ בעל־תשובהלע!

ר' דאָדיע נעמט זיך נישט שטאַרק צום הארצן אַזאַ אומאָרדנונג. אדרבא, ער האַלט דאָס פאר אַ שטיקל שיטה. די מלכה־שבת אין אַ נייעם קאַפּריז, אין אַ נייעם מין אָנטועכץ. ביים גבאי איין שיטה, ביים בעל־תשובה אַן אַנדערע שיטה. אמת, ס'איז דאָ אַ שטיקל תוהו־ובוהו, אַ קאָנפעדעראַציע פון שיסלען און געריכטן. דערפאַר אָבער עפענען זיך דאָ, ביים דיעכטיארניקס טיש, גרויסע מעגלעכקייטן אויסצוקלויבן וואָס דאָס הארץ גלוסט, נישט וואָס די באַלעבאָסטע לייגט אין טעלער. אַ פעלד צום אַקערן, אַ ים צום שווימען, אַן אָרט צו באַווייזן קענטעניש, לערנען מענטשן וואָס קענען זיך קיין עצה נישט געבן מיט אזוי פיל טעלער. דערפילט זיך ר' דאָדיע גאָר תקיף, ווי אַן אויבער־סאַרוועער פון גבירישע חתונות אויף אַ שמחה ביי קבצנים. לערנט ער ניסענען און ניסעלעכן שטאָט. בינו לבינו לייגט ער זיך אין טעלער אַריין דעם בעסטן חלק און באַווייזט וואָס מען טוט דערמיט.

— קודם־כל — אַזוי לערנט ער דעם דיעכטיארניק — וועלן מיר

פאַרזוכן די קאַלטע פּעטשאַ מיט אַ ווייכן שטיקעלע חלה. דערנאָך די הייסע פּעטשאַ מיט אַ פּענעצל האַרטע חלה. הייסע פּעטשאַ האָט ליב אַ צוגעברוינט פּענעצל. צעגייט אין מויל...

— גערעכט ווי די וועלט! — מאַכט דער בעל־תשובה מיט התלהבות און אינגאַנצן, מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים, מיט די פּאותן און מיט דער קאַפּאָטע, איז ער מוכן ומזומן צו נעמען לעקציעס ביי אַזאַ געניטן טשאָלנט־עסער ווי ר׳ דאָדיע איז.

אַלס באַווייז, אַז ער האָט ר׳ דאָדיעס תורה גוט צעקייט און גענומען אָן, אַז ווייכע בולקע מיט קאַלטע פּעטשאַ איז באמת אַן אַנטיק אין דער וועלט, רייסט ער אַרויס, ווי אַ חיה, פון אַ האַלבער חלה, מיט אַלע זיינע פינף דורכגעדיעגעכצטע און באַנעגלטע פינגערלעך, אַ גרויסן שטיק פּוכקע און ווייסע ווייכלעך, הויבט דאָס אויף ווי אַ קאָם וואַטע און ווייסט ווייטער נישט וואָס דערמיט צו טאָן: צי שטופּן אין מויל, צי אין די קאַלטע פּעטשאַ, צי דער ווייב אין טעלער.

נאָר ר׳ דאָדיען אַרט עס נישט. ער טוט זיך זיין זאַך. ער לערנט די דיעכטיאַרניקעס ווייטער:

— אַצינד — מאַכט ער — ווען מיר פאַרזוכן אַ ביסעלע געהאַקטע אייער מיט שמאַלץ... אַה? גאַנץ גוט! נאָר ס׳פעלט דאַכט זיך, אַ קאַפּעלע פעפער.

— אַ קאַפּעלע פעפער, אַ קאַפּעלע פעפער! — צעקוויטשעט זיך דער בעל־תשובהלע ווי אַ באַנומענער און שיט גלייך אריין אין זיין אייגענעם חלק געהאַקטע אייער אַ האַלבע פעפערניצע און צעפּינטלט זיך און צעניסט זיך און פאַרהוסט זיך און פאַרפּירכעט זיך. אַלץ פון גרויס מסירת־נפש פאַר דער מלכה־שבת.

אָבער ר׳ דאָדיע קוקט אפילו נישט אין זיין זייט. אַ מענטש וויל הנאה האָבן פון שבת און קען נישט? טו זאָל ער! אָבי „מיר״ ווייסן וואָס צו טאָן, און יוצא.

— מיר האָבן בקבלה — זינגט ער ווייטער מיט אַ קלוגינקן שמייכעלע — אַז געהאַקטע לעבער איז גוט מיט אַ ביסעלע כריין. וואָרום געהאַקטע לעבער קלעפּט זיך צום גומען און אַ ביסעלע כריין מאַכט דאָס זאַפטיק און גליטשיק און באַטעמט, אַז... עס צעגייט אין מויל...

— אַ ביסעלע כריין, אַ ביסעלע כריין! — הויבט זיך אָן גלייך צו טומלען דער בעל־תשובה און גיט אַ ליאַפּע פון דער פולער כריינניצע צו זיך אין טעלער אריין, פאַרשפּריצט אַן אויג און גיט אַזש אַ געשריי

פון ווייטיק. ניין, אויף אַזאַ סאָרט „באַטעמטקייט" האָט ער זיך כלל נישט געריכט.

— נישקשה, ס'וועט גאַנץ זיין! — טרייסט אים דאָדיע פון טיפער זאַטקייט און אַן אַ פּיצל רחמנות. — און איצט, ר' ניסן, וועלן מיר טאַקע אַראָפּשווענקען די געהאַקטע לעבער מיט אַ קעלישאָק... לאָמיר זאָגן... נאַליוועקע! ניין, חס־ושלום. מיט סליוואָוויץ! נאַליוועקע איז צו זיס.

אין דער ראָל פון אַ שבתדיקן גאַסטראָנאָם, וואָס פירט אָן מיטן טיש און לערנט די דיעכטיאַרניקעס ווי צו לעבן אויף דער וועלט, בליט ר' דאָדיע אויף. עס קומען אָן פרישע כוחות פון גוטער פאַרדייאונג. און ביסלעכווייז, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, ווערט ער פון דער לערע אַריינגעצויגן אין דער שבתדיקער אכילה צום דריטן מאָל, און פּאַקט אויף ביידע באַקן, אַז עס גייט אַ רויך. אַז מען קייט זיך איין, קייט מען שוין. אַ דריטער עטאַזש טשאָלנט בויט זיך אויף געזעצטע פונדאַמענטן. און ווי אַ מזמור גייען שוין דערנאָך די קוגלען. די איינגעפּרעיעטע פליישן, דער הייסער פלוימען־צימעס...

אזוי טריפּלט־אָנגעלאָדן מכל־טוב, בענטשט ר' דאָדיע אַ שלעפעריקן בענטשן און שלוקערצט און פּאַלט אויף דער באַז:

— האל אבינו, איק! מלכנו, איק! אדירנו, איק! בוראנו, איק! הוא גמלנו, אוי! הוא גומלנו, אוי! הוא יגמלנו, אוי! לעד, איק! לחן, איק! ול... אול... אול...

ביי „ולחסד" הויבט ער אָן צו שלעפלען און צו ליוליוקען, און די לאַנגע געלבלעכע נאַז בויגט זיך אים אַראָפּ פּאַוואָליע, פּאַוואָליע, אַט פּאַלט ר' דאָדיע אַריין צו זיך אַליין אין שויס אָדער ער האַקט זיך אָפּ אין טיש.

אָבער גאָט באַשאַפט די רפואה פאַר דער מכה. אין ווינקל ביים דיעכטיאַרניק גלאָצט אַן אַלט־מאָדישער שטיי־זייגער מיט אַראַבישע ציפערן. צעכריפּעט ער זיך מיטאַמאָל, ווי אַ פּאַרקילטער חזן און גיט פּאַנפּאַטע און מאוימדיק אַ קלונג, ווי אַ טורעם־גלאָק, ווי אַן אַנידער־געשליידערטע אָנגעשפּאָלטענע באַנדורע. גיט זיך ר' דאָדיע אַ כאַפּ, האַ—אַ? אין הארצן, שונאי־ישראל, רייסט זיך ביי אים אָפּ. ער הויבט אָפילו אָן מעכאַניש צו בראָקן דאָרטן ווו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט: ולחסד ולרחמים, איק! ולרוח הצלה והצלחה, איק! נאָר דער פאַרשלאָפענער מוח איז שוין ביי אים צערודערט און איז פול מיט קווענקלענישן: „איינס דער זייגער צי האַלב איינס? איינס צי האַלב איינס?..."

אויפגעשראָקן און אויסגעטשוכעט, דרייט ער אויס דעם שווערן קאָפּ נאָכן זייגער אין ווינקל.

— טצ... טצ... פּרנסה וכלכלה ורחמים וחיים, איך! ושלום וכל טוב, טצ. טצ!...

אויף שטום־לשון הייסט דאָס: נאַ, איינס דער זייגער איז נאָך דערווייליע נ י ש ט. ס'איז ערשט האַלב־איינס. פונדעסטוועגן דאַרף מען זיך צואיילן: אוי, הרחמן הוא ימלך... הרחמן הוא יתברך, איך! הרחמן הוא ישתבח... אוי־אוי־אוי! מ'עט נאָך אפשר, מיט גאָטס הילף, דערכאַפּן טשאָלנטביים נייעם נגיד אויך...

ניסן דער דעכטיארניק איז, אויסער זיין תשובה־טאָן, אַ ייד אָן חכמות. ער האַלט דערפאַר ר׳ דאָדיען נישט אָפּ, ער נודיעט אים נישט, אַזוי ווי דער גבאי ר׳ ישראל. כאָטש ער און לאַנע זיין ווייב ווייסן גאַנץ גוט, אז ר׳ דאָדיע, זייער אורח, לאָזט זיך אַצינד אוועק, מיט די לעצטע שבתדיקע כוחות, אין אַ נייעם געפערלעכן וועג פון טשאָלנט. אדרבא, ער, דער בעל־תשובה, פילט מיט אים מיט, און העלפט אים מיט גרויס שמחה און מיט וואָס ער קען אין אַזאַ ענג־שבתדיקער אונטערנעמונג. הלואי זאָל אים נאָר דער רבונו־של־עולם העלפן, ווי ער העלפט ר׳ דאָדיען צו פאַרדינען אזוי פיל מצוות אין איין שבתדיקן טאָג...

פון גרויס אנערקענונג פאַרלויפט ער אים דעם וועג. לאַנע די דיעכ־טיארניצע דערלאַנגט די דעליע, און דער דיעכטיארניק העלפט ר׳ דאָדיען אָנציען די דעליע אויף די קרומלעכע פון דריי טשאָלנטן אַראָפּגעוויגענע אַלטיטשקע פּלייצעס.

אַזוי ווערט ר׳ דאָדיע באַגלייט פון ר׳ ניסנס און ניסלעכעס ברכות ביזקל טיר, אַריבערן שוועל און אַראָפּ גאַניק, אַלץ פאַרן כבוד וואָס ער האָט זיי פאַרשאַפט און פארן חסד וואָס ער האָט זיי דערוויזן, צו עסן מיט זיי ביי איין טיש און צו לערנען מיט זיי הלכות־טשאָלנט און הלכות דרך־ארץ. ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר נישט ערגער. אָמן!

פריש און מיט אַ גוט געמיט שפּרייזט ר׳ דאָדיע אַרויס פונעם בעל־תשובס הויז. כאָטש די צענדליקער געריכטן, וואָס ער האָט דאָ אריינגענומען אין זיך, האָבן זיך אַ ביסעלע אָפּגעגעבן מיט דיעגעכץ און דריקן אים אַצינד אין אינגעווייד; און כאָטש דער באלכסון פון זיין אַלטיטשקן וווקס איז איבערגעבויגענער געוואָרן פון דער משא וואָס וועגט אים אַראָפּ אונטער דער קאַפּאָטע... אין האַרצן ביי אים טאַנצן אָבער אַ „דאַנקען גאָט״

וואָס ער איז אַזוי פריילעך איבערגעקומען דעם דריטן טשאָלנט און וואָס ער גייט נאָך אַזוי האָפּערדיק צום פּערטן. נישקשה! דער וואָס האָט געענטפערט דניאלן אין לייבן־גרוב וועט אים אויך דאָס מאָל ענטפערן.

שבת ביים נייעם נגיד

.1

ווער עס איז חושד, אפילו אין מינדסטן פינגערל, אז ר׳ דאָדיע פאַרקירעוועט נאָכן בעל־תשובה, צו זיך אַהיים צוצושפּאַרן זיך, נאָך אַזאַ הייליקער „עבודה״ וואָס ער האָט אָפּגעדינט לכבוד שבת, דער איז, במחילה, אַ גרויסער לעקיש און איז גאָרנישט ווערט מ׳זאָל אים דערציילן ר׳ דאָדיעס ווייטערדיקע טשאָלנט־אַוואַנטורעס. אַז מען שמועסט „פּיר־מאָל־צאָלענט״ איז פּיר מאָל, נישט דריי מאָל. און אַז מען וועט זיך דינגען פון זונטיק ביז פרייטיק, וועט מען, ביי ר׳ דאָדיען, בשום־אופן נישט אַראָפּדינגען קיין איינציק גריבעלע פון פערטן מאָל טשאָלנט. און ווער עס גלויבט נישט, דער זאָל לייענען די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

ווער־זשע, אַ שטייגער, עסט דאָ אַזוי שפּעט טשאָלנט, בשעת די גאַנצע שטאָט כראָפּעט שוין אין די פאַרבעטע בעטן, די מאַנסבילן אין די זיידענע יאַרמולקעלעך און די ווייבער אין די אויסגעגייטע קופּקעס? זאָל מען וויסן זיין, אַז ס׳איז נישט קיין אנדערער, ווי ר׳ חיים דער נגיד, וואָס אקעגן די יאַטקעס.

ערשטנס הויבט זיך ביים נייעם נגיד אָן דער שבת, פּונקט אַזוי ווי די וואָכעדיקע טעג. דאָס הייסט, ער שטייט אויף שפּעטער ווי אַלע אין דער גאנצער שטאָט, טרינקט טיי מיט מילך און מיט סוכאַריקלעך שפּעטער ווי אַלע, גייט דאַוונען אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, ווען דער עולם שטייט שוין דאָרטן צו מוסף. על־פּי־רוב פאַלט ער אַריין אין דער צווייטער שבתדיקער „קדושה״ און האָצקעט זיך מיט, אין זיינע געפּאַסקעטע נגידישע הויזן: „האָץ־האָץ־האָץ, יהוה צבאות מלא כל הארץ כבודו״...

איז שוין קיין וואונדער נישט, וואָס בשעת ער קומט צוריק אהיים קריכט אים נאָך קיין ביסן נישט אין האלדז, און זיין הויז־געזינד — אַוודאי און אַוודאי נישט. וואָרום יענע שטייען אויף נאָך שפּעטער פון אים,

און גייען קיין דריי טריט פון שטוב נישט אַרויס און מעלה־גרהן זיך אָן, מיט זיסע פלעצלעך און מיט מאַנדלען־בייגעלעך, ליגנדיק אין די בעטן.

צווייטנס קומט אַזאַ פּאַרשפּעטיקטער טשאָלנט־עסן פון גרויס נגידישקייט און פון פּוסטע בלאָזעניש. ר׳ חיים און די היימיכע זענען דאָך עפּעס די נייע נגידים. האָבן אודאי צוואַנציק טויזנט רובל, זאָגט מען, אין מאָהליוועווער באַנק אויף „פּריצענט״. היינט וויאַזוי־זשע זאָלן זיי אַרויסווייזן זייער נגידישקייט, אויב נישט מיטן טאָן קאַפּויר דאָס וואָס אַלע טוען? די קבצנישע קישקעס פון גאַס, די זשעדנע קרעמער און שלעפּער קענען זיך גאַרנישט דערוואַרטן אויפן שבת און אויפן קוגל מיט שמאַלץ; און ווי נאָר מען קומט אהיים, פון מוסף, כאַפּט מען זיך צו צום פרעס, ווי די בעטלער אויף אַ חתונה. אָבער איך, חיים פון אַקעגן די יאַטקעס בין מיר דאָך עפּעס אַ „ריסטאָקראַט״ מיט אַ מילכיקן פליך, מיט איינגעפּאַלענע שלייפן און מיט צוויי געווייסטע קוימענס אויפן דאָך און מיין ווייב מיטן גאַליקן פּנים איז דאָך עפּעס אַ „ריסטאָקראַטקע״ און די טאָכטער מיינע, מיט די באָמבעלעך אין די אָפּגעצויגענע בלייכע אויערן, איז דאָך עפּעס אויך נישט ווי אַלע קבצנישע טעכטער, און מיין בחורל מיטן פאַרקאָטערטן נעזל גייט דאָך אין שקאָלע און וואַקסט אַן איידעלע זאַך. וועלן מיר אַלע, מיט גאָטס הילף, נישט שטאַרבן פון הונגער אויב מיר וועלן זיך זעצן צום שבתדיקן טיש, ווען אַלע קבצנים וואַשן זיך שוין די פאַרפעטסטע וואַנצעס מיט „מים אהרונים״... יאָ, נישט פריער ווי צוועלף אַזייגער זעצן מיר זיך צום טיש און טוט אונדז עפּעס!

אין דער אמתן איז אָבער אָט דער גאַנצער פאַרשפּעטיקטער פּאַראַד, מיט אַלע סימנים פון „ריסטאָקראַטיע״, נאָר אַן אָנשטעל אַזאַ, אַ פאַלשער תירוץ און אַ פאַלשע בלאָזעניש אקעגן די, אזוי גערופענע, קבצנים פון גאָס, מיט די טיפע קישקעס און מיט די געזונטע מאָגנס און מיט די שבתדיקע אַפּעטיטן. אין דער אמתן איז דאָס אַ געצוווּנגענער אריס־טאָקראַטיזם...

וואָרום, אז גאָט אליין נעמט צו דעם אַפּעטיט, וועט דאָך אייך נישט העלפן דער גאַנצער פּאַראַד. איר מעגט אייך אָפּלייגן דעם טשאָלנט אייערן אויף ווי שפּעט איר ווילט, אַפילו ביז „שלש־סעודות״, וועט אייך דאָך, צווישן אונדז רעדנדיק, אויך נישט העלפן. און כך הוה: אַפילו נאָך צוועלף דעם זייגער זעצט זיך אויס דעם נייעם נגידס משפּחהלע צום טיש, ווי פאַרמשפּטע. אַלע מחיהדיקע מאכלים און שיינע געריכטן, וואָס

ריקליע, די געטרייע דינסטמויד. האָט אָנגעקאָכט און אָנגעבאַקט און אָנגעגרייט פון ערב שבת אָן און וואָס מיכאלקע, דער סטאַראָזש, דערלאַנגט צום שבתדיקן טיש, אין ברודיק־ווייסע וואָלענע הענטשקעס, איז פאַר דער גאַנצער נגידישער משפחהלע נישט קיין עונג־שבת, נאָר אַן אָפּקומעניש. ביי אַלעמען בורטשעט נאָך אין די אָפּגעצויגענע בייכלעך פון מיטוואָכדיקע עסנס און מיט די דאָגערשטיקע רפואות וואָס מ'האָט גענומען... נישט אומזיסט זינגט מען זיי נאָך, די נגידישע אויסגעצויגענע נעזלעך מיט די בלויע אָדערלעך:

אין דער פרי הייסע מאַרציפּאַנעס
און פאַרנאַכט — קאַלטע קאַנעס!
בייטאָג בייגעלעך מיט מאַנדעלעך
און נאָך מעריב — הוסטעלעך מיט צוקערקאַנדעלעך.

שטופּט מען דערפאַר אויך שבת צו וואַרעמעס די זילבערנע גאָפּעלעך און מעסערלעך, מיט אַ פּריקרער מינע, אין כלערליי טייערע געריכטן, און עסן עסט מען נישט. מיט די נערוועאישע, אָפּגעבלאַסטע פינגערלעך ברעקלט מען די „המוציאס" גאָלדיק־ווייסע חלה אויף צוקער, אייער און ראָזשינקעס געבאַקן, אַז אַ זייטיקן מענטשן קערט דאָס פון דער נשמה, און צום מויל דערטראָגט מען נישט. ס'איז טאַקע אַ גאָטס רחמנות נישט קיין נגידישקייט. און מקוים איז געוואָרן מיטן נייעם־נגידס משפחה דאָס, וואָס מען דערציילט וועגן יענעם גוי. אַז ס'האָט זיך אים געחלומט „קיסעל"* מיט זיסע סמעטענע, האָט ער נישט געהאַט קיין לעפל, האָט ער זיך באַזאָרגט מיט אַ לעפל צוקאַפּנס, האָט זיך אים מער נישט געחלומט קיין „קיסעל".

ריקליע, די געטרייע דינסטמויד און גוטע קעכין, מוז אַלע שבת צוקוקן, מיט האַרץ־ווייטיק און קאָפּ־שאָקלעניש צוקוקן, מיט וואָס פאַר אַ זויערע און געזאַלצענע מינעלעך דעם נייעם נגידס משפחהלע ברעקלט און פאַטשקעט און צעשטעכט די קוגעלעך און טייגעכצלעך און פוכקע קניידעלעך וואָס זי האָט פאַר זיי, ערב שבת, אָנגעגרייט מיט אזוי פיל מי און האָרעוואַניע. און טאַקע אַזאַ געלטעריי וואָס מען וואַרפט דאָס אַרויס אַלע שבת אין בלאָטע! אַלס אַ פּראָסטער מענטש מיט געזונטע אַפּעטיטן קען זי גאָרנישט פאַרשטיין, ווי מענטשן פאַרגינען זיך עס, וואָך־איין וואָך־אויס, קאַליע צו מאַכן אזוי פיל גוטע זאַכן, צו באַברען

* אַ מין רוסישער קאָמפּאָט פון זשוראַווינעס, צוקער און קראָכמאַל.

זיך, ווי דעם מילנערס חזירים, אין אַזוי פיל שיינע שפּייזן און נישט הנאה־האָבן...

אין טאָקע נישט אַלע מאָל קומט זי אָפּ מיט קאָפּ־שאָקלעניש און הארץ־ווייטיק אליין. נישט אלע מאָל גייט דאָס אריבער מיט בלויז צעפּאַטשקען און צעגריבלען דאָס אָנגעקאָכטע און אָנגעבאַקטע און אָנגעהאַקטע, גאַנץ אָפּט מאָל, שבת צום פאַרשפּעטיקטן ווארמעס, גייט דאָס איבער אין פאַרוווּרפן און שטעכלעך אָקעגן ריקליען. זי, הייסט דאָס, איז שולדיק, וואָס דער גאַנצער משפּחהלע קערט די גאָל פון אַלע גוטע געריכטן. די טענות גיסן זיך אויס אין אַלערליי ווערטלעך און שטעך־ווערטלעך, אָנהויבנדיק מיט דער גאַליקער „באַלעבאָנדע” און ענדיקנדיק מיטן שטענדיק־פאַרסמאַרקעטן שקאָלע־בחורל:

— פאַרוואָס די גאָגעלעך איבערגעזאַלצן?

— מער, אָפּנים, קיין זאַלץ נישט געווען אין קיך...

— פאַרליבט, ווייזט אויס...

— א י ר אז מען גיט שמאַלץ... היגערשע שמאַלץ.

— קיין געגוג האָט זי נישט און קיין סוף ווייסט זי נישט... און... און...

— מ׳עט מוזן פאַרשליסן די שמאַלץ!

— דראַפּעט אין האַלדז פון פעפער!

— וויפל מאָל מ׳האָט איר געזאָגט!

— איבערגעטריקנט די בולבעס אין אויוון...

— גיי, עס קאָרזשעס!

— געפּרעיעטע אָפּצאַסן...

— לאַקריץ מיט קובעבע איז דאָס, נישט קיין ראָזשינקע־קוגל...

— אַז מירן ווען עסן סאַק, ווען מיר עסן פון סלאַי, נישט פון טייגעכץ...

— רעד היינט, רעד מאָרגן, ס׳וועט איר שוין נישט העלפן!

שטעלן זיך ריקליען די טרערן אין די אויגן פון אזעלכע אָנצוהערעניש.

— באַלעבאָסטע, — רעדט זי און דער קין ציטערט איר — אז די קינדער האָבן זיך צום טיי אָנגענאַשט מיט... מאַנדל־בייגעלעך, די קינדער...

— איז וואָס פאַרגינסטו זיי נישט? — ווערט די בייע נגידעכע גאַליק און אָנגעשטויסן אויף אַזעלכע טענות פון אַ דינסטמויד.

— ווער פאַרגינט זיי נישט, באַלעבאָסטע? נאָר ווי אזוי זאָלן זיי אַצינד עסן בולבעס, ווי אזוי?

— גיי שוין גיי! — טרייבט זי דער נייער נגיד אליין פון עס־צימער — האָט זיך דאָ צערעדט!

ווערט שוין ריקליע צערייצט און עפנט אַ מויל:

—קאַליע געמאַכט זיך די מאָגנס, און מיר נעמט מען אַרויס דעם געזונט. ביי לייטן שבת...

און גייט ווייבעדיק אוועק צו זיך אין קאַך־שטוב. און מיכאַלקע דער סטאָראָזש בלייבט דאָ שטיין, אינמיטן שטוב, ווי גרויס ער איז, מיט אַ צעפּאַרעטן פויערישן פנים. צעפירט און צעפינגערט מיטביידע גרויסע לאַפּעס אין די ברודיק־ווייסע העגטשקעס, וואָס זעען אַציגד אויס איבעריק און אויסטערליש, נישט אויפן אָרט און נישט אין דער ריכטיקער צייט. און ס׳איז אַ גאָטס רחמנות אויף אים אויך.

.2

די זאַטע פאַרשלאָפנקייט און פריקרעקייט, אינעם נייעם נגידס משפּ־חהלע פרישט זיך אַ ביסל אָפּ ווען מען דערזעט דורכן פענצטער דעם גרויסן טשאָלנט־אַכלער.

— ר׳ דאָדיע „פיר מאָל צאָלענט" גייט! — שרייט אימיצער אויס,

און אַלע שפּרינגען אויף פון די אויסגעוואָרעמטע ערטער, ביי די גודנע אַנגעפּילטע טעלער, און לויפן קוקן. עפּעס ווי אַ קיל ווינטל וואָלט אַ בלאָז געטאָן אין דער פאַרשפּאַרטער לופט. די פאַרהאַנגען רוקן זיך פאַנאַנדער, קעפּלעך טוליען זיך, ליטקעס שטויסן זיך און אין די שויבן קלאַפּן בלאַסע, בלוט־אָרעמע פינגער:

— ר׳ דאָדיע! ר׳ דאָדיע! ר׳ דאָדיע!

מען טוט עס נישט אַזוי צוליב גרויס הכנסת־אורחים ווען ווי פון מאַטן ווילטאָג, צו האָבן שבת בייטאָג אן אומזיסטן טריאַטער, אַנידער־צו־זעצן ביי די פולע צעקאַלופּעטע טעלער אן אויסטערלישן אַכלער, צו קוקן און צו באַוואונדערן מיט נישט־פּאַרגינערישע אויגן, ווי אַ זקן אַ ייד זיצט און פּאַקט אויף ביידע באַקן, נאָך דריי אויפגעגעסענע אַנדערע טשאָלנטן, בעת זיי יונגע מענטשן, וואָס האָבן אָקאָרשט אָנגע־הויבן צו לעבן און עסן טשאָלנט אויף דער וועלט, זיצן ווי די אבלים ביי די זעלבע טעלער און עס קריכט זיי פון די דאַרע העלדזער צוריק. און אגב־אורחא, צוקוקנדיק אַזוי אַזאַ מין וואונדער און איבער־ווינקענדיק זיך, קריגט מען טאַקע אמאָל אויך דעם חשק אַ פּרוּוו צו

טאָן דעם שלימזלדיקן אַפּעטיט, אַ פּרווו צו טאָן צי עס גליטשט זיך שוין צי נישט, אַזוי ווי ביים אַלטן... אין אַזאַ שבת־שפּיל זענען די יונגע אַזוי ווי די אַלטע אייניק. ווייל אַלע האָבן זיי נויטיק אַ קיבעץ צו טאָן אַ ביסעלע, אָפּטרייבן די זאַטע נישט־גוטקייט.

דאָס איז אייבס. און צווייטנס... יאָ, צווייטנס איז דאָך טאַקע אַן עבירה אַרויסצוואַרפן אַזוי פיל גוטע געריכטן. מיכאַלקען, דעם גויאישן סטאַראָזש, פאַרגינט מען פּאָרט נישט. וואָרום וואָס פאַרשטייט אַ חזירישער שנוק אין שבתדיקע געריכטן און טשאָלנט? טו זאָל שוין בעסער אַ ייד הנאה האָבן.

צעפּויקט מען זיך אין די שויבן און מען ווינקט גאָר פליסיק:

— ר׳ דאָדיע! ר׳ דאָדיע!

הימל און ערד און ר׳ דאָדיע.

נאָר דער אַלטער איז אויך נישט קיין שוטה אַ ייד. ער ווייסט אין האַרצן וואָס עס באַדייט אַזאַ פינגער־קלאַפּן, פון די יונגע ליידאַקעס אינעם נייעם נגידס הויז. ער ווייסט, אַז ס׳איז נישט פון פריינטלעכקייט ,נאָר פון שקאָצעוואַטער בייגעריקייט. מאַכט ער זיך, אַז ער הערט נישט און גייט כלומרשט ווייטער זיין וועג. צוהינקענדיק אַ קאַפּעלע מחמת דער מיט־געשלעפּטער משא פון דריי גאָך נישט־פאַרדייעטע טשאָלנטן, צוקרעכצנדיק און צעשלוקערצנדיק, טראָט ביי טראָט. ביז די נגידעכע אַליין ציט אָוועק אַ פאַרהאַנג, רייסט אויף אַ פענצטער און, מאַכנדיק אַ זיסע מינע אויפן גאַליקן פנים, צעזינגט זי זיך אויך:

— ר׳ דאָדיע, ר׳ דאָדיע!

שטעלט זיך שוין ר׳ דאָדיע אָפּ. פון דער לאַקריץ־זיסקייט אויף דער נגיד׳עכעס פנים מיט די גריגלעכע אויגן־ווייסלען באַקומט זיך עפּעס נישט קיין זייער געשמאַקער אויסדרוק, אַ מין טעם פון הערינג־ראָסל מיט האָניק. נאָר אַ נגידעכע איז פּאָרט אַ נגידעכע! דעם נייעם נגידס פלוניתטע אַליין רופט אים, דעם געוועזענעם שמש, — איז דאָס נישט גלאַט אַזוי, אויף צופלייסן. ס׳איז אַן ערנסטע זאַך. טו לאָמיך הערן וואָס זי וויל, לאָמיך!

— אַ גוט שבת אייך, באַלעבאָסטע! — גיט צו איר דאָדיע אַ שאָקל מיט זיין אייגגעבויגענעם סיווע־באָבערדלטן קאָפּ. און אין זיין „גוט שבת״ קלינגט דאָ אי דרך־ארץ פאַר אַ גבירנטע אי אַ כיטרער פראַגע־צייכנדל. ס׳הייסט: איר מאַכט אַן אָנשטעל ווי אייער חברה־ליידאַקעס, צי איר מיינט דאָס מיט אַן אמת?

— אפשר... ר׳ דאַדיע, וועט איר אַ ווײַלע ארײַנגײן? — טריפט די נגידעכע מיט האָניק און גאַל פון די ליפּן.

— אַ—אַרײַנגײ—ײן! — איז זיך ר׳ דאַדיע מישב הויך אויפן קול און שאַרט זיך, פונדעסטוועגן, מיט זײַן „דעליע״ נענטער צום גאַניק.

— פאַרזוכן אַ ביסעלע טשאָלנט! — שאָקלט צו אים די נגידעכע פון פענצטער און באַמיט זיך אויסצודריקן אויף איר גרינעם פּנים גוטסקייט און שבתדיקן נחת אויף וויפל זי איז נאָר בכוח.

— אַ ביסל טשאָ—אָלנט?... חזרט איבער ר׳ דאַדיע און קראַצט זיך מיט איין רעכטן פינגער אין דער לינקער סיווער פאה.

און באַלד גיט ער דעם זעלבן פאַרטאַבאַקטן פינגער אַ שטעק ערגעץ־ווו אָן אַ זײַט, אַ ווײַז־אָן מיט אים נישט צום אויבן, נישט צום אונטן, נישט אין צפון, נישט אין דרום:

— שוין אַפילו... איק! געווען געגעסן, אַ־אַ דאָס... אַ... איק! אַ ביסל טשאָלנט...

אויפן גרינעם גאַניק לויפט אָבער אַרויס דער נייער נגיד אליין. זײַן פליך לויכט ווי אַ קיילעכדיקער קעז און, פאַררײַכטנדיק די ברילן, גיט ער אונטער זיי כיטרע אַ בליאַסק מיט זײַנע קליינטשינקע אויגעלעך צו זײַן „פלאָימע״ אין די פענצטער. ס׳הייסט: לאָזט מיך, אָקאָרשט, און איר וועט באַלד זען וואָס דאָ וועט זײַן!

— סטייטש, — מאַכט ער — ר׳ דאַדיע, איר זאָלט אונדז וועלן פאַרשעמען! מיר וואַרטן דאָך אויף אײַך...

— כ׳ווייס — לאָזט זיך ר׳ דאַדיע איבעררעדן, — אפשר... איק! ווײַלע... הייסט דאָס, לכבוד... איק! לכבוד שבת.

— אַודאי, אַודאי, לכבוד שבת! — שאָקלען צו אים: דער נייער נגיד פון הויכן גרינעם גאַניק אַראָפּ, די נגידעכע אין אָפענעם פענצטער און הינטער איר די „פלאָימע״ אירע, די טאָכטער מיט די באָמבעלעך, דער שקאָלניק מיטן שטענדיק פארקאטערטן נעזל.

און ווען זיי בויטשען נאָך אַלע אַזוי מיט די בלוט־אָרעמע קעפּלעך, קריכט שוין ר׳ דאַדיע קרעכצנדיק און שלוקערצנדיק אויף די טרעפּלעך פון נגידיש הויכן גאַניק. ער טראָגט אַ משא אונטער דער זשופּיצע און איז מוכן־ומזומן ארײַנצונעמען אין זיך נאָך אַ שטיק משא — קרעכצט ער אונטער. ער זעט דאָך זייער גוט, אַז דאָס קאַטאָוועס־טרײַבן שפּילט דאָ אויך אַ ראָל, פונעם נײַעם נגידס ווײַסן פליך איז אים אַ ביסעלע ניט־גוט ווי פון קעז נאָך פליישיקס. איז נעם־זשע און פאַרקערעווע אַהיים!

גיין אָבער! דער בעל־דבר פון טשאָלנט־עסן איז שטאַרקער פון אים. ער בויגט אים אַראָפּ זיין האָנאָר. אַ מין ספּעציעלע ליידנשאַפט פון קוגל־ספּאָרט טרייבט אים, ר׳ דאָדיען, צו שלאָגן רעקאָרד. מעג עס דונערן און בליצן און מעגן אלע נייע גגידים אויף דער וועלט פּלאַצן פון איינגעהאלטענעם געלעכטער. און... צווישן אונדז זאָל דאָס בלייבן, אַ שטיקל ראָל שפּילט דאָ טאַקע דער געניסער אויך. ר׳ דאָדיע ווייסט פאָרט, אַז דאָ, ביים נייעם נגיד אין שטוב, וואַרט אויף אים דער בעסטער שבתדיקער נומער, די שענסטע פּראַגראַם פון געריכטן, איידל־געווירצטע, צעלייגטע אויף פיינינקטע טעלערלעך, צעפּעכערטע אין שיינע חלקימלעך און צעגלאַנצטע אין כלערליי פּעטינקע קאָלירן. באַדויערט ער גאָר טיף אין אלטן הארצן, וואָס ער איז שוין אזוי אַנגעפּאַקט מיט אַזוי פיל גראָבע טשאָלנטן ביים דיעכטיאַרניק און ביי זיין אייגענער שנור אין דער היים. און די שבתדיקע הנאה, וואָס ער וועט דאָ, ביים נייעם נגיד, הנאה האָבן וועט שוין מער נישט זיין אַזוי פריש און אַזוי גאַנץ. איז מילא... אויף אַ גראָבן קוגל פון נאָך עפּעס אַ בעל־תשובה וואָלט ער געוויס מער קיין פרייען אָרט נישט געפונען, אָבער דאָ, ביים נייעם נגיד, ווו ריקליע איז די קעכין, ווו אַלץ איז נישט צו פעט און נישט צוגעזאַלצן, ווו אַלע געריכטן זענען פּוכקע און קרוכלע און זאַפטיק און צוגעברוינט אויף הינערשע שמאַלץ און צעגייען אין מויל. איז כלל נישט אַזוי געפערלעך. און „הגותן ליעף כוח...״ דער רבונו־של־עולם, וואָס גיט כוח אַלע פאַרשמאַכטע, וועט אים מסתמא אויך נישט פאַרלאָזן.

בכלל, דאַרף מען וויסן, איז ביי ר׳ דאָדיען איינגעטיילט דאָס טשאָלנט־עסן אין צוויי קאַטעגאָריעס. די ערשטע קאַטעגאָריע איז אַ גראָבלעכע אָבער אַ האַרציקע. אין דער היים, ביי דער אייגענער שנור און ביי ר׳ ניסן דעם דיעכטיארניק. די געריכטן זענען דאָרטן נישט געצאַצקעטע, געדיכטע און פעטע, אָבער געווירצטע מיט גוטסקייט, מיט קרובה׳שאַפט און מיט אמתער גאַסט־פריינטשאַפט. און דאָס מאַכט זיי אַזוי אַפּעטיטלעך, אזוי מחיה׳דיק.

די צווייטע קאַטעגאָריע איז א קילע, אָבער אַן איידעלע. צוגעמישט אַ ביסעלע מיטן ביטערלעכן בייגעשמאַק פון חוכא־וטלולא, אָבער די פיינקייט פון די טעמים קויפט דאָס אויס. דאָס זענען די טשאָלנטן ביי ר׳ ישראל דעם גבאי און ביים נייעם נגיד. מער נייגעריקייט איז ביי זיי דאָ ווי הארציקייט. דערפאַר אָבער זענען די שפּייזן זייערע גאָר געהויבענע, אויסדערוויילטע. נו, אַלץ אויף איין מאָל קען מען דאָך נישט

האָבן! ביי יעדערן ווערן די באַזונדערע חסרונות אויסגעפּילט מיט באַזונדערע מעלות. אין דער אונטערשטער שורה גלייכט זיך עס אומעטום אויס. און אומעטום לוינט זיך אויף אַזאַ, אָדער אויף אַן אַנדערן אופן מקיים צו זיין די גרויסע מצוה פון טשאָלנט ביזקל סוף.

אַרויפגעשלעפּט דעם אַלטן בויך, מיט די דריי אַריינגעפּאַקטע שבת־דיקע וואַרמעסן אויפן הויכן נגידישן גאַניק, לויפט אים אַרויס אַנטקעגן די גאַנצע חברהטשקע, דעם נייעם נגידס, מיט די אויסגעצויגענע פּנימער און מיט די אויסגעוואַקסענע בלוט־אָרעמע נעזלעך. מען באַגעגנט ר׳ דאָדיען מיטן שבתדיקן טומל און מיט פריילעכן רעש. אין דער אמתן אָבער — מיט זשעדנער נייגעריקייט און מיט צעפּיעשטשעטער אומגעדולד. ס׳איז די קליינשטעטלדיקע נייגעריקייט פון בנים־יחידים צו אַן אָנגע־פּאַרענעם צירק מיט אַ קעמל אין שפּאַן.

— גוט שבת, ר׳ דאָדיע! ר׳ דאָדיע, גוט שבת אייך!

וועמעס פּנים עס לויכט באמת אויף און צעשטראַלט זיך מיט גוטהאַרציקייט און מיט גוטן ווילן, דאָס איז ריקליע דער קעכינס פּנים. זי פרייט זיך מיט אַן אמת, וואָס דאָ קומט אָן אַ זקן אַ פּאַכמאַן אַ גרונטאָוונער קוגל־עסער און טשאָלנט־פּאַרזוכער. איז אדרבא, זאָל ער אָקאָרשט זען. צי ס׳איז איבערגעזאַלצן, צי ס׳איז איבערגעזיסט, צי ס׳איז איבערגעפּרעיעט און איבערגעפּעטסט, אָדער די נגידישע קישקעס זענען פאַרדאָרבן און די איידעלע מיילעכלעך זענען פאַרשליימט פון צופיל נאַשערייען? זאָל ר׳ דאָדיע „פּיר־מאָל־צאָלעגט״ בכבודו ובעצמו זאָגן מבינות און זאָלן טאַקע די נגידישע צעקראָכענע נפשות בלייבן מיט אַ לאַנגער נאָז.

קוקט נישט, ר׳ דאָדיע, קיינעם נישט פון די צעיושעטע קליינוואַרג אין די נייגעריקע אויגן, אויסער דער גוטהאַרציקער ריקליען מיטן שבתדיקן ברייטן שמייכל, וואָס איז, דאַכט זיך, אויסגעלאַקט מיט קוגל־פּעטס, און זאָגט אַזוי:

— גוט שבת, גוט יאָר, קינדערלעך. איך! איר האַלט שוין... איך! גאָר ווייט, האַלט איר מסתמא...

— אָקאָרשט אָנגעהויבן, אָקאָרשט אָנגעהויבן! — ליאָרעמט דעם נייעם נגידס חברהטשקע. איינער דעם צווייטן שרייען זיי אַריבער און טומלען זיך אַרום ר׳ דאָדיען מיט זיין „דעליע״. ס׳הייסט: דער

אַלטער טשאָלנט־פּרעסער האָט טאַקע פּחד, אַז מ׳האָט שוין אַלץ אויפגעגעסן
אָן אים... כי־כי־כי!

און די לעצטע, גרעסטע און געשמאַקסטע סדרה־טשאָלנט הויבט זיך
אָן פאַר ר׳ דאָדיען,ביים נייעם גגיד אין שטוב, פּונקט אזוי, ווי ביי
די פריערדיקע פארערער פון זיינע אויסערגעוויינלעכע טאַלאַנטן. די
זעלבע צערעמאָניע, דער זעלבער אָנהויב.

ר׳ דאָדיעס פערטער טשאָלנט

1.

— איק! על כן ברך ד׳ את יום „הסביעי״ וי... איק! „ויקדסהו״...

טאַקע אַמאָל אין אַ גאָווינע, און פון סאמע אָנהויב אָן! דאָס מאַכט ר׳ דאָדיע קידוש צום פערטן מאָל. און דער נגידישער בעכער שטייט אויף זיין געלבלעכער דלאָניע ווי אַ בן־מלך, אונטערגעשפאַרט מיטן גראָבן פינגער. פון אינווייניק איז דער בעכער באַגילדעט מיט רויטלעכן גאָלד און פון דרויסן — מיט בלאַסן גאָלד. און באַקריצט איז ער מיט כלערליי צאצקעס, און פול איז ער... ניט מיט וואַסערדיקן ראָזשינקע־וויין, ווי ביים גבאי, און נישט מיט פראָסטן בראָנפן, ווי ביי דער שנור, נאָר דוקא מיט געדיכטער שמעקעדיקער קאַרשן־נאַליווקע. ר׳ חיים איז דאָך עפּעס דער נייער נגיד אין שטאָט, מוז ביי אים אַלץ זיין קאַפּויער. אַלעמען אויף צו־להכעיס — יום־טובדיקע נאַליווקע.

ברוך אתה הד׳ „סהכל״ נ...נ...נ... איק! נהיה בדב־אָ־אָ־רו!

אַזוי פאַרענדיקט ר׳ דאָדיע זיין פערטן קידוש, שטייענדיק מיט דער „דעליע״ אויף די פּלייצעס, ווי אַ גענעראַל אין לאַגער, בשעת עס בלאָזט אַ קילבלעך ווינטל.קלינגט טאַקע ביי אים דער סוף קידוש מיט אַ רחבותדיקער פאָנפע פון אַ קאָמאַנדיר, בשעת אַ „סמאָטר״. דאָרטן — חילות, דאָ — דער געגרייטער טיש. דאָרטן: „זדראָוואָ רעביאַטאַ!״ דאָ — „נהיה בדבאָ־אָ־אָרו״! אין דער דאָזיקער ברייטלעכקייט איז דאָ אויך אַ שטיקל אַרויספאָדערונג צו דעם נייעם נגידס נישט־ערנסטער יונגוואַרג. ס׳הייסט: איר יונגאַטשעס זענט טאַקע דעם נייעם נגידס יורשים, אָבער ווי צו האַלטן שבת ווייס איך אַ שפּאָר ביסל בעסער פאַר אייך — „בדב־אָ־אָ־אָרו!״

אָפּגעמאַכט דעם שיינעם קידוש גיט ער זיך, מיט דער דעליע אויף די פּלייצעס, פּונקט אַזוי ברייטלעך אַ זעץ־אריין אין פּליושענעם אונטער־

געשטעלטן שטול, גיט אַ קליינעם זופ, דערנאָך אַ טיפּערן; און דערקוויקט זיך גלייך מיט דער נאַליווקע, וועלכע איז נישט צו שטאַרק און נישט צו שוואַך און גיט זיך אָפּ מיט פּסחדיקן ספּירט און מיט פּסחדיקן וויין צוזאַמען, און מיט אַ גוטן גערוך פון אַנהויב־זומערדיקע יאַגדעס. מ׳זאָל זיין אָנגעגעסן ווי עשו רוקט אַזאַ געטראַנק אייך פּאַנאַנדער די געדערים און מאַכט אַן אָרט פאַר געדיכטערע גוטע זאַכן...

און אין דער אמתן, גיט נאָר אַ קוק! בשעת ר׳ דאָדיע איז אַריין צום נייעם נגיד אין שטוב איז ער נאָך געווען איבערגעזעטיקט. צע־פּיעשטשעט און אַ דרימלעניש איז אים געשטאַנען אין אַלע אברים. ביי „נהיה בדברו” האָט זיך אים די צונג אַ ביסעלע פאַרקלעפּט. „נ... נ... נהיה”, אַזוי האָט ער זיך פאַרזאַאיקעט. נאָר אָט דאָס ביסל נגידישע משקה האָט אים אַ זעץ געטאָן מיט טעם און ריח אין אַלע חושים און ער האָט זיך גלייך אויסגעטשוכעט.

נו, ווי באַלד אַזוי, ווי באלד אַראָפּגעשווענקט דעם גראָבלעכן טעם פון ר׳ ניסן דעם דיעכטיאַרניקס טשאָלנט און פאַרטריבן דעם לעצטן בייגעשמאַק פון דיעגאַכץ אין זיין שטוב, הייבט צוליב וואָס זאָל דאָ ר׳ דאָדיע מאַכן איבעריקע מלאכות און נישט פאַרבייסן ווי ס׳געהער צו זיין? בפרט אז פון איין זייט פאַדיעט אַרום ריקליע די דינסטמויד מיט אַ שטראַלנדיקן פּנים, און פון דער צווייטער זייט — מיכאַלקע דער סטאַראָזש מיט וואָלענע הענטשקעס אויף די רויטע לאַפּעס, און אַקעגן אים שאָקלט צו די נגידעכע מיטן גאַליקן פּנים, און אויבן־אָן — דער נגיד מיט די ברילן. אַלע וואַרטן, הייסט דאָס, ער זאָל פאַרבייסן, ער זאָל באַווייזן וואָס ער קען. אַפילו דער שקאַלניק מיטן פאַרקאַטערטן נעזל שמייכלט מיט די אויגן, אַפילו די שוועסטער זיינע מיט די ציגענע באַמבעלעך אין די אויערן. קען מען דאָך קיין יאַלד נישט זיין, און זיך צופיל לאָזן בעטן...

און צוליב וואָס זאָלן מיר לייקענען? די פאַרבייסעכצן, וואָס מען פאַרבייסט דאָ, זענען באמת געהויבענע. געפּרעגלטע פּאָמעראַנצן, באַדעקט מיט ווייכן צוקער; געפּרעגלטע וועלשענע ניס. מיני צימעסלעך און טייגעכצלעך. און אַלץ אַזעלכע קליינינקע חלקימעלך. קדחותלעך אין ווייסינקע טעלערלעך, שיינינקע קופּקעלעך, מיט פּרענזעוואַטע, געצאַצקעטע פּאַפּירלעך אונטערגעבעט. די ראָם איז גרעסער פאַר יעדער שבתדיקער שפּייז־מאַלעריי. דאָס רייצט די צונג און די האַנט ציט זיך אליין

צום טעלער. און איידער איין פארבייסעכץ איז אַוועק, שפּרינגט שוין אונטער אַן אנדערס.

צוקוקנדיק זיך ווי ביים אַלטן טשאָלנט־אכלער קייט זיך אַלץ און מאָלט זיך און טשמאָקעט זיך און סמאקעוועט זיך, קריגט דעם נייעם נגידס געראָטענע טאָכטער חשק אַ ביס צו טאָן. זוכט זי עפּעס אויפן אָנגעשטעלטן טיש מיט די מאַטע אויגן, נאָר די האַנט גיט אַ כאַפּ פון געוווינהייט אַ מאַנדל־בייגעלע און רוקט דאָס אריין, כמעט קעגן אייגענעם ווילן, אין איר קליינעם פּיסקל. אזוי צעמעלה־גרהט זי זיך; פּערל־אויעררינגלעך, אין אירע אָפּגעצויגענע בלאַסע אויערן, צעבאָמבלען זיך. ווערט זי טאָקע זייער ענלעך צו אַ „ציג". אזוי ווי דער שקאָלע־בחור זינגט איר, ווען ער קריגט זיך מיט איר:

קאזי־קאזינע,
שהלך לגינה
ואכלה לבאָטשווינע
אמר רבינא א. א. וו.

דער שלעכטער אַפּעטיט פון דעם נייעם נגידס משפּחהלע גייט ר׳ דאָדיען גאָר ווייניק אָן. ער טוט זיך זיין זאַך. און כדי נישט צו געבן קיין איבעריקע געלעגנהייט די חברה־לצים אָפּצולאכן פון זיין כוח־האכילה און איבערווינקען זיך, מאַכט ר׳ דאָדיע נישט קיין שום לאַנגע מחזקות. ער לאָזט זיך דאָ נישט בעטן, וואַרפט פון זיך באַצייטנס אַראָפּ די „דעליע" אויף מיכאלקעס אָרעמס און, זינגענדיק און שלוקער־צנדיק, לאָזט ער זיך גלייך אוועק צום האַנט־פאַס, אין דער ברייטער, ליכטיקער קאָכשטוב.

אַ באַזילבערטע שווערע קוואָרט מיט צוויי שיינע הענטלעך שטייט דאָ אויף אַ בענקל, אונטערגעבעט מיט אַ פרישן האַנטוכל. די הענטלעך — דאָס זענען צוויי אויסגעצויגענע רוקנס פון חיות, וואָס פאַרענדיקן זיך מיט צוויי אויפגעהויבענע קעפּ פון לייבן מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער, פּונקט ווי אויפן אָרון־קודש אין בית־מדרש. צוויי זילבערנע חיות וואָס ווילן אויפשטיין און קענען נישט... אן אַלטע כלי איז די קוואָרט, וואָס דער נייער נגיד האָט ערגעץ־ווו געקויפט אַ מציאה אויף אַן אָוקציאָן. אזוי ווי דאָס רוב פון זיינע מעבל און כלים אין שטוב; צוזאַמענגעשלעפּט פון כלערליי שטעט און צייטן. און ס׳איז אַ באַזונדער פארגעניגן צו וואַשן זיך מיט אַזאַ קוואָרט. עס מאַכט זיך גאָר אַנדערש די ברכה נאָך אַזאַ

נטילת־ידים. און בשעת אָפּווישן זיך מיטן ריינעם האַנטוכל פאַרגלאָצן זיך גאָר אַנדערש די אויגן צו דער בלווילעך אויסגעקאַלכטער סטעליע.

2.

פּונקט ווי די פאַרבייסעכצן נאָך קידוש זענען ביים נייעם נגיד אַלע שבתדיקע געריכטן צוגעגרייט „בזעיר־אַנפּין", אין מיניאַטור הייסט עס. אַלץ איז פּוכקע, קרוכלע, שוואָמיק, שיין צעטיילט אויף שיינע טעלערלעך: אַלץ איז דאָ אַפּנים, אויסגערעכנט פאַר שוואַכע מעגעלעך, דאַרע העלדזעלעך, פּוילע ציינדעלעך, מידע קינבאַקן, איידעלע גערגעלעך, שמאָלע בייכעלעך און פאַרשטאָפּטע ווערטלעך. נישט צום קייען, נאָר צום שלינגען. אַזעלכע געריכטן האָבן זיך דאָ ביסלעכווייז אויסגעאַרבעט, צוגעפּאַסט זיך צו די פאַרדאָרבענע קישקעלעך, צו די פאַראָרדענונגען פון דאָקטוירימלעך און, פונדעסטוועגן, באַהאַלטן זיי אין זיך דעם עכטן יידישן טעם, אַ דאַנק ריקליען און איר גרויסער בריהשקייט.

נישט אומזיסט רעדט מען דאָך אין שטאָט, אַז מען פאַרמוטשעט דאָס זיינסטמיידל ביים נייעם נגיד אין שטוב,

אז וויפל בייכעלעך —
אַזוי פיל הינערשע יאיכעלעך;
און וויפל קעפּעלעך —
אַזוי פיל פענדעלעך און טעפּעלעך,
יעטוועדער יינגעלע —
אַ געבראָטן צינגעלע;
און יעדער יענטעלע —
אַ געפילטע ענטעלע...

אייגנטלעך, דערלאַנגט מען דאָ שבת צום טיש די זעלבע שבתדיקע מאכלים, ווי ביי אַלע יידן פון אַ גאַנץ יאָר, נאָר אויף אַ גאַנץ באַזונדערן איידעלן שטייגער. דהיינו: נישט געהאַקטע לעבער, נאָר לעבערלעך פון יונגע הינדעלעך, געהאַקט דין־דין מיט גאָר אַ קאַפּעלע ציבעלעס. נישט געהאַקטע האַרטע אייער, נאָר האַלב־ווייכע, איבערגעגאָסן מיט אַ מין שוים פון געשלאָגענע געלעכלעך. אַן אַנטיק אין דער וועלט! נישט קאַלטע מגושמדיקע עקן און קעפּ פון פיש, פון דער נעכטיקער וועטשערע געבליבן, נאָר שמאַלינקע פעניצן העכט, די ביינדעלעך אַרויסגענומען און אַרומגעלייגט מיט פיר־עקיקע שטיקעלעך פאַרקילעכץ

און מיט האַלבע רעדעלעך לימענע. פון אַזעלכע גראָבע מאכלים ווי רעטאך מיט ציבעלעס איז דאָ גאָר קיין זכר נישטאָ. פע! דעם נגידס משפחה וועט אייך גיין עסן רעטאך און פּאָכן מיט דער נשמה צוויי טעג נאָכאַנאַנד? דער דאָקטאָר האָט זיי שטרענג אָנגעזאָגט... דערפאַר איז דאָ פאַראַן אַ געריכט פון געריבענע בוריקעס, רויט ווי רובין און זיס־זויער, ווי סאָק פון אויבסט. „סאַלאַט" רופט מען דאָס ביים נייעם נגיד אין שטוב. דערפאַר איז דאָ, אויב איר ווילט, געהאַקטע רויג פון פיש, צוגעפּראַוועט מיט מיני פּאַטראַוועס. און מען קען זיך דערמיט לכל־הדעות טרייסטן נאָכן גראָב־יונגישן רעטאך. טרייסט זיך טאַקע ר' דאַדיע און זאָגט אַז... „ס'צעגייט אין מויל".

אַזוי זעט דאָס אויס די פּעטשאַ, אַזוי די איבעריקע קאַלטע שפּייזן. צו דער פּאַרקילטער פּעטשאַ דערלאַנגט מען נישט, ביים נייעם נגיד אין שטוב, קיין שום כריין. חלילה! כריין קען דאָ פאַרשאַטן. נאָר דווקא זענעפט מיט אַ סך צוקער פאַרריבן: אַ מין ביטערער האָניק נישט קיין זענעפט. פאַר ר' דאַדיען איז עס אַלע שבת אַ חידוש. הער אַ מעשה! אי ס'איז זיס אי ס'איז שאַרף; אי עס גלעט די צונג אי עס דערלאַנגט אין נאָז. אַן אויסלענדישער כריין אַזאַ. די נגידים זענען גאָרנישט קיין נאַראָנים.

און הייסע פּעטשאַ דערלאַנגט מען דאָ אויך, נאָר דווקא אויף פלאַכע טעלערלעך נישט צום זופּן, נאָר צום טונקען. נאָר ביים נייעם נגיד טונקט מען נישט. ס'איז אַ שאַנדע און אַ חרפּה צו טונקען ביים נייעם נגיד מיט ווייכע חלה. נאָר מען בראָקט דאָ, אין דער פלאַכער טעלערל פּעטשאַ, צוגעברוינטע פּענעצלעך בולקע. אַלץ אויף צו להכעיס. ווערן די קרוכלע ברעקלעך ווייך און אָנגעזאַפּט און שוואמיק. אַזוי עסט מען זיי מיט גאָפּל. אַ גאַנץ פיינע שיטה צו עסן הייסע פּעטשאַ! מ'קען צום נייעם נגיד גאָרנישט נישט האָבן.

נישט ערגער און נישט ווייניקער טשיקאַווע זעט דאָ אויס דער הייסער טשאָלנט. נישט קיין אייגפּרעיעטע בולבעס, ווי גאָט האָט זיי באַשאַפן, נאָר דווקא בולבעסלעך: קלייינקע, קיילעכדיקע ווי ניס, מיט לעכעלעך אין „נאָפּל". פון איין בולבע געמאַכט דריי בולבעסלעך; מיט אַזאַ מין מאַשינקע אַרויסגעקאַלופּעט, אַ מאַכערייקע אַזאַ, וואָס דער נייער נגיד האָט געבראַכט פון אַן אויסשטעלונג אין מאָהליוו. און נישט מיט גראָבע פעטס איז דאָס פאַרפּרעיעט, נאָר נאָכן קאָכן צוגעגעבן אַ ביסעלע היינערשע שמאַלץ, צליץ כדי עס זאָל נישט זיין שווער, עס זאָל זיך

גליטשן אין די נגידישע מעגעלעך אריין. איז מילא, די נגידים ווי די נגידים, ווער ווייסט זיי דאַרטן צי זיי עסן, צי זיי שמעקן נאָר? נאָר ביי ר׳ דאַדיען גליטשט זיך דוקא יאָ.

— צעגייט אין מויל! — לויבט ר׳ דאַדיע די בולבעסלעך און פּאָרט אַרום מיט די בוימלדיקע אויגן פון דער גאַליקער נגידעכע צו ריקליען דער דינסטמויד און פון ריקליען צום נייעם נגיד. די געלבע ווייסלען באָדן זיך ביי אים אין הינערשע שמאַלץ און די ליפּן זשוואַקען...

אַן עין־הרע! ביי אים צעגייט נאָך אין מויל... ביי אַן אנדערן אויף זיין אָרט וואָלט שוין לאַנג געווען צוגעקלעפּט דער צונג צום גומען און אַלע קאנאלן וואָלטן געווען פאַרשטאָפּט, פון אָנהויב ווּשט ביז די גראָבע פינגער פון די פיס. ביי אים, ביי ר׳ דאַדיען זאָל לעבן, צעגייט נאָך אַלץ אין מויל. אַ ברכה נישט קיין יידישע קישקע!

פארן נגידישן קוגל גיט ר׳ דאַדיע אָפּ קאָנצערט. נישט מיט סמאָטשקען פוסטע קנאָכנס פון טשאָלנט, ווי ביי דער שנור באלד נאָכן ערשטן מנין. נאָר מיט אמתע חבדער זמירות. ס׳איז דער שענסטער נומער אין דער „דאַדיע־פּראָגראַם״ פאַר דער גאַנצער משפּחהלע פונעם נייעם נגיד. צוליב דעם אליין פארבעט מען דאָס אים אַלע שבת פון אַלע פענצטער און טירן. צווישן טשאָלנט און קוגל איז ער אַ סך ווייכער, ר׳ דאַדיע. מען שטייט צו אים איין ביסעלע צו און ער פּאָלגט. ער איז אַזוי צעיאכמערט פון דער געדיכטער נאַליוועקע און פון די פוכקע געריכטלעך, וועלכע צעגייען, ווי ער זאָגט, אין מויל, אז ער אַליין „צעגייט״ ווי נאָר מען רירט אים אָן. נאָך די ווונדערלעכע טשאָלנט־בולבעסלעך קוקט ער בכלל אויף אַלעמען, אינעם נייעם נגידס הויז, ווי אויף מענטשעלעך־משרתימלעך. וואָס פאַדיען אַרום אים לכבוד שבת. פון גאָט אליין באַשטעלט. ער קעניגט און זיי באדינען. זיי כיכיקען אונטער? זאָלן זיי! וואָס ווייסן זיי אַלע וואָס שבת איז? זיי אַלע זענען עפּעס מיני בינען, וואָס מאַכן האָניק און קענען אליין נישט עסן. און ער, א ייד וואָס ווייסט אַ טאָלק אין שבת און אין דער אכילה, עסט דאָס יאָ אויף. זאָלן זיי זשומען געזונטערהייט! איז דערפאַר —

— איך! אסדר לסעודתא. בצפרא „דסבתא״. ואזמין בה „הסתה״. עתיקא „קדיסא״...

מיטן ליאדער־ליובאַוויטשער ניגון זינגט דאָס ר׳ דאַדיע, הייזעריק־לעך און איבערגעשאָטן מיט שלוקערצלעך און מיט „סינען״ אַנשטאָט „שינען״. ער שעמט זיך נאָך אַ ביסעלע, ווייסט נישט ווהין די

פארשוומענע אויגן אהינצוטאָן. נאָר ביסלעכווייז צעוויגט ער זיך און צעכראַברעט זיך. ער הויבט אַפילו אָן פּאַטשן צום טאַקט מיט די אַלטיטשקע הענטלעך, וואָס זענען ביי אים ווי דורכגעשלאָגן מיט זאַפּרען פון הונדערטער טשאָלנטן.

— יגלה לן טעמי. דבתריסר, איק... נהמי. דאינון את „בסמי״. כפילא „וקליסא״!

הערט זיך דאָס גאַנצע משפחהלע צו און וואונדערט זיך, ווי אַזוי ר׳ דאָדיע צעברעכט זיך נישט די עטלעכע איבערגעבליבענע ציין זיינע, מיט אַזעלכע פּיש־בייניקע טערקיש־טאַטערישע פאַרהאַרטעוועטע גראַ־מען. זיי האָבן אַפילו אַ קאַפּעלע דרך־ארץ פאַר דער טעמפּער פייערלעכ־קייט, מיט וועלכער ר׳ דאָדיע האַקט די תרגום־אונקלוס־גראַמען.

נאָר אין אַ ווילע אַרום געוויינען זיי זיך שוין צו, און די נגידישע חוצפּה לעבט אין זיי אָפּ. העלפן זיי ר׳ דאָדיען זינגען מיט וואָס נאָר אַ פּאַסקודנעם וואָרט וואָס קומט זיי אַרויף אויף דער צונג. אַבי נאָר עס גראַמט זיך. זינגט אונטער דער שקאָלניק מיטן רויטלעכן נעזל און ווינקט צו דער שוועסטערל זיינער:

— כאַלמידע־מגילה, קאַשקאַ וואַרילאַ. אַ פּריצטע אַ שטילע. אַ סוף און אַן עק.

מעקעט אים צוריק די „ציג״ און שאָקלט מיט די באָמבעלעך:

— אַ ברוקע־וואָרוקע. כ׳שטאַרב פאַר סקוקע. מיר זיצן אין סוכה. און נעם און שמעק!

נאָר ר׳ דאָדיע הערט זיי אַלעמען ווי דעם פּאַראַיאָריקן שניי. ער זינגט זיי אַלעמען אריבער. מיט זיין לעדערנעם שטאָלץ פון שבת זינגט ער און פּאַטשט צו מיט די הענטלעך:

— חדו הצדי חקלא. בדבור ובקלא. ומלילו מלה. מתיקא „כדובסא״...

3.

נאָך די זמירות פאָרן אָן די קוגלען... ס׳הייסט: נישט קוגלען נאָר קוגעלעך. אַלץ אויף נייעם־נגידישן שטייגער. אַ סך מיני קליינינקע הייסינקע טייגעכצלעך געלאָקשנטע, געבלעטערטע, זיסינקע, מעליקע, צימרינגדיקע, שוואָמיקע, אַ גאַנצע אויסשטעלונג! און וואָס אימיצן געפעלט דאָס נעמט ער מיטן גאָפּל. די מעשה איז אָבער די, וואָס קיינעם. אין דעם נייעם נגידס משפחהלע, געפעלט גאָרנישט, אויסער איין ר׳ דאָדיען.

און כ׳מיין אַז מען האָלט שוין יאָ ביי קוגעלעך, טאָ פאַרוואָס זאָל מען נישט פאַרזוכן, זיי זענען דאָך פשוט עובר אויף „בל תשחית״* דעם נייעם נגידס צעפּיעטשטשעטע חברהטשקע. ניין, צו אַזאַ זאַך קען גאָר ר׳ דאָדיע נישט דערלאָזן!

שטופּט זיך דאָס גאַנצע גאַנצע משפּחהלע צוזאַמען, די אָפּגעבלאַסטע פּנימער ווערן לענגער, די אויסגעדאַרטע העלדזער בויגן זיך אויס, ווי ביי דורשטקע גענדז; און מיט אַנגעצויגענע גצזאַלצענע שמייכעלעך באַוווּנדערן זיי דעם „כוח־האכילה״ פון אַלטן באַהאַוונטן טשאָלנט־עכער. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם קוקן זיי צו, ווי אַלץ גליטשט זיך אַראָפּ קיילעכדיק און שמאַלציק אין אַלטן זאַק אַריין. קיין שום „קוגל״ נעמט אים גאָרנישט... קוקן די נייע נגידעכע און דער נייער נגיד און טראַכטן... פון וואָס זאָלן זיי טראַכטן? ס׳איז אַ מיאוסע וועלט — טראַכטן זיי. קיין געלט נישט געווען, איז מען געווען זשעדנע נאָך סקאָרינקעס. אַצינד איז דאָ געלט, אַ טיש אָנגעשטעלט מכל טוב — קריכט גאָרנישט אין האַלדז..

צעשאָקלט זיך פּלוצלונג דער נייער נגיד אַליין. נעמט זיך אָן מיט גבורה. זיין ווייסער מילכיקער פּליך גיסט זיך אָן מיט אַ ביסל פליישיקער רויטלעכקייט. באַוואָפנט ער זיך מיט אַ גאָפּל און ציט אַרויס אַ „גנבל״ פון אַ שוואָמיקן קוגעלע. דאָס הייסט: אַ געפּילטע העלדזל פון אַ פּיסקליאַטע, וואָס איז איינגעפּרעיעט איבווייניק אין אַ ווייכן אַפּעטיטלעכן קנויל, געמאַכט פון געטריקנטע בולקע און פון געוואַשענע בוריקלעך און דורכגעשלאָגן מיט אַן איי און מיט געהירלעך. אַן אמתע „שאַפונג״ פון ריקליען, געזונט און שטאַרק זאָל זי זיין!

אָבער באַלד נאָכן ערשטן ביסן ווערט אים נישט גוט, דעם מערידאַלניק. דער פאַרדאַרבענער מאָגן פאַרציט זיך אים. אין האַלדז ווערט אים ענג. מאַכט ער אַ פּאָר גזלנישע אויגן אונטער די גלאַנציקע ברילן און וויל שוין אויסגיסן זיין ביטער האַרץ אויף ריקליען. זי, הייסט דאָס, איז דאָ עפּעס שולדיק... איבערגעפּעטסט, איבערגעזיסט.

נאָר דערזעענדיק ר׳ דאָדיען ביי דער הייליקער אַרבעט, פאַלט ער ביי זיך אַראָפּ. פאָרט אַ מאַנסביל! האַלט ער זיך איין און לאָזט אויס דעם פאַרבאָרגענעם כעס אין ברייטהאַרציקייט. ווענדט ער זיך צום אַלטן מיט אַ צווייִדייטיקן שמייכעלע:

---

* דו זאָלסט נישט פאַרדאַרבן!

— נו, ר׳ דאַדיע! אפשר וועט איר מיר העלפן עסן?

— העלפן אייך... איק! ע... עסן? — פרעגט איבער ר׳ דאַדיע. ער איז אין גרויסע ספקות און קוקט פונדעסטוועגן מיט איין אויגל אויף דעם קונציקן העלדזל, וואָס דער באַלעבאָס האָט אָקאָרשט אַרויסגעכאַפּט פון אַ ווייכן קוגעלע, ווי אַן עופהלע פון נעסט, ווי אַ יאָדער פון אַ געשמאַקער שאָלעכץ, — כ׳האָב שוין... דאַכט זיך... איק! גענוג געגעסן...

ס׳הייסט אים, ר׳ דאַדיען, דאַכט זיך, אַז ער האָט... איק! אַז ער האָט שוין גענוג געגעסן. אים דאַכט זיך נאָר.

— ווייסיך וואָס איר רעדט דאָרטן! — קוקט זיך איבער דער נייער נגיד מיט זיין משפחהלע. און מיט אַ קלוגעטשקער מינעלע פאַרריכט ער די ברילן אויף דער דאַרער נאָז און ווערט אַנטשוויגן.

דערזעט ר׳ דאַדיע אז מען שווייגט אונטער, קריגט ער אַ קאַפּעלע פחד אַז מ׳זאָל אינגאַנצן נישט הרטה האָבן.

— נאַ, ווייסט איר גאָר וואָס? — איז ער זיך מיישב הויך אויפן קול.

— יע, וואָס? — פרעגט איבער דער נייער נגיד אויף טשיקאַוועס.

— מילא, — איז זיך ר׳ דאַדיע מפקיר — כ׳על אייך שוין... איק! העלפן עסן... טע־טע־טע! עפּעס נישט קוגל נישט העלדזל. עפּעס גאָר־גאָר... אַ?

טראָגט דער נייער נגיד אַריבער דאָס אַנגעריירטע העלדזל אויפן שפּיץ גאָפּל צו ר׳ דאַדיען אין טעלער. ווי אַ פאַרחלשט נפשל טראָגט ער דאָס אַריבער, פאַרריכט די ברילן און שמייכלט זייער קלוג:

— עסט, עסט... און לאָזט זיך נישט בעטן!

ר׳ דאַדיע איז גאָרנישט אַזאַ נאַר — נישט־צו־זען די צווידייטיקע מינעלעך אַרום אים. נאָר ער קען זיך שוין מער נישט צוריקהאַלטן. ס׳איז באמת נישט אַזוי די זשעדנעקייט, ווי די נייגעריקייט. ער האָט זיך, ווייזט אויס, פאַרשוואָר׳ן אויסצוסמאַקעווען אַלע שבתדיקע טעמים ביזקל סוף. אַ נישט־פאַרזוכטער טראָפּן פון עונג שבת זאָל נישט בלייבן. און זיין שבועה האַלט ער.

אַזוי גייט דאָס דערנאָך מיטן קאָמפּאָט, אַ נגידישער קאָמפּאָט פון איינגעקאָכטע עפּל און פלוימען און פייגן. ביי לייטן פאַרבייסט מען, שבת צו וואָרמעס, מיט קוגל און אַ סוף. ס׳איז ווי אַ מין אפיקומן נאָכן סדר... נאָך קוגל עסט מען נישט קיין פּרות. נישט געקאָכטע. נישט רויע. מען לאָזט דאָס אויף שלוש־סעודות. נאָר ר׳ חיים איז דאָך עפּעס דער נייער נגיד אין שטאָט, הערט ער אַלעמען אין טראָק און פאַרבייסט

דוקא מיט קאָמפּאָט.. אינמיטן שבת־קודש קאָמפּאָט, ס׳הייסט נישט ער און נישט זיין משפּחהלע פאַרבייסן. זיי אַלע זענען יוצא מיט אַ לעק, אַ שמעק. נאָר איין ר׳ דאַדיע פאַרבייסט ווי עס געהער צו זיין.

— צעגייט אין מויל! — מאַכט ער קליינטשינקע אויגעלעך און קוקט ערגעץ ווו אויף דער סטעליע.

ער כאַפּט זיך אָבער באַלד, אַז מיט דעם טריק פון קוקן ערגעץ ווו אָן אַ זייט וועט ער זיך נישט פאַרשלייערן, און מיטן „צעגייט אין מויל" וועט ער קיינעם נישט פאַרשלאָגן האָקע־באָקע. זיי ברענען אים די נישט־פאַרגינערלעך, נעמען אים דורך מיט די קוקערלעך. דערציילט ער דערפאַר, זשליאָקענדיק און שלוקערצנדיק, אַ מעשהלע, וואָס דאַרף אים פאַרענטפערן, פאַרוואָס ער עסט נאָך, מיט אַזאַ חשק, דעם גוטן קאָמפּאָט, בשעת אַלע אַרום קוקן מיט זשעדנע אויגעלעך און קענען נישט.

דערציילט ער אַזאַ מעשה: אַ מלך האָט אַמאָל געמאַכט אַ גרויסע סעודה. און אַז אַלע האָבן זיך שוין געוועזן אָנגעגעסן מכל־טוב, און מער נישט געלאָזן לייגן אין טעלער, האָט דער מלך געזאָגט: וואָרט־זשע אָקאָרשט! באַלד וועט מען דערלאַנגען אַ זאַך, אַ גראָבן מאכל און אַלע וועלן עסן... לאָמיר זיך אפשר וועטן? איך!... אדרבא. לאָמיר... געוועטן זיך. ער איז דאָך עפּעס אַ מלך! אַ ווינק געטאָן די דינער און באַלד האָט מען אַרויפגעטראָגן גרויסע פּאָלומיסקעס מיט געקאָכטע באָב אין זאַלץ־וואַסער. האָבן אַלע געטאָן דעם מלך צוליב און פאַרזוכט... יעדער איינער צו איין באָב. פאַרזוכט איין געזאַלצענעם באָב האָט זיי גלייך אָנגענומען אַ חשק. האָט זיי גלייך. ס׳האָבן זיך צעעפנט די גרגרתלעך, די הענט האָבן גענומען כאַפּן און די ציינער — מאַלן. צוגעכאַפּט זיך, כע־כע, ווי נאָך אַ היץ־קרענק. אין אַ מינוט אַרום איז פון אלע פּאָלומיס־קעס... איך! פון אַלע פּאָלומיסקעס מיט באָב קיין שריד־ופליט נישט געבליבן...

וואָרטן אַלע און פאַרשטייען נישט דעם נמשל. וואָרום דאָס וואָס ר׳ דאַדיע זשליאָקעט פון טיפן טעלערל זעט כלל נישט אויס ווי געקאָכטע באָב אין זאַלץ־וואַסער; נאָר דוקא ווי שוואַרצע פלוימען מיט פייגן און געטריקנטע עפּל, אין אַ פיינער טונקל־בורשטינער יויך...

קוקט זיי ר׳ דאַדיע אָן, די לעקישן מיט פאַרגאָסענע אויגן און פאַר־טייטשט דעם מיין זיינעם:

— וועט מען אונדז... איך! איינשמועסן, אַז אַזאַ קאָמפּאָט פון פייגן,

וואָס מיר אַלע עסן אַצינד, איז ערגער פון געזאַלצענע באָב? איך! אַזוי לאַנג קעניגט יענער מלך, כע־כע!

אַלע שווייגן. נאָר איין ריקליע די קעכין שטיצט אונטער דעם גרויסן מבין פון אירע געריכטן. דעם פאַכמאַן פון טשאָלנטן, איר איינציקן באַשיצער.

— כאַ־כאַ־כאַ! — פאַרגייט זי זיך אַזש פאַר לאַכן אין איר ווייסן פאַרטוך אַריין.

דעם נייעם נגיד אליין געפעלט כלל נישט ר׳ דאַדיעס טייטש צום משל מיט די געזאַלצענע באָב. וואָרט, קלערט ער זיך, אַלטער פרעסער, כ׳וועל דיר באַלד ווייזן באָב!

— שאַ, — גיט ער זיך פלוצלונג אַ ווענד צו ריקליען און מאַכט איר קלוגעטשקע אויגעלעך אונטער די גאָלדענעברילן — מיר דאַכט אַז דו האָסט נאָך געקאָכטע באָב פון נעכטן... כ׳האָב, דאַכט מיר, געזען אין קאָכשטוב...

באָב? יאָ, באָב האָט זי, ריקליע. טאַקע נעכטן אָפּגעקאָכט, פאַר זיך... ווי אַלע ערב שבת. וועט זי דען אַליין אויפעסן אַ גאַנצן טאָפּ... אָט לויפט זי ברענגען...

ריקליע איז מלא־שמחה, וואָס איר היימישער ערב־שבתדיקער פראָס־טער מאכל האָט מיט אַ מאָל זוכה געווען צו אַזאַ גדולה, דער באַלעבאָס אַליין זאָל דערפון בעטן פאַר זיך און פארן אורח. אַזאַ בהמה ווי דאָס איז! וואָלט זי געזען וואָס מיט ר׳ דאַדיען טוט זיך, וואָלט זי זיך אַזוי נישט געפרייט.

ר׳ דאַדיע „פיר־מאָל־צאָלענט״ בלייבט זיצן, ביי דער טיפער טעלערל פונעם אויפגעגעסענעם קאָמפּאָט, מיט אַן אָפענעם מויל. אַ לייכטער שוויס זעצט אים אַרויס פון שטערן. אויף אַזאַ אַריינפאַל האָט ער זיך כלל נישט געריכט. נאָר אַצינד איז שוין שפּעט חרטה צו האָבן. נישט מעגלעך אויסצודרייען זיך. האָסט אליין דערציילט, ווי מען קען עסן קאַלטע געזאַלצענע באָב נאָך אַ קייזערלעכע סעודה? טאָ עס, פעטער!...

אין אַ שיינעם טיפן טעלער טראָגט ריקליע אָן דעם קאַלטן מאַכל. די באָב זיינען איינע און איינע: גרויסע, אָפּגעקליבענע, רויטלעכע פון קאָכן, מיט שוואַרצע פּאָסיקלעך אויף די מיילעכלעך, מיט ווייכע אָנגע־שוואָלענע בייכלעך. מאַנכע פון די דאָזיקע בייכלעך זענען אָנגעפּלאַצט, פון גרויס ווילטאָג אַפנים אינעם נייעם נגידס טאָפּ. און זייערע מעליקע,

מחיהדיקע געדערים קוקן אַרויס און זענען אויך פאַרפאַרבט מיט אַ מין ציבעלע־קאָליר...

קומט באלד ר׳ דאָדיע צו זיך פון זיין האַלב־חלשות, מ׳נאַ, אַז די געסט ביים מלכס טיש האָבן געקענט, וועט ער, מיט גאָטס הילף, אויך קענען! ער וועט זיך פּאָסטאַרען. וואָרום דאָ שטייען אַלע אַרום און קוקן אויף אים, ווי אויף אַ מעסער־שלינגער אין צירק. נעמט ער אָן איין באָב ביים פּוכקען בייכל מיט צוויי פינגער...

און גיב נאָר אַ קוק! דאָס וואָס האָט געטראָפן מיט דעם מלכס געסט, ווער ווייסט ווו אין וועלכער מדינה, האָט געטראָפן דאָ מיט ר׳ דאָדיען ביים נייעם נגידס טיש. זאָל עס פעלן אַ האָר! ער האָט, דאַכט זיך, פאַרזוכט פון יוצא־וועגן איין באָב, צוויי באָב און עס גייט שוין ווי אַ מזמור. זאָלן מיר שוין אזוי זוכה זיין צו הערן דעם שופר פון משיחן — עס גייט!

דער נייער נגיד קריגט שיער נישט די פּלאַץ פון אַזאַ כוח־האכילה. ער קען נישט איינזיצן אויף אַן אָרט. מאַכט ער „המ...״ און פארריכט זיך די ברילן אויף דער קגאָרפעלדיקער נאָז אַצינד איז ער דער אַריינגעפאַלענער. און אונזער ר׳ דאָדיע טריאומפירט.

ער טרינקט זיך אין יויך

1.

דאָס בענטשן, נאָך דעם נייעם נגידס טשאָלנט, גייט צו אַזוי, ווי עס באַדאַרף צוצוגיין אין אַזאַ ריסטאָקראַטישן הויז. גיך־גיך, ווי מען וואָלט געשאָטן גרויפּן אין אַ בלעכערנעם פּענדל. מ׳נאַם־נאַם־נאַם!... אָקאָרשט, דאַכט זיך, געהאַלטן גאָר פון פאָרנט, ביי „נודה לך״ און אָט יאָגט מען זיך שוין. אין שבתדיקן גאַלאָפּ, נאָך „רצה והחליצנו״, ווי נאָכן טאַטנס ירושה. און אין אַ האַלבער מינוט אַרום שפּייט מען זיך מיט די „הרחמנס״, ווי מיט פלוימענביינדלעך, בשעת פאַרבייסן מיטן שבתדיקן קאָמפּאָט. פּונקט אַזוי הערט זיך דאָס אָן.

אַזאַ גיכער בראָקן עברי, מיט ליפּן און האלדז און גומען, מאַכט ר׳ דאָדיען אַ סך מידער, ווי די גאַנצע אַכילה. הויבט ער אָן פלוצלונג אָפּצושטיין און פאַלן צו זיך אליין אין שויס אַריין, איבערן פולן, מיט אַטלאָס באַצויגענעם בויך.

זעט דערפאַר אויס דער סוף פון זיין פערטן מאָל בענטשן אזוי:

— הרחמן, איק! הוא יפרנסנו...

און אַ פּיק מיט דער נאָז און אַ פאַל צו זיך אין שויס. אַ געלעכטער פון דעם נייעם נגידס לײדאָקעס ברעכט אויס אַרום אים. טשוכעט ער זיך גלייך אויס. דער קאָפּ שטייגט אויף, ווי פון אַ זיסן נעבל. האַ? מ... מ... מען לאַכט? זאָלן זיי! טשאָלנט האָט ער דאָך אָבער געגעסן, נישט זיי...

— הרחמן הוא ישלח לנו ברכה... איק!

און ווייטער אַ פּיק מיט דער לאַנגער נאָז און אַ פאַל אריין אין אַ זיסן תהום.

— כאַ־כאַ־כאַ! ר׳ דאָדיע... ר׳ דאַ־אָדיע!

לאַכט, לאַכט! די „סחורה" ליגט שוין פּאָרט פּאַרפּאַקט ביי ר' דאָדיען אין טשעמאָדאַן. הייבט וואָס העלפט דאָס חוזק מאַכן?

— הרחמן, איך! הוא ינחילנו יום...

אזוי, געלויבט דער אויבערשטער, חזרט זיך דאָס איבער אַלע שבת, מיט איין קליינעם אונטערשיד, אפשר, וואָס אַמאָל פּאַרפּעלט ר' דאָדיע ביי ר' ישראל דעם גבאי און עסט דעם צווייטן טשאָלנט ביי ר' יחיאל דעם חזן. אָבער פּאַרבייטן דעם דריטן טשאָלנט פון דעם דיעכטיארניק אויף אַן אַנדערן איז נישט מעגלעך. ווייל קיינער פּראַוועט נישט שבתדיקע דבקות אַזוי שפּעט ווי דער בעל־תשובה, און קיינער גייט נישט אַזוי שפּעט פון שול אַרויס. און פאַרענדיקן טוען זיך אַלע טשאָלנטן מיט ריקליעס וואזשנע געריכטן. אויך דערפאַר, ווייל קיינער אין שטאָט פּראַוועט נישט שבת אַזוי שפּעט, ווי דער נייער נגיד מיט זיין משפּחהלע. בקיצור, פיר טשאָלנטן ווערן, מיט גאָטס הילף, אויפגעגעסן שבת־איין שבת־אויס. מעג עס דוגערן און בליצן.

איז, מילא. אַראָפּצולאָזן די פיר טשאָלנטן אונטער דער קאַפּאָטע גיט זיך נאָך ר' דאָדיען ווי־נישט־איז איין. אָבער אוועקטראָגן אַזעלכע אוצרות אַהיים איז גאָרנישט פון די לייכטע זאכן, פאַר אַזאַ זקן ווי ר' דאָדיע איז. נאָכן לעצטן טשאָלנט ביים נייעם נגיד, באַקומט ר' דאָדיע גאָר אַ באַזונדערן הילוך. ס'איז אַ גיי און אַ קרעכץ און אַ שלוקערץ, און ווייטער אַ קרעכץ און אַ גיי און אַ שלוקערץ. ביי יעדן גיי טוט ער נאָר מיט איין פוס אַ טראָט, און דעם צווייטן פוס — אַ שלעפּ נאָך זיך. דערנאָך בייט ער איבער: דעם געשלעפּטן פוס — אַ בויג און אַ טראָט, און דעם געטרעטענעם — אַ שלעפּ נאָך זיך. זיין גאַנצער האַלטן זיך דערביי איז אויסטערליש. שטאַרק איינגעבויגן אונטער דער לאַסט פון זיינע איבערגעפּילטע כלים און דער קאָפּ פאַרוואָרפן אויף הינטן. אַפּנים, כדי נישט צו פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט. זיינע מאַטע קרעכצן גייען דערפאַר גלייך צום הימל. און ס'זעט אויס, ווי ר' דאָדיע וואָלט געבעטן רחמים מ'זאָל אים דאָרטן העלפן, פון אויבן, צו קומען אַהיים בשלום. אַזוי שלעפּט אַן אַלטער אָרעמאַן זיין איבערגעפּאַקטע טאָרבע און מאַכט מיט די ליפּן. ווייסט מען נישט צי ער בענטשט דאָס די גוטע לייט, וואָס האָבן אים מהנה געווען, צי ער שילט זיי דערפאַר וואָס זיי האָבן אויף אים, מיט זייער גוטסקייט, אָנגעלייגט אַזאַ משא.

אונטער ר' דאָדיעס אַטלעסענער זשופּיצע, וואָס גלאַנצט בטבע און

גלאַנצט פאַר אַלטקייט, פרעגט זיך אַרויס אַ טייל פון זיין קיילעכדיקן אוצר מיט אזוי פיל טשאָלנטן... אַצינד ווערט אינגאַנצן פארשטענדלעך ר׳ דאַדיעס שטענדיק־קרומער הילוך, אַפילו אין דער וואָכן, ווען זיינע כלים זענען פוסט און איינגעקנייטשט. פון געוווינהייט גייט ער דאָס באַלאַכסון, מיט אַ פארוואָרפענעם קאָפּ... וואָרום אַפילו אין דער וואָכן דוכט זיך אים, אַז גרויסע טשאָלנטן ציען אים און וועגן אים אַראָפּ... נאָר ער שטעלט זיך אַקעגן נישט אַנידערצופאַלן... אַ פשיטא־שוין שבת, ווען פונעם שייגעם טרוים איז געוואָרן אַזאַ ווירקלעכקייט, איז ער דאָך אודאי באַרעכטיקט צו האַלטן זיך, ווי מיט אַ מילשטיין אויפן האלדז... שאַרט ער זיך אזוי צו־ביסלעך, איקענדיק און איקענדיק, ביז ער דערשלעפּט זיך אַהיים.

מינע־דינה זיין שנור און נאָטע זיין מזוניק כראָפּען שוין היגטערן ווענטל. אויפן אָנגעהאָרעוועטן אָנגעטשאָלנטן זיידן וואַרט נאָר דער אייניקל זיינער, אַ זשוואַוועער חדר־ייִנגל. זומער וואַרט ער אויף אים מיט אַן עמער קאַלטע וואַסער און ווינטער — מיט אַ גרויסן וואַרעמען הליאַק. זעצט זיך ר׳ דאַדיע אַוועק, זומער־צייט, לעבן שוועל פון פירהויז און ווינטער־צייט אויף זיין טאַפּטשאַן אין שטוב. מיט אַ גראַבער גלאָז שעפּט ער און טרינקט, און נאָך יעדן טרונק בלייבט ער זיצן מיט אַן אָפענעם מויל; אָטעמט ווי אַ פיש און שלוקערצט. אזוי אָטכאַיעט ער זיך צוביסלעך. דאָס אויסטרינקען אַן עמער ברונעם־וואַסער אָדער אַ הליאַק געקאָכטע — איז פאַר ר׳ דאַדיען פקוח־נפש. וואָרום די שבתדיקע טשאָלנטן און געריכטן אין יידישע הייזער, דאָס זענען אַלץ געדיכטע ענינים. אויסער דאָס ביסל שיטערע פעטשאַ אפשר...

דאָס שעפּן וואסער פון עמער צי פונעם הליאק געדויערט דערפאַר אַזוי לאַנג, ביז ר׳ דאַדיען געלינגט, מיט גאָטס הילף, פאַנאַנדערצעווייקן די שווערע ר׳ֶגדן מיט געקעכץ וואָס דריקן אים, און ביז עס גיט זיך אים איין פאַנאַנדערצעוויגן דעם פארשטיקטן טעמפּן שלוקערץ אויף אַן אָפענעם, הילכיקן און קלינגנדיקן, וועלכן מען דערהערט מיט צען הייזער ווייטער.

כאַפּט זיך אויף די גאַס פון שבתדיקן שלעפל, מען טרינקט טיי פון הליאַק, מען הערט זיך צו און מ׳רעדט אזוי:

— נאַ, ר׳ דאַדיע פאַרדייעט!

— אַ זקן א ייד און קען אַזוי די מלאכה...

— נאַ, אַז ר׳ דאַדיע שלוקערצט איז שוין נישט ווייט צו מנחה...

די „פאַרדייאונג״ געדויערט אזוי ביז מיטוואָך. ס'הייסט פולע פיר טעג נאָכאנאנד שלוקערצט אזוי ר' דאָדיע, אַלץ שוואַכער און שוואַכער, ביז ער הערט אויף. אין די דאָזיקע טעג קומט ער ווידער אָפּ מיט שה״י־פּה״י, מיט אַ גלאָז טיי מיט מילך, מיט אַ סוכאַריקל. קלאָגט זיך אויף קאָפּ־ווייטיק, אויף שלעפערדיקייט. אך, יאָ־יאָ, מען ווערט שוין אַלט, נישטאָ אַמאָליקע כוחות... איך!

דאָנערשטיק פאַסט ער אינגאַנצן. ער האָט דאָס, זאָגט ער, בקבלה פון טאַטנס טאַטן. און קרובים און גוטע פריינט זענען מסכים: יאָ, אויב בקבלה איז עפּעס אַנדערש!...

פרייטיק קומט ער ווייטער אָפּ מיט גאָרנישט און נישט, מיט אַ גלאָז טיי, מיט אַ פּלעצעלע. קוים דערוואַרט זיך שבת... שבת נאָכן ערשטן מנין הויבט זיך ווידער אָן צו דרייען די גרויסע ראָד פון טשאָלנטן. זי כאַפּט אָן ר' דאָדיען פאַר די אַטלעסענע פּאָלעס און פאַר זיין „דעליע״ און שלעפּט אים אַריין: „עסט, ר' פּעטער. אז איר עסט!״...

און ר' דאָדיע הויבט אָן פונדאָסניי.

2.

געקומען כאָליערע־צייט האָבן שכנים פון דער גאַס געמיינט, אז ר' דאָדיע וועט דאָ זיין דער ערשטער קאַנדידאַט אויף קראַנק ווערן, אזוי ווי דאָקטאָר חישין און דאָקטאָר קראָל און דער יידישער פּערשעל האָבן געוואָרנט: היט זיך פאַר צו פעטע און געפּרעיעטע געקעכצן, פאַר טשאָלנט וכדומה... לאָזט זיך אויס גראָד פאַרקערט. ס'הייסט: נישט גאַנץ פאַרקערט. וואָרום אָפּגעשוואַכט און נפטר געוואָרן איז ר' דאָדיע טאַקע כאָליערע־צייט. אָבער נישט פון צופיל עסן טשאָלנט, נאָר פון נישט־דערעסן. און די מעשה איז אזוי געווען:

באַלד דעם ערשטן כאָליערע־שבת, נאָך דעם ווי די דאָקטוירים האָבן אַרויסגעלאָזן אַזאַ חרם אויף קוגל און קאַשע מיט אַרבעס און אויף רויע רעטאַך מיט שמאַלץ, קומט ר' דאָדיע, ווי זיין געוווינהייט איז, נאָכן ערשטן מנין אהיים. נישט אויסטוענדיק די „דעליע״ און ברייטלעך־באמקענדיק, נעמט זיך ר' דאָדיע גלייך צום קידוש־בעכער. און גלייך אויפן אָרט און שטעל איז אים עפּעס נישט געפעלן געוואָרן. וואָרום אַנשטאַט משקה אין גראַפין האָט פאַר אים מינע־דינה זיין שנור

אָנגעגרייט אַ קריגעלע מיט עפּעס אַ מין פּלוימען־יויך, אָדער אָנגעווייקטע לאַקריצע. אַ טעם פון חוזק! אַפילו „שהכל״ איז געווען אן עברה צו מאַכן אויף דעם... און נאָך אַזאַ געטרענקעכץ — אַ טרוקענעם שטיקל טאָרט, אַ ברעקלדיקס. קיין סימן נישט פון האַניקדיקן קאָרעגעם לעקאַך, פון קאַלטן צימעס. פון פאַרקילטע שטיקער צימעס־פלייש — אַוודאי און אַוודאי נישט.

נאָכן וואשן זיך די הענט און „המוציא״־מאַכן — אַ ביסל הייסע פעטשאַ צום טונקען, און אנשטאט געדיכטע טשאָלנט פון אייגעפּרעיטע פעטע ארבעס און שווארצע קאשע — אַ פּריקרע יאַיכל, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט באָד־בלעטלעך. דערנאָך — אַן איינגעדארטע פאָלקע פון אַ הינדל און יוצא. קיין סימן נישט פון קוגל, קיין זכר נישט פון געפילטע קישקע.

דערזעענדיק נאָך יעדן אַזאַ געריכט די אויסגעלופּעטע אויגן פון ר׳ דאָדיען, איר שווער, האָט זיך מינע־דינה. זיין שנור, גענומען פאַרענטפערן:

— איר ווייסט דאָך, שווער, וואָס עס טוט זיך...

און נטע דער חכם, דער מיזיניק זייגער, האָט פאַרטייטשט:

— וואָס דער דאָקטאָר זאָגט...

— יע־יע, — האָט ר׳ דאָדיע אַ פאַראומערטער צוגעזיפצט.

— דער עיקר איז, נישט צופיל עסן... — האָט זיך מינע־דינה איינגעשטעלט פארן שווערס געזונט.

— נישט קיין שאַרפע משקאות, — האָט זיך נאָטע צעלאָזן אין דאָקטאָריע — נישט קיין פעטע מאכלים, נישט קיין רויע...

— שווער, אפשר וועט איר טרינקען אַ גלאָז טיי פון הליאק? — האָט מינע־דינע געפּרוווט אים טרייסטן.

טיי? ניין. אויף טיי נאָך דער איבערגעפּרעיטער יאיכל איז ער קיין בעלן נישט.

אַ מאַך געטאָן מיט דער געלבלעכער האַנט און פון הארץ־קלעמעניש צוגעכאַפּט זיך צום בענטשן.

קוים וואָס ר׳ דאָדיע האָט זיך דאָס מאָל דערוואַרט אויפן סוף פון צווייטן מנין אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, ווען די קאַרפּן־קעפּ גייען פון מוסף אַהיים. מיט זיין ספּעציעלן חוש פון אַ שבתדיקן אורח האָט ער דאָס, ווי אַלע מאָל, דערשפּירט פון דערווייטנס. דעם שפּיי פון „עלינו״ דערפילט און ארויפגעכאַפּט אויף זיך די דעליע. נאַ, דער

יאַיכלדיקער טשאָלנט אין דער היים האָט געשמעקט מיט שקלאָוועָר שפּיטאָל. וועט ער דאָס פאַרריכטן ביי ר׳ ישראל דעם גבאי... אָבער דאָ האָט זיך נטע דער חכם, דער מיזיניק זיינער, ווייטער גענומען איינשטעלן פאַרן טאַטנס געזונט.

— טאַטע, — מאַכט ער אַ ווייינענדיקן פּנים — אפשר וועסטו היינט נישט גיין?

— שווער, — העלפט אונטער מינע־דינה — אפשר וועט איר זיך היינט בעסער צושפּאַרן?

ר׳ דאָדיע האָט נאָר קורץ און אנטשלאָסן אַ הויב־געטאָן מיט די פּלייצעס אונטער דער דעליע, אַ קוש געטאָן די מזוזה און אַרויס.

ווי אלעמאָל, האָט ער פּינקטלעך אָנגעטראָפן ר׳ ישראל דעם גבאי, בשעת יענער גייט ברייטלעך אַרויס פון בית־מדרש.

נאָר דאָ האָט אויף אים געוואַרט נאָך אַ גרעסערע אַנטוישונג. וואָרום לכתחילה האָט ר׳ ישראל געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער זעט גאָרנישט דעם געוועזענעם אַלטן שמש אין דער „דעליע״. טע־טע־טע. ער, ר׳ ישראל, איז כלומרשט זייער פאַרזאָרגט, ער איילט זיך אהיים.

— המ... — מאַכט ר׳ דאָדיע מיט אַ געפאַלענעם קול — גוט שבת, ר׳ גבאי!

ערשט דאָ, הפּנים, האָט אים ר׳ ישראל יאָ באמערקט.

— אה, — מאַכט ער טרוקן — גוט־שבת, ר׳ דאָדיע, גוט־יאָר! וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן? יע, כ׳וואָלט אייך פאַרבעטן אויף קידוש... נאָר איר ווייסט דאָך, מסתמא, וואָס עס טוט זיך! מיין אַלטיטשקע, דוכט זיך, האָט גאָר היינטיקן ערב־שבת קיין טשאָלנט נישט פאַררוקט. אַן עת־צרה!

אָפּגעזיפצט אויף דער שלעכטער צייט און, פלאָטערנדיק מיט די פאָלדן פון זיין שבתדיקן אויבער־מאַנטל, גיכער ווי אַלעמאָל געלאָזן זיך גיין אהיים.

ר׳ דאָדיען איז איינגעפאַלן דאָס האַרץ. ווי איינער וואָס קומט אָן אַ הונגעריקער עסן הייסע לאָקשן און קריגט מיטן ליידיקן לאָקשן־טאָפּ איבערן שאַרבן, אזוי איז ער געבליבן שטיין אייבער אליין נאָכן גבאיס אוועקלויפן. ער האָט געפילט מיטן חוש פון אַ מייסטער אַ טשאָלנט־עסער, אַז ס׳איז דערוויי׳ל נאָר אַ שלעכטע התחלה. מיט די ווייטערדיקע טשאָלנטן וועט אפשר היינט אויך נישט גיין בעסער.

ווי אַ נשרף האָט ער זיך נעבעך ארומגעדרייט, מער ווי אַ שעה

צייט, ארום די געסקעס פון ליובאַוויטשער בית־מדרש. אהיים געשעמט זיך אומקערן מיט ליידיקע כּלים און מורא־געהאַט צו פאַרשפעטיקן דעם בעל־תשובה אויך. אין ר׳ אורי דעם קאָסאָקענס הויז האָט מען באַמערקט ר׳ דאָדיעס שבתדיקע וואָגלענישן און אָפּגעשאַצט די זאַך ווי געהעריק:

— הען, דרייט זיך אַרום אָן אַ שטאָך מלאכה!

— די נשמה־יתירה זיינע זוכט אַ תיקון...

— און קיין טשאָלנט איז נישטאָ.

— ער וועט דערמיט אָפּקומען „חיבוט־הקבר״. אָט וועט איר זען!

— אפשר אַריינרופן אים? אַ רחמנות!...

— אויף וואָס? אויף שאר־ירקות?

— פאַר ר׳ דאָדיען איז עס נישט קיין אכילה.

קוים וואָס ר׳ דאָדיע האָט זיך דערוואָרט אויפן בעל־תשובה. ס׳איז דאָך עפּעס אַ מגפה אויף דער וועלט! האָט דערפאַר ר׳ ניסן דער דיעכטיארניק, אין דער פוסטער ווייבער־שול, נאָך מער מאריך־געווען היינטיקן שבת. פּשוט צעלאָזן זיך אין כוונות און צעגאַנגען אין דבקות. פונדעסטוועגן האָט אים ר׳ דאָדיע אויך ד אָ ס מ אָ ל „צופעליק״ באַגעגנט אויפן בריקל, לעבן דער קאַנאַווע, אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע שבתים פון אַ גאַנץ יאָר.

נאָר אויך דער בעל־תשובה האָט אים עפּעס אויפגענומען גאָר מאָדנע. ס׳הייסט נישט אַזוי קאַלט ווי ר׳ ישראל דער גבאי, נאָר צאַפּלדיקער ווי אַלע מאָל צוגעפאַלן צו אים מיטן „גוט־שבת״. און גלייך געגומען פאַרענטפערן זיך, אַז היינט... דאָס מאָל... האָט ער פשוט מורא צו פאַרבעטן אים אויף קידוש... טאַקע דערפאַר... ר׳ דאָדיע ווייסט דאָך מסתמא... די ווייבער קאָכן נישט קיין סך... מ׳האָט מורא פאַר זיך אליין און איינשטעלן דעם צווייטן אין קאָן ווילט זיך אויך נישט. דערפאַר אם־ירצה־השם, אַז דער אויבערשטער וועט שענקען דעם געזונט, וועט... וועט מען מאַכן אַ טשאָלנט וועט מען... אז... אז...

אָנזאָגנדיק די בשורה פון דעם קומענדיקן גרויסן טשאָלנט, האָט דער בעל־תשובה אַזש פאַרגלאָצטביידע פייערדיקע אויגן און פאַרזאַיקעט זיך פון גרויס באַגייסטערונג. נאָר דאָ האָט ער דערכאַפּט ר׳ דאָדיעס פינטלדיקע וויעס, זיין פאַראומערטן געלבלעכן פּנים און איז שטיין געבליבן. די נבואה פון קומענדיקע טשאָלנטן איז אים

געבליבן שטעקן אין האלדז. און באשיידן, מיט אַ ניכטערער שטימע, האָט ער פאַרענדיקט אַזוי:

— נאָר אויב ר׳ דאָדיע מיינט... ער וויל זאָגן: אויב ר׳ דאָדיע פילט זיך אָן עין־הרע גוט... און האָט קיין מורא נישט אַוועקצוגיין הונגעריק איז... מיט כל־הכבוד! אַדרבא...

דאָס מאָל האָט ר׳ דאָדיע אפילו נישט געפילט, אַז דער ריח פון בעל־תשובהס שבתדיקער זשופּיצע איז ווי דער ריח פון דיעגאכץ אין זיין וואָכעדיקער קראָם אין מאַרק. טעמפּ איז ר׳ דאָדיע געוואָרן צו אַלע ריחות אין דער וועלט. ער האָט אויך נישט ארויסגערוקט זיין געלבן צייג־פינגער פון אונטער דער „דעליע״, ווי זיין שטייגער איז, אָנצוווייזן ערגעצוווּ, נישט אין צפון און נישט אין דרום, נישט אויבן און נישט אונטן, אַז... „ער האָט שוין אַפילו אָקאָרשט געמאַכט קידוש און צוגעביסן״. דאָס מאָל האָט ער באַלד מסכים געווען.

— נו, מילא! — האָט ער קורץ אַ זאָג געטאָן און אַוועקגעלאָזט זיך מיט אַ פאַרחלשט האַרץ נאָך ר׳ ניסן דעם דיעכטיאַרניק.

3.

אויך ביים בעל־תשובה איז מען דעם כאָליערע־שבת אָפּגעקומען מיט געריכטן על־פּי חכמת־הדאָקטאָריע. מיט וואַסערדיקן קידוש־וויין און מיט אַ שטיקל טרוקענעם לעקאך צום פאַרבייסן. מיט געהאַקטע קייקלעך בייליק פון הון און מיט נאָך אַזעלכע שמאָכטעס. די אימה פון דאָקטאָרישן חרם איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף די שיטערינקע מאכלים; שבתדיקע מאכלים — מ׳שטיינס געזאָגט.

די אַלע חסרונות פון אַזאַ מאָגערן טיש האָט ניסן דער דיעכטיאַרניק געזען אויסצופילן מיט חסידישע טומלעניש, מיט פלוצלעכע אויסגעשרייען פון התלהבות, וועלכע האָבן קיין איינציקן מאָל נישט געפּאַסט צו דער זאַך. ער האָט אַפילו גאָר פלוצלונג געגומען פּעטשלען מיטביידע פאַרדיעגאַכצטע הענטלעך און דבקהן זיך: „לאָמיר זינגען, לאָמיר טאַנצן!״ פּונקט אַזוי ווי מען איז זיך נוהג ביים מורה־הוראה אין שטוב, ווען פאַרזאַמלטע חסידים ווילן פאַרטרייבן די מרה־שחורה. נאָר אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן. ווערמען־וועמען, נאָר ר׳ דאָדיען האָט זיך היינט נישט געזונגען און ס׳האָט זיך נישט געטאַנצט... מיטן טרויעריקן, געלבלעכן אויג האָט ער אויך דערקענט, אַז די גאַסטפריינטלעכע בעל־תשובהכע איז

דאָס מאָל שטאַרק נישט צופרידן מיט איר מאַן, וואָס האָט געבראַכט דעם אורח קעגן איר ווילן. וואָרום קיין זאַך פאַרדריסט נישט אזוי אַ באַלעבאָסטע, ווי דאָס „פאַרשוואַרצן זיך דעם פּנים״ אין די אויגן פון אַ גאַסט... צווישן אייגענע קומט מען אויס ווי נישט איז. מער מיט אַ געריכט, ווייניקער אַ געריכט. אָבער אַן אורח בלייבט אלע מאָל אַן אורח. און צווייטנס — ווער וויל דאָס נעמען אויף זיך אַזאַ אַחריות פאַר אַן עלטערן מענטשן אין אַזאַ צייט? טאָמער מאַכט ער זיך קאַליע מיט אַן איבעריקן ביסן, וועט מען זיך דאָך נישט קענען אויסצאָלן... ביסן דער דיעכטיארניק האָט אים שוין היינט, באַלד נאָכן „גוט-שבת״, געגעבן אָנצוהערעניש מכוח דעם און יענעם. אָבער אין זיין בלינדער תאווה נאָך טשאָלנט האָט דאָס ר׳ דאָדיע נאָכגעלאָזן דורך אַ פּאה. אציגד האָט ער דאָס שאַרפער דערפילט, אין יעדער באַוועגונג פון דער באַ־לעבאָסטע גופא. און ס׳הארץ איז אים שווערער געוואָרן...

און דאָ דערלאַנגט מען נאָך, אַמאָל אין אַ נאָווינע, דאָס שיטערינקע ביסל פּעטשאַ, אין אַ קדחת-טעלערל. הייסע פּעטשאַ וואָס ר׳ דאָדיע האָט קיינמאָל נישט איבעריק האָלד געהאַט. און פּונקט ווי ביי דער שנור אין שטוב — דאָס כאָליערע-יאַיכל. נישט מער וואָס ביי מינע־דינהן האָט זיך דאָס אָפּגעגעבן מיט באַד-בלאַט און דאָ, ביים דיעכ־טיארניק, מיט אַ קאַפּעלע דיעגאַכץ. פון אַזאַ בייגערוך און פון שטיין אַזוי לאַנג אין דעם שבתדיקן אויוון, האָבן די עטלעכע פּעטע אויגן אויף דער יויך באַקומען אַ פּריקרען טעם פון פיש-טראָן. איז שוין ר׳ דאָדיען, בעצם, ביים בעל-תשובה אין שטוב נישט-גוט געוואָרן. ס׳איז געווען דער ערשטער אָנזאָג פון דער גרויסער נישט-גוטקייט שפּעטער, ביינאַכט. נאָר ר׳ דאָדיע האָט זיך געשטאַרקט ווי אַ לייב, געלאָזן בור־טשען דאָס ביסל פּעטשאַ און שיטערע יאַיכל אין ליידיקן לאָגל פון בויך. און, פאַרמאַכנדיק די אויגן אויף אַלץ און אַלעמען, אויפן בעל־תשובה און בעל-תשובהכע, און פאַרלאָזנדיק זיך אויף גאָט אליין, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין בענטשן. מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ האָט ער געבענטשט. וואָרום אים איז שוין אציגד געווען קלאָר ווי דער טאָג, אז די איין-איינציקע האָפענונג בלייבט נאָר אויפן נייעם-נגיד, אויף ריקליעס געהויבענעם טשאָלנט. דאָרטן, אפשר, אַז גאָט וועט העלפן, וועט ער נאָך פאַרריכטן די מערכה.

און, ווי איינער וואָס שטעלט איין אין קאָן זיין גאַנצן קאַפּיטאַל, אַזוי האָט זיך ר׳ דאָדיע באַלד נאָכן אָפּבענטשן, געלאָזן גיין אויפן

וועג צו דער נגידישער הויז, וועלכע ווינקט אים פונדערווייטנס מיט צוויי אויסגעקאַלכטע קוימענס אויפן דאַך.

מיט דער „דעליע" אויף די איינגעבויגענע פּלייצעס איז ער איין מאָל דורכגעגאַנגען פאַרביי דעם נייעם נגידס הויז. קיינער קלאַפּט נישט אין פענצטער! צום צווייטן מאָל איז ער דערפאַר דורכגעגאַנגען פאַמעלע־כער, טריט ביי טריט. נישט געמאַכט מער זיין שבתדיקן אָנשטעל פון אַ יידן, וואָס לויפט אַהיים זיך צושפּאַרן, נאָר ווי איינער וואָס שפּאַצירט זיך בנעימותדיק נאָכן קוגל. דאָס מאָל האָט זיך דעם נייעם נגידס טאָכטער, מיט די ציגענע באַמבעלעך אין די אָפּגעצויגענע אויערן, מרחם געווען אויף אים און ניט־זיכער אַ קלאַפּ געטאָן אין פענצטער. נאָך איר איז שוין דער שקאָלע־בחור מיטן פאַרקאַטערטן נעזל אויך צוגעגאַנגען און אַ רוף־געטאָן:

— ר׳ דאָדיע! נו —?

אָנגעלערנט פון היינטיקע ביטערע דערפאַרונגען, האָט שוין ר׳ דאָדיע קיין איבעריקע מחזקות נישט געמאַכט, נישט געוואַרט אפילו ביז דער נייער נגיד אַליין וועט אַרויס אויפן גאַניק און אים בעטן, אָדער ביז די נגידעכע וועט אים מאַכן אַ זיס־זויערע מינע אין פענצטער און צושאָקלען. ער איז גלייך אליין ארויפגעגאַנגען...

זינט ער גייט צום נייעם נגיד אויף טשאָלנט, איז ער נאָך קיינמאָל אַזוי לייכט נישט אַרויף אויף די טרעפּלעך פון גרינעם גאַניק. פּשוט מיט צען יאָר יינגער געוואָרן... ר׳ דאָדיען אליין איז אָבער אַזאַ לייכטקייט אַ האָר נישט געפעלן געוואָרן. ער האָט זייער גוט געוווסט, אַז קומען קומט דאָס נישט פון אַ נייער יוגנט, נאָר פון דריי גרונטאָווּנע טשאָלנטן וואָס פעלן אים היינט אין די כלים, אונטער דער אַטלאַסענער זשופּיצע. און גאָט וייסט צי ער וועט דאָס דאָ קענען אָניאָגן...

און כך־הוה, ווי נאָר ער איז אַריין אין שטוב מיט אַ ברייטן פאַנפאַטן „גוט־שבת", האָט ער דערזען, אַז עס האַלט שמאָל. קיינער איז אים אַנטקעגן נישט אַרויסגעלאָפן. אַפילו ריקליעס פּנים, וואָס שטראַלט אים אַלע מאָל אַקעגן, איז דאָס מאָל געווען עפּעס פאַרזאָרגט. שעמעוודיק האָט זי זיך אַוועקגעמאַכט אין קאָך־שטוב ווי איינע, וואָס געסט זענען פאַרבעטן געוואָרן אין איר נאָמען, און אַליין האָט זי נישט וואָס צו דערלאַנגען צום טיש.

און ר׳ דאָדיע האָט, ווי אַלע מאָל, גענומען אָנגיסן דעם געהויבענעם באַגולדעטן בעכער, דעם נייעם־נגידס קידוש־בעכער. אָבער דער מחיה־

דיקער ריח פון דער גוטער, געדיכטער נגידישער נאַליווקע איז אים אָקעגן נישט געקומען; נאָר עפּעס אַ מין זויערלעכער גערוך פון טיי מיט לימענע. און מאַכנדיק דעם קורצן קידוש האָט אים שוין דאָס האַרץ געזאָגט, אַז דאָ, ביים נייעם נגיד, וועט הײַנט, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, זיין נאָך שיטערער ווי ביי דער שנור, ווי ביי דעם בעל־תשובה; אַז הײַנט קומט מען דאָ אויך אָפּ מיט „קיי און שפּיי", באשר, מ׳האָט אַן אויסרייד — חולאתן אין גאַנץ שטאָט! אין דער אמתן איז מען דאָ שטאַרק צופרידן, וואָס מ׳האָט אַזוי ווייניק געקאָכט און געהאַקט און צעגעגרייט. וועט מען זיך נישט דאַרפן מוטשען, ווי אַלע שבת צו וואַרמעס; מ׳וועט נישט זיין געצוווּנגען צו שטופּן מיט געוואַלד אין די ענגע העלדזער און אין די איינגעצויגענע, שוואַכע בייכער.

וואָס עס האָט נאָך געפעלט צו אַזאַ תענוג — איז דאָס געווירץ פון אָפּלאַכן; דאָס לוסטיק־מאַכן זיך איבער ר׳ דאַדיען, ווי אַלע שבת. איז אָט האָבן דאָס די טײַערע קינדערלעך פונעם נייעם נגיד אויך באַזאָרגט. קעגן גוטן ווילן פון ריקליען דער דינסטמויד האָבן זיי ר׳ דאַדיען אַרויפגערופן. זאָל דער אַלטער טשאָלנט־פרעסער זשעדנע צוכאַפּן זיך... און נישט האָבן צו וואָס. ס׳וועט, אגב, זיין אויך אַ שטיקל נקמה פאַר אַלע ביזאַהעריקע שבתים, ווען זיי אַלע האָבן קיין פּיצל אַפּעטיט נישט געהאַט און געמוזט צוקוקן, ווי ר׳ דאַדיע אַרבעט אין צעגדליקער טעלער און קען זיך גאָרנישט אָנזעטיקן... און דעם אמת מוז מען זאָגן, אַז אין קיין אַנדערן שבת האָט זיך דעם נייעם נגידס משפחהלע אַזוי נישט משמח געווען, ווי הײַנטיקן כאָליערע־שבת.

.4

נאָכן וואָסערדיקן קידוש און פאַרבײַסן מיט אַ מין פאַרעוועןן סוכאַריקל, אָן טעם און אָן ריח, האָבן אַלע, מיט זלידנער נייגעריקייט, צוגעזען ווי ר׳ דאַדיע מאַכט „המוציא" מיט גרויס כונה, איבער צוויי חלותלעך. ער פאַרמאַכט דערביי די געלבלעכע אויגן. הפנים כדי פאַר־צושטעלן זיך, וואָר ווייסט וואָס פאַר אַ מיני געריכטן מען וועט אים דאָ באַלד אונטערטראָגן. נאָר ס׳איז בלאָטע! צו געהאַקטע הינערשע לעבערלעך קומט דאָס נישט, און פון פאַרגאָסענע האַלב־געקאָכטע אייער איז קיין זכר נישטאָ! נישט קיין מאַרינירטע העכט, נישט קיין קוגעלעך. קאַלטע פּעטשאַ מיט זענעפט. ווי דורך אַ כישוף איז דאָס אַלץ פאַרשוווּנדן...

דעם נייעם נגידס שקאָלניק, מיטן פאַרקאַטערטן נעזל, האָט דאָס מאָל צוגעזען אַ סצענע, וואָס ער האָט אַנומלט געלייענט אין „דאָן־קישאָט" און האָט נישט געגלויבט אַז ס'איז אַן אמת. אינעם בוך וואָס ער האָט געלייענט איז געווען באַשריבן, ווי „סאַנטשאָ פאַנטשאָ", דאָן־קישאָטס וואָפן־טראָגער, קעניגט איבער „אַן אינדזל" און זעצט זיך מיט גרויס פאַראַד עסן ביי אַ מלכותדיקן טיש, וואָס איז אָנגעשטעלט מיט כל־טוב: מיט טייערע אויבסט, מיט געבראָטענע אינדיקעס און מיט געפילטע פאַזאַנעס. אָבער ווי נאָר „סאַנטשאָ פאַנטשאָ" שטרעקט אויס זיין פויערשע הענטעלע צו נעמען עפּעס אין מויל אַריין, אַזוי לאָזט זיך אַראָפּ דאָס צויבער־שטעקעלע פון פיעדראָ־רעציאָ — ס'איז דער „דאָק־טאָר פון אינדזל". וועלכער איז אָנגעשטעלט אָפּצוהיטן סאַנטשאָ פאַנטשאָס געזונטעלע — און די דינער כאַפּן אַוועק דאָס געריכט, ווי אַ געפערלעכן סם, פון אונטער סאַנטשאָ־פאַנטשאָס הענט. וואָרום אָט די טייערע רויע אויבסט, אַזוי פאַרזיכערט דער „דאָקטאָר" דעם זשעדנעם סאַנטשאָ־פאַנטשאָן, קען אים חס־ושלום פאַרשאַטן צום איידעלן מאָגן, און אָט דער געבראָטענער אינדיק קען אים צעהיצן די געדערים און אויפרייצן אַ צו־שטאַרקן דורשט. און אָט יענע איינגעקאָכטע קאַלבס מיט גרינס איז סתם צו שווער פאַר די פיינע געוועבן פון זיין גוף... איז אָט זעט ער היינט, דער שקאָלניק, אַן ענלעכע סצענע מיט ר' דאָדיע „פיר מאָל צאָלענט". אַלע האַלטן דאָ אין איין אַוועקלייגן דעם לעבן פאַר ר' דאָדיעס געזונט. מ'היט אים פּשוט, ווי אַן אויג אין קאָפּ. וואָרום באַלד נאָך „המוציא" האָט מען אים אָנשטאָט אַלע שבתדיקע קאַלטע געריכטן דערלאַנגט נאָר איין־איינציק געריכט — דעם נייעם־נגידס „סאַלאַט", וואָס איז געמאַכט פון אָנגעריבענע, אָפּגעקאָכטע בוריקעס מיט לימענע און אייל. און דערביי געגעבן אים טיפּזיניק אַ ווונק: „איר פאַרשטייט דאָך אַליין ר' דאָדיעו..." און נאָכן זיס־זויערן און פּעטיקן „סאַלאַט" פון וועלכן ר' דאָדיען איז היינט גלייך שפּל־געוואָרן אויפן האַרצן. האָט מען אים צוגעטראָגן אין אַ גרויסער טעלער הינערשע יויך, איבער וועלכער עס זענען אַרומגעשווומען עטלעכע געלע „מאַנדעלעך". אין זיין פאַרצווייפלונג אָנצוכאַפּן זיך אַן עפּעס פעטערס, גרונטאָוו־נערעס ווי בוריקעס־סאַלאַט, האָט זיך ר' דאָדיע אַ לאָז געטאָן, מיטן זילבערנעם לעפל, נאָך די „מאַנדעלעך", כדי אויסצוכאַפּן זיי, ווי צע־שאָטענע געהילץ איבער אַ שטראָם. אין איין מינוט האָט ער זיי אויסגעפאַנגען ביז איינע, און דערנאָך, פאַרשעמטערהייט, געמוזט

פאַרגיסן זיי מיט דער אדם־נאַקעטער יויך און לאָזן אַרומשווימען די עטלעכע מאַנדלעלעך אין מאָגן, אזוי ווי אָקאָרשט — אין טעלער.

דאָס איז געווען במקום קוגל און טשאָלנט וכדומה. און באלד, נאָך אַזאַ מקוה מיט יויך, האָט מען אים דערלאַנגט עטלעכע טרוקענע, אָנגעשניטענע שטיקלעך בייליק, און די נגידעכע אַליין האָט גלייך דערקלערט דעם סוד פון אַזאַ מאָגערן געריכט.

— אייך, ר׳ דאָדיע, דאַרף מען דאָך נישט זאָגן. איר ווייסט דאָך מסתמא אַליין וואָס דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט...

ס׳איז אים געוואָרן פינצטער אין די אויגן, דעם אַלטן. ער האָט דערזען ווי גיך דער פערטער און לעצטער שבתדיקער וואַרמעס רוקט זיך אַוועק, און דערווייל האָט ער נאָך נישט אָנגעהויבן צו טועם־זיין אַ זאַך, וואָס מ׳זאָל דאָס קענען אָננעמען. לעפל אַהער און לעפל אהין, אַ מבול פון יויך און קיין איין איינציק געריכט, ווו מ׳זאָל קענען אַריינשטעקן אַ גאָפל און עס זאָל בלייבן שטיין. אָט האַלט מען שוין ביי קאָמפּאָט. ס׳איז אָבער נישט דער געדיכטער קאָמפּאָט פון פלוימען און פייגן, וואָס מ׳עסט דאָ אַלע שבת. דאָס מאָל איז דאָס נישט מער ווי געטריקנטע באַרן אויפגעקאָכט מיט אַ ביסל צוקער און אינגבער. געקאָכטע אָבצאָסן נישט קיין קאָמפּאָט. אָבער די נייע נגידעכע האָט אים גלייך אויפגעקלערט, אַז ס׳איז געמאַכט אזוי „כדי צו שטאַרקן דעם מאָגן”... האָט דאָס טאַקע עפּעס אַ טעם פון אַ רפואה, נישט פון אַ פאַרבייסן. און דערמיט, ווייזט אויס, איז פאַרענדיקט די גאַנצע שבתדיקע סעודה.

אומבאַהאָלפן און אנטוישט האָט זיך ר׳ דאָדיע אומגעקוקט. ער האָט כאָטש געוואָלט דערכאַפּן איין מינע פון מיטלייד, נאָר ער האָט דאָס נישט געפונען. אין זיין שוואַכקייט און צער האָט ער אַצינד דערפילט אַלע פאַרטאַיעטע גאַדעלעך און קוקעלעך און העויהלעך, וואָס אין די פעטע שבתים, בשעת דער גרויסער זאַטקייט, האָט ער זיי גאָרנישט געפילט. ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע האָט אים זיין אומעט אָפּגעקלונגען אויף אַלע מינעלעך און רמזימלעך. זיי מיינען דאָך אודאי, דעם נייעם נגידס ליידאַקעס, אַז די פאַרפרעסנקייט קלאָגט אין אים... ווייניקער ווי אַלע מאָל אָרט אים אַצינד פאַר די גוטע עסנס וואָס זענען פאַרשוווּנדן פון די שבתדיק־יידישלעכע טישן. דאָס האַרץ וויינט אין אים, וואָס די וואָכעדיקייט פאַרשליגגט אַזוי די הייליקייט, וואָס דאָס וואָרט פון אַ פערשעל איז געוואָרן שטאַרקער פון גאָטס געבאָט: „זכר את יום

השבת לקדשו!״... וואָס דער קליינינקער שרעק פאַרן טויט האָט געקריגן אומעטום שליטה איבער דער ברייטקייט און מנוחה און תענוג פון אַזאַ גרויסן טאָג. וואָס ווייסט זי, אָט די געפּיעשטשעטע נאַרישע חברהטשקע דעם נייעם נגידס, ווי גרויס ס׳איז דער צער וואָס אַזאַ טאָג פון געהויבנ־קייט שטאַרבט היינט אָפּ אין דארעניש און קלעמעניש. אין אַ פּאָר שעה אַרום וועט שוין די אָסיענדיקע זון פארגיין און דער פאַרמאָרעטער עלנטער שבת וועט זיך טויט אַראָפּקייקלען אין אַ כף־הקלע פון נודאָטע, פון וואָכעדיקייט...

אָבער וואָס פינצטערער ר׳ דאָדיעס פּנים איז געוואָרן פון אַזעלכע שווערע מחשבות, אַלץ ליכטיקער זענען געוואָרן די פּרצוף־פּנימער פון נייעם נגיד און נגידעכע און זייערע בני־בית. פּשוט, אַ שטיק געזונט איז זיי אַלע ווײַלע צוגעקומען, זעענדיק ווי ר׳ דאָדיע „פּיר מאָל צאָלענט״ ווערט אומעטיקער און אַנטוישטער נאָך יעדן מאָגערן געריכט. מ׳האָט אים שוין אַפילו נישט געבעטן זינגען די טאָטערישע זמירות, וואָס איז אַלעמאָל געווען דער שענסטער נומער פון דער אָפּגעפּאָרענער, אויסגעדראָשענער נגידישער פּראָגראַם. היינטיקן שבת האָט מען עס מער נישט באַדאַרפט. אָן דעם איז אויך געווען גענוג פון וואָס חוזק צו מאַכן. אַ סך נייע אַטראַקציעס זענען היינט געווען.

דער שקאָלניק מיטן פאַרקאַטערטן נעזל האָט זיך אפילו געוועגן דערמאָנען, פאַר „מים אחרונים״, און מיט אָפּענע ציין אַ כיכיקע געטאָן:

— נו, ר׳ דאָדיע! „אַשאַקי אי וואַקי, מיכאַקי און באַקי...״ ווי?

אָבער ר׳ דאָדיע האָט אויפן בחורל אַזוי פינצטער אַ קוק געטאָן, אַז יענעם איז גלייך קאַלט געוואָרן אין מאָגן. האָט שוין דער נייער נגיד אַליין געפּוגען פאַר נויטיק אָנצושרייען אויף זיין תכשיט:

— דו!... לאָז היינט מיט די זמירות!

„זיינע קודלעס געקרויזלט, שוואַרץ ווי ראָב"...

1.

מיטן בענטשן, וואָס ר' דאָדיע האָט דעם לעצטן שבת געבענטשט,ביים נייעם נגיד אין שטוב, איז צוגעגאנגען ווי מיט דער שיטערער יאַיכל — זופ־זופ און פאַרטיק. נישט געדרימלט האָט דאָס מאָל ר' דאָדיע און נישט געפאלן אויף דער נאָז נאָך יעדער איינעם „הרחמן". די צונג איז אַליין געלאָפן, לייכט, ווי אינמיטן וואָך, נאָך אַ סוכאריקל מיט טיי. נאָר די שיטערע יאַיכלעך, מיט וועלכע ער האָט זיך פון היינט אין דער פרי אָן אָנגעזשלאָקעט ביי דער שנור, ביים בעל־תשובה און ביים נייעם־נגידס טיש, האָבן ביי אים געבורטשעט אין בויך, געבויטשעט זיך, ווי אין אַ האַלב־ליידיקן לאָגל. מיט אַ פאַרזופטן „גוטן שבת" און מיט אַן אַראָפגעבויגענעם קאָפּ האָט ר' דאָדיע אַוועקגעטראָגן זיינע לעבעדיקע „כלים" אהיים — און געזיפצט. מער נישט ווי געזיפצט. נישט געשלוקערצט. נישט געוועזן פון וואָס צו שלוקערצן. דאָס זענען אָבער נישט געווען די זיפצן פון איבערזעטיקייט און פון עונג־שבת. זיפצן פון אַ פאַרחלשט האַרץ זענען דאָס געווען. פּוסטע זיפצן, אַן אָפּהילך פון אַ ליידיקער זעל און פון אַ ליידיקן גוף. דער אומעט פון אַ פארשוועכטן שבת האָט זיך אין זיי אָנגעהערט. אַזוי האָט זיך ר' דאָדיע דערשלעפּט אהיים.

אין שטוב האָט אויף אים, ווי אַלע מאָל, געוואַרט גדליהקע זיין אייניקל, דער זשוואַווער חדר־ייִנגל, מיט אַ הייסן הליאק וואַסער צו אָטכאיען זיך. מחמת דער געפאר פון כאָליערע האָט מען דאָס מאָל פאַרביטן די זומערדיקע־קאַלטע עמער־וואַסער אויף אַ הליאק... האָט זיך אָבער ר' דאָדיע צעפּאָכעט אויף זיין אייניקל מיטביידע הענט,

ווי אויף אַן איינגעגעסענער פליג. איז גדליהקע גלייך אַוועקגעלאָפן צו טאַטע־מאַמע, הינטערן ווענטל:

— דער זיידע וויל נישט טרינקען — דער זיידע!...

ר׳ דאָדיע האָט אָבער פעסט באַשלאָסן נישט אָפּצוגעבן קיינעם קיין רעכענונג. מידער ווי אַלעמאָל — נאָך אַ גוזמא מיט טשאָלנטן, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף זיין טאַפּטשאַן און געפרוווט איינדרעמלען. ער האָט געוואָלט איבערשלאָפן דעם טיפן אומעט אין הארצן. אָבער צו פארנאכט צו איז דאָס הארץ־קלעמעניש איבערגעגאנגען אין גאָר אַן אַנדער ווייטיק.

שוין פאָר שלוש־סעודות איז אים שטאַרק נישט־גוט געוואָרן. אַלע לאַקרעצדיקע קידושן און געפרעיעטע יאַיכעלעך, וואָס ער האָט אין זיך אריינגענומען, האָבן זיך אין אים צעבראָזט. זייַנע אַלע אינערלעכע אברים, וואָס זענען פון קדמונים אָן געווען געוווינט צו גערדיכטע שבתדיקע מאכלים איין מאָל אין וואָך, האָבן זיך פשוט געשטעלט אַקעגן אַזאַ אָפּנארעריי, וואָס מ׳האָט זיי היינט אָפּגענאַרט. מוחל, הייסט דאָס, די טובות! ביטער איז ר׳ דאָדיען געוואָרן אין מויל, און דער לעבער האָט אָנגעהויבן ווייַ צו טאָן.

דערזעען אַזאַ מעשה, זענען צו אים צוגעפאַלן נטע זיין מיזיניק און מינע־דינה זיין שנור, מיט טענות, ווי דער שטייגער איז פון גוטע קינדער, וואָס היטן אָפּ דעם טאַטנס געזונט און דעם שווערס וווילזיין:

— טאַטע, וואָס האָב איך דיר געזאָגט!

— שווער, מ׳האָט זיך דאָך ביי אייך געבעטן, איר... איר זאָלט היינט מער נישט גיין אויף טשאָלנטס...

שוואַך און געל ווי ער איז געווען, איז פלוצלונג ר׳ דאָדיע רויט געוואָרן פאר כעס און אויפהויבנדיק זיך מיט די לעצטע כוחות אויף די אַלטיטשקע אָדערדיקע אָרעמס, האָט ער זיך צעשריען:

— בהמות! פערד! חמורים! אָקסן! איר ווייסט וואָס איר רעדט? טשאָ—לנט? וועלכע טשאָ—אָ...

ער האָט נישט דערשריען און פאַרגאַנגען זיך אין אַ שיטערינקן הוסט פון גרויס אויפרעגונג. ס׳האָט אים פארפעלט לופט.

האָבן נטע און מינע־דינה אַ קוק־געטאָן אויף דעם אַלטנס אַנט־בלויזטע הענט און אויף זיין פארקרימטן פנים און האָבן זיך דערשראָקן. זיין הויט איז אצינד געווען נישט געלבלעך, ווי אַלע מאָל, נאָר געל־

גרין, ווי צעגאָסענע גאַל האָט דאָס אויסגעזען. איז מען שוין געלאָפן כאַפּן דעם דאָקטאָר.

נאָר כאַפּן דעם דאָקטאָר אין אַזאַ צייט, ווען דער שפּיטאָל איז איבערגעפּולט, איז גאָרגישט אַזוי לייכט. קוים דערוואַרט זיך אויפן דאָקטאָר חישין, ווען ער גייט אהיים צו וועטשערע און, מיט רחמים און תחנונים, אַראָפּגעבראַכט אים.

פאַרזיכטיק, ווי אַ פּאַס פּולווער, האָט דאָקטאָר חישין אַרומגעטאַפּט און אויסגעהערט דעם אַלטן, און האָט ביי אים קיין פאַרדעכטיקע סימנים נישט געפונען. נישט קיין הויכע טעמפּעראַטור, נישט קיין שמערצן אין די ווייכע טיילן. גלאַט אַ באַיאָרנטן יידן איז נישט־גוט געוואָרן. דער לעבער האָט זיך ביי אים צעשפּילט, אַ ביסל גאַל האָט זיך צעגאָסן. אפשר צופיל משקה געטרונקן? ניין, האָט ר׳ דאָדיע געשאָקלט מיטן קאָפּ. אפשר צופיל פעטע זאַכן געגעסן? „פעטע זאכן!...", האָט ר׳ דאָדיע איבערגעחזרט מיט ביטערניש, „אַזוי פעט ווי אַ פענעצל ביילק פון אַן אַלטן האָן..."

— נישקשה, — באַרואיקט דאָקטאָר חישין די שטוביקע — ער וועט גאַנץ זיין. פאַראַן אַציגד ערגערע חולאים. אין שפּיטאָל דאַרף מען אים נישט פירן...

פאַרשריבן אַ רפואה און אוועק, צוזאָגנדיק אריינצוכאַפּן זיך נאָכאמאָל מאָרגן ביי טאָג.

נאָר צומאָרגנס פרי איז שוין ר׳ דאָדיע געלעגן אַ מטושטשער, אַ פאַרבייאיקער און קוים געאָטעמט פאַר שוואַכקייט. „דאָס הארץ, דאָס הארץ!" האָט ער זיך אַלץ געקלאָגט און אַזוי איז ער אויסגעגאנגען, נאָך איידער דער דאָקטאָר איז געקומען אים זען אַ צווייט מאָל.

אַנגעפאָרן פון שפּיטאָל אין זיין פאַיעטאָנדל און דערהערט, אַז דער חולה האָט זיך אויף אים נישט דערוואַרט, איז דאָקטאָר חישין בלאַס געוואָרן. צי דאַרף מען נישט אָפּראַמען די גאַנצע שטוב און אָפּשליסן ביז די סאַניטאַרן וועלן קומען? אָבער לויט אַ סך סימנים און לויט דעם וואָס די שטוביקע האָבן אים דערציילט, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז מיט דער מגפה אין שטאָט האָט דאָס פאָרט נישט צו טאָן. וואָס־זשע איז מיט ר׳ דאָדיען געשען?

פון פאַנאנדערפרעגן האָט ער זיך אין שטוב דערוווּסט וויפל טשאָלנטן ר׳ דאָדיע עליו־השלום האָט אין זיך אריינגענומען אַלע שבת און איז פונדעסטוועגן געוועזן געזונט. און דוקא היינטיקן שבת, ווען ער איז

אין דער היים און ביי אַלע זיינע „קונדן״ אָפּגעקומען מיט יאַיכעלעך און מיט מאָגערע שטיקלעך הון, דאַרף זיך טרעפן אַזאַ אומגליק...

איז ער אינגאנצן צעטומלט געוואָרן, דאָקטאָר חישין. אויב אַזוי, איז דאָס דאָך אַ פּאַטש אין פּנים דער גאַנצער דאָקטאָריע. פּשוט, דער מלאך־המות אליין האָט אַרויסגעשטעקט אַ צונג אקעגן דער גאנצער חכמה פון די היגע דאָקטוירים.

האָט ער פאַרלעגן געריבן זיך דעם בלאָסן שטערן, צעפּירט מיט די הענט.

— — הפּנים, — אזוי האָט דאָקטאָר חישין אימיצן פאַרענטפערט — הפּנים צו שאַרפע זאַפּטן געהאַט אין מאָגן... נישט געהאַט וואָס צו פאַרדייען און געוואָרפן זיך אין קאָפּ... האָ־האָ, דער מאָגן האָט אַ גוטן זכרון!... און כ׳מיין וויפל דאַרף א... מענטש קרוב צו זיבעציק...

אָבער די באַלעגאָלעס אין צעך, וועלכע האָבן דערהערט פון ר׳ דאָדיעס פּלוצלעכן טויט און פון וואָס ער איז געשטאָרבן, האָבן דאָס דערקלערט אַ סך פּשוטער:

— דרייט אַ קאָפּ! זאַפּט־שמאַפּט... ר׳ דאָדיע האָט איין שבת נישט געגעסן קיין „צאָלענט״, האָט ער אויסגעצויגן די פּיסלעך...

משמעות, אַז די באַלעגאָלישע דערקלערונג איז די ריכטיקערע.

2.

דערפאַר אָבער וואָס ר׳ דאָדיע איז געשטאָרבן נישט פון כאָליערע, רחמנא־לצלן, נאָר פון נ י ש ט ־ עסן, טשאָלנט. האָט ער זוכה געווען צו אַ סך אַ שענערע לויה, ווי אַלע אַנדערע וואָס זענען אומגעקומען אין דער מגפה. די געשטאָרבענע אין שפּיטאָל האָט מען אָפּגעטראָגן אויפן גוטן־אָרט שטילערהייט, שפּעט ביינאַכט, אָן טאַראַראַם און אָן צדקה־פּושקעס. נאָכן מקבר זיין זיי האָט מען אויפן בית־עלמין קיין „קדיש״ נישט געזאָגט, נישט קיין „צדוק הדין״. ביי נאַכט איז מען דאָס, על־פּי־דין, נישט מחויב. דאָ, ביים געוועזענעם אונטער־שמש, האָט מען פאַר קיין קלעפּיקער מחלה קיין מורא נישט געהאַט. דער דאָקטאָר אַליין האָט געזאָגט, אַז מען מעג, איז מען פון חברה־לויה געקומען צו טאָן דעם בר־מינן זיין רעכט, ווי עס באַדאַרף צו זיין, און פון גאַנץ גאַס איז מען אָנגעלאָפן אָפּגעבן אַ שכן דעם לעצטן כבוד. אַ מזל פון אַ יידן!

האָט פּיוועקע, אורי דעם קאַסאָקנס בחורל, דערזען, אַז אַלע לויפן צו ר׳ דאָדיעס שנור אין שטוב אַריין, איז ער אויך געלאָפן.

אַרום שטוב גופא האָט שוין געהודזשעט ווי אין אַ בינשטאָק. יידן און יידענעס האָבן זיך נישט געקענט אָפּוואונדערן פונעם גליק וואָס נטען און ר׳ דאָדיען, עליו־השלום, האָט געטראָפן אין אַזאַ צייט. אַ שמש, דאַכט זיך, און געשטאָרבן און ווערט מקובר ווי אַ לייט; בשעת אַנדערע, למדנים, תלמידי־חכמים, שיינע יידן טראָגט מען אַרויס ביינאַכט, בגנבה, מיט לאַמטערנעס אַז... אַז... נייך, באמת... עפּעס מאָדנע זכות־אבות! צום טויט דאַרף מען אויך האָבן גליק!

פייווקע האָט אַזעלכע און ענלעכע שמועסן ביים שטוב אָנגענומען זייער ערנסט. ער האָט שאַרף אַריינגעקוקט אין די פּנימער פון די וועלכע זענען כלומרשט אַזוי מקנא דעם בר־מינן און זיינע קרובים, און האָט אין זייערע אויסגעלאָשענע אויגן נישט באַמערקט קיין פּינקעלע חוזק. האָט אים אַזש דאָס האַרץ גענומען קלאַפּן פאַר גרויס דרך־ארץ צום נפטר־געוואָרענעם ר׳ דאָדיען. ווי געשריען! ס׳איז דאָך דער זעלבער ר׳ דאָדיע פון וועלכן דער טאַטע פלעגט אָפּלאַכן אַלע שבת, אַרויסקוקנדיק מיט פריילעכע קאָסאָקע אויגן פון פענצטער:

— נאַ, ר׳ דאָדיע איז שוין „עולה־רגל״ נאָך טשאָלנט!...

דורכגעשטופּט זיך אין דער פולער שטוב מיט מענטשן, האָט פייווקע אין מיטן פּאָדלאָגע דערזען דעם מת, צוגעדעקט מיט אַ גרויסן ליילעך און איבערגעדעקט מיט אַ קלענערן שוואַרצן טוך. צוקאָפּנס ברענען הויכע ליכט אין מעשענע לייכטער. און אויף אַ בענקעלע, נישט ווייט פון מת, זיצט נטע, דעם פאַרשטאָרבענעמס מוזיניק. נטע קוועטשט זיך צום וויינען און קען נישט. און אגב קוקט ער זיך אַלע ווייל אום אויף זיין נייער זשילעט, וועלכע ער האָט, ווייזט אויס, גאַרנישט לאַנג באַקומען פון אונטערן שניידערס פּרעס־אייזן. און געמוזט מאַכן זיך אַ האַרץ און ר״יסן מיט איר קריעה. און גראָד אין רעכטן מיטן ביים דריטן קנעפּל, פון דער לינקער זייט, נאָענט צום האַרצן. אַזוי ווי דער דין איז נאָך טאַטע־מאַמע. דריי פינגער די לענג איז דער נייער זשילעט געריסן און די ווייסע מאַרלע מיט דער שוואַרצער סאַרזשע קוקן אַרויס פון נייעם געוואַלדריס, ווי דאָס ווייסע ליילעך איבערן מת פון אונטער דעם שוואַרצן. אַ געקוילעטע זשילעט נישט פאַר קיין יידן געדאַכט...

„בר־בר־בו!״ מאַכט נטע אַן אַנשטעל, אַז אָט הויבט ער אָן וויינען אויף אַן אמת מיט גאָר פרישע כוחות, און מיט טיפער אבלות. אָבער פייווקען איז נישט קלאָר צי נטען פאַרדריסט אַזוי שטאַרק ר׳ דאָדיעס טויט, צי די נייע, געריסענע זשילעט טוט אים ווי... ס׳איז אַ גרויסע עבירה,

נישט צו גלויבן אַזוי אַ דערוואַקסענעם, באַבערדלטן יידן, ווי נסע איז. אָבער וואָס זאָל פּייוועקע טאָן? אים דוכט זיך פאָרט אַז ס׳איז... די זשילעס.

פּייוועקע האָט זיך פלינק אומגעקוקט. אים האָט זיך, ווי יעדן ייִנגעלע, אויסגעדוכט, אַז מ׳זעט זיינע נישט־כשרע מחשבות. און דערזען האָט ער גאָר אַ פּאָר אַנדערע ייִנגלשע אויגן, אויסגעלופּעטע און פייערדיקע. נישט קיין אַנדערע ווי גדליהקעס, ר׳ דאָדיעס אייניקל... ס׳איז דער זעלבער זשוואַווער חדר־ייִנגל, וואָס פלעגט אַלע שבת, נאָך די גרויסע טשאָלנטן, אָפּוואַרטן דעם זיידן זיינעם מיט אַן עמער קאַלטע וואַסער, כדי צו אָטכאַיען אים. עס איז געווען באַקאַנט אויף דער גאַנצער גאַס...

דעם יאַטלס אויגן, גדליהקעס קוקערס, זענען אַצינד געווען פּונקט אַזעלכע נייגעריקע און פאַרשנדיקע, ווי ביי אים — ביי פּייוועקען. ער האָט דאָס גלייך דערפילט. הפּנים אויך גדליהקע האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ איבערן טאַטנס געוויין. צי ס׳נעמט זיך פון זשילעס צי פון זיידן... ביידע יאַטלעך האָבן זיך אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט, און ביידע זענען, אין איין און דער זעלבער רגע, רויט געוואָרן. אָבער באַלד נאָכן רויט־ווערן איז פּייוועקען לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן: נו, אויב אַן אייניקל מעג, מעג ער דאָך, אַ פרעמדער ייִנגל, אַוודאי און אַוודאי.

די לייט פון חברה־לויה, אַלץ פאַרנומענע מענטשן ביי די יאַטקעס, אין מאַרק, ביי די לייוועס אויפן ברעג דניעפּער און אין צעך, האָבן אָבער קיין לאַנגע מחזקות נישט געמאַכט. נאָך דעם ווי מ׳האָט אַריינגעשלעפּט פון קיך די עמערס מיט קאַלטע וואַסער און אַלץ וואָס איז נויטיק צו „טהרה״, האָבן זיי גלייך גענומען בראָקן פּסוקים. לייבעצקע גאָרגל דער ליימער און דער עלטסטער פון די „מטהרים״ האָט פּאַוואָליע אָנגעהויבן צו ציען דעם צודעק פון בר־מינן, פון קאָפּ צום טיפן גוף, און צעציגלט זיך הייזעריק מיט אַ ביי־קול. און די לייט פון חברה־לויה האָבן אים אונטערגעהאָלפן. און אַלע האָבן זיך צעלאָזן אין גרויסע לויב־געזאַנגען וועגן דער שיינקייט פון געשטאָרבענעם:

— ראשו כתם פּז, קוצותיו תלתלים שחורות כעורב... ס׳הייסט: זיין קאָפּ איז ווי גינגאָלד. זיינע קודלעס געקרויזלט שוואַרץ ווי ראָב. זיינע אויגן ווי טויבן אויף קוואַלן וואַסער. באָדן זיך אין מילך, זיצן אויף דער פול...

קיין גרעסערן קראַסאַוועץ ווי ר׳ דאָדיע „פיר־מאָל־צאָלענט״ און דווקא טויטערהייט, האָט זיך גאָר שולמית, אין שלמה המלכס „שיר־השירים״, נישט געקענט אויסזוכן... עפּעס גלויבט זיך דאָס נישט. נאָר

דעם „מעבר־יבק״ *) און לייבעצקע גאָרגל וועט איר סיי ווי סיי נישט איבערשפּאַרן. אָט האלט ער אין איין ציקלען זיך, און האָפּעדיק פאַר־זיכערט ער פּייוּוקען און דעם גאַנצן אָנגעלאָפּענעם עולם אין שטוב:

— לחייו כערוגת הבשם... זיינע באַקן זענען ווי בייטן בשמים, בערגלעך בלומען. זיינע ליפּן — רויזן, וואָס טריפן מיט שמעקעדיקן מור...

און לויבנדיק אַזוי דעם בר־מינן, זיינע גוואַלדאָוונע שיינקייטן, האָט לייבעצקע גאָרגל ביסלעכווייז אַראָפּגעצויגן די שוואַרצע און ווייסע טיכער פון טויטנס קאָפּ און פּלייצעס. ביסלעכווייז — כדי נאָכצוגיין וואָרט ביי וואָרט די פסוקים, כדי דאָס וואָס אין שיר־השירים שטייט זאָל שטימען מיט די אויפגעדעקטע טיילן גוף פון ר׳ דאָדיען, עליו־השלום.

קאַלטע מוראַשקעס האָבן פּייוּוקען גענומען לויפן איבערן רוקן. ווען ער האָט דערזען דעם געלבן האַלב־אַנטבלויזטן גוף מיט די פאַרגליווערטע קנייטשן. ער האָט פיבערדיק גענומען זוכן מיט די אויגלעך כאָטשבי איין סימן פון די לויבגעזאַנגען, וואָס מ׳האָט דאָ אויסגעזונגען איבערן מת, און נישט געפונען. משמעות — אַ קאַפּעלע איבערטריבן. אָנשטאָט „קודלעס געקרויזלטע שוואַרצע ווי ראָב״, האָט גאָר פּייוּוקע דערזען אַ גרויסן פליך, געלבלעך־גרין, ווי זאַפּרען מיט שמעק־טאַבאַק צוזאַמענ־געמישט, און איבערגעשפּאַנט מיט פאַרצווייגטע שוואַרצע אָדערן. אָנשטאָט די „בייטן פון בשמים״ און „בערגלעך בשמים״ — אַ שיטערע סיווע בערדל, איינגעפאַלענע באַקן, אַ האַלב־אָפּענעם מויל מיט איין צאָן אונטער דער אויבערשטער ליפּ. אַן איינגעפאַלענע האַרץ, דינע יינגלשע אָרעמס מיט גרויסע, מוראַדיק־גרויסע צעקנייטשטע הענט. און איבער די דינע פיס פונעם מת, כמעט ביז איבער די קני, איז געווען אַראָפּגעהאַנגען אַ מין ברייטער משונהדיקער זאַק פון ווייכן פאַרמעט: האָט פּייוּוקע לכתחילה געמיינט, אַז מ׳האָט פאַרגעסן אויסטאָן אַ טייל פון בר־מינס אַנטועכץ. לעדערנע מייטקעס אָדער וואָס? לאָזט זיך אויס, אַז ס׳איז גאָר דער באַהעלטער פון די טשאָלנטן, אַ נאַטירלעכער זאַק ווו די שבתדיקע געריכטן פון פיר יידישע הייזער האָבן זיך אַלע שבת אויסגעלייגט, בשעת ר׳ דאָדיע עליו־השלום, האָט נאָך געלעבט... אָה! איצטער פאַרשטייט ער שוין, פּייוּוקע, ווו ר׳ דאָדיע האָט גענומען אַזוי פיל אָרט פאַר אַזוי פיל שבתדיקע וואַרמעסן. אַלע האָבן זיך דאָך געווען געבראָכן דעם קאָפּ, ווו דער אַלטער טוט דאָס אַהין. נישט אַנדערש, האָט מען געחוזקט, אַז

*) דער ספר מיט די דינים פון קבורה.

ר׳ דאָדיע טראָגט אַ טאַרבע אונטער דער אַטלעסענער זשופּיצע. עס איז טאַקע נישט ווייט פון אַן אמת! אָט איז די „טאַרבע״, מיט וועלכער גאָט האָט אים געבענטשט, אָבער פּוסט. אַן איינגעפאַלענע איז זי אַצינד... געלייגט און געלייגט אין איר אַ גאַנציקן לעבן און טראָגט מיט זיך גאָרנישט נישט אַוועק. אַ מאָדנע זאַך!...

אָבער לייבעצקע גאָרגל און זיינע חברים פון חברה־לויה קענען זיך גאָרנישט אָפּווונדערן פון דעם בר־מינגס נייע פּראַכטן:

— ידיו... — אזוי לויבן זיי אים — זיינע הענט זענען ווי וואלגערס פון גאָלד באַפּוצט מיט תרשיש... (כריזאָליטן). זיין בויך געטאָקטער העלפאַנט־צאַן אַרומגעזוצט מיט סאַפּירן, זיינע ליטקעס ווי זיילן פון מירמלשטיין באַפּעסטיקט אויף גאָלדענע שוועלן. זיין געשטאַלט איז ווי דער לבנון. אַ בחור — ווי טענענבוימער...

פאַר די גאַנצע עלף יאָר וואָס פּיווקע לעבט אויף דער וועלט, האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געהערט, אז אַ ייד זאָל אַ צווייטן לעבעדיקן יידן זאָגן אַפילו אַ צענטל פון אַזעלכענע שבחים. אָבער אַ טויטן, ווייזט אויס, זשאַלעוועט מען נישט. מען שיט דאָס. ווי פּיאַטאַקלעך ביי אַ כלי־זמר אין צימבל, מען האַקט ווי אין קרויט אריין, וויפל עס גייט. אָט הערט ווערטער:

— זיין גומען איז ווי צוקערקעס און אינגאַנצן איז ער אַ גלוסטעניש. אָט דאָס איז מיין פעטער און דאָס איז מיין געזעל, טעכטער פון ירושלים!...

3.

אינגאַנצן פריי געמאַכט דעם מת פון די ליילעכער, האָבן אים אַ פּאָר לייט פון חברה־לויה אונטערגעכאַפּט. ווי אַ געחלשטן, אונטער די יינגלש־דינע אָרעמס; און לייבעצקע גאָרגל האָט זיך, מיט גאָר אַ נייער פרישקייט, צעקרייעט און חברים האָבן אים אונטערגעהאָלפן אין איין משונהדיקן כאָר:

— ויען ויאמר... און ער האָט געענטפערט און געזאָגט צו די וואָס שטייען אקעגן אים אַזוי צו זאָגן: טוט אָפּ די ברודיקע קליידער פון אים! האָט ער צו אים געזאָגט: זע, כ׳האָב פון דיר אָפּגעטאָן דיינע זינד און אָנגעטאָן דיך אין יום־טובדיקע מלבושים...

קודם־כל האָט מען דעם מת אָפּגעקאַטשעט מיט אַן עמער וואַסער

דעם פאַרוואָרפענעם קאָפּ. אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין „מעבר־יבק", אָנצוהויבן מיט דער טהרה פון אויבן און גיין נאָך אונטן. און די לייט פון חברה־לויה האָבן זיך ווייטער צעלאָזן אין גאָר הויכע מליצות איבער דעם עמער וואַסער וואָס איז דאָ אויסגעגאָסן געוואָרן:

— אַ קוואַל און גערטנער, אַ ברונעם לעבעדיקע וואַסערן וואָס טריפן פון לבנון...

דעם צווייטן און דריטן עמער האָט מען שוין געפּליוכעט נידעריקער. און שטאַרקער ווי דאָס וואַסער אין פאַראַבלטן שטוב האָבן זיך געגאָסן תפילות און תשבחות:

מקוה ישראל... די מקוה פון פאָלק ישראל זיין אויסלייזער אין אַ צייט פון אַ צרה...

פייפקען האָט געגרוילט. ווי ער וואָלט דערפילט די קאַלטקייט פון וואַסער אויף זיין אייגענעם לייב. אַ ביסל וואַרעמער איז אים געוואָרן, ווען מ'האָט דעם בר־מינן אָנגעטאָן דעם ערשטן טייל תכריכים און גענומען וויקלען אים אין אלטן, פאַרגעלבטן טלית — דער זעלבער קאַליר ווי ר' דאָדיעס טויטע הויט. אָבער קוים דערוואַרעמט זיך — האָט לייבעצקע גאַרגל ווידער אַמאָל אַ שאָט געטאָן אַ הויפן קאָמפּלימענטן און איבערגעשראָקן פייווקען. דאָס מאָל האָט לייבעצקע געלויבט דעם טלית:

— נרד וכרכם... נאַרד און זאַפרען. געווירצער און צימרינג מיט אַלע בוימלעך פון ווייררוך, מור און אלאָהע מיט אַלע בעסטע בשמים...

און אָן שום איבערגאַנג, פון טהרה־געזאַנג צו מאַמע־לשון, גיט פלוצלונג לייבעצקע אַ קריי צום אבל:

— געטראָגן דעם טלית אויפן קאָפּ?

נטע. ר' דאָדיעס קדיש, ווערט צעטומלט פון אַזאַ פּלוצלעכער קלאָץ־קשיא, עפנט אויף אַ מויל און ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. קומען אַנדערע לייט צו הילף און פאַרשיטן דעם אבל מיט קורצע טייטשן און שאלות. גיך־גיך שיט זיך דאָס פון אַלע זייטן:

— ר' דאָדיע עליו־השלום...

— דער טאַטע אייערער...

— ווי אַזוי האָט ער געדאַווענט?

— מיטן טלית אויפן קאָפּ?

— צי נישט?

— האָ?... אויפן קאָפּ, בו־בור־בו, — באַמיט זיך נטע צו כליפּען און קען נישט — אויפן קאָפּ דעם טלית...

און נעמט בשעת־מעשה קיין אויג נישט אַראָפּ פון זיין נייער צעריסענער זשילעט.

די שטיין־געבליבענע אויסגעהאָרעוועטע הענט פון די חברה־קדישאַ־לייט הייבן זיך גלייך אָן צו עוסקן. בריה׳ש פאַרוואָרפן זיי דעם טלית איבערן קאָפּ פון בר־מינן. אַזוי ווי ער האָט אין אים געדאַוונט ביים לעבן. און עס ווערט גאָר ביי זיי אַ שמחה וששון... אַזוי, ווייניקסטנס, שרייען זיי דאָס אויס אויף לשון־קודש פאַרן גאַנצן עולם אין שטוב:

—שוש אָשיש בד׳... איך טו מיך פרייען מיט גאָט, מיין זעל פרייט זיך מיטן אויבערשטן. ווייל ער האָט מיך אָנגעטאָן אין קליידער פון שוץ, אין אַ מאַנטל פון גערעכטיקייט האָט ער מיך איינגעוויקלט. ווי אַ חתן טוט אָן זיין קראַנץ און ווי אַ כלה צירט אָן אירע צירונג...

פּייוועקע האָט זיך אַ ביסעלע פאַרשעמט ארומגעקוקט מיט זיינע נייגעריקע הייסע אויגעלעך: צי מיינען זיי דאָס טאַקע מיט אַן אמת די האַמעטענע יידן פון חברה־לויה, צי מאַכן זיי דאָס חוזק? וואָרום דער טלית, מיט וועלכן מ׳האָט ר׳ דאַדיען, עליו־השלום, געקרוינט, האָט זיך כלל נישט אָפּגעגעבן מיט ספּעציעלע ריחות פון זאַפרען און געווירצער. ס׳איז געווען אַן אַלטער פאַרשמאַלצעוועטער טלית, אַ ביסל צעריסן. און אַז מ׳האָט אים אַרויסגעצויגן פון טלית־זעקל האָט ער, אַנשטאָט ווייִרוך און צימרינג, פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ רויען ריח פון קעלער און פון פאַרלעגענעם שוויס.

ער האָט אָבער באַלד דערקענט אָן די פאַרהאַרטעוועטע, פּראָסטע און מייסטנס גוטמוטיקע פּנימער, אַז זיי מיינען דאָס מיט אַן אמת. ס׳זענען אַלע מוראדיקע עמי־הארצים. וועלכע פאַרשטייען אַפילו נישט דעם טייטש פון די ווערטער. און טאָמער זענען דאָ אַ צוויי־דריי וועלכע פאַרשטייען יאָ, נעמען זיי דאָס אויך אָן אַלס תורת־לאָקשן. נרד... דאָס מיינט מען אודאי די מצוות. כרכם... דאָס מיינט מען די מעשים־טובים. אין חדר, אַז מען לערנט „מיינט מען״ דאָך אויך... ווען אָט די יידן זענען געווען חדר־יינגלעך האָט מען זיי אַלץ איינגעטייטשט אַז „מען מיינט״. „מיינען״ זיי אַצינד אויך און טוען דערפאַר דעם בר־מינן זיין רעכט מיט גרויס פּשטות, פּונקט אַזוי ווי זיי לייגן ציגל בשעת בויען אויוונס, ווי ציען די לייצעס פון משא־פערד, ווי שלעפּן נאָסקעס אויף די איינגעבויגענע שטאַרקע פּלייצעס. עס איז דער זעלבער אייביקער

יאָך ווי פּרנסה, ווי ווייב און קינדער, ווי דאַוונען דריי מאָל אין טאָג. ס'איז די זעלבע גוטסקייט, די זעלבע טעמפּקייט, די זעלבע מסירת־נפש... און אנשטאט אויסשיסן מיט אַ געלעכטער, האָט זיך פּייווקעס מאָגערער פּנימל אויסגעצויגן, די לעבעדיקע אויגן זיינע זענען פאַרגאָסן געוואָרן מיט אומעט. אַזוי איז ער געבליבן שטיין און אָנגעקוקט וואָס דאָ וועט ווייטער זיין.

באַשאָטנט מיטן טלית, איז דער געלבער אויסגעצוואָגענער פּנים פון בר־מינן שענער געוואָרן, איידעלער. דער חן פון אייביקן שווייגן האָט זיך געלייגט אויף אים. און דאָ האָט מען אָנגעהויבן צוצוגיין איינציקווייז, מחילה־בעטן.

פריער דער אבן אליין, נטע. ער האָט זיך פאַרזאָאיקעט דער לעקיש. געמאַכט בו־בו, אָנגעכאַפּט זיך פאַר זיין צעריסענער נייער זשילעט און אָפּגעגאַנגען. נאָך אים — ר׳ ישראל דער גבאי.

ר׳ ישראל האָט זיך איינגעבויגן איבערן בר־מינן מיט זיין הויכן וווקס, און זיין לאַנגע באָרד האָט געציטערט:

— אויב, — מאַכט ער — ר׳ דוד, איך האָב עפּעס נישט יוצא געווען פאַר אייך, בעט איך אייך מחילה גמורה...

צוליב דעם כבוד פון מת האָבן זיך די מחילה־בעטער מער נישט געווענדט צו אים מיטן גרינגן האַלב־בטולדיקן נאָמען „דאָדיע". צום ערשטן מאָל, אפשר, זינט מ'האָט אים, צום ברית, אַ נאָמען געגעבן... פון „דוד" איז אַרויסגעוואַקסן דער ייִנגלשער און שמש־נאָמען „דאָדיע" און צו „דוד", ווי צום קוואַל, האָט ער זיך אַצינד אומגעקערט. שוין נאָך אַלעמען.

נישט אַלע האָבן פאַרשטאַנען. פאַרוואָס ר׳ ישראל'ס אַלע מאָל לאַכנדיקע אויגן זענען אַזוי אומעטיק. איינער פון די, וואָס האָבן דאָס יאָ געוווּסט, איז געווען פּייווקע. ר׳ ישראל האָט זיך גענומען צום האַרצן וואָס דעם לעצטן שבת האָט ער ר׳ דאָדיען נישט פאַרבעטן אויף טשאָלנט. משמעות ס'איז צו אים דערגאַנגען, אַז פון נישט־דער'עסן היינטיקן שבת איז ר׳ דאָדיע אויסגעגאַנגען. נעמט ער זיך דערפאַר דעם געזונט און בעט מחילה און די ווייסע באָרד ציטערט ביי אים.

דערנאָך איז צוגעגאַנגען די שנור מינע־דינה מיט אַן איבערגעשראָ־קענעם פּנים, אונטער דער אַראָפּגעלאָזענער קאָפּ־טיכל, און מיט צעשראָקענע ווערטער אין די איבערגעטריקנטע ליפּן. איר, הפּנים, האָט

אויך געקלעמט דאָס האַרץ, וואָס נאָך אַ וואָך פאַסטן און „פאַרדייען" האָט זי אָנגעקאָרמעט איר שווער מיט אַ שיטערער הינערשער יאיכל און געבראָכן אים די לעצטע כוחות. פּשוט אָן אַ מעסער געקוילעט אים.

דערנאָך איז צוגעגאַנגען ניסן דער דיעכטיארניק און אָנגעטראָגן אַ ריח פון אַן אויפגעבראָכענער פאָס דיעגאַכץ.

אַזוי ווי ער שטייט אין קראָם, מיט סמאַלע אויף די הענט און מיט שוואַרצע פעטע פלעקן אויף די אַרבל, אַזוי האָט ער זיך צוגעכאַפּט צום מת. צאַפּלענדיק און מאַכנדיק מיט די פאַרשוואַרצטע הענט אָן מיט אַ קול פון קינות האָט ער מחילה־געבעטן. ער האָט קלאָר ארויסגערעדט דאָס וואָס די שנור און דער גבאי האָבן פאַרשוויגן. פאָרט אַ בעל־תשובה!

— ר' דוד, — מאַכט ער — איך בין דעם שבת נישט יוצא געווען פאַר אייך, נישט אויפגענומען אייך ווי אַלע שבתים, איז דאָס חס־ושלום נישט מיין שולד. איר ווייסט דאָך, ר' דוד! טאָ זייט מיר מוחל און זייט אַ גוטער בעטער פאַר מיר...

צוויי מאָל האָט ער געבעטן צו זיין „אַ גוטער בעטער" פאַר אים. ווערדליק דעם פיבערדיקן גלאַנץ אין זיינע דיעגאַכץ־שוואַרצע אויגן, האָט פייווקע קלאָר געזען, אַז ווער־ווער, נאָר ר' ניסן דער דיעכטיארניק איז נעבעך אַ גרויסער נצרך מ'זאָל זיך פאַר אים סטאַרען און מ'זאָל זיך משתדל זיין אויף יענער וועלט. מעשים האָט אָט דער פאַרדיע־געכצטער יידעלע געמוזט אָפּטאָן שטילערהייט. און דאָס דבקהן זיך אַלע שבת, איינער אליין אין דער ווייבער־שול און ביז האַלבן טאָג, איז, משמעות ווייט נישט גענוג צו פאַרגעבן אַלע זיינע זינד...

.4

פונעם נייעם נגידס משפחהלע איז קיינער נישט געקומען מחילה־בעטן. דער נגידישער געוויסן איז, ווי אלע מאָל, געווען ריין ווי קרישטאָל. געשטאָרבן ר' דאָדיע? ברוך דיין אמת. און ווייטער ווייסן זיי קיינער נישט פון וואָס צו זאָגן.

דערפאַר האָט זיך באַלד, נאָכן דיעכטיארניק, צוגעשטופּט צום בר־מינן נישט קיין אַנדערער ווי איצקע דער משוגענער. בשעת ר' דאָדיע איז נאָך געווען שמש אין ליובאַוויטשער בית־מדרש האָט אים איצקע,

אָפּטמאָל צוגעהאָלפןביים שייערן די שווערע הענג־לייכטער. בשכר זה פלעגט ר׳ דאַדיע האָבן אויסצושטיין פון איצקעס משוגענע שטיקלעך. אָן אַלטע באַקאַנטשאַפט.

מיט בלאָנדזשענדיקע גרינע אויגן איז איצקע צוגעטרעטן צום בר־מינן. נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט די הענט. און איידער ער האָט נאָך אָנגעהויבן צו בעטן, האָט זיך ביי אים צעכאָרכלט אין האַלדז, ווי אויפגעקאָכטע פעך וואָלט זיך דאָרט צעבלעזלט.

פּייוקע איז נשתומם געוואָרן. אָט דער זעלבער איצקע, וועלכער פאַרשלייערט שטענדיק זיין בייזע צעלאָזנקייט מיט כלומרשטע משוגעת, נאָר כדי ער זאָל קענען זיין פרייער ווי אַלע יידן אויף דער וועלט, פרייער אפילו ווי חדר־ייִנגלעך אויסערן הדר, וועלכער האָט קיינמאָל פאַר קיינעם קיין מורא נישט געהאַט, געשפּרונגען אַפילו פון ר׳ ישיעלעס חורבה אין שטאָק־פינצטערע נעכט און איבערגעשראָקן דינסט־מיידלעך, און מיט זשאַבעס געטאַנצט און געקוואַקעט אין לבנה־נעכט ביים ברעג אָזערע... אָט דער זעלבער איצקע האָט טאַקע אַצינד אויף אַן אמת פחד. דער סוד פון טויט, וואָס האָט זיך אים דאָ אַנטפּלעקט, בשעת מטהר־זיין אַן אָדם־נאַקעטן מת, אַן אָפּגעלאָזענעם, אַ נאָכגיביקן — דריקט אויף אים מער ווי אויף אַלעמען. אַ קאָפּ קען ער נישט אויפהויבן.

— רב... רב... דאַדיע! — האָט ער גענומען שטאַמלען און איינגעבויגן זיך איבערן מת.

האָט אָבער לייבעצקע גאָרגל גלייך אָנגעשריען, איבערגעשלאָגן אים:

— ר׳ דוד — עם־הארץ דו!

— ר׳ דוד... — זאָג טגלייך נאָך איצקע דער משוגענער. ווי אַ דרדקי־ייִנגעלע פּאַלגט ער. נאָר דאָס „פעך און שוועבל” צעקאָכט זיך אין זיין ענג־געוואָרענעם האַלדז — איך האָב אייך... איך בין... ר׳ דוד...

פּייוקען האָבן געגומען ציטערן די קני. איצקעס בהמהשע שרעק פאַרן טויט און פאַרן מת האָט זיך אים, ווי דורך אַ כישוף, איבערגעגעבן. ער האָט זיך פּלוצלונג דערפילט נישט־גוט און איז אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס.

אַ פאַרשמאַכטער פון די אַלע איינדרוקן וואָס ער האָט דאָ געהאַט, האָט ער זיך צוגעשפּאַרט צום בלינדן ווינגעל פון שטוב, דאָרטן ווו די בערוועגעס קרייצן זיך צוזאמען, און געטראַכט דערפון, אז אייגנטלעך...

על פי יושר, וואָלט ער, פּייווקע, אויך געדאַרפט בעטן מחילה. און ס׳איז דאָ פאַרוואָס...

דערמאָנט ער זיך, אז ווען ער, פּייווקע, איז נאָך געווען אַ חומש־שנעק פון אַן אַכט יאָר און ר׳ דאָדיע — אונטער־שמש, האָבן זיך, ער און נאָך אַ פּאָר חברימלעך פון חדר, פאַרקליבן אין פוסטן ליובאַוויטשער בית־מדרש, איינמאָל אַ פרייטיק נאָכן מעביר־זיין די סדרה, און גענומען פאַבריקעווען און לויפן אין „כאַפּענקעס״ ארום דער בימה. ערשט פון הינטער דער הרובע לאָזט זיך מיט אַמאָל אַרויס ר׳ דאָדיע, מיט אַ שטיק געפוצטן לייכטער אין האַנט. און צעשרייט זיך:

— פאַרכעס! וואָס איז דאָס?... אַ שענק איז דאָס?...

— היינט פאַרוואָס טרינקט מען דאָ בראָנפן? — האָט פּייווקע גלייך אָפגעענטפערט מיט שפּילעוודיקער חוצפה. און אָנצוהערעניש — אויפן ביסל משקה וואָס חסידים נעמען דאָ אָפטמאָל, ביי אַ יאָר־צייט, נאָך שחרית.

דערהערט אזא לשון מיט אַזאַ עזות פון אַ דרדקי־שנעק, האָט זיך ר׳ דאָדיע אָנגעגאָסן מיט גרימצאָרן. אַ לייג געטאָן דאָס געפוצטע שטיק מעש אויפן תהילים־טיש און אורעקגעלאָזן זיך מיט די אַלטע פיסעלעך אַרום בימה צו כאַפּן פּייווקען. נישט מער און נישט ווייניקער.

איז דען שייך צו זאָגן, אַז אַזאַ אַלטער ייד מיט אָפּגעשוואכטע סמאָרענדיקע פּיאַטעלעך וועט כאַפּן אַזאַ מזיק ווי פּייווקע אוריס? אלא וואָס דען, פאַר כעס, אַפּנים, האָט ר׳ דאָדיע אינגאַנצן פארלוירן דעם קאָפּ. נישט פאַרגליכן די כוחות. איז דערפון געוואָרן אַ גאַנצער טריאַטער. דהיינו: דער אַלטיטשקער שמש מאַכט טיאָפּ־טיאָפּ מיט די שטיוועלעך, האָץ־האָץ מיט די פיסעלעך, שטרעקט אומבאהאָלפןביידע געלבלעכע הענט פון די ארבל אַרויס. אָט, הייסט עס, נעמט ער און כאַפּט דעם שקאָץ. און פּייווקע גיט אַ שפּרונג ווי אַ יונגינקער צאַפּ. בלייבט אַ ווײַלע שטיין און קוקט אויף טשיקאַוועס צי ר׳ דאָדיע וויל אים טאַקע כאַפּן מיט אַן אמת, צי ער מאַכט נאָר אַזאַ אָנשטעל? אפשר מיינט ער גאָר אַ שטיף־צו־טאָן אויף די עלטערע יאָרן מיט די צעהוליעטע חדר־יינגלעך?... ניין! משמעות, נישט אויף־צו־פּליישן...

רייצט זיך מיט אים פּייווקע: אָט לאָזט ער צו ר׳ דאָדיען גאָר נאָענט, אָט־אָט כאַפּן אים אַן די אויסגעבויגענע, פון שייערן די לייכטער גרין־געוואָרענע פינגערלעך. און אָט גיט ער, פּייווקע, אַ לויף ווי אַ רוח, מיט צען טריט ווייטער פון ר׳ דאָדיעס שאַרנדיקע שטיוועלעך.

דערזען, אז מיט די פיס קען ער אים נישט דעריאָגן, האָט אים ר׳ דאַדיע געגומען יאָגן מיטן קולכל:

— פאַ—אַרדדד! — האָט ער פלוצלונג געגעבן אַ קנאַק־אַרויס פון די שלאַנגיש־צעצויגענע ליפּן און מיטן גאַנצן כוח פון הייזעריקלעכן האַלדז. עס איז געווען גאָר אַ באַזונדערער „פאַרד". מיט אַ דריי־גאָרנדיקן „כף" און מיטן גאַנצן זשיפּנדיקן סם פון זײַן אַלטן קאָטער אויף אַ משופּעדיקן דאַך. דערפאַר איז עס אַרויסגעקומען מוראדיק שאַרף און שטאַרק. ווי אַ קורצער שאָס פון אַ פּיסטאָל האָט ער אָפּגעהילכט אין פּוסטן בית־מדרש.

אַ געשליידערטער שטיק לייכטער זאָל געווען טרעפן פייוועקן אין פּאַטילניצע וואָלט דאָס אים אַזוי נישט צעטומלט. אין דער ערשטער רגע איז ער טאַקע פּאַרציטערט געוואָרן. נאָר באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז נישט מער ווי אַ זידל־וואָרט אַזאַ. און קען אים גאָר ווייניק שאַדן. האָט ער ווייטער אָנגעהויבן זיין וועט־געלויף אַרום בימה. ער פאָראויס, דער אַלטער — נאָך אים.

— פאַרד, פאַרד, פאַרדדד! — האָט ר׳ דאַדיע נאָך שאַרפער און נאָך גיכער גענומען שיסן נאָך אים. און דערביי נאָך כעסדיקער געשלעפּט די שטיוועלעך אונטער זיך: שאַר־שאַר, שאַר־שאַר. ס׳האָט אַרויסגעזען, ווי ער אַליין שיסט פון זיך אַרויס זינדיקע קוילן און ער אַליין לויפט זיי נאָך, כדי צו כאַפּן זיי אין פלי, און קען נישט. פאַרד־פאַרד! און אַ שאַר מיט די שטיוועלעך. נאָך יעדן טריטעלע — „פאַרד־פאַרד!" און נאָך יעדן דאָפּלטן זידל־געשריי — אַ טריטעלע. און אין רעכטן מיטן נעבעכדיקן אימפּעט בלייבט ער איין רגלע שטיין און טוט אַ טיפן שמעק טאַבאַק, מיט רוגזה און מיט אַנטשלאָסנקייט, כדי אָנצונעמען זיך מיט גבורה וואָס פעלט אים אין די פיס. און ווייטער טיאָפּ־טיאָפּ און אַ שאָס אַרויס: פאַ—אַרדד! טיאָפּ־טיאָפּ און אַ שאָס מיט „פאַרד".

אַזוי האָט דאָס דעמאָלט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז פייוועקע האָט זיך אָנגעזעטיקט מיטן אויסטערלישן וועט־געלויף און, ווי אַ באַק, אַרויסגעשפּרונגען פון בית־מדרש. אָבער פון דער אָפענער טיר, איבער דער לענג פון גאַס, האָט אים נאָך אַ היבשע ווילע נאָכגעשאָסן ר׳ דאַדיעס אומבאַהאָלפענער כעס:

— פאַרד, פאַרד! פאַרד — פאַ—אַרד!

איז אָט, אפשר בעטן דערפאַר מחילה?... ווער ווייסט, צי ר׳

דאָדיע וועט דערפּאַר נישט קומען צו חלום און אים ווערגן ?... אויב איצקע האָט אַזוי מורא, מוז ער אודאי מורא האָבן.

און ווי פּייווקע רייבט זיך אַזוי ביים ווייגעל פון שטוב און טראַכט איבער, ערשט די הודזשעריי ביי נאָטעס אָפּענער שטוב־טיר ווערט געדיכט, ווי אין אַן איבערגעשראָקענעם בינשטאָק. פריער לויפן ייִנגלעך, דערנאָך שטופּט זיך אַרויס די „מיטה" אויף פיר קורצע פיסלעך, מיט געפלאָכטענע שטריק אויףביידע זייטן. צווישן די שטריק קאָטשעט זיך עפּעס אַ לאַנגער זאַק. צוגעדעקט מיט אַ שווארצן טוך. צוויי אונטער־שמשים פון לויה־בית־מדרש צעפּושקען זיך מיט צוויי גרויסע פּאַר־זשאַווערטע כלים. לייבעצקע גאָרגל בראָקט עברי גאָר האָפּערדיק. אים העלפן אונטער די טרעגער פון דער „מיטה" און אַנדערע חברה־קדישא־לייט:

— ויהי בנסע הארון... און ס'איז געווען ווען דער ארון האָט געצויגן, האָט משה געזאָגט: שטיי אויף גאָט, און זאָלן צעיאָגט ווערן דיינע פיינט! און דיינע שונאים זאָלן פון דיר אַנטלויפן...

דערשטויינט איז פּייווקע געוואָרן דערהערנדיק אַזעלכע גרויסע ווערטער. פּונקט אַזעלכע פייערדיקע פּסוקים האָט משה רבינו געזונגען אַוועקבלאָנדזשענדיק אין דער מדבר מיטן משכן און ארון און מיט אַלע יידן, און אַ וואָלקן האָט זיי באוויזן דעם וועג. פּונקט די זעלבע פּסוקים זינגט אויס יחיאל דער חזן, אַלע שבת, ווען מען נעמט אַרויס די רייניקייט פון ארון־קודש...

ווי אַ צוגעשמידטער איז פּייווקע שטיין געבליבן, לעבן ווייגעל פון שטוב, און מיט גרויסע אויפגעריסענע אויגן נאָכגעקוקט די לויה. די קיצלדיקע לאַכעדיקייט, וואָס האָט אין אים געווען געברויזט, פריער בשעת דער טהרה, איז אצינד איינגאַנצן פארשוווּנדן. אים האָט זיך באמת געדאכט, אַז אַ הייליקע זעאונג רוקט זיך אַוועק פון אים און צעגייט אין עק גאַס אין אַ הייסן וואָלקן, וואָס ווייזט אָן דעם וועג דער מיטה, די שמשים מיט די פּושקעס און דער גאַנצער קופּקע באַגלייטער. און ווער ווייסט? אפשר וואַקסן שוין טאַקע ביים בר־מינן אונטערן טלית און אפשר שפּראָצן שוין אים אויפן פליך, אונטער די תכריכים, ווי קאָרן אונטערן שניי — „קודלעס געקרויזלטע, שוואַרצע ווי ראָב"...

הולטאַיעס

.1

עס איז באַשריבן אין אַלע שפּראַכן און ביי אַלע פעלקער, וועגן ווילדע בעלער און אויסגעלאַסענע הוליאנקעס, אין דער צייט פון גרויסע מגפות. בשעת אין דעם גאַנצן געגנט איז מען געפאלן פון דזשומא, — פון דער „שוואַרצער חולאת", בשעת קינדער זענען צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן איבער זייערע מוטערס און מוטערס איבער זייערע קינדער; ווען אַפילו הענט צום באַגראָבן די מתים האָבן נישט געסטאַיעט, נישט אָפּצוזונדערן די געזונטע פון די קראַנקע, אין דער זעלבער צייט פלעגן זיך אין אַן אָפּגעשלאָסענעם פּאַלאַץ, ערגעץ ווו הינטערן שטאָט, פאַרקלייבן די רייכסטע, שענסטע און ריטערלעכסטע איינוווינער, ווייבער און מענער, אַלע נאַקעט, אלע אין מאסקעס. אַזוי האָבן זיי געגעסן און געזויפט און געהולטאַיעוועט, טאָג און נאַכט אָפּגעטאָן, איינער אין די אויגן פון צווייטן, כלערליי מעשים תעתועים און זיך נישט געשעמט. וואָרום... מאָרגן צי איבערמאָרגן וועט מען דאָך סיי־ווי־סיי אומקומען.

אַזאַ פּאַלאַץ איז על־פּי־רוב געווען אַרומגערינגלט מיט טיפע קאַנאַוועס אָנגעפילט מיט וואַסער, כדי קיינער פון דער פאַרפעסטעטער שטאָט זאָל נישט קענען צוטרעטן, די הענג־בריקן זענען געוואָרן אויפגעהויבן, און די טירן און טויערן פארחתמעט און פאַרבאַריקאַדירט. אָבער ביים טויט איז דאָך נישט שייך זאָגן: יאָ אַריינלאָזן. נישט אריינלאָזן... ער קען דאָך אַפילו דורך אַ דיקער וואַנט דורכקריכן, דעם קוימען דורכשווארצן, פון דער סטעליע אַראָפּשפּרינגען. און אזוי איז ער טאַקע געקומען, אריינגעגנבעט זיך און קיינער האָט גאָרנישט באַמערקט. אַ נאַקעטער דאַרער יאָלד, אין אַן אויסטערלישער מאַסקע, איז פּתח ערגעץ ווו אַרויסגעקראָכן און אויסגעמישט זיך מיט די נאַקעטע געסט. די שענסטע דאַמע פון באַל האָט ער איינגעלאדן צום קאָנטר־טאַנץ.

אָבער ווי נאָר ער האָט זי אָנגערירט, מיט זיינע ביינערדיקע אויסגעקרימטע פינגער, אַזוי איז יענע אנידערגעפאלן טויט אין מיטן זאל. האָט מען שוין מיט אים מורא געהאַט צו טאַנצן. האָט ער דעמאָלט אויפגעהויבן אַ פולן בעכער ווייַן און זיך צעקלאַפּט מיט אַ שיכורן גאַסט ביים טיש; און באַלד איז אויך יענער אַנידערגעפאלן טויט, אויסגעצויגן זיך אינמיטן טרונק. האָט מען שוין מורא געקראָגן צו טרינקען מיט אים „ברודערשאַפט". האָט דער משונהדיקער גאַסט אויסגעצויגן זיין ביינערדיקער האַנט צו אַ געריכט, פון וועלכן עטלעכע געסט האָבן געגעסן און זיך געקוויקט... נאָר דאָ האָבן שוין ריטערלעכע מאַנצבילן פון באַל געצויגן די בלאַנקע שווערדן צו באַשיצן דעם פארזאמלטן עולם פונעם אומגעבעטענעם גאַסט. אָבער ווי נאָר דער ערשטער ריטער האָט איבערגעקרייצט זיין שווערד מיטן וואפן פונעם מאָדנעם נאַקעטן יאָלד, אַזוי האָט זיך אים דער שווערד אַרויסגעגליטשט פון האַנט און ער אליין איז אַנידערגעפאלן טויט, ווי געטראָפן פון אַ קאַלטן בליץ. אזוי איז געשען מיטן צווייטן, דריטן און מיטן פערטן.

זענען שוין אַלע ריטער, מיט די בלאַנקע שווערדן אין די הענט, אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק. ציטערנדיק מיט אַלע אברים; און דער גאַנצער איינגעשלאָסענער עולם, מאַנצביל און ווייבער, האָבן גענומען שרייען, קוויטשען און געוואלדעווען דער אומבאַקאַנטער זאָל אַראָפּנעמען די מאַסקע. דאָס האָט דער גאַסט געטאָן. און אַלע האָבן דערזען אַ ביינערדיקן פּרצוף־פּנים פון אַ סקעלעט און דערקענט ווער דאָס איז. די אויגן־לעכער פון טויטן שאַרבן האָבן פינצטער געקוקט און די פארסקאַליעטע ציינער האָבן געלאַכט. און איינציקווייז האָבן זיך ביי אלעמען גענומען אונטערברעכן די נאַקעטע קני פון אַזאַ קוק און פון אַזאַ שמייכל. אַזוי זענען זיי אנידערגעפאלן אויף די טייערע דיוואַנעס, אין אַלערליי פּאָזעס פון קאָנוואולסיעס און פאַרגליווערונג. קיין איינציקער איז נישט געבליבן לעבן.

אַזעלכע און ענלעכע זאכן ווערן דערציילט און באַזונגען וועגן די מגפה־צייטן אין מיטלאלטער. דער ביינערדיקער טויט אין מאַסקע איז אפשר נאָר אַ משל. אָבער די געשיכטע בכלל לייגט זיך מער אָדער ווייניקער אויפן זינען, ווייל ס'איז געשען אין יענע פאַרגאַנגענע פינצטערע צייטן פון מוראדיקע לײדנשאַפטן און רעליגיעזע פאַנטאַזיעס ווען יעדע צענטע פרוי איז געוואָרן געמשפט אַלס מכשפה, און יעדער צענטער בירגער אלס אן אפיקורס. און שייטערהויפנס מיט מענטשן־

פלייש האָבן געבּרענט, אויף די פּלעצער, אין אַלע גרויסע שטעט. ווער זאָל זיך אָבער ריכטן, אַז שקלאָווער יונגעלייט, כמעט ייִנגלעך און נישט קיין הולטאַיעס, נאָר דוקא ווילע קינדער, באַלעבאַטישע טעכטער און מאַמעס פון קינדער זאָלן זיך דערטראַכטן צו אַזעלכע מעשים צו וועלכע עס האָבן זיך דערטראַכט משוגענע פּריצים אין אַ צייט פון בהלה און טויט. עס גלויבט זיך נישט, ס׳איז אָבער פאַרט געשען מיט אַ קנאַפּן יובל צוריק, אין אונדזער חסידישן שטעטל.

אמת, איינעם צווייטן טייל פון דער שקלאָווער כאָליערע־הוליאַנקע איז נישט געשען גראָד דאָס, וואָס ס׳איז פאַרשריבן אין ענלעכע געשיכטן פון מיטלאַלטער. דער מלך־טויט אין מאַסקע האָט זיך נישט אַנטפּלעקט צו די שקלאָווער הולטאַיעס. און קיינעם האָט ער נישט איינגעלאַדן צום לעצטן טאַנץ, אָדער צום לעצטן טרונק. אַנטפּלעקט האָט זיך זיי גאָר דער מאָהליוועווער זשאַנדאַר מיט דער צעמזיקטער באַק און איינגעלאַדן האָט ער זיי גאָר צו גיין אין סטאַן... דערפאַר אָבער איז דער ערשטער טייל געווען פונקט אַזוי אויסגעלאַסן ווי אין די אַמאָליקע שוואַרצע צייטן. פונקט אַזוי... און אפשר נאָך אויסטערלישער אין הולטאַיסטווע און אין שדים ווייסן וואָס נאָך.

.2

און אָט וואָס ס׳איז געשען:

נאָך דער אָבלאָווע אין דער „שטוב מיט גרינע לאָדן״, ביי די אָרשער ברעמלעך, ווו מ׳האָט אַרעסטירט האַצע דעם הינקענדיקן, האָט דער נייער פּריסטאַוו, דער צורר, געשטעלט שמירה איינעם פון די מאָהליוועווער זשאַנדאַרן ער זאָל זיך אַרומדרייען טאָג ווי נאַכט, טאָמער דערטאַפּט ער נאָך וועמען־נישט־איז פון די צעלאָפּענע „ציציליסטן״. טאָמער פאַרבלאָנדזשעט זיך עמעצער אַ שמעק צו טאָן אַרום דער פאַר־חתמעטער שטוב, וועט מען אים נעמען אויפן צימבל. נח פאַנדרע אַליין איז אַזוי שיער נישט אַריינגעפאַלן אין נעץ, בשעת ער איז געפאָרן צוריק פון „הויפל״, און ס׳האָט זיך אים פלוצלונג פאַרגלוסט אַ קוק צו טאָן אויף דער אַלטער באַרנטע, ווו ער האָט, אין דער פינצטער, מכבד געווען דעם איבערגעטאָענעם זשאַנדאַר, וועלכער איז אים נאָכגעלאָפן.

באַלד ווי די מגפה איז אויסגעבראָכן און דער צעמזיקטער זשאַנדאַר האָט געמוזט פאַרלאָזן דעם ייִדישן שפּיטאָל, האָט ער פאַרבונדן די

באַק מיט אַ שוואַרצן טיכל און געגומען גישטערן אַרום די אָרשער ברעמלעך. אָדער ער האָט קאַליע געמאַכט יידישע מעבל מיט קאַרבאָלקע און מיט וואַפנע אָדער ער האָט געשמעקט אַרום די ברעמלעך. דער נאַטירלעכער הוש פון אַ יאַגד הונט האָט אים געזאָגט, אַז דער, וועלכער האָט אים אַזוי וואָגיק מכבד געווען אין דער פינצטער, וועט זיך נאָך אפשר אומקערן און באַזוכן דעם אָרט ווו ער האָט אָפּגעטאָן אַזאַ מעשה מיט איינעם פון דעם קיסרס דינער...

דערהערט פון זיין מאַהליוווער חברל, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געהיט, אַז אַ זשידאָווסקע באַלעגאָלע איז דאָ טאַקע, איינמאָל בייטאָג, געווען לעבן בארנבוים, נאָר ער האָט זיך דערשראָקן פון אַנגעשריי און אַוועק מיט זיין פאָדוואָדע, האָט דער זשאַנדאַר מיט דער פאַרבונדענער באַק אַזש אַ שפרונג געטאָן. ווי? אַזאַ העכט אַרויסגעלאָזן פון די הענט? אָקס!

נאָך אַ גויעשקן דריי־גאָרנדיקן „מי־שברך" האָט ער אויסגעשפּייט און פאַרשריבן אַלע „פּרימעטעס" פּונעם פאַרדעכטיקטן באַזוכער: ווי ער האָט אויסגעזען. די „מאַסטש" פון זיין פערד, פון זיין פאָדוואָדע. שרייבנדיק מיט האַמעטנע פאָליצייאישע קאָטשערעס, האָט ער אַלץ געשאָקלט מיטן פאַרבונדענעם קאָפּ, ווי אַ פערד מיט אַן אָנגעבונדענעם צו־טיפן זעקל האָבער. קענטיק געסטראַשעט אימיצן אַ שונא, אַן ווערטער געסטראַשעט...

נאָר ביז דער געהיימניספולער שונא וועט זיך אָפּזוכן, האָט ער זיך געגומען קילן דאָס האַרץ מיט דעם, וואָס איינער פון די צעלאָפּענע „קראַמאַלניקעס" וועט מסתמא קומען אָפּרייסן דעם שלעסל פון דער פאַרחתמעטער „הויז מיט די גרינע לאָדן". ווי־זשע אַנדערש? קיין שלאָף האָט אים מער נישט געגומען, דעם זשאַנדאַר מיט דער פאַרבונדענער באַק.

דרייט ער זיך אַזוי איין מאָל, אינמיטן דער נאַכט, אַרום די הייזער, ביי די אָרשער ברעמלעך, און בלייבט שטיין אַ פאַרוווּנדערטער. אין איין הויז, ווו די באַלעבאַטים האָבן זיך „אַוועקגעפּאַקט" אין די ערשטע טעג פון דער מגפה, ווו די לאָדן זענען פאַרהאַקט גאַנצע טעג און דער טויער איז אָפּגעשלאָסן — שפּאַלט זיך אַ שיין. צלמט ער זיך איבער, דער ערל. און גייט צו נענטער. פאַרנעמט ער מאָדנע פאַרשטיקטע קולות. עפּעס זינגט מען ווי אין אַ זשידאָווסקער סינאַגאָגע. דערנאָך

קוויטשעט מען. ווייבער, דאַכט זיך. עס ווערט אַ ווײַלע שטיל. דערנאָך זינגט מען ווייטער.

פאַר די עטלעכע טעג און נעכט, וואָס ער נישטערט דאָ, דער מאַהליוּוער זשאַנדאַר, האָט ער שוין פאָספעיעט אויסצולערנען יעדער צוים אַרום די ברעמלעך, דערגיין וואָס אונטער יעדער דאַך טוט זיך. ווייסט ער בפירוש, אַז דאָס הויז האָט נאָך מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק געהערט הירשל דעם טויבן. א יידל געווען אַ גאָלדשמיד, אָן קינדער. ס'איז דער זעלבער הירשל, דורך וועמעס מסירה מ'האָט קאָפּל דעם גנב פאַרשיקט פאַר גנבענען ד"ר חישינס פערד. און די קרובים פון פארשיקטן האָבן הירשלען שטענדיק געסטראשעט. האָט זיך הירשל דער גאָלדשמיד געהאַלטן אין איין אַרומטראָגן מיט עפּעס אַ גראָבן שטעקן מיט אַ שפּיץ און האָט צוריק געסטראשעט, אַז... ס'איז נישט גלאַט אַזוי אַ שטעקן. ס'איז אַ שטעקן מיט אַ מאַכערייקע! אימיצער זאָל זיך שטעלן פון דערווייטנס און הירשל זאָל וועלן, דערלאַנגט ער אים פון דערווייטנס אויך. אָט וואָס פאַר אַ מין שטעקן דאָס איז. „יעהאָ בלאַהאָראָדיע" דער שקלאָווער פּריסטאַוו, אז מ'האָט אים דערלאַנגט אַ ראַפּאָרט וועגן הירשלס שטעקן, האָט ער זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון אַזאַ זשידאָווסקן האַרמאַט. יידן האָבן אָבער פאַרט מורא געהאַט...

און אָט דאָ אַנומלטן, בשעת די מגפה האָט אויסגעבראָכן, זענען הירשל דער טויבער און זיין הירשעלעכע געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך אָפּגעטראָגן. ער אַליין — דער זשאַנדאַר פון מאַהליוו — איז דאָ געווען מיטן סאַניטאַרן־וועגעלע און געשפּריצט מיט וואַפּנע און מיט קאַרבאָלקע אויף וואָס די וועלט שטייט, און געמאַכט אַש און בלאָטע פון אַלץ וואָס עס האָט זיך געפונען אין שטוב.

זינט דעם שטייט די שטוב אונטערן צייכן פון כאָליערע־געפאַר, אַ געשלאָסענע מיט פאַרקלאַפּטע לאָדנס. אַפילו די קרובים פון די פאַרשטאָרבענע קוקן אהער קיינמאָל נישט אַריין, כאָטש די שליסלען ליגן ביי זיי.

גייט ער אַ טאַפּ, דער זשאַנדאַר מיט דער פאַרבונדענער באַק, דעם שלעסל ביי דער קלאַמקע פון טויער. נישטאָ מער קיין שלעסל! די אייזערנע רינגען זענען דאָ, דאָס שלעסל פעלט. באַהאַלט ער זיך הינטער אַ ווינגעל און טשיקעוועט. ערשט אַ טונקעלע פיגור דערנענטערט זיך, אַ יידישקע דאַכט זיך, אין שוואַרצן אָנגעטאָן. אַ דיקע זשידאָווקע. זי קלאַפּט אָן איין מאָל און צוויי מאָל, ווי זי וואָלט געגעבן אַ צייכן. עס

דערהערן זיך טריט. אַ ריגל ריגלט זיך פּאַוואָליע אויף און די פיגור כאַפּט זיך אַריין.

ווערט שוין דער זשאַנדאַר מלא־שמחה. נאָ, ער און נישט קיין אַנדערער האָט זיי דערטאַפּט. די „קראַמאָלע" וואָס מ'האָט פּאַריאַגט פון שטוב „מיט די גרינע לאָדן" האָבן זיך ווי די וואַגצן פּאַרפּירט אין אַן אַנדער הויז. אַ כיטרע פּאָלק יידן! ווער וועט דאָס גאָר קענען טראַכטן, אַז מען מאַכט פּאַרזאַמלונגען אין אַזאַ אָפּגעשטאַרבענעם פּאַרפּעסטעטן הויז? כאַ־כאַ... אָבער ער, דעם קיסרס געטרייער דינער, טראַכט יאָ. ער האָט זיי אַנטדעקט און די אמתע „נאַגראַדע" וועט ער אצינד באַקומען.

איז ער דאָך אָבער איינער אליין אקעגן אַ גאַנצער „חברה". מאַכט ער קיין שהיות נישט, לויפט אוועק אין סטאַן, וועקט אויף דעם אוריאַדניק מיט די דעסיאַטניקעס. מ'קומט צוריק זאַלבעפערט, מיט די געלאָדענע פּיסטאָלעטן אין די הענט און מיט בלויזע שווערדן, און מען באַפאַלט הירשל דעם טויבנס שטוב גאָר פּלוצלונג. אַן אמתע „אָבלאַווע" מאַכט מען:

— עפּנט אין נאָמען פון געזעץ!

ווי באַלד מ'עפנט נישט אַזוי גיך ברעכט מען אויף דאָס טירל פון טויער מיט די אקסלען און מ'רייסט זיך אַריין.

נאָר וואָס „קראַמאָלע", ווען „ציציליסטן"! ס'איז אַ חרפּה צו דערציילן. דער זשאַנדאַר פון מאָהליוו וואָס האָט פּאַרקאָכט די גאַנצע חתונה אין מיטן דער נאַכט, האָט אליין נישט געהאַט ווו אַהינצוטאָן זיין צעמזיקטן פּרצוף־פּנים. אַנשטאָט פּאַרבאָטענע סכאָדקעס מיט די מורדים־במלכות מיט געדרוקטע אשר־יצר־פּאַפּירלעך, האָט מען דאָ געפונען גאָר אַנדערע זאַכן. גאָר, גאָר מיאוסע זאַכן. און ווען? אין אַזאַ צייט, ווען אין הייזער קאַסיעט דער טויט און ווען, צום יידישן גוטן־אָרט, ציען זיך לויות ביים פּלאָטערנדיקן שיין פון לאָמטערנעס, מיט מאוימדיקע שאָטנס אַרומגערינגלט...

.3

אויף מאָרגן איז אַוועק אַ שושקעניש פון הויז צו הויז און פון מויל צו מויל; אַ שאָקלעניש מיט בערד און קאָפּ־טיכלעך און אַ הויבעניש פון פּלייצעס. ווי פינצטער עס זענען נישט געווען די געמיטער

אין שטאָט, האָט אָבער אַזאַ אויסטערלישע הולטאַיסטווע פאַרכאַפּט אַלע אָטעמס און אויפגערעגט אַלע פאַרשטעלונגען מיט נייקייט און שווונג. טרוקענע ליפּן האָבן זיך באַלעקט, פאַרלאָשענע אויגן האָבן אויפגעפלאַקערט. אַפילו יונגע קינדער האָבן זיך אָנגעשפּיצט, נייגעריק אונטערגעהערט און גאָרנישט פאַרשטאַנען, ווייל די דערוואַקסענע האָבן גערעדט האַלב אויפן ווונק. מ׳האָט עפּעס דערציילט פון הויכע סטעאַרינאָווע ליכט אין זילבערנע לייכטער, נשמה־ליכט וואָס ברענען אין מיטן דער נאַכט אין אַ שטוב, ווו די באַלעבאַטים זענען געשטאָרבן פון כאָליערע מיט אַן אַכט טאָג צוריק. הירשל־דעם־טויבנס שטוב... און נאָך האָבן זיך דערוואַקסענע געשושקעט: פון צעוואָרפענע בעטן באַדעקט מיט שוואַרצע סאַטין־ליילעכער און פון אַ לאַנגן טיש אין מיטן שטוב וואָס האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט אויף אים געפּראַוועט אַ שוואַרצן „סדר". וואָרום דער טיש איז אויך געווען באַדעקט מיט אַ שוואַרצן טישטוך און אָנגעשטעלט געווען מיט פלעשלעך משקה און מיט פאַרבייסנס און מיט אָפענע סידורים. נאָר דער כח־הדמיון פון אַ געפאַלענעם וואָלט געקענט אויסקלערן אַזאַ „סדר" אין אָנהויב חודש חשון... ביי אָט דעם משונהדיקן סדר האָבן דאָס די דעסיאַטניקעס מיטן אוריאַדניק, מיטן זשאַנדאַר פון מאַהליוו געכאַפּט אדם־נאַקעט בחורים און ווייבער...

צוויי בחורים פון דער ישיבה האָט מען דאָרט געכאַפּט, איינעם אַ הויכן אַ בלאַסן, מיט קורצזיכטיקע אויגן, און איינעם אַ קורצן, אַ פרישן, מיט אַ ייִנגלשן פּנים. מ׳האָט זיי ביידן געקענט אַלס אייזערנע־קעפּ, עלויים אין דער ישיבה, וואָס האַלטן שוין ביים באַקומען „סמיכה". מ׳האָט זיי שטענדיק געזען צוזאַמען און געגעבן זיי ביידן אַ ליבלעכן צונעמעניש: „דער שבת־הגדול מיטן קורצן פרייטיק". זעט, אָט גייט דער לאַנגער־שבת מיטן קורצן פרייטיק!...

מיט זיי צוזאַמען האָט מען געכאַפּט אברהמעלע אָרע־מאָטעס, אָדער „אַברעמעלי־די־געקוילעטע קאַץ", דעם אויסוווּרף, דעם „נישט־ר׳עכצע".

פון די ווייבער וואָס מ׳האָט געפונען אין אַזאַ קאָמפּאַניע איז געווען איינע גאָר אַ יונגינקע, אַ זיבעצן־יאָריקע מיידל, אַ חסידישע טאָכטער, אַ קרובה פונעם פאַרשטאָרבענעם הירשל דעם טויבן. און זי האָט דאָס טאַקע געהאַט די שליסלען צום פאַרמאַכטן און פאַראַבלטן הויז. אַ דאַרינקע, אַן איידעלינקע און אַ הויכע ווי אַן איבערגעוואַקסענע בלום האָט מען זי געפונען ווי אין היגערפלעט. נישט־שיכור נישט משוגע. באַקעט ווי די

מוטער חוה, נאָר מיט דער מאַמעס זיידענער שוואַרצער קאַסינקע איבער די פּלייצעס און בריסטלעך.

די צווייטע פון די ווייבער איז געווען בת־שבע, אַ גאַנץ יונגע אלמנה מיט פרישע באַקן און מיט גרויסע ווייסע ציין. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז איר אַ סך־עלטערער מאַן, ר׳ לייבע האָרב דער פּראָצענט־ניק, אומגעקומען פון אַ גוי אַ רצח, וועלכער האָט אים דערשטיקט און פאַרפאַקט אין דער אַלטער קאַסטן פון משכנות, וואָס דער גוי האָט פריער באַגנבעט. און כמעט אין דער זעלבער צייט האָט בת־שבע פאַרלוירן איר ערשטן חתן אויך. אַן אויסגעדינטער זעלנער איז יענער געווען, אַ זייגער־מייסטער, און געמורמלט האָט מען, אַז עפּעס צו פיל זייגערס טראָגט אים בת־שבע צו פאַרריכטן. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק איז זי דאָ ביי אים אין קראָם מיט איר „וועקערל״...

און זינט דעמאָלט, ס׳הייסט זינט זי האָט פאַרלוירן דעם אַלטן מאַן און דעם ערשטן חתן, איז דאָס געוואָרן אַ מאָדנע יידענע. שטענדיק פאַרטראַכט, די אויגן פאַרשוואומען, דער קאָפּ אַ ביסעלע געבויגן. און פונדעסטוועגן האַלטן אין איין בליען די שיינע באַקן אירע און אירע ציינער לייכטן. איז אָט... אויך זי האָט מען געפונען אין הירשל דעם טויבנס שטוב, אַ נאַקעטע, אַ פאַרהולטאַיעוועטע. מילך־ווייס און זאַפטיק האָבן געבלאַנקט אירע צייטיקע אברים אויף דער שוואַרצער סאַטין־ליילעך, איבערן צעוואָרפענעם בעט. ווי לאַגלען פול מיט נישט־אויסגע־לעבטער יוגנט איז שווער געהאַנגען איר מוטערלעכקייט. און ווי געשיילטע זיסע מאַנדלען האָבן געשימערט אירע ציין דורך די אָפענע רויטע ליפּן. ווי אַ באַנומענע איז זי געלעגן. און בשעת מ׳האָט זיך אַריינגעריסן אין שטוב האָט זי אַפילו נישט געמאַכט קיין באַוועגונג צוצודעקן זיך. מיט אַ מאָדנער קאַלטער און פאַרצווייפלטער חוצפה האָט זי געקוקט אויף די אָנגעלאָפענע סטראַזשניקעס. עפּעס ווי דאָס וואָלטן גאָרנישט געווען קיין גויאים און קיין מאַנסבילן אויך נישט; נאָר עפּעס טאַראַקאַנעס, אָנגע־פלויגענע זשומזשענדיקע פליגן...

אַפילו אַזאַ איידעלע זאַך ווי דער אוריאַדניק האָט זיך פאַרשעמט פון אַזאַ חוצפה. נישט קוקנדיק אין איר זייט, האָט ער בת־שבען אַ טאַרמאַשע געטאָן: „שעמט זיך!... איר אַזוינע און אַזאַלכע...״ דעמאָלט האָט בת־שבע מיט איין הולטאַיסקער באַוועגונג צוגעצויגן צו זיך דעם הויכן ישיבה־בחור מיט איין האַנט און אבגעמעלע „די געקוילעטע קאַץ״ מיט דער צווייטער האַנט. אַזוי האָט זי זיך צוגעטוליעט צו זיי ביידן און ווי

אַ שיכורע געגומען, געגומען ציען טאַטערישע ווערטער, נישט־געשטויגן נישט־געפלויגן. כ׳מיין, וואָס פאַרשטייט אַן ערל אַן אוריאַדניק אין תרגום־לשון. אָבער יידן ווייסן שוין אַצינד, ברוך־השם, וואָס דאָס זענען געווען פאַר אַ ווערטער. וואָרום מען ווייסט אַצינד אויף וועלכע בלאַט די סידורים אויפן טיש זענען געווען אויפגעמישט. נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אויף די זמירות פון שבת־צו־נאַכט... און מיט רויט זענען דאָרטן געווען אונטערגעשטראָכן די הייליקע געהיימנישפולע שורות:

יחבק לה בעלה
וביסודה דילה,
דעביד נייחא לה
יהי כתיש כתישיו...

הולטאַיעס! וואָס אַזעלכע אויסוורפן קענען אויסטייטשן אין שבתדיקע זמירות איז דאָך ניט שייך צו זאָגן. מסתמא האָבן זיי אויסגעטייטשט יעדן וואָרט ווי ער שטייט געדרוקט אין אַלטן רבינס סידור:

דער מאַן זאָל זי אַרומנעמען
און באַהעפטן זיך מיט איר,
כדי צו טאָן איר אַ נחת —
זאָל ער... א. א. וו.

אַי וואָס דאָס מיינט מען גאָר די שכינה און דעם רבונו־של־עולם — דאָס אַרט זיי דאָך נישט. אַזוי גראָב האָבן זיי, מסתמא, איינגעטייטשט די פסוקים פון שיר־השירים אויך. וואָרום שלמה המלכס שיר־השירים איז אויך געווען אויפגעמישט אין די סידורים אויפן טיש.

אַ דריטע נקבה, וואָס מ׳האָט געכאַפּט אין הירשל דעם טויבנס שטוב, איז געווען מושע מיטן שלוקערץ, זונדל גאַטס־גנבס טאָכטער, וועלכע חישין דער דאָקטער האָלט שוין אין היילן עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד און האָט זי נאָך אַלץ נישט אויסגעהיילט. זונדל איז אַפילו מיט עטלעכע טעג צוריק געשטאָרבן און מושע איז נאָך נישט אויסגעזעסן „שבעה״. נאָר אויף אַזאַ אָפּגעפּאָרענער יפת־תואר ווי זונדלס טאָכטער פרעגט מען קיין קשיות נישט. און ברענגען אַ קינד פון ערגעצוואו און דערציילן אַ מעשה, אַז ס׳איז איר קינד פון אַ געגטן מאַן, מען ווייסט נישט ווען חתונה געהאַט ווען געגט זיך — דאָס איז בעסער? און לעבן מיט אַלע באַלעגאָלעס פון צעך איז שענער? אויף אַזאַ איז קיין וואונדער ניט! אַ וואונדער איז אויף

בת־שבען און אויף דער יונגער חסידישער טאָכטער. יידן, קריעה דאַרף מען רייסן אויף אַזעלכע יידישע טעכטער! אַ חרפה און אַ שאַנדע פאַר גויאים! ערגער, רחמנא־לצלן, פאַר בהמות...

ביי די אַלע, וועלכע מ׳האָט פּלוצלונג געכאַפּט אין אַזאַ צושטאַנד און ביי אַזעלכע שיינע מעשים, זענען געווען ווילד־אויפגעריסענע אָדער האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. שיכור נישט־שיכור, נישט פון בראַנפן נישט פון משוגענעם עקסטאַז. אפשר פוןביידע זאַכן צוזאַמען. די גראָבע גויאים פון סטאַן האָבן לכתחילה געקראָגן פחד פאַר אַזעלכע משונהדיקע אויגן ביי דער נאַקעטער קאָמפּאַניע. געמיינט עס זענען בלינדע, לבנה־קראַנקע, שלאָף־וואַגלער... דערנאָך, אַז זיי האָבן שוין יאָ באַקומען מוט, האָבן זיי מיט אָנשרייען אַליין גאָרנישט געקענט מאַכן. זיי האָבן געמוזט צולייגן אַ האַנט אויך, כדי אויפצוטרייסלען די חברה הולטאַיעס. פּשוט געמוזט נויטן זיי, זיי זאָלן זיך אָנטאָן און גיין אין סטאַן, אויף אַ דאַפּראָס צום סטאַנאָוואָי.

4.

ביים שטרענגן דאַפּראָס, אין מיטן דער נאַכט, אין דער קאַנצעלאַריע פון נייעם פּריסטאַוו, האָט דאָס אויסטערלישע בילד, וואָס מ׳האָט אַנט־דעקט אין הירשל דעם טויבנס הויז, ביסלעכווייז באַקומען אַ גרונט. עס האָבן גענומען ווערן בולט זאַכן, וואָס די גויאים האָבן בשום־אופן נישט געקענט פאַרשטיין; זאַכן, וועלכע האָבן יונגעלייט און פרויען פון גוטע פאַמיליעס געבראַכט צו שפּילן אַזאַ משונהדיקע קאָמעדיע, אין אַ פאַר־אַבלטער שטוב.

די גרעסטע ראָל האָט דאָ געשפּילט די סכנה אין שטאָט; עפּעס אַ קרענקלעכע איינרעדעניש אַזאַ, אַז אַלעמען וועט נעמען די כאָליערע, און מ׳וועט סיי־ווי־סיי גיין היינט־מאָרגן פון דער וועלט. די צווייטע ראָל האָט דאָ געשפּילט קבלה. אַ מיסטישער חשק צו טויטן דאָס זינדיקע לייב, כדי צו ראַטעווען די ריינקייט פון דער נשמה. אַראָפּוואַרפן דעם ברודיקן שוים, כדי דער ווייַן זאָל ווערן קלאָר... דערפאַר האָט מען געפּראַוועט אַזעלכע שטיק, אָנגעצונדן ליכט און געזונגען פון די סידורים זמירות צווישן איין אויסגעלאַסנקייט און דער צווייטער.

נאָר וויפל דער נייער פּריסטאַוו האָט נישט געדרייט זיינע דראָטענע וואָנצעס און וויפל ער האָט שטרענג נישט געקרימט מיט די בולטע אויגן

זיינע, האָט ער אַזאַ קבלה נישט פאַרשטאַנען. אין גריעשקן קאָפּ האָט זיך אים געבומען מישן.

יאָ. און ווי אַזוי האָט זיך דאָס „חברה" צוזאַמענגעשמעקט? מ'זאָל אים זאָגן, ווער איז דאָ דער הויפּט־מאַכער, זאָל מען!... אויף דעם האָט דער פּריסטאַוו אויך קיין קלאָרע תשובה נישט באַקומען. קיינער פון דער חברה ווייסט נישט. עפּעס האָט דער הויכער ישיבה־בחור, דער שבת־הגדול, ווי מ'האָט אים גערופן, פאַרשטאַנען זיך אויפן ווונק מיט דער זיבעצן־יאָריקער חסידישער טאָכטער. ער פלעגט קומען עסן שבת צו איר טאַטן און האָט גאָר אויף דער מיידל קיין מאָל נישט געקוקט. ער איז אַזוי קורצזיכטיק, דער יאָלד, אַז ער זעט גאָרנישט אַן אייל ווייטער פון זיך. אַז ער לערנט, מוז ער ליגן מיטן פּנים איבערן ספר... נאָר דער טייוול איז שטאַרקער... דאָס האָט זי, די יונגע חסידישע טאָכטער, די ערשטע אויפגעמאַכט אים די פאַרשלאָסענע שטוב ביי די ברעמלעך, ווו אירע קרובים זענען דאָ נישט לאַנג אַוועקגעשטאָרבן. דאָרטן איז דאָס געשען צום ערשטן מאָל. אָבער דער אומעט אין שטוב האָט זיי געצווונגען צו זוכן חברים, כדי צו פּראַווען אַזאַ „סדר" מיט מער כוונה. געזוכט און געפונען. פריער האָט דער שבת־הגדול פאַרפירט דעם „קורצן פרייטיק", ס'הייסט דעם חבר זיינעם אין דער ישיבה. און זיי ביידע האָבן פאַרפירט בת־שבען די אלמנה. דער „קורצער פרייטיק" האָט איר נאָר אַ ווונק געגעבן און זי האָט פאַרשטאַנען, אָנגעכאַפּט זיך און איינגעגעסן זיך אין זיי ביידן. דאָס האָט זי געבראַכט פון קראָם די שוואַרצע טישטוכער און די שוואַרצע ליילעכער, די הויכע נשמה־ליכט, די לייכטער...

און „אַברעמעלי־די־געקוילעטע קאַץ" און מושע מיטן שלוקערץ ווי קומען זיי אין אַזאַ חברה? זיי? זיי האָבן דאָס דערשמעקט. מושע איז געווען אַ דם־שונא הירשל דעם טויבן דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרמסרט קאָפּלען איר ברודער פאַר גנבענען חישינס פערד. אַז הירשל און הירשליכע זענען קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן, האָט זי געהאַט נקמה, געגאַנגען שפּאַצירן מיט אַברעמעלען צו די אָרשער־ברעמלעך, אַרומגעדרייט זיך אַרום הירשלס פאַרשלאָסענער שטוב. אַזוי האָבן זיי ביידע דאָס אויס־שפּיאָנירט און... געסטראַשעט. און כדי זיי זאָלן נישט אויסזאָגן האָט מען זיי אויך אַריינגענומען אין דער קאָמפּאַניע. און אין גיכן זענען זיי ביידע געוואָרן גאָר פיינע מיטגלידער. קיינער האָט זיך מיט זיי נישט געקענט פאַרגלייכן אין דבקות. אַברעמעלע האָט באַוויזן ווונדער. ער האָט מיט

אַלע דריי ווייבער געלערנט דינים און מנהגים, וואָס קיינעם פון די גמרא־קעפּ וואָלט דאָס גאָרנישט געקענט איינפאַלן.

לויט די העויות וואָס זיי אַלע האָבן געמאַכט, בשעת דערציילן אַלע שיינע פּרטים, לויט די ווילדע קולות פון די מאַנסבילן און די קוויטשערייען פון די ווייבער, האָט דער פּריסטאַוו געמיינט, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אמתע משוגעים. האָט ער דעריבער נישט געוואָלט שטעלן אויף זיך אַליין, און באַלד ווי ס׳האָט געגומען גרויען אויף טאָג, האָט ער געשיקט נאָכן ראַבינער, ס׳הייסט: נאָך חישינען דעם דאָקטאָר, איידער יענער פאָרט אַוועק אין שפּיטאָל. זאָל הייסט עס, דער יידישער געלערנטער ראַבינער העלפן פּסקענען אַזאַ האַרבע שאלה: צי מען זאָל די ווילדע חברה אַוועקשיקן מיטן עטאַפּ קיין מאַהליוו, אָדער מען זאָל זיי גאָר בינדן הענט און פיס און גיסן קאַלטע וואַסער אויף די קעפּ...

געל ווי וואַקס האָט דאָקטאָר חישין אויסגעהערט די שיינע מעשה מיט די הוליאַנקעס אין הירשל דעם טויבנס שטוב, און האָט קוים מיט צרות געפּרעלט ביים „אָדון״, מ׳זאָל די זאַך אין גאַנצן פאַררייבן, נישט מאַכן קיין טומל און איינציקווייז אַרויסלאָזן אַלע אַרעסטירטע, זיי זאָלן זיך צעגיין אהיים. שאַ־שטיל זאָל זיין. על פּי חכמת הדאָקטאָריע האָט ער דערוויזן דעם „אָדון״, אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט אַ פּסיכישער קרענק אַזאַ, וואָס ברעכט אויס בשעת אַ מאַסן־סכנה. ס׳איז אַזאַ מין רעליגיעזע־משוגעת ווי ביי די „זעלבסטפאַרברענער״ („סאַמאָסאָזשיגאַטעליעס״) אין אַמאָליקן רוסלאַנד, אין „פּיאָטר דעם גרויסנס״ צייטן. און כדי אַנדערע זאָלן זיך דערפון נישט אָנשטעקן, איז גלייכער נישט פאַנאַנדערצופּויקן, נישט פאַנאַנדערצובלאָזן. דער אַרעסט אין מיטן דער נאַכט און דאָס אָפּהאַלטן די חברה ביז פאַרטאָג אין סטאַן, וועט פאַר זיי זיין דער בעסטער פּסק. ער, דאָקטאָר חישין, איז ערוב, אַז אין דער היים וועלן זיי זיך אַלע באַקלערן און וועלן בעסער ווערן.

איז דאָך, דאַכט זיך, גוט ווי די וועלט. געראַטעוועט זעקס יידן פון גויאישע הענט!... נאָר גיי באַהאַלט אַ נאָדל אין זאַק, עסיק אין רעשעטע! פון אַלע שפּאַרונקעס איז דאָס צערונען אין זעלבן טאָג, צעקראָכן זיך איבער גאַנץ שטאָט ווי פרעהס דריטע מכה. האָט זיך יעדער איינער געקראַצט און געגראַבלט אין די סודות פון הירשל דעם טויבנס שטוב און עפּעס צוגעגעבן פון אייגענעם שכל אויך. האָבן זיך פאַרקאָכט מעשיות מיט שדים און מכשפות, מיט פאַמיעלעס און קאַטשערעס, מיט טענץ און מיט נאַקעטע חתונות, אַז איין גאָט זאָל שומר ומציל זיין.

מיט פאַרשאַרטע ברעמען האָבן זיך צוגעהערט פאַרשמאַכטע מאַנסבילן און אויסגעהאָרעוועטע ווייבער, און די אויגן האָבן זיך ביי זיי אַלעמען ביסלעכווייז צעבלישטשעט. אַלע, פאַרשטייט זיך, האָבן געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זיי זענען פשוט אויסער זיך פון אַזאַ הפקרות, פון אַזאַ געצענדינעריי. אָט זאָלן זיי נאָר אָנטרעפן איינעם פון דער דאָזיקער חברה אין גאַס!... די אויגן דאַרף מען זיי אויסקראַצן אַזעלכע הולטאַיעס!

און אין דער אמתן איז, שילטנדיק און פלוכטנדיק, געוואַקסן די בייזע נייגעריקייט. קעפ צו קעפ האָבן זיך איינגעבויגן ווי איבער אַ תהום און אַריינגעקוקט... אויפן דעק פונעם פינצטערן אָפּגרונט, פול מיט פרומער הולטאַיסטוואָ און הייליקער אומפאַרשעמטקייט, האָבן די בלינדע־וואַטע אויגן דערזען דאָס צאַפּלען פון אַ טונקעלן אמת... אַן אָפּגאָט אַזאַ, אַ געמיש פון גאָט און מענטש און טייוול, צו וועמענס פיס עס קומען זיך בוקן אַלע אייביק־דערדריקטע, אַלע טיף־פאַרצווייפלטע. די פינצטערע קעלערן פון מענטשלעכן גייסט האָבן זיך אויפגעמאַכט אינעם שרעק פון דער מגפה, אין הייסער נייגעריקייט. און עמעצער ווינקט פון דאָרטן אַרויס און פינטלט פאַרפירעריש מיט זשעדנע אויגן: „קום אַ ביסעלע אַראָפּ צו מיר, אַ ביסעלע טיפער, נאָך טיפער!...” יעדער איינער האָט דאָס דערשפּירט בשעת אויסהערן די סודות פון הירשל דעם טויבנס שטוב. נאָר פון זיך אַליין רעדט דאָך קיינער נישט אין אַזעלכע ענינים, נאָר פון צווייטן...

כדי צו פאַרשרייען זיך אַליין, האָבן זיך נאָר מאָגערע קולאַקעס געהויבן, און פאַרכלינעטע קולות האָבן געסטראַשעט:

— קנסענען דאַרף מען זיי, די הולטאַיעס! קנסענען!

נאָר גיי, קנסע דאָ עמיצן, אַז סיי דער „אדון” מיט די קנעפּלעך, סיי דער ראַבינער,ביידע האָבן זיי אָנגענומען אַ מויל מיט וואַסער. נישטאָ קיין שום באַווייז און נישטאָ קיין עדות... קלאָג זיי אַן ביים קאָזאַק!

און ווער האָט דערפון צו ליידן? פאַרשטייט זיך, אַז נאָר אומשול־דיקע יידן. אומשולדיקע שטאַרבן אָפּ אַלע טאָג פאַר פרעמדע פינצטערע זינד און פאַר פאַרשוויגן אַזאַ זאַך.

די לעצטע קרבנות

1.

און גאָט האָט זיך מרחם געווען אויף דער אויסגעפייניקטער שטאָט און עס האָט פּלוצלונג אַ ווייַ געטאָן מיט חשון, ווי עס באַדאַרף צו זיין. אַ ווינט פון צפון האָט זיך צעבלאָזן און אָפּגעקילט די צעפרעיעטע מיסטן אין די קאַנאַוועס און אין די פּאַריקע זומפּן אַרום דער אָזערע. די בלאָטקעס האָבן פאַר טאָג געכאַפּט פרירן און די מאָכיקע דעכער האָבן זיך באַדעקט מיט געשטויסענעם זילבער, צעפרעגדזלט זיך מיט גלעזערנע צעפּלעך. אַזאַ פאַרענדערונג פון וועטער האָט מען באַלד דער־שפּירט אין יידישן שפּיטאָל אויך. די מגפה האָט אָנגעהויבן אָפּצונעמען, און די זעלטן־געוואָרענע מתים האָט מען אויפגעהערט צו פירן מיט לאָמטערנעס שפּעט אין דער נאַכט, כדי נישט אָפּצושרעקן די געזונטע.

אין איינעם אַזאַ קילן חשון־פאַרנאַכט איז פאַנדרע אַן אָפּגעמאַטער־טער אַרויס אויפן גאַניק פון שפּיטאָל, צו כאַפּן אַ ביסל לופט. דוקא אויפן גאַניק און נישט אין סאָד הינטערן שפּיטאָל. ווייל דאָרטן, ביים וואַסערל, איז נאָך געשטאַנען אַ טראָגבעטל מיט אַ בר־מינן — איינער פון די לעצטע קרבנות. די מגפה, איידער אָפּטרעטן פון שטאָט, האָט זיך נאָך געוואָרפן אין קאָנוולסיעס, ווי אַ משוגענע הינטיכע, געביסן גראָד דעם, ווער ס׳האָט געמיינט אַז מ׳איז שוין פון איר פּטור, און גראָד דאָרטן ווו מ׳האָט זיך אויף איר נישט געריכט.

דער מת אין סאָד, אַזוי ווי די שיטער־געוואָרענע חולאים אין שפּיטאָל, זענען נחן געווען פריקרע. אַ לעבעדיקן גאַנצן מענטשן האָט זיך אים פאַרגלוסט צו זען. אַ קינד וואָס פאָלגט דער מאַמען אַ גאַנג אין קרעמעלע, אַ רויך וואָס גייט פון אַ יידישן קוימען און זאָגט אָן, אַז מ׳קאָכט וועטשערע, אַז מ׳וועט באַלד אָנהויבן גיין פון מעריב.

און ווי ער קוקט אַזוי, פאַנדרע, און בלאָנדזשעט מיט די גרויע

מאַטע אויגן, דערהערט ער, אַז מען באַברעט זיך דאָ גאָר נאָענט. ער גיט אַ קוק־אַראָפּ — ערשט ביים פונדאַמענט פון שפּיטאָל שטייט עמיצער אָנגעלענט מיטן פּנים צום וואַנט, קרעכצט און מרוקעט שטילערהייט. אינעם קאַרגן פאַרנאַכטיקן שיין האָבן אים דעם פאַרשווינס באַראַשקענע אָנגערוקטע היטל און פאַרשמאָלצעוועטע פאַדיאָווקע אויסגעזען באַקאַנט.

— שמההלע! — כאַפּט ער זיך מיט אַ מאָל ווער דאָס קען זיין — דו — ו?

— אי — יך! — ענטפערט דער אָנגעלענטער פאַרשוין מיט אַ גע־צויגענעם אַפּלאַכערישן קריי. דאָס האָט זיך אָנגעהערט אַזוי, ווי ער וואָלט עס דאָ פאַנדרען אָפּגעוואַרט. וווּנדערט ער זיך דערפאַר אַ האָר נישט, וואָס ער זעט דאָ, אויבן אויפן גאַניק דעם, וועמען ער האָט געזוכט.

אינעם, פון אונטן־אַרויף, פאַרריסענעם פּרצוף, דערקענט פאַנדרע, אַז ס'איז טאַקע זיין חבֿרל פון אָסטראָג און אַז יענער איז גאָר נישקשה־דיק אָנגעשניאַשקעט. און צוגעטוליעט האָט ער זיך צום וואַנט, הפּנים נאָר דערפאַר, כדי די ערד זאָל זיך אים נישט אָוועקגליטשן פון אונטער די פיס...

זינט דעם סקאַנדאַל צווישן די יאַטקעס, מיט מיקיטאַן און קאַטערי־נושקאַן זיין טאַכטער און דאַנילאַן איר חתן, האָט נח שמחהלען אין די אויגן נישט געזען און נישט געוואָלט מער זען... אָבער אָפּגעמאַטערט און טרויעריק ווי פאַנדרע איז אַצינד געשטאַנען, אינעם גרויען פאַרנאַכט אויפן גאַניק מיט די פריקרע קאַלירטע שייבעלעך, האָט ער גלייך דער־פילט, אַז ער איז שוין מער נישט ברוגז פאַרן מיאוסן „ברוך־הבא", וואָס שמחלה האָט אים דעמאָלט אָפּגעשפּיליט און דערמאָנט אים בפרהסיה די „ברוסניצעס" מיט דער שיקסע אין מאַקאַראָווקע... היינט צוליב וואָס זאָל ער דאָ שטיין און בלאָזן זיך גלאַט אין דער וועלט אַריין?

— איז וואָס מאַכסטו עפּעס? — פרעגט פאַנדרע האַלב־שפּאַטיש האַלב־גוטמוטיק און פאַרלייגט די הענט — טרינקסט, אַ?

— פאַר מיין געלט!... — ענטפערט שמחהלע גראָבלעך.

— געזונטערהייט... — שמייכלט פאַנדרע — אַבי די דאָקטוירים זאָגן, אַז מ'טאָר אַצינד נישט נעמען אַ טראָפּן אין מויל...

— אַ טראָפּן אין מויל... — פאַנפעט נאָך שמחהלע טורערו — כאַ־כאַ!

— און שפּאַרט זיך עפּעס ווייטער אָן מיטן שטערן אָן וואַנט.

— וואָס איז דאָרט מיט דיר? — קריגט פלוצלונג פאַנדרע אַ פאַרדאַכט

— וואָס טוסטו דאָ?

— דאָ — אָ ? — קרימט איבער שמחהלע.

ער דרייט אויס ווידער אַ מאָל זיין מאָגערן פּרצוף־פּנים מיט די מוטנע אויגן און מאַכט אַ פּאָר נישט־זיכערע טריט צו די טרעפּלעך פון גאַניק:

— איך גיי אַזוי פאַרביי... יאָ. אַלע האָבן מורא פאַר אָט די פּאַסקודנע שייבעלעך פון גאַניק... איך — נישט.

— מאַך, פון דעסטוועגן, קיין חכמות נישט! — וואָרנט אים פּאַנדרע — ווּעסטו זיך נאָך אָנרייסן.

שמחהלעס האַלב־פאַרמאַכטע אויגן ווערן גרויס און בייז. ער שטעלט אַרויף איין אָנגעשטיוולטן פוס אויף אַ טרעפּל און מאַכט אַ באַוועגונג אַרויפצושטייגן. נאָר נח פּאַכעט זיך אָפּ פון אים און פון זיין וויזיט מיטביידע הענט:

— גיי נישט בעסער... גיי נישט! כ׳בין נאָך נישט אָפּגעוואָשן פון די חולאים. מיין באַלאַכאָן זעסטו? פול מיט זאַראַזע...

— וואָס סטראַשעסטו מיך? דו! — צעקרימט זיך שמחהלעס פּנים — סטראַשעסט מיך שוין ווי יענער מערידאַלניק... דער מתנגד...

— וועלכער מתנגד?

— אויפן שליאַך... געוואָלט אָפּקויפן די ווייסע כפּרה פאַרן רב. צען רובל אָנגעבאָטן, אָ? האָב איך נישט דערלאָזן. צען רובל מיקיטאַן פאַר אַ תרנגול? אַ מכּה! האָט ער מיך געשאָלטן דער מערידאַלניק: אויף דיין קאָפּ, מאַכט ער, וועט דאָס פאַלן!... ווער איך אפשר נתפּעל, וואָס? אָט לעב איך נאָך, געבליבט דער אויבערשטער! און יענער מסתמא איז אַוועק שפּאַצירן צום יידישן בית־עלמין, אויף רישקאַקי...

נאָר אינמיטן מאַכן חוזק פונעם מתנגד און פון זיין קללה, כאַפּט שמחהלען אָן אַ גרויסער צאָרן. ער טופּעט מיטן שטיוול אויף דעם אונטערשטן טרעפּל:

— כ׳זאָל אים נאָר אָנטרעפן, אַזאַ אויסגעווייקטער לאָקש! כ׳וואָלט אים... כ׳וואָלט... אַ בן־פּקועה וואָלט איך פון אים געמאַכט... אַלע מתנג־דישע כביאָקעס האָט ער אויף מיר אָנגערייצט. אַלע זאָגן שוין, אַז עס וועט פאַלן אויף מיין קאָפּ. פאַלן זיי אַליין. און איך, שמחה, מאַך לחיים און... טפו! כּפּרות האָבן זיי געזוכט. אַלע חטאים זאָלן זיי די גאַלאַגאַנער הענער אָפּווישן... מיט די עקן און מיט די פלעדערווישן... אַ מכּה! נישטאָ קיין כּפּרה אויף אַ רפואה. אויסגעפּגרט. און איך, שמחה, האָב מיר מיין כּפּרה. ראַנעטשקע ערב־יום־כּיפּור — פאַרבונדן אַ האַלבע קווערטל אין

דער ווייבס קאַסינקע און פּאַדאַוואַי דרייען אַרום קאָפּ: זה כפּרתי! זה חליפתי!... אַרויסגעפּאַטשט די פּראַבקע און גול־גול־גול. אָט איז אייך אַ כּפּרה! פאַלן זיי טאַקע אַלע ווי די פליגן און איך, שמהלע, גיי מיר: ראַז־דוואַ־טרי!... פּלאַצט!

2.

וועגן דער מעשה מיט דעם רבס כּפּרה, וואָס שמהלע האָט קאַליע געמאַכט, האָט פאַנדרע געוווּסט. ער האָט נאָר נישט געוווּסט, אַז די קללה פונעם רבס אַן אָנהענגער עסט שמהלען ווי אַ זשאַווער, פאַרפאַלגט אים. אַזוי האַלט ער דאָך נישט, טורערו, נישט פון חסידישן מורה־הוראה, נישט פון מתנגדישן רב. אָבער ווי עס קומט צו עפּעס — נאַ דיר! ער כראַבּרעט זיך כלומרשט ווי אַן אויפגעקלערטער אפּיקורס, און טיף אין האַרצן האָט ער פּחד, די פאַרשוועכטע כּפּרה זאָל טאַקע נישט פאַלן אויף זיין קאָפּ, די קללה זאָל נישט מקוים ווערן... עס רעדט פון אים אַרויס. וואָס ביי אַ ניכטערן אויפן לונג איז ביי אַ שיכורן אויף דער צונג.

שמהלע האָט, דאַכט זיך, דערפילט וועגן וואָס פאַנדרע טראַכט דאָ אַציגד, שטייענדיק איבער אים אויפן הויף פון גאַניק. וואָרום ער האָט פּלוצלונג גענומען קריצן מיט די ציין:

— און דו, — מאַכט ער — מייגסטו אפשר אויך אַז איך האָב מורא? דו, פאַרדאַניכעס איידעם, אין דיינע האַלאַבלעס אַריין!

— איך מיין גאַרנישט, — רופט זיך אָפּ פאַנדרע גאַנץ רואיק — נאָר אויב דו ווילסט זיך טאַקע טשעפּען, טאַ גיי בעסער אַוועק!...

— סטראַשעסט מיך? — רעדט זיך שמהלע דאָס זייניקע, ווי יעדער שיכור וואָס עסט זיך איין אין איין זאַך און קען זיך אַליין נישט אָפּטשעפּען — זע בעסער מיקיטאַ און דאַנילאַ זיין איידעם זאָלן דיר נישט דערציילן די מעשה... זיי ווייסן שוין ביידע וואָס דו האָסט אָפּגע־ראַבאַטעוועט מיט קאַטערינושקאַן אין די היי... זיי וועלן קומען, זאָגן זיי. מיסן גאַנצן „וואָלאָסט" גוים. אָט גיי, הער וואָס מען רעדט אין מאַרק. וואַ—אַ—אַרט!

אַ נישט־גוטקייט האָט פאַנדרען אַ שלאָג־געטאָן צום האַלדז, ווי ער וואָלט אַ שמעק געטאָן ריצבאַייל. צום ווייפּלטן מאָל זעט ער באַשיינ־פּערלעך, אַז פון זיגד קען מען זיך נישט באַהאַלטן? עס לויפט נאָך. עס קוויטשעט ווי אַ „מיאַוסקייט"... פאַר דער חתונה פלעגן אים אַזעלכע

שטיפעררייען אָפּלויפן גאַנץ גלאַט. אַצינד ליגט אים דאָס ווי אַ שטיין אין וועג. דאָס שפּיל-טאָן-זיך מיט קאַטערינושקאַן פאַרפּאַלגט אים. איר רויטע קאַצעווייקע ברענט ווי אַ פייער ווו ער טוט זיך אַ קער. אין מאַרק רעדט מען שוין אויך דערפון.

— איז מילא! — טוט ער הייזעריק אַ זאָג סתם אין דער וועלט אַריין און קוקט אַוועק — איז מיין עסק!

— מיין עסק אויך! — נעמט זיך שמחהלע נישט איין — עסק!... מיקיטאַ שמעקט מער אין יאַטקע נישט אַריין. פאַרלוירן אַזאַ בעל-גוף אַ קונה אויף זאַדיק-פלייש. גאַנץ מאַקאַראַווקי קומט מער נישט... אַלץ איבער דיר מיט דיינע שיקסעס, פאַרדאַניכעס איידעם!...

— ביסט שיכור! הויבט אָן פאַנדרע צו ווערן גערייצט — גיי!

— ווי? — צעקרימט שמחהלע די ליפּן פאַר כעס — איך — גיין? גיין?

ער חזרט־איבער דאָס וואָרט מיט שיכורער עקשנות און מיט שוים ביים מויל, און הויבט אָן שטעלן שוואַכע פיס, כדי אַרויפצושטייגן צו פאַנדרען. נאָר ער גיט זיך אַ שאָקל און בלייבט שטיין, ווי אויף ישוב־הדעת. מיט איין ביינערדיקער לאַפּע גיט ער אַ פאַר איבערן שטערן. שאַרט אַרויף די באַראַשקענע היטל און גיט זיך פלוצלונג אַ כאַפּ מיט ביידע הענט פאַר דער פאַרענטשע פון גאַניק.

פון אָט דער באַוועגונג דערקענט פאַנדרע, אַז אויסער דעם וואָס שמחהלע איז אָנגעשניאַשקעט איז ער נישט-געזונט אויך. ער איז גרין אין פּנים און פאַרקרימט, ווי פון צאָן־ווייטיק. נאָר ער האַלט זיך איין מיט די לעצטע כוחות זיינע.

— גיין? — חזרט איבער שמחהלע — אָך, דו... פאַ—פאַר... פאַרדאַ-ניכעס איידעם!...

אַ מאָדנע שאָקלעניש נעמט אים אָן. די קני בויגן זיך אים, און די הענט קלעמען זיך שטאַרקער איין אין דער פאַרענטשע.

— איך... איך האָב נישט מורא... — נעמט ער פלוצלונג קרייען מיט גאָר אַן אַנדער קול און די ציין קלאַפּן אים אין מויל — דו הערסט? איך, שמחהלע טורערו... נישט ר׳ ישיעלעס איידעם — שמחהלע!... זיי אַלע האָבן מור—ראַ... און מיך נעמט זי נישט די כאַל... כאַל...

שמחהלע פאַרוואַרפט דעם קאָפּ איבער דער פאַרענטשע, צווישן ביידע איינגעקלעמטע הענט. דאָס לעצטע וואָרט בלעזלט זיך אים אין האַלדז און קומט נישט אַרויס.

פאַנדרע לופֿעט אויס צוויי צעשראָקענע אויגן. ער פֿאַרגעסט אין גאַנצן, אַז ער איז נאָך נישט איבערגעטאָן, אַז זיין פֿאַרפֿלעקטער באַלאַכאָן פֿון שפּיטאָל איז פֿול מיט „זאַראַזע". האַסטיק טוט ער אַ שפּרונג אַראָפּ איבער די פּאָר טרעפּלעך, וואָס טיילן אים אָפּ פֿון שמחהלע, און טוט אים אַ כאַפּ אונטער ביידע אָרעמס.

— וואָס איז... מיט... מיט דיר? — נעמט ער שטאַמלען — מיר דאַכט, שמחהלע... כ'האָב מורא...

שמחהלע בלייבט ביי אים הענגען אין די הענט ווי אַ פֿאַרחלשטער, זיין אָקערשט האָפּערדיקער פֿאַרטרונקענער קול איז אַצינד שוואַך און ניכטער.

— קום גיכער! — שלעפּט אים פּאַנדרע אויף די טרעפּ — דער דאָקטאָר אַליין זאָל דיך זען, דער דאָקטאָר...

3.

פֿאַר די פּאָר וואָכן וואָס נח אַרבעט דאָ אין שפּיטאָל, איז ער גענוג באַהאַוונט אינעם גאַנג פֿון דער חולאת, כדי גלייך צו דערקענען, אַז זיין חבר פֿון אָסטראָג האָט זיך טאַקע „אָנגעקלעפּט". אַ פּלוצליכע נישט־גוטקייט האָט, מסתמא, שמחהלען געפּירט, אָפּריער צום פּלעשל, דערנאָך — צום גאַניק פֿון שפּיטאָל. אָבער שיכור ווי ער איז געווען האָט ער זיך נאָך אַלץ געשעמט מודה צו זיין, אַז די ערב־יום־כיפּורדיקע קללה פֿונעם בייזן מתנגד הויבט אָן מקוים צו ווערן... דערפֿאַר האָט זיך שמחהלע אַזוי לאַנג געכראַבעט און געטשעפּעט זיך, ביז די מאָגערע פֿיס האָבן זיך אים אונטערגעבראָכן.

אַ ביסל צו לאַנג, ווייזט אויס, האָט ער געשפּילט דעם כוואַט. וואָרום נאָך איידער דאָקטאָר חישין איז צוגעגאַנגען און געזאָגט וואָס צו טאָן, האָבן זיך שוין ביים חולה באַוויזן אַלע סימנים פֿון אַ שטאַרקן כאָליערע־אָנפֿאַל. שאַרף און אימפּעטיק זענען די סימנים אַרויסגעטראָטן. און פּאַנדרע האָט קוים פּאָספּייעט מיט זיינע געניטע און שטאַרקע הענט אויסצוטאָן דעם חולה און אַוועקלייגן.

דאָקטאָר חישינס שפּיציקע און בלאַסע נאָז האָט גלייך דערשפּירט דעם אָטעם פֿון איבערגעברענטן בראָנפֿן און האָט זיך פֿאַרקרימט:

— באַטרונקען? דאָס אויך...

ער האָט קורץ אויסגעהערטביים חולה דאָס האַרץ און אַ הויב געטאָן מיט די שמאָלע פּלייצעס:

— אַ פּיאַניצע נאָך אויך דערצו?... רייב אים אָפּ גיכער, נח! כאָטש אַפילו... כ׳ווייס? גו, מ׳וועט זען.

פּאַנדרעס אויגן זענען רויט געוואָרן. די אַנדערטהאַלבן יאָר צוזאַמען אין מאָהליווער אָסטראָג האָבן זיך פון ערגעץ ווו אָפּגערופן... ער איז דאָך געווען צו אַלעמען גראָב אָט דער „טורערו״, נאָר אים אליין, ווייסט ער, האָט ער אין הארצן שטארק ליב געהאַט.

אַ געזאלצענע כוואַליע האָט פּאַנדרען אַ וואָרג געטאָן אין האלדז. אָבער ווי אַ סך מאַנסבילן וואָס זענען נישט לייכט אויף טרערן, האָט ער געקענט ווייבען, נישט נאַס מאַכנדיק די אויגן.

— שמהחלע, — מאַכט ער, מיט אַ געבראָכענעם קול — האַלט זיך! לאָז טאָן וואָס מען דאַרף!...

ווי אַ צעהיצטער פייערלעשער ארום אַ שרפה, אַזוי האָט פּאַנדרע גיך און פלייסיק געאַרבעט ארום זיין פריינט, אָבער שמהחלעס גרויס-געוואָרענע אויגן האָבן גיך געגומען אוועקגיין אונטער די שפּיציקע שלייפן. מיט בלוילעכע אָפּגעלאָזענע ליפּן האָט ער געכאַפּט לופט און דראָבנע געציטערט. זיין קול איז ביסלעכווייז אינגאַנצן פאַרלאָשן געוואָרן. נאָר נחן האָט זיך נאָך אַלץ געדוכט, אַז ער הערט שמהחלען שעפּטשען דאָס, וואָס ער האָט פריער געבאַלעבאָטשעט, ווען דער קול האָט אים נאָך געדינט:

— פאַרשאַלטן האָט ער מיך, דער מערידאַלניק...

ער איז נאָך ווייט נישט פאַרטיק געוואָרן מיט שמהחלען, ערשט מערע לויפט אַריין אַ דערשראָקענע, פון דער ווייבערשער אָפּטיילונג אַרויס. איר ווייסע הויב — אָן אַ זייט, און זי אליין — ווייס ווי איר הויב.

— נח! די מאַמע איז עפּעס... קום זען וואָס מיט איר איז!

— די שוויגער? — פינטלט פּאַנדרע מיטביידע אויגן — וואָס עפּעס מיט אַמאָל?

מיט זיין אומגעלומפּערטער קשיא האָט ער געמיינט צו זאָגן: ביז איצטער האָט זי דאָך דאָ געאַרבעט אַזוי ווי מיר ביידע און — גאָרנישט. און פּלוצלונג האָט איר פאַרשאַדט. סטייטש!

דעם האַלב-טויטן שמהחלען האָט ער איבערגעגעבן אין אַנדערע הענט און אַליין איז ער אַריינגעלאָפן נאָך מערען. אין דער ווייבערשער

אָפּטיילונג האָט מען אַריינגערופן מאַנסבילן נאָר אין זייער שווערע פאַלן, ווען ס׳איז געגאַנגען אין לעבן. נח האָט דאָס געוווּסט.

און כך־הוה! ווי נאָר ער איז אַריין האָט ער דערזען, אַז ס׳איז נישט „עפּעס״, נאָר דאָס זענען אַלע סימנים פון געפּערלעכע קאָרטשעס. סענדעריכע, מערעס מאַמעלע, אָט די אָדערדיקע יידינקע, וועמענס בריה׳שאַפט און מסירת־נפש די דאָקטוירים האָבן באַוווּנדערט, וועלכע האָט זיך די גאַנצע צייט אַזוי פריש געהאַלטן מיט איר דאַרינקן גופעלע, אַלעמען געהאָלפן אַרויסצופּלאָנטערן זיך פון די גיפטיקע און קלעפּיקע נעצן, וואָס די כאָליערע מכשפה האָט צעשפּרייט איבער דער גאַנצינקער שטאָט, זי אַליין איז פּלוצלונג אַריינגעפאַלן אין אַ געהיימער נעץ און צאַפּלט זיך ווי אַ געפּאַנגענער פיש. מיט אַלע נעגל האָט זי די חולאת אָנגענומען, פון אַלע זייטן און אויף איין מאָל. מ׳האָט נאָך אפילו נישט פּאַספּייעט אויסצוטאָן פון איר איר בלויען דינסטפאַרטוכל, אירע לעדענע שיכעלעך. געוואָרפן האָט זי זיך און אָפּגעגאַנגען מיט קאַלטן שווייס און מיט מוטנע מעליקע וואַסער. געוואָלט עפּעס זאָגן און נישט געקענט. איינציקע הברות אַרויסגעכריפּעט.

ערשט דאָ, אַז מערע האָט דערזען פאַנדרעס פאַרלוירענעם קוק, האָט זי באַגריפן וווּ עס האַלט מיט איר מאַמעלען. זי האָט אָבער אַלץ נישט געוואָלט גלויבן וואָס ס׳איז געשען. האָט זי גענומען טומלען און דאָקוטשען דעם דאָקטאָר מיט פּוסטע טענות: אויפגערודערט דעם גאַנצן שפּיטאָל. ביז דאָקטאָר חישין האָט כמעט ווי כעסדיק אַ זאָג געטאָן: אַז... ס׳איז דאָ גאָרנישט וואָס צו מאַכן!... צו שוואַך איז דאָס האַרץ ביי דער אַלטיטשקער... ווייסט זי אפשר נישט?

די דאַרינקע פּיסלעך סענדעריכעס האָבן אַלץ דראָבנער און גיכער געציטערט, ווי אַ ספּרוזשינע וואָס האַלט ביים אָפּשטעלן זיך. און דאָס גופעלע, דאַכט זיך, איז אַלץ שמאָלער און קלענער געוואָרן. דאָס פּנימל האָט באַקומען אַן אומבאַקאַנטן אויסדרוק. דער אונטערשייד צווישן מערעס שלאַנקן און הויכן וווּקס און צווישן איר צוזאַמענגעקאָרטשעט מאַמעלע איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז פאַנדרע האָט בשום־אופן מער נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזאַ פּיטשינקע ווייבעלע האָט געקענט האָבן אַזאַ גרויסע טאָכטער. פון אַן איינגעדאַרט בעבעלע איז אויסגעוואַקסן אַ סאָסנע...

נאָר וואָס ווייטער סענדריכע איז אַוועק פון דער וועלט, אַלץ נאָענטער איז צו איר געוואָרן מערע, אַלץ מער געטוליעט האָט זי זיך צו איר.

נישט אַנדערש — געמיינט שטעלן זיך ווי אַ לעבעדיקער פּאַראַוואַן צווישן דער מאַמעלע און דעם טויט.

אויף איין מינוטקעלע איז נאָך נח ארייגעלאָפן צו די מאַנסבילן, כדי צו זען ווי עס האַלט מיט שמחהלען. מלך־„מעבר־יבק״ מיט דער פּעדערל אין האַנט האָט אים אַ ווינק געטאָן מיט איין בערישן אויגל און מיט איין פינגער, ער זאָל זיך מער נישט מטריח זיין... ס׳איז באַלד נאָך אַלעמען.

ווי צווישן צוויי פייערן איז פּאַנדרע געבליבן שטיין אַ צעמישטער. ווער איז בילכער? די שוויגער, צי דער חבר פון אָסטראָג?...

חישין דער דאָקטאָר איז אַריינגעלאָפן מיט צעשויבערטע האָר און אים צוגערופן מיט זיין בינטל בלאַסע פינגער:

— גיי, נעם זי בעסער אוועק, דיין ווייבל! הערסט? און וואָס גיכער, אָפּרייסן קען מען זי נישט...

4.

א טעמפּע שרעק האָט אַ זעץ געטאָן נחן איבערן קאָפּ. פונעם דאָקטאָרס עטלעכע ווערטער, קורצע און פאַרשטעלטע, ווי אַ רעצעפּט, האָט ער פאַרשטאַנען אַז מערע האָט איינגאַנצן פאַרלוירן דעם קאָפּ, אַז מען טאָר זי אַצינד נישט לאָזן אַליין. איז ער צוריק אַריינגעלאָפן אין דער ווייבערשער אָפּטיילונג, ווי אַ פּאַזשאַרניק אין אַ ברענענדיקע שטוב, און דערזען מערען, ווי זי שטייט אויף די קני לעבן בעטל, מיטביידע אָרעמס איינגעקלעמט אין איר האלב־טויטער מאַמעלען. די צווייטע זיצערקע שטייט איבער איר, טענהט עפּעס צו איר, מערע ענטפערט נישט, נאָר אירע פּלייצעס ציטערן.

דער פּחד מערע זאָל זיך נישט „אַנקלעפּן״, האָט, דאָ אויף אַן אָרט, ווי אַ פּלאָם פייער אַ סמאַל געטאָן פּאַנדרען. ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן צו געברויכן כּוח, און ווייך, ווי אַ לעמפּערט וואָס לאַשטשעט זיך, אַ נעם געטאָן מערען פאַרן אַקסל.

— אַי! — האָט מערע אַ געשריי געטאָן ווי אַ באַנומענע. עפּעס ווי עמעצער וואָלט זי באמת אַנגענומען מיט אַן אַנגעגליטן צוואַנג, נישט מיט אַ מענטשלעכער האַנט. פון אָרט האָט זי זיך אָבער נישט גערירט.

— מערינקע! — צעשרייט זיך פאַנדרע הייזעריק — וואָס טוסטו? וואָס טוסטו מיט מיר?

מערע גיט האַסטיק אַ דריי דעם קאָפּ און, מיט אַ פאַרקרימטער ווילדער מינע, פרעגט זי איבער:

— מיט דיר?

— מיט זיך אליין! — פאַרריכט פאַנדרע.

מערע ענטפערט גאָרנישט, נאָר זי קלעמט זיך איין נאָך שטאַרקער אין איר מאַמעלעס גוף. ס'הייסט: אויב באַגראָבן — איז מיט איר צוזאַמען... לעבעדיקערהייט.

נישט פארלירנדיק מער קיין רגע נישט, האָט זי פאַנדרע, קעגן איר ווילן, אַ כאַפּ געטאָן אונטער ביידע אָרעמס, אַזוי לייכט ווי אַ לאַנגן פעקל וואַטע. און ביי דער האַסטיקער באַוועגונג האָט ער דערפילט מיט גרויל, אונטער מערעס ווארעמער ברוסט, די פייכטע קילקייט פון זיין שוויגערס גופעלע. עפּעס ווי אַ קאַלטע שלאַנג וואָלט זיך געווען פאַרטאַיעט אונטער זיין ווייבס ברוסט. נאָר אָט האָט ער זי אָפּגעראַטעוועט איידער די שלאַנג האָט געביסן. האָט זי נאָך טאַקע נישט געביסן? זאָל גאָט שומר ומציל זיין!

מערע האָט אַ געשריי געטאָן פונעם אימפּעטיקן פלי אין פאַנדרעס אָרעמס, און ווי אַן אָנגעדרייטע צאַצקע גענומען וואַרפן מיט הענט און פיס און שרייען. נאָר פאַנדרע האָט אויף דעם מער נישט געקוקט און האַסטיק דורכגעטראָגן זיין טייערע משא דורכן גאַנצן שפּיטאָל. און אַלע זיצערקעס און געהילפן האָבן זיך פאַנאַנדערגערוקט שטומערהייט, געמאַכט אים אַ וואָרע.

— מאַמע! מאַמע! — שרייט מערע און צאַפּלט זיך אין איר מאַנס אָרעמס. און ער, האַלב־באַטויבט פון אַלע געשעענישן, פאַר די לעצטע פאָר שעה, זינט ער איז אַרויס כאַפּן לופט אויפן גאַניק, דריקט זיין ווייב צום הארצן, און טרערן, ווי די באָב, קייקלען זיך אים פון די אָפענע יינגלשע אויגן. אַזוי טראָגט ער זי אַרויס פון פירהויז אַראָפּ גאַניק. און אָט שפּרייזט ער שוין איבער דער באַגראָזטער פאָזניע, פאַרביי דער אַלטער אָפּגעברענטער קאַזאַרמע פון יעקאַטערינאָס צייטן. די פוסטע פענצטער הילכן אָפּ, ווי סטרונעס פון אַ ריזיקער האַרף, אויף מערעס געשרייען. „מאַמע! מאַמע!" העלפן זיי איר שרייען.

ס'איז שוין גוט פינצטערלעך. זעט מען נישט ווי פאַנדרע טראָגט זיין ווייב האַלב־אַרויפגעוואָרפן אויפן אַקסל. און די וואָס זעען יאָ — פוילן

זיך נאָכצולויפן אין דער נאַכט אריין מיט זשעדנער נייגעריקייט. די לעצטע צייט איז מען שוין, אין שטאָט, געווינט ברוך־השם, צו ערגערע זאַכן און מ׳לויפט אויך נישט נאָך...

אַזוי טראָגט נח פאַנדרע זיין ווייב דורך די אויסגעשטאָרבענע גאַסן און רופט זי אָן מיט אַלע נעמען פון ליבשאַפט אזוי ווי ער האָט זי גערופן אַמאָל, באלד נאָך דער חתונה. ווי בוימל אויף וואַסער שווימען די ליבלעכע צונעמענישן אַרויס: „פאַיעטאַנטשיקל״, „צעפּצע־כעלע״, „טערמאָמעטערל״, „קעלבעלע״... אַ געזונט דיר אין דיינע זייטעלעך, אַ נחת אין דיינע פלייצקעלעך!...

אַזוי גלעט ער זי מיט גוטע ווערטער ביז זי הויבט זיך אָן צוצוהערן, הערט אויף צו וואַרפן זיך, ווערט מאַט, נעמט פעסט אַרום זיין האלדז, לאָזט זיך טראָגן ווי אַ קראַנק קינד, נאָר אַ שטיל געוויין זינגט נאָך ביי איר אין אָנגעווייטיקטן הארצן.

נח טראָגט זי אריין אין איר טאַטנס שטוב. אלע ווינקעלעך זענען פאַראָבלט. נישט קיין טאַטע, נישט קיין מאַמע, נישט קיין קינד, נישט קיין ריח פון קיך, נישט קיין ריח פון שטאַל. אַפילו דעם געבאָרגטן פערדל האָט דער באלעגאַלישער צעך גענומען צוריק, זינט פאַנדרע איז אַוועק אַרבעטן אין שפּיטאַל. נישט געוועזן ווער עס זאָל אים קאָרמען... פוסט און וויסט און חושך. אָט דאָס איז דער גאַנצער שכר וואָס פאַנדרע האָט געפונען אין שטוב, נאָך אזוי פיל האָרעוואַניע.

ער האָט פּאַוואָליע געוואָלט אַראָפּלאָזן מערען, זיין ווייב, אין דעם קאַלטן בעט. האָט זי זיך אָבער נישט געלאָזן. ווי אַ דערטרונקענע וואָס כאַפּט זיך אָן פאַר אַ שווימענדיקער ברעט, אַזוי האָט זי זיך אים איינגעקלעמט אין האלדז און פלייצעס און אַרויס מיט אַ נייעם געוויין. נישט געוואָלט לייגן זיך, נישט אומקוקן זיך אויף דעם חושך אין שטוב, נאָר וויינען, וויינען, וויינען.

אַרומגענומען ווי ער האָט זי געהאלטן, האָט זיך פאַנדרע אליין אוועקגעזעצט אין בעט און געהאלטן זי צוגעטוליעט צו זיך. שוין לאַנג האָט ער נישט געפילט איר נאָענטקייט אַזוי שטאַרק, אַזוי געטריי. די שוויגער איז דאָך אָקאָרשט געשטאָרבן, אַ? און מאַן און ווייב בלייבן מאַן און ווייב. די וועלט גייט זיך מיט איר גאַנג.

— פּאַיעטאַנטשיק, — האָט ער זי געגלעט — עסקאַדראָנטשיק, האָ־לאָבלעליע, אַ חיות דיר אין דיביינדעלעך! אַ געזונט דיר אין די ליט־קעלעך!...

אונטער אַזאַ „פּיאַנאָ־באַגלייטונג" האָט מערע געכליפּעט אין דער פינצטער, ביז איר געוויין איז איבערגעגאַנגען אין אַ טרויעריקן געזאַנגעלע, ווי אַ סאַמאָוואַר וואָס קילט זיך אָפּ. אירע איינגעקלעמטע לאַנגע הענט האָבן זיך פאַנאַנדערגענומען און זי אַליין האָט זיך ווייך אַראָפּגעגליטשט פון זיין אַקסל מיטן פּנים צום קישן, אַזוי איז זי געבליבן ליגן און שטיל און אָפּגעהאַקט גערעדט צו זיך אַליין:

— נישט קיין טאַטע... נישט קיין מאַמע... קיינער נישט!

ערשט איצט האט פאַנדרע גענומען כאַפּן לופט. ווי אַ מענטש וואָס שטאַרבט פאר דורשט האָט ער דאָס געטאָן, ווי אַ דורשטיקער וואָס קוויקט זיך מיט יעדן טיפּן טרונק־וואַסער: „אָי!" און אָפּגערוט זיך. און ווידער אַ מאָל „אָי!" און אָפּגערוט זיך. ער האָט מיט אַ מאָל דערפילט דעם פּוסטן חלל, וואָס איז אים געבליבן נאָך פיל פאַרברויכטע כוחות, זינט ער איז יום־כיפור אַוועקגעלאָפן פון בית־מדרש אין שפּיטאָל מיט אַ קראַנק־געוואָרענעם יידן אויף די פּלייצעס. פאַרגעסן אָן ווייב און הויז. ער און נישט אָן אַנדערער איז שולדיק אין דער שוויגערס טויט! ווען נישט ער, וואָלטן ווייב און שוויגער אויך נישט אַוועק אין אַזאַ סכנה, צווישן אַזוי פיל חולאים...

— מערע, — מאַכט ער פּלוצלונג — איך וועל דיך מער נישט לאָזן אַליין. איך בלייב מיט דיר... א? איך קען נישט מער. זאָלן איצט אַנדערע...

מערעס קול האָט אים געענטפערט אין דער פינצטער, פאַרשטיקט פון שלוכצן און גאָרנישט צו דער זאַך:

— מאַ—מע! מאַ—מינקע!

נייע זאָרגן

1.

אין יענער נאַכט האָט פאַנדרע פעסט באַשלאָסן מער נישט אומצוקערן זיך אין שפּיטאָל. ס'איז אים קודם־כל נישט מעגלעך געווען צו לאָזן מערען איינע אַליין, מיט איר אומגליק, אין דעם פאַראַבלטן שטוב. און אַפילו ער וואָלט ביי זיך יאָ געפועלט, וואָלט ער אויך נישט געקענט. ווייל דער מאָרגנדיקער טאָג האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן מיט נייע אומגעריכטע צרות, מיט נייע זאָרגן.

גאַנץ פרי, ווען מערע איז נאָך האַרט געשלאָפן, ווי אַלע ביטערע הערצער שלאָפן, האָט פאַנדרע דערהערט, דרויסן אויף דער גאַס, אַ קנאַקעריי פון שווערע שטיוול איבער די פארפרוירענע בלאָטקעס, און באַלד נאָך דעם — אַ קלאַפּן מיט דער קליאַמקע אין דער פירהויז־טיר.

נישט־וואַרטנדיק ביז מערע וועט זיך אויפכאַפּן איז פאַנדרע, אָן גערויש, אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, אויפגעריגלט די פירהויז־טיר און אויפגעעפנט אַ שפּאַלט ליכטיקייט אין גרויען טאָג אַריין.

דאָס גאַנצע בלוט איז אים אַוועק אין פּנים... לעבן טיר איז געשטאַנען ליקסיי דער דעסיאַטניק. איינער פון יענע דעסיאַטניקלעך, וועלכע ער, פאַנדרע, האָט אַנידערגעוואָרפן אין שניי, דאַמאָלסט... בשעת דער שריפה ביים נייעם נגיד. דערנאָך איז ליקסיי געווען איינער פון די שלעכטע עדות אין מאָהליווער „סוד" און געזאָגט אַלץ וואָס דער פּריסטאַוו האָט אים געהייסן...

כדי צו באַהאַלטן זיין צעמישטקייט גיט פאַנדרע ראַפּטום אַ זאָג:

— ששש! דאָס ווייבל מיינס שלאָפט. די מאַמע אירע איז נעכטן געשטאָרבן...

— וואָט קאָק! — נעמט זיך ליקסיי נישט איבעריק צום הארצן,

אין קראַצט זיך, פונדעסטוועגן, אַ ביסעלע שעמעוודיק אין דער האַריקער פּאַטילניצע.

דאָס וואָס פּאַנדרע איז אויסן געווען איז אָבער געווען דערגרייכט. ליקסייס פויערשע קוקערס זענען געווען האַלב-אַראָפּגעלאָזן, בשעת ער האָט נחן בורטשענדיק מודיע געווען, אַז יעהאָ בלאַהאַראַדיע דער סטאַנאַוואַי-פּריסטאַוו האָט געהייסן קומען אין סטאַן. „גיעפּרעמיענאַ" היינט אין דער פרי...

— גוט! — מאַכט פּאַנדרע קורץ מכלומרשט האָפּערדיק ווי אַ מענטש וואָס איז געווינט אָפּצוגעבן אַזעלכע וויזיטן —ווען דאַרף מען קומען?

— צען אַ זייגער. נישט שפּעטער.

נח האָט שטיל פאַרמאַכט די טיר; פּאַוואָליע צוריק אריין אין שטוב, אומגעקוקט זיך אויף מערען און מיט אַ פאַרשטיקטן זיפץ אַוועקגעזעצט זיך אין אַ ווינקל, וואָס ווייטער פון בעט, ווי ער וואָלט זיך דערמיט געוואָלט באַוואָרענען, אַז זיין אומרואיקייט זאָל זיך נישט איבערגעבן דער שלאָפּעדיקער ווייב. דעם פּריסטאַווס פּלוצלעכע איינ-לאַדונג האָט אַ שמעק געטאָן מיט סמאַליענעס... צי איז דאָס באַר אַ נאַכווייעניש פון אָסטראָג, א פאַרגעסענער פּאַפּיר אונטערצושרייבן? צי אַן אנדער זאַך?... מיט זיין געזונטן חוש, וואָס האָט זיך ביי אים שטאַרק פאַרשאַרפט נאָך אַלע איבערגעלעבטע יסורים, האָט ער דער־שפּירט, אַז דאָס מוז עפּעס האָבן צו טאָן מיטן מאַהליוווער זשאַנדאַרניק, וועמען ער האָט, אין דער פינצטער, צעמזיקט דעם גאַנצן פּרצוף־פּנים...

בשעת קושקעס וידוי אין שפּיטאָל האָט אים דער פּאַרבינטעוועטער ערל דורכגעגומען מיט צוויי וואַסערדיקע קוקערס פון אַ שרץ, אָנגעשטויסן זיך... און דאָס, אַפּנים, ליקסייס באַזוך, מוז זיין דער פּועל־יוצא.

— איין שטיקל בחמה, — קלערט זיך פּאַנדרע — וואָס מ'איז כאָטש געקומען רופן... מ'וואָלט מיך אָנגענומען פאַר די זשעברעס אין מיטן מאַרק וואָלט געווען ערגער.

האָט ער פאַרביסן אַ ליפּ און באַשלאָסן מערען גאָרנישט זאָגן. אַן אויסרייד, ווי אַזוי אַוועקצוגיין פון שטוב — וועט ער שוין געפינען.

האָט ער שטילערהייט פאַנאַנדערגעלייגט אַ פּייער אויפן פּריפּעטשאָק און אָפּגעקאָכט וואַסער אויף טיי. דאָס האָט אים אַ ביסל באַרואיקט. אַנשטאָט דער נאָגנדיקער זאָרג איז אין אים אויסגעוואַקסן אַ שוואַרצער אומעט.

— געוואלד, — טראכט ער זיך ביים אָפּשניידן די רעשטלעך אַלט־געבאַקענע ברויט אין שטוב — פאַרוואָס קומט דאָס מיר אַלץ? שוין באַלד צוויי יאָר אַז איך האָב קיין מנוחה נישט. נישט קיין טאָג נישט קיין נאַכט. פון איין בלאָטע אַרויס, אין דער צווייטער אריין...

ער האָט נישט באַמערקט, אַז ער רעדט מיט זיך אַליין. ער האָט אַפילו נישט באַמערקט, אַז מערע האָט זיך אויפגעכאַפּט, צוזאַמענגעקאָרטשעט זיך פון אויפגעוואכטן הארץ־ווייטיק, אָנגעשפּיצט זיך...

און עפּעס גאָר אומגעריכטערהייט, דערהערט ער זיין ווייבס פאַר־כליפּעטן קול:

— וואָס... רעדסטו דאָרטן, נח?

— גאָרנישט, — לויפט ער אַרויס פון קיך — שלאָפסט שוין נישט.

אָבער מערעס אָנגעשוואָלענע ברוינע אויגן פרעגן, דרינגען דורך:

— וועלכע בלאָטע?

— איך זאָג, — זוכט פאַנדרע ווי אַרויסצודרייען זיך — איך רעד אַזוי צו זיך... ווי מיר קענען זיך פון דאַנען נישט אַרויסרייסן. איין גליק טרעפט אונדז נאָכן צווייטן...

— ניין, ניין, — צעוויינט זיך מערע — כ׳האָב דאָך נישט געוואָלט אַוועקפאָרן און לאָזן די מאַמע איינינקע אליין. איז אָט האָט זי אונדז געלאָזן און אַוועקגעפאָרן. ווייט אַוועקגעפאָרן. און דו...

— נו, נו, מערינקע, כ׳האָב דאָך גאָרנישט אַזוי געמיינט. זאָל איך שטאַרבן דאָ אויף אַן אָרט, מערע...

און כדי אינגאנצן צו פאַרגלעטן דעם צער, וואָס ער האָט מערען פאַרשאַפט אויפן ניכטערן הארצן, האָט ער איר גיכער צוגעטראָגן טיי, און אליין אוועקגעזעצט זיך, מיט אַ פולער גלאָז אין האַנט, ביי איר אויפן בעט. באַרואיקט זי.

זיי האָבן ביידע געטרונקען שווייגנדיק. צווישן איין זופּ און צווייטן האָט זיך פאַנדרע געצילט, ביז ער האָט פאַרוואָרפן אַ וואָרט, אז... ער מוז אוועקגיין אויף אַ ווייל׳עטשקע. ער גייט אין צעך, גייט ער. ער וויל באַקומען צוריק דאָס פערדל וואָס מ׳האָט אים געוועזן געבאָרגט. אין שטוב איז גאָרנישט נישטאָ. זי זאָל אויף אים קיין פאַראיבל נישט האָבן. אַצינד, אַז מ׳איז געבליבן אָן דאָס ביסל קעסט וואָס ס׳שפּיטאָל האָט געגעבן...

ער האָט געלייגט מיט גרויס מסירת־נפש. טראָפּנס שווייס האָבן

ביי אים געשפּראָצט אויף די שלייפן נאָך יעדן ליגנערישן וואָרט, ווי נאָך אַן אויפגעהויבענעם זאַק מעל. ס׳איז אים אָנגעקומען שווער ווי צוצולייגן אַ פּלאַסטער אויף אַן אָפענער ווונד, ביי זיין אייגענער ווייב.

מערע האָט געהערט־נישט־געהערט, און צוגעשאָקלט מיטן צעפּלאָשעטן קאָפּ האָר אויף „יאָ". נאָר פאַנדרען האָט דאָס אויסגעזען ווי שטומע קינות.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער קאָלדרע, די רויטע חתונה־קאָלדרע, וואָס נעמט אַצינד אַרום מערעס מאַגער־געוואָרענע קני, די אויסהוילונג פון ווייבלעכן שויס, ווו מערע האָלט אזוי פּאַראומערט איר נישט־דערזופּטע גלאָז טיי, און ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט בעטן מחילה פאַר אַלע אומגליקן וואָס ער האָט אריינגעטראָגן אין איר טאַטנס שטוב, מיט זיין לויפן, מיט זיין ראַטעווען, מיט זיין איינשטעלן דאָס לעבן פאַר אַלעמען אין דער וועלט, נאָר נישט פאַר זיך און נישט פאַר זיין אייגענער ווייב. אַ שטוב געווען, אַ באַלעבאַטישקייט, אַ קינד... אַ תל האָט ער געמאַכט פון אַלץ מיט זיין זיצן אין אָסטראָג. וואָס האָט ער געהאַט צו אַזאַ ליכטיקער מויד ווי מערע איז געווען פאַר דער חתונה? און אַט מוז ער ווייטער גיין אין סטאַן. היטן זיך. ליגן זאָגן. שטיין ביי דער טיר אָן אַ היטל, קוקן דעם פּריסטאַוו אין די פאַסקודנע אויגן אַריין. ווער ווייסט? אפשר גרייט מען אים דאָרטן אַ נייע פּאַסטקע. דאָס בעסטע וואָלט איצטער געווען נעמען די פיס אויף די פּלייצעס און אנטלויפן. נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן! — אין אַמעריקע האָט ער געוואָלט לויפן. געטשעפּעט זיך צו מערען. ווי אַזוי וועט ער דאָס לויפן? און אַ צווייער אַ צעבראָכענעם אין קעשענע האָט ער דען?

— מערע, — מאַכט ער פּלוצלונג מיט אַ געבראָכענעם קול — דאָס בין איך אין אלץ שולדיק, אין אַלץ...

מערע האָט נישט געענטפערט. זי האָט, דאַכט זיך, געוואָרט אויף דעם. וואָרום זי האָט נאָר קורץ אַ כליפּע געטאָן און אראָפּגעלאָזט דעם מאַטן קאָפּ אירן צו אים אויפן שטאַרקן אקסל.

מיט אַ האַרץ אָנגעלאָדן מיט זאָרג און אומעט איז פאַנדרע אַרויס פון שטוב. דער סטאַן האָט אים געשראָקן און זיין אייגענע קליינינקע שרעק איז אים געווען שפּלדיק:

— העז וואָס פאַר אַן יידליק איך בין דאָס געוואָרן! מורא פאַר יעטוועדער „קנעפּל"... ניטאָשטאָ וואָס אַמאָל...

אימיצער האָט אים אַ רוף געטאָן. ער גיט האַסטיק אַ קער דעם קאָפּ —

ערשט ס'איז אַ שכן פון אַקעגן. ס'איז ירוחם־וואָלף דער בעקער. שטייט אַזוי דער בעקער לעבן זיין הויז אַ פּאַרמעליקטער, אַ באַפּאַרטוכטער, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און קאַלופּעט זיך, אַ ביסעלע פאַרלעגן, די טייג פון די ווייסע נעגל.

— גוט, — מאַכט ירוחם־וואָלף — וואָס איך זע דיך. — יע... וואָס האָט פון דיר געוואָלט דער דעסיאַטניק?

— גאָרנישט, — רופט זיך אָפּ פאַנדרע — עפּעס אַ ספּראַווקע, דאַכט זיך... וואָס איז?

— מער גאָרנישט? — וווּנדערט זיך ירוחם-וואָלף — הייַנט וואָס דרייט זיך דאָ אַרום דער זשאַנדאַרניק?

— אַ זשאַנדאַרניק אויך?

— נישט הייַנט. אָבער נעכטן און אייערנעכטן. ווייסט דאָך, יענער, דער שונא־ישראל, מיט דער צעהאַקטער באַק. חברה, זאָגט מען, האָט אים מכבד געווען. קאַטש אין אים די יוכע. נעכטן האָט ער דאָ אויסגעפרעגט אַלע שכנים אויף דיר...

— אויף מיר? וואָס האָט ער געפרעגט?

— פון זיין קאָפּ זאָל מען אַזוי וויסן! וואָס טוט דער באַלעבאָס פון דער פאַרשלאָסענער שטוב? ווו איז ער? וואָס איז ער? דאָס, יענץ...

— נו, האָט מען דאָך אים געקענט זאָגן.

— אודאי האָט מען אים געזאָגט. מ'האָט געזאָגט, אַז דו אַרבעטסט אין שפּיטאָל. ראַטעוועסט פאַרבייַאיקע מענטשן, און מען זעט דיך דאָ נישט גאַנצענע טעג...

איין רגע האָט זיך פאַנדרען אַ מיש געטאָן אין קאָפּ: „ס'איז טאַקע דאָס וואָס איך האָב גערעכנט...” אָבער מיט אַן איבערנאַטירלעכן כוח, וואָס קומט אויף אים שטענדיק אָן בשעת אַ געפאַר, האָט ער זיך, ווי מיט אַ קלעם, צוזאַמענגענומען און אַ הויב געטאָן מיט אַ פּלייצע:

— אָט... מ'האָט אים אין דר'ערד.

און איז אַוועק מיט ברייטע טריט, איבערלאָזנדיק ירוחם־וואָלפן ביים קאַלופּען די טייג פון די נעגל.

פאַנדרע האָט געוואָלט קומען אין סטאַן מיט דער זעלבער געמאַכטער שטייפקייט. און כדי קיינער זאָל אים מער נישט אָפּשטעלן און נישט צערודערן, איז נח אַוועק, נישט מיט דער גאַס, נאָר מיט די שמאָלע שטעגעלעך, צווישן צוימען פון קרויט-גערטנער.

ער האָט אָבער קיין פּאָר צענדליק טריט נישט געמאַכט, ערשט „אַברעמעלע-די-געקוילעטע-קאַץ" קומט אָן אקעגן מיט זיין באַזונדערן הילוך. אַרויסגעוואָרפן אַ טראָט און אַ וואָרף זיך אויף רעכטס, און ווידער אַ וואָרף זיך און אַ טאַפּטשע לינקס, ווי גאָר אַ גרויסער גיבור, וואָס די ערד, כביכול, ציטערט אונטער זיינע דאַרע, אויסגעהולטאַיעוועטע פיס.

אָן אַ „גוטן מאָרגן" האָט אים אברעמעלע אַ ווונק געגעבן מיט אַ ביסטרען אויג, און פאַנדרע האָט פונעם ווונק פאַרשטאַנען, אַז אַברעמעלע טשיקעוועט דאָ אויף אים, קוקט אים נאָך זינט ער איז אַרויס פון שטוב. וואָס, למשל, וויל אָט דער אויסוווּרף פון אים?

— אָה, אברעמעלע, — מאַכט פאַנדרע אַ הבריש־פריילעכע מינע — שוין לאַנג דיך נישט געזען. וואָס מאַכט מען עפּעס?

פון אַזאַ שפּילעוודיקן ברוך־הבא האָט אַברעמעלע געקראַגן פאַרדאַכט, אַז פאַנדרע ווייסט שוין פון אַלע לעצטע מעשים־טובים זיינע... האָט ער גלייך אונטערגעכאַפּט דעם זעלבן טאָן:

— ווער עס מאַכט צו די אויגן, ווער עס מאַכט קינדער...

— אך, יע, — רופט זיך אָפּ נח אַ ביסל צולהכעיסדיק — אין הירשל דעם טויבנס שטוב מיינסטו? כ׳האָב עפּעס געהערט...

— חישינקע דער דאָקטאָר אודאי... — לאַכט כלומרשט אברעמעלע, און פאַרקריצט פונדעסטוועגן די ציין.

— וואָס איז דיר די נפקא־מיני?? ניין, גראָד נישט חישין.

עפּעס אויף אַברעמעלע זיין ברייטן מויל מיט די נישט געזונטע ציין. און פאַנדרע זעט אַז דאָס וויל ער פאַרשלייערן זיין פלוצלעכן כעס מיט הולטאַיסקער אַפּנהאַרציקייט:

— הער נאָר, — מאַכט ער — נח, דו ביסט דאָך עפּעס אַמאָל, זאָגט מען, געווען אַ גאַנצער תנא-ברי אין ווייבערשע זאַכן. האָסטו שוין אַמאָל פאַרזוכט דעם טעם פון אַ דיקער און אַ דאַרער?... צוויי געריכטן אויף איין מאָל...

— ביסט אַ פאַסקודניאַק! — ענטפערט אים אָפּ פאַנדרע קורץ און וואַגיק — אויף דיר גלויב איך אַלץ.

— און דריי, מיינסטו, איז שלעכט?

פאַנדרען איז פריקרע געוואָרן אַזאַ איבערגעטריבענע, נישט־געזונטע באַרימעריי. בפרט נאָך, אַז דאָס באַרימט זיך אַזאַ צעקראָכענער נפש מיט מאָגערע פּאַלקעס אין ברייטע שטיוול.

— יאָ, — מאַכט ער מיט אַ שטאָך — מ׳זאָגט אפילו, אַז דו האָסט דערביי געזונגען זמירות פונעם סידור. דו און די ישיבה־בחורים...

— ווער האָט געזונגען? — מאַכט זיך אַברעמעלע תמעוואַטע — איך האָב געזונגען? די ישיבה־בחורים האָבן געזונגען און איך האָב געהאָרעוועט, האָב איך. איבערגעגאַנגען פון דער דיקער צו דער...

— נו, נו, — שלאָגט אים פּאַנדרע איבער מיט אַ שפּלער מינע — גענוג צו מאַכן זיך פליישיק אזוי פרי.

— וואָס שעמסטו זיך אַזוי? — ווינקט אַברעמעלע מיט די הולטאַיסקע אויגן — מיינסט אַלע קענען וואַרטן זעקס שעה נאָך פליישיקס? פארבייסן מיט מילכיקן טייגעכץ נאָך „קאַנקלעטן" איז גאָרנישט אַזוי שלעכט. אָט גיי פרעג וואָס דער נייער־נגיד טוט. איינמאָל פאַרזוכן מעג אַ „גאַש־בראַט" אויך...

ער רעדט שוין באַלד ווי שעפּטעלע-גנב, טראַכט זיך נח. נאָר שעפּטעלע האָט, דאַכט זיך, נאָר גערעדט און אברעמעלע טוט...

אַזאַ שפּילעוודיקער געשפּרעך, צווישן די גערטנער, צעשטרייט פּאַנדרעס אומעט און נעמט אוועק זיין געמאַכטע שטייפקייט.

— נו, מילא, — גיט ער אַ הויב מיט די פּלייצעס — פון מיינטוועגן... איך מיש זיך נישט אין קיינעמס ווייבערשע זאַכן.

און גאָר פּלוצים, גאָרנישט צו דער זאַך, גיט ער אַ זאָג, כמעט קעגן זיין אייגענעם ווילן:

— ווייסט? מ׳האָט מיך ערשט גערופן אין סטאַן.

— אַ־אַ־אַן! — זינגט אויס אַברעמעלע. זיינע אָקאָרשט הולטאַיש־פאַרגאַסענע אויגן ווערן ערנסט.

— ווייסט עפּעס? — פרעגט נח.

— ביי דיר אַרום שטוב דרייט זיך אַרום ד י י ן זשאַנדאַרניקל, מיט דער באַק... איך זוך דיך שוין פון נעכטן אָן. געוואָלט דיך וואָרענען.

— יאָ, דער בעקער האָט מיר אויך געזאָגט.

— איז אָט, — לאָזט אַברעמעלע אַראָפּ דעם קול — אויב מ׳עט דיך עפּעס נעמען אויספרעגן וועגן דער אַבלאַווע, זאָלסטו זאָגן אַז דו ווייסט גאָרנישט. „מאַדיע־מיטן־אמת" האָט מיך געשיקט. געהייסן דיר זאָגן, אז ס׳איז נישטאָ קיין שום באַווייז. פארשטייסט?

— מאַדיע ווייסט שוין אויך? — וווּנדערט זיך נח.

— ער ווייסט אַלץ. ער האָט דאָך עפּעס איבערגענומען האַצע דעם הינקנדיקנס אָרט. ווייסט ער... וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן?

ער האָט זיך טאַקע מיט דיר געוואָלט זען — מאַדיע. ער זוכט דיך. אין שפּיטאָל האָט ער צו דיר נישט געקענט צוקומען. אָבער נעכטן... דיין שוויגער איז דאָך נעכטן געשטאָרבן, ווי?

— שוין געהערט?

— שוין געהערט. שפּילסט זיך מיט מאַדיען!... איז אָט וואָס מאַדיע זאָגט. ער זאָגט וואָס איך זאָג. גויטיק, זאָגט ער, אום לעבן דאַרף זיך, זאָגט ער, אַזאַ יונג ווי נח מוסר־נפש זיין פאַר אַלע מערידאַלניקעס. איינשטעלן דאָס לעבן. ס׳איז דאָ אַציגד אַ וואָזשנערע זאַך. מיר ווייסן, אַז די היגע פּאָליציי גרייט צו אַ שיינע חתונה אין שטאָט. דער פּריסטאַוול איז שטאַרק אין כעס וואָס די גאַנצע „אָבלאַווע" האָט זיך נישט איינגעגעבן. איין האצע דעם הינקנדיקן דערטאַפּט, אָנגעטראָפן אַ גרינגן נפש. ביי דער וואַנט קענסטו עפּעס אַרויסקריגן? אַזוי ביי אים. איז ער אש־להבה, דער פּריסטאַוול. וויל אָנלערנען די גאַנצע שטאָט. וואַרט ער נאָר ס׳זאָל ווערן אַ ביסל רואיקער מיט דער כאָלירע. און עס ווערט טאַקע רואיקער. שוין אַ סך ווייניקער חולאים אין שטאָט... די גויאישע פּריזיוווניקעס פון די דערפער וועלן אָנפאָרן — ווערסטו הערן נייעס!...

פאַנדרע טראַכט אַ ווײַלע. דער סקאַנדאַל צווישן די יאַטקעס, אויף וועלכן ער האָט זיך אָנגעריסן מיט אַ וואָך צוריק, און די צעפּלאַמטע פּנימער פון די אָנגעלאָפענע גויאים וואָס ער האָט דאָרט געזען זענען באמת געווען אַ שטיקל אָנזאָג אויף דעם, וואָס אברעמעלע דערציילט דאָ.

— מיט מאַדיען קען מען זיך זען, — רעדט פאַנדרע פאַרלעגן — נאָר וואָס טוט מען? טאָמער פאַרהאַלט מען מיך אין סטאַן?

— מענטש איינער, אַז ס׳וואָלט געווען פאַר וואָס צו פאַרהאַלטן דיך וואָלט מען, מייַנסטו, מיט דיר געמאַכט לאַנגע מחזקות? וואָלסט שוין לאַנג געזעסן. פון שפּיטאָל וואָלט מען דיך אַרויסגעשלעפּט. זיי האָבן גאָרנישט אויף דער האַנט. ס׳איז גלאַט אַזוי געטאַפּט געזוכט: „טאָמער יאָ"... פאַרשטייסט?

— הלואי — זיפצט אָפּ נח — און טאָמער פאַרפלאָנטערן זיי מיך?

— לאָז זיך נישט! — לערנט אים אברעמעלע — מאַך זיך נישט וויסן. שאַ! דו האָסט דאָך אַ גאָלדענעם תירוץ נח. אין דער זעלבער נאַכט ווען די אָבלאַווע איז געווען, ווען דו האָסט דעם חזיר מכבד געווען, איז דאָך דיין ייִנגעלע געשטאָרבן?

— נו?

— איז זאָג אַז דו ביסט פון שטוב נישט אַרויס. ווער וועט דאָס גלויבן, אַז דו ביסט דעמאָלסט געלאָפן אויף „סכאַדקעס”? אַ שונא — אויך נישט. ביסט דאָך אַרויס ווען ס'איז שוין געווען פינצטער?

— נישקשהדיק פינצטער געווען.

— איז אָט זעסטו? אַלע דיינע שכנים וועלן גיין עדות־זאָגן, אַז דו ביסט געזעסן אין שטוב.

פּאַנדרען איז ליכטיקער געוואָרן אין קאָפּ.

— באמת, — מאַכט ער ביסט דאָך אַ סך מער ווערט ווי מיין מאָהליוווער אַדוואָקאַט אין „אָקרוזשנאַי סוד”. ווען דו און נישט ער וואָלט פאַר מיר געטענהט, וואָלט איך אפשר אין אָסטראָג נישט געזעסן.

— נח, — כאַפּט אים אברעמעלע פארן האַנט — מ'עט דיך נישט לאָזן שטעקן אין בלאָטע. און טאָמער וועט יאָשקע דער שערער אַ פּיפּס טאָן איז... ווייסטו דאָך?

אברעמעלע האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן איבער דער הויזן־קעשענע, כדי צו דערמאָנען פּאַנדרען אָן עפּעס־וואָס.

אין אברעמעלעס טיפער קעשענע האָט טעמפּ א קלונג געטאָן. אַ מעסער צי אַ פּיסטאָל? אפשרביידע כלים צוזאַמען.

דער דאָפּראָס

1.

צום פּריסטאַוו אין סטאַן איז שוין פֿאַנדרע אַוועק אַ סך זיכערער, מונטערער ווי ער איז געווען, נאָר פֿאָרזיכטיק און באַרעכנט, ווי איינער וואָס טרעט איבער אַ צעוואָרפֿענער נעץ, און קוקט גוט — די אָפּצאַסן זאָלן זיך אים נישט פֿאַרפּלאָנטערן.

אָבער, ווי נאָר ער איז אַריין אין געמויערטן אַלטן טויער, פֿון יעקאַטערינאַס צייטן, האָט אויף אים אַ ווייַ געטאָן מיט גויאישער גראַבקייט, מיט פֿרעמדער ממשלה, מיט דערנידערונג, און ער האָט דערפֿילט, אַז נישט אַזוי לייכט וועט דאָס אים דאָ אָפּלויפֿן, נישט ווי אברעמעלע האָט געמיינט...

מען האָט אים געלאָזן וואַרטן, געצויגן אָדערן. און אַז ער איז אַריין אין קאַנצעלאַריע, האָט ער דאָרטן געטראָפֿן דעם המן, דעם בייזן גייסט זיינעם, וואָס פֿאַרפֿאָלגט אים שוין באַלד צוויי יאָר, זינט דער שריפֿה ביים נייעם נגיד. מיט גזלוואָיסקע שטאַרע אויגן האָט אים דער פּריסטאַוו באַגעגנט און מיט פֿאַרדרייטע וואָנסעס, ווי ביי ניקאָלאַי דעם ערשטן אין שקלאָווער פּאָטשט... לעבן אים איז געזעסן זיין שרייבערל, אַ געשטופּלטער שייגעץ מיט אַ מייזישן פּנים און מיט אַ שטרויענעם פֿאַרקעמטן כאָכאָל, וואָס האָט זיך בשום־אופֿן נישט געוואָלט אַוועקלייגן איבער דעם שפּיציקן קעפּעלע. פֿון פֿאָרנט איז דער כאָכעלטשיק געווען צוגעקלעפּט מיט אַ פּעטער נאַסקייט און אויפֿן מיטן קעפּל איז ער געשטאַנען דיבאָם, ווי חזיר־האָר.

פֿון קאָפּ ביז די פֿיס האָט דער פּריסטאַוו אָפּגעמאָסטן נח פֿאַנדרען. מיט האַרטע, נישט־פֿאַרגינערישע אויגן אַ פּאָר געטאָן איבערן פֿאַרברענטן שטערן, איבער די ברייטע פּלייצעס, איבערן איינגעצויגענעם בויך, איבער די שטראַמע פֿיס אין די הויכע שטיוול, און האָט דערביי הערשעריש פֿאַרקוועטשט די מויל־ווינקלען, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: „העז אַן

עזות! דער פּריסטאַוו אין שטאָט בין א י ך דאָך דאָ; היינט ווי אַזוי, זשיד, האָסטו אַזאַ חוצפּה צו זיין שטאַרקער און געזינטער פון מיר? ניין! אַזאַ זאַך קען מען בשום־אופן נישט דערלאָזן...״

און כדי גלייך צו באַווייזן פֿאַנדרען זיין אויבערהאַנט און מבזה־זיין אים מיט זיינע אייזערנע פּלייצעס און מיט זיין גאַנצער גבורה, האָט ער מיאוס אַ קנייטש געטאָן זיין פֿאַנישע נאָז, אַ צי געטאָן דעם ריח פון קאַרבאָלקע און רפואות, מיט וועלכן פֿאַנדרעס מלבושים האָבן זיך אָנגעזאַפּט אין שפּיטאָל, עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד.

— המ... שטינקסט ווי... די זשידאָווסקע כאָליערע! קראַנק געווען?

פֿאַנדרע האָט דערזען אַז דער ערל קאָן נאָך אַלץ נישט מוחל זיין דאָס אָפּשטויסן אים די הערשערישע האַנט, וואָס האָט זיך אַמאָל פֿאַרמאָסטן אויף דעם באַק פונעם גייעם נגיד... אַפילו די אַנדערטהאַלבן יאָר אָסטראָג, וואָס ער, פֿאַנדרע, איז אָפּגעזעסן פאַר אַזאַ מוראַדיקער עולה, איז דעם המן ווייניק. דעם אָפּגעריסענעם קנעפּל פון שינעל קען ער נאָך אַלץ נישט פֿאַרגעסן. היינט וואָס זאָל ער זיך גיין אויסטענהן? ענטפערט ער קורץ:

— ניין.

— „וואָשע בלאַהאָראָדיע״... דאַרף מען זאָגן! — אַזוי פֿאַרריכט אים שטרענג דער פּיסאַר און קוקט הינטיש־חניפהדיק אין פּריסטאַווס בולטע אויגן אַריין.

דער המן גיט אַ פּיר מיט צוויי פינגער איבער איין דראָטענער וואָנסע און מיט גרויס פֿאַראַכטונג, ווי איינער זאָגט: „פון אַזאַ בריאה־משונה קען מען קיין דרך־ארץ פאַר נאָטשאַלסטוואָ נישט פֿאַרלאַנגען״. און גיט זיך, שוין שטרענגער, מיט באַהאַלטענער צערייצטקייט, אַ ווענד צו נחן:

— דו! היינט ווו ביסטו דאָס געווען נעכטן... ווען מען האָט דיך געזוכט?

זעט דען פֿאַנדרע נישט, אַז דער אדון ווייסט זייער גוט ווו ער איז געווען? נאָר ער פּילט, אַז עס איז אַ סך געזינטער נישט אַריינצולאָזן זיך אין צו־לאַנגע שמועסן. ענטפערט ער קורץ און קלאָר:

— אין באָלניצע געאַרבעט, וואָשע בלאַהאָראָדיע!

— אַ־אַן! אין דער באָלניצע? אין וועלכער? אין דער זשידאָווסקער? ווי לאַנג?

— זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן אין שטאָט...

— המ... — מאַכט דער אדון און שווייגט אַ ווײַלע. די מסירת־נפש

פון אַזאַ געוועזענעם אַרעסטאַנט, ביי אַזאַ געפערלעכער חולאת, אין משך פון גאַנצע וואָכן, קומט אים אויס אומנאַטירלעך, באַרימעריש.

זינט פּאַנדרע איז אַוועק „זיצן" אין מאַהליוו, האָט ער דעם בייעם פּריסטאַוו נישט געזען אַזוי נאָענט פאַר די אויגן. אַלע מאָל אויסגעמיטן אים מיט אַ פּאַרטאַיעטער ציינקריצעריי. צום צווייטן מאָל, זינט זיין אַרעסט, האָט ער אַצינד אָנגעקוקט די פאַרגליווערטע טעמפּקייט אין די בולטע אויגן, די גויעשקע ערלעכקייט געמישט מיט רשעות; די גוט־אויפגערעכנטע „ערלעכקייט" פון א טשינאָווניק, וואָס וויל זיך דערדינען ביי נאַטשאַלסטוואָ און נעמט נישט קיין „לאַפּקע־געלט" און קומט קוים אויס מיט זיין געהאַלט און איז דערפאַר נאָך מער גערייצט און „ערלעך", אַזוי ערלעך, אַז ער פייניקט און מוטשעט אלץ וואָס געפינט זיך אונטער זיין קליינינקער, פאַסקודנער הערשאַפט... איין מינוט האָט פּאַנדרען אַ וואָרג געטאָן אַ ווילדער צאָרן אין האַלדז: אפשר דערלאַנגען אים גאָר דעם אמתן טערעבענץ איבערן חזירשן שאַרבן אַזוי, אַז נאַסע שערבלעך זאָלן צעשפּריינגען אויף אַלע זייטן?... און זאָל דערנאָך זיין, וואָס עס וועט זיין...

נאָר עפּעס אַ געהיימנישפולע זיכערקייט, אַז עס וועט זיך נאָך מאַכן אַ בעסערע געלעגנהייט פאַר אַזאַ שטיקעלע אַרבעט, האָט אָפּגעהאַלטן זיין אויפגעברויזטן כעס.

„האַלט זיך!" — מאַכט פּאַנדרע צו זיך אליין — „זיי אַ מענטש נחקע!"

און דאָס גויעלע, מיטן האַלב־פאַרקלעפּטן און האַלב־אויפגעשטעלטן כאָכעלטשיק, האָט צוגעסקריפּעט מיט זיין פאַרזשאַווערטער פּעדער, געסקריפּעט, געסקריפּעט...

2.

משמעות, דער אדון אליין האָט עפּעס דערזען אין פּאַנדרעס גרויע אויגן; דערפילט, אַז ער האָט דאָ בכלל נישט צו טאָן מיט אַ דערשלאָגענעם יידעלע פון אַ גאַנץ יאָר, נאָר מיט אַ שטיק אייזן, אָן וועלכן מען צעברעכט זיך די פינגער, איידער מען בויגט אים איין. וואָרום זיינע גזלוואַיסקע אויגן זענען געוואָרן אומרואיק, ווי ער וואָלט זיך אומגעקוקט נאָך הילף. און פלוצלונג האָט ער אָנגעשטעלט דאָס קנעכל פון אַ פינגער און דריי מאָל נאָכאַנאַנד אַ קלאַפּ־געטאָן אין דעמבענעם טיש.

אַ זייטיקע טיר האָט זיך אָן עפֿן געטאָן און דער זשאַנדאַרניק, מיט דער צעמזיקטער באַק, ווי אַ מאַסקע פֿון אַ גויעשקן פּורים-שפּילער, האָט זיך אריינגעלאָזט אין קאַנצעלאַריע, פֿאַרוואָרפֿן צוויי פֿינגער צום קאַזיראַק, אָפּגעגעבן „טשעסט".

פֿאַנדרען האָט אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. ער האָט דערקענט דעם ערל. די בלאָנדע וואָנסע, וואָס האָט אַמאָל אַרויסגעשטעקט, ווי אַ פֿינגער, פֿון פֿאַרדאַמטן פּנים, אונטער דער באַרנטע, איז אַציַנד געווען אונטערגעשוירן... אין שפּיטאָל, אַפּנים, האָט מען אים דאָס אונטערגעהאַקט די וואָנסעס, כדי עס זאָל זיין לייכטער צו היילן די באַק. פֿון זיינע פּראָסטע ציווילע קליידער איז קיין סימן מער נישט געבליבן. ער איז איצט געווען אָנגעטאָן אין אַן אוניפֿאָרם פֿון אַ זשאַנדאַרניק, מיט לאַמפּאַסן און מיט „באַשיוקעס" אויף איין אַרבל. די מיאוסקייט פֿון זיין פֿאַרענדערטן פּרצוף איז דערפֿון געוואָרן נאָך בולטער, שאַרפֿער, ווי אין אַ קאָלירטער ראָם איינגעראַמט. נאָר די פֿייכטע אויגן פֿון אַ שרץ, וואָס האָבן אים, מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, געטאַפּט אין שפּיטאָל, בשעת קושקע־בראַנד האָט געגוססט, זענען געווען די זעלבע. אָן זייער וואָסערדיקן גיפֿט האָט זיי פֿאַנדרע דערקענט...

ער האָט, אָבער, אין דער זעלבער מינוט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ פֿאַסטקע; אַז יעדע באַוועגונג פֿון זשאַנדאַרניק און פֿון פּריסטאַוו איז דאָ אויסגערעכנט און אָפּגערעדט לכתחילה, כדי צו דערשרעקן אים, פֿאַרכאַפּן אים דעם אָטעם, פּריטשמיעלען. אָט!... דער „אדון" נעמט טאַקע פֿון אים די שפּיאָנישע אויגן נישט אַראָפּ.

האָט זיך פֿאַנדרע פֿאַרקלעמט די צונג צווישן די ציין און מיט אַן איבערנאַטירלעכן כוח אָפּגעהאַלטן דאָס האַרץ־קלאַפּעניש, מיט אַ האַרטער עקשנות געטראַכט וועגן מערען, וואָס איז געבליבן אייניקע אַליין אין שטוב, וועגן שמחהלעס טויט, וועגן דער שוויגער...

דער פּריסטאַוו האָט אַ ביסל אָנגעכמורעט די געלבע ברעמען. נישט געווען צופֿרידן. ער האָט זיך, ווייזט אויס, געריכט אויף אַ שטאַרקערן איינדרוק. אָבער פֿאַרזעצן די שפּיל מוז מען דאָך; האָט ער מכלומרשט גוט־ברודעריש געגומען אונטערווינקען צו פֿאַנדרען:

— נו, וואָס? דערקענסט אים?...

— יאָ, — מאַכט פֿאַנדרע מיט אַ נישט־געוויינלעכער חוצפּה, כמעט מיט אַן אַרויספֿאָדערונג.

ער גיט דערביי אַ קוק מיט אָפֿענע קלאָרע אויגן אויפֿן זשאַנדאַרניק

און טראָגט איבער דעם זעלבן דורכזיכטיקן קוק אויפן פּריסטאַוו און פאַרענדיקט:

— אין דער יידישער באָלניצע געזען אים...

— נ אָ ר אין באָלניצע? — פרעגט אים שפּילעוודיק דער פּריסטאַוו, מיט אַ קוועטש אויפן „נאָר".

— טאַק־טאָטשנאָ! — ענטפערט אים פאַנדרע מעשה־זעלנער. — מיין פריינט איז גראָד דאַמאָלסט געשטאָרבן אין באָלניצע. קושקע דער באַלעגאָלע. די וואַנט פון הורבה האָט אים צוגעקוועטשט...

— זייער פיין, — שאָקלט דער פּריסטאַוו מיט אַ קרומען שמייכעלע און ווינקט דערביי צו מיט איין אויג צום זשאַנדאַר, כדי יענער זאָל אויך זען, וואָס פאַר אַ חכם אַן אויספאָרשער ער איז, — טרישקאָ, אָט דער פּאָליציאַנט איז דאָך אָבער געלעגן אין זשידאָווסקע שפּיטאָל אין אַ כאָלאָם, ד'ער גאַנצער פּנים אַ פאַרבינטעוועטער, הייבט ווי אַזוי דערקענסטו אים אַצינד?

— די אויגן — דערקענט... — ענטפערט פאַנדרע מיט דער זעלבער געמאַכטער קאַלטבלוטיקייט און פּילט, אז אָט-אָט פּלאַצט אין אים זיין קאָלטקייט און איינגעהאַלטנקייט, ווי אַן איבערגעצויגענע סטרונע. — אַלע ווייסן. מען האָט אין שפּיטאָל דערציילט, ווער דאָס איז...

ער וויל נאָך עפּעס צוגעבן און פאַרכאַפּט זיך: „וואָס ווייניקער דברן, נחקע, איז געזינטער!..."

ווערט ער אנטשוויגן און גיט פאַוואָליע אַ הויב מיט די פּלייצעס, ווי איינער וואָס איז זיך נאָך מיישב מיט זיך אַליין:

— און אפשר האָב איך אַ טעות...

אָבער דער אדון לאָזט נישט אויסרוען זיך. אַ נייע קלאָץ־קשיא פאַלט פאַנדרען ווי אַ ציגל איבערן קאָפּ:

— זאָג נאָר, מיין טייערער, אין מאָהליוו האָסטו, דאַכט זיך, א ו י ך עמיצן געשלאָגן...

— איך?

— דו! אין אָסטראָג.

— טשורילאָ דעם קאָטאָרזשניק אפשר?

— וואָט—וואָט—וואָט!

— ער האָט מיך, וואָשע בלאַהאָראָדיע, געשלאָגן און איך אים...

— ווריאָש! (דו לייגסט) ד ו — אים! אין קאָרצער ביסטו געזעסן?

— טאַק טאָטשנאָ!

— אהא!... געדענקסטו אפשר ווו דו האָסט אים דערלאַנגט?
און דער פּריסטאַוו דרייט דערביי איין וואָנסע און קוקט פּילדייטיק אויפן זשאַנדאַרניק און אויף זיין פאַרבונדענער באַק.

דערזעט פּאַנדרע, אַז דאָ ווערט געצויגן אַ פּאָדים, אַ געהיימער פאַרגלייך צווישן טרישקאַ דעם זשאַנדאַרס צעמזיקטן פּרצוף און צווישן טשורילאָס צעהאַקטע נאָז, אין מאַהליוו... שווייגט ער. די ערד ברענט אים אונטער די פּיס און ער שווייגט.

— מאָלטשיש? (שווייגסט?) — רייצט זיך מיט אים דער פּריסטאַוו.

— ביסט עפּעס אַלע מאָל אַ בריה צו ברעכן נעזער... ווי?
מאַכט זיך נח תמעוואַטע:

— אַז מען שלאָגט זיך, וואָשע בלאַהאָראָדיע, קוקט מען נישט...

— ניין, דו קוקסט גוט, דו קוקסט שוין איינמאָל גוט, דו קוקסט!

דער פּריסטאַוו חזרט איבער דעם „קוקן וואָס פּאַנדרע קוקט" איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל. און נח דערפילט, אז דער ערל צילט זיך שוין פון אַן אנדער זייט, טאַפּט אַן ווו ווייכער, ווו געפּערלעכער. און כך הוה! אָט פּאַלט „דער שאָס":

— הי... און ווו, זאָג מיר, מיין טייערער, ביסטו... הייסט דאָס, געווען אין דער נאַכט פון דער אָבלאַווע?

— אָב־לאַ־ווע? — שטאַמלט פּאַנדרע און אַ שוויס זעצט אים אַרויס פון שטערן.

מ׳האָט אים דאָ אַ שטויס געטאָן בארג־אַראָפּ... צו שפּעט דערפילט ער דאָס. ער פליט. אָט אָט צעברעכט ער זיך רוק און לענד...

ער שטאַרקט זיך אָבער באַלד און פאַרענדיקט זיין ענטפער מיטן זעלבן גוט־ברודעריש־שפּילעווודיקן טאָן, ווי דער פּריסטאַוו רעדט מיט אים:

— אַה! ווען מען האָט ארעסטירט די... די דאָזיקע, וואָס שטעלן זיך קעגן פּראַוויטעלסטוואָ?

— וואָט־וואָט־וואָט! — באַשטעטיקט דער „אדון" מיט אַ מאָדנער שמחה — וואָט־וואָט־וואָט!

— ווו בין איך דאַמאָלסט געווען? דאַמאָלסט?

— אָט־אָט־אָט. דאַמאָלסט... דאַמאָלסט...

— ווו זאָל איך זיין? אין דער היים בין איך געווען, אַ־אַה... אַצינד דערמאָן איך זיך. מיין סענדערל איז דאָך דאַמאָלסט געשטאָרבן. אַ יאָריק קינד...

— פונקט אין יענער נאַכט? — פרעגט איבער דער פּריסטאַוו — פּונקט, זאָגסטו, אין יענער נאַכט?

— אין יענער נאַכט, וואַשע בלאַהאָראַדיע!

— אַזאַ גוטן זכרון האָסטו דאָס? עפּעס צו־גוט געדענקסטו!

— איך געדענק, וואַשע בלאַהאָראַדיע, ווייל גראַד צומאָרגן פרי איז מען געקומען און מיר דערציילט. אין שטאָט האָט זיך געררודערט..

— מען איז געקומען און דיר דערציילט? פאַרוואָס עפּעס איז מען צו דיר געקומען? אַזאַ פריץ ביסטו דאָס? אַלע נייעסן ברייינגט מען דיר גאָר אין שטוב אַריין...

— וואַשע בלאַהאָראָדיע! לויטן יידישן „זאַקאָן" אַז אַ נאָענטער שטאַרבט, טאָר מען זיבן טעג פון שטוב נישט ארויס. „שיווע" הייסט דאָס ביי אונדז...

— און דו ביסט דאָס אַזאַ „נאַבאָזשנער", אַזאַ פרומאַק? דו היטסט אַזוי אָפּ דעם זאַקאָן?

— ס'איז נישט פרומקייט... ס'איז... ס'איז... אַפילו ווען איך זאָל וועלן אַרויסגיין, וואָלט דעמאָלט די שוויגער נישט דערלאָזט, די ווייב וואָלט נישט דערלאָזט... מען טאָר נישט.

— אַזוי, אַזוי? די שוויגער... — טשעפּעט זיך דער „אדון" צום וואָרט — די שוויגער, זאָגסטו? ווי? טאַק־טאַק... די שוויגער. געהערט?

— ווענדעט ער זיך צום פּיסאַר מיטן צוגעקלעפּטן כאָכעלטשיק, דערנאָך צום זשאַנדאַר מיט דער באַק. — די שוויגער, זאָגט ער... אָט ווי! יאָ, די שוויגער.

.3

פאַר דער האַלבער שעה צייט, וואָס פאַנדרע איז דאָ געשטאַנען אַן אַ היטל און אין אַזאַ שפּאַנונג זענען וואָך געוואָרן זיינע חושים, אָנגע־שאַרפט זיך ווי געצייג ביים מייסטער. און ווערליק דאָס איבערקייען פון איין וואָרט, וואָס דער „אדון" קייט איבער, האָט פאַנדרע פאַרשטאַנען, אַז מען קלייבט זיך דאָ אונטערצושטעלן אים אַ ביי פיסל, און גאָר אומגע־ריכטערהייט. נאָר מען איבערלייגט זיך נאָך פון וועלכער זייט אונטער־צושטעלן.

און כד־הוה: גאָר פּלוצלונג, אין מיטן שפּילן זיך מיט דער „שוויגער", גיט דער פּריסטאַוו אַ פרעג:

— איז זאָג־זשע מיר, דו פרומער מענטש מיינער, דו איידעם פון דיין שוויגער...

ער בלייבט אַ ווײַלע שטיין, שפּילט מיט זיינע האַרטע אויגן, צילט זיך אָן... היט זיך-זשע נחקע! הער גוט וואָס מען רעדט צו דיר. וואָרום דו שטייסט דאָ איינער אַליין צווישן אַ סך שונאים. פון פאָרנט — דער פּריסטאַוו און דער שרייבערל זיינער; פון דער זייט — דער קוים־פּאַר־היילטער, צעמזיקטער זשאַנדאַר מיט זיינע גיפטיקע אויגן, און פון הינטן — ליקסיי דער דעסיאַטניק, מיט זיין טעמפּן געדולד אָפּצושטיין אַזוי שעהן נאָכאַנאַנד, און מיט זיין פויערשער גרייטקייט צו טאָן אַלץ, וואָס מען וועט אים הייסן.

פון אַזאַ גויעשקן דרוק אַרום אים, האָבן פּאַנדרען פון די שלייפן גענומען פּויזן די בייסנדיקע טראָפּנס שוויס איבער די נישט-געגאָלטע באַקן. נאָר ער האָט מורא געהאַט אַ וויש צו טאָן, כדי מען זאָל נישט באַמערקן זיין אינערלעכע אומרואיקייט.

דער המן האָט אָבער יאָ באַמערקט:

— דו שוויצסט? ווי?

פּאַנדרע האָט נאָר קינדיש־פאַרשעמט אַ שמייכל געטאָן:

— הייס, וואַשע בלאַהאָראָדיע!

— הייס איז דיר. טאַק... איז זאָג־זשע מיר, דו פרומער מענטש איינער,

— הויבט אָן ווייטער דער פּריסטאַוו צו ציען ווערטער.ער צילט און צילט אין פּאַנדרעס האַרץ, ווי מיט אַ פּיסטויל, און שיסן שיסט ער נישט.

אָט די אומבאַוווסטקייט האָט פּאַנדרען געמאַכט ציטערן דעם פּאַר־גאַרטלטן האַרטן בויך. ער האָט גיך אַ קוק געטאָן, מיט איין אויג, אָן דער זייט און דערזען, ווי אַ מיאוסער שמייכעלע שלענגלט זיך אויפן זשאַנדאַרניקס צעמזיקטע ליפּן. און אַליין נישט וויסנדיק ווי אַזוי, האָט ער פלוצלונג דערשפּירט ווהין מען צילט דאָ, און פון וועלכער זייט.

— נא, — גיט ער אַ טראַכט — אַזוי קלוג ווי איר, גויעשקע קעפּ, בין איך נאָך אויך! נאָר איידער איר קלייבט זיך אַלע צוזאַמען צו באַ־גנבענען מיך, האָב איך אייך שוין באַגנבעט.

ער ווערט אַ ביסעלע רואיקער און וואַרט אָפּ דעם שאָס. און דער שאָס פאַלט: אין מיטן ציען די ווערטער, גיט דער פּריסטאַוו דריבנע און גיך אַ פרעג:

— וואָס־זשע האָסטו געטאָן ביים בוים אין פעלד?... עטלעכע טעג נאָך דער אָבלאַווע... ווּ ע מ ע ן האָסטו דאָרטן געזוכט?

פּאַנדרע ציט אַ ווײַלע צונױפֿמען די ברעמען, ווי אַ מענטש וואָס וויל זיך גוט דערמאָנען, דערנאָך גיט ער שוואַך אַ שמייכל:

— אַה, ביים בוים אין גאָרטן, לעבן די אַרשער ברעמלעך? אַן אַכט טאָג שפּעטער... נאָך דער אַבלאַווע?

— אָט־אָט־אָט, — כאַפּט אונטער דער פּריסטאַוו מיט כלומרשטער שמחה — ווי פּינקטלעך דו געדענקסט אַלץ. זאַמעטשאַטעלנאַ!

— איך געדענק אַלץ, — ענטפערט פּאַנדרע תמעוואַטע — ווייל עס איז געווען אַ וואָך צייט נאָכן טויט פון מיין ייִנגעלע. די גאַנצע וואָך בין איך דאָך נישט אַרויס פון שטוב. דערנאָך געפירט ציגל צו דער פּריצטע אין „הויפל". מען קען פרעגן...

— כאַפּ נישט, פאַרלויף נישט! — גיט אויף אים דער פּריסטאַוו אַ געשריי און דורכדרינגלעך אַ קוק — מען האָט שוין געפרעגט.

— גיט ער אַ קוועטש אויפן לעצטן וואָרט — איז וועמען, זאַגסטו, האָסטו געזוכט לעבן בוים?

— קיינעם נישט. מען האָט דערציילט, אַז... מען האָט זיך אונטערן בוים געשלאָגן, אין מיטן דער נאַכט...

— ווער האָט דערציילט? דו ווייסט אַלץ אַזוי פּינקטלעך... אין מיטן דער נאַכט... וואָט־וואָט!

— אַלע האָבן דערציילט. עס איז נישט קיין סוד. אין צעך, אין מאַרק האָט מען דערציילט. בין איך געווען טשיקאַווע.

— ווייסט אפשר אויך וועמען מען האָט דאָרטן דערלאַנגט מיט אַן אייזן איבערן פּנים? דו ווייסט דאָך אַלץ אַזוי גענוי.

— אפשר טאַקע אָט דעם גאָספּאָדין זשאַנדאַר! — גיט זיך פּאַנדרע אַ קער צום פּאָליציאַנט און אַלץ מיט אַ תמעוואַטער חוצפּה, וועלכע האָט אים דאָ שוין נישט איין מאָל געראַטעוועט פון פּלאָנטער. דער חשבון זיינער איז געווען אַ פּשוטער: אַז מען גיט אַ טראַג צו דעם לאָמפּ צו־נאָענט צו אָפענע זשעדנע אויגן, דערזעט מען גאָרנישט; מען ווערט נאָר פאַרבלענדט.

— הם... — מאַכט דער פּריסטאַוו — ביסט אַ גוטער סוקין סין. ביסט געווען טשיקאַווע, זאָגסטו? פאַרוואָס־זשע ביסטו גלייך אַנטלאָפן?

— איך בין גאָרנישט אַנטלאָפן... נאָר דער אַנדערער זשאַנדאַר, וואָס איז דאָרטן געשטאַנען, האָט אויף מיר אָנגעשריען, האָב איך געפּאָלגט.

— המ... געפּאָלגט האָסטו. ביסט געלאָפן ווי פון אַ שׂרפה. אָט וואָס. איך ווײ—ס! אַן ערלעכער מענטש האָט נישט וואָס מורא צו האָבן...

— אַז מען זיצט אָפּ, — פאַרבייסט פאַנדרע אַ ליפּ און לאָזט אַראָפּ די אויגן — אַז מען זיצט אָפּ, ווי איך, אַנדערטהאַלבן יאָר אין אָסטראָג פאַר... פאַר גאָרנישט מיט גאָרנישט... איז מען אָנגעלערנט...

— פאַר גאָרנישט מיט גאָרנישט? — שפּרינגט אויף דער פּריסטאַוו און קלאַפּט מיטן קולאַק אין טיש — פאַרגעס אָקערשט נישט, דו אַרעס־טאַנט, קעגן וועמען דו שטייסט דאָ, ווען דו האָסט קנעפּ אָפּגעריסן... אין סיביר וועל איך דיך נאָך פאַרשיקן! אין סיביר! דו־ו!

פאַנדרע האָט אויפגעצעפּטערט פון אַזאַ גויעשקן קוויטש. נאָר באַלד האָט ער דערקענט, אַז דאָס זענען נאָר דערוויילע פּוסטע סטראַשונקעס. דער ערל איז נאָר מוראַדיק אומצופרידן, וואָס ער האָט אים דאָ נישט געקענט כאַפּן אויפן דאָפּראָס, גיסט ער אויס דעם כעס גלאַט אין דער וועלט אַריין.

האָט ער כלומרשט מיט גרויס הכנעה אַראָפּגעלאָזט דעם קיילעכדיקן קאָפּ זיינעם און געשוויגן. דעם ערלס גרימצאָרן האָט נאָך אַ ווײַלע גע־כאָרכלט אין זיין מיט בלוט אָנגעגאָסענעם האַלדז, ביז ער האָט זיך איינגעשטילט.

— דו, — גיט דער פּריסטאַוו, הייזעריק און זייער שטרענג, אַ פרעג — קענסטו האָבן עדות, אַז דו ביסט אין יענער נאַכט פון שטוב נישט אַרויס?

— כקען. אַלע שכנים ווייסן.

— ווּעסטו זיי ברענגען אַהער מאָרגן. אין דער זעלבער צייט. הערסט?

— גוט, — גיט זיך פאַנדרע קוים אַ בויג־איין און רוקט זיך צום טיר.

מיט זשעדנע אויגן באַגלייט אים אַרויס דער זשאַנדאַר מיט דער צעמזיקטער באַק. אַזוי אַוודאי קוקט־נאָך אַ בייזער פישער אַ פעטן שלייען, וואָס גליטשט זיך אים אַרויס פון נעץ.

אויס נעבעכקע!...

1.

אַ דערנידעריקטער און אַ צעשרויפּטער איז פֿאַנדרע אַרויס פֿון סטאַן אויפֿן פּוסטן מאַרק. דער חשון־ווינטל האָט אים קילבלעך גענומען ווישן דעם שווייס פֿון פּנים און נישט געקענט אָפּווישן. די הויט האָט אויף אים געזאָדן, און די רויע לופֿט האָט נישט אָפּגעפֿרישט זיינע ברייטע לונגען. דער באַזונדער ריח פֿון סטאַן, וואָס גיט זיך אָפּ מיט אַניטשעס פֿון אַרעסטאַנטן און מיט פֿאַרלעגענע קאַזיאָנע פּאַפּירן, איז אים נאָך געשטאַנען אין די נישט־אויסגערוטע ביינער. די שפּאַנונג זיינע אין דער שקלאָווער פּאָליציי, צווישן די גויעשקע רשעים, האָט זיך דאָ אויפֿן פֿרייען מאַרק אָפּגעלאָזן. אַראָפּ די מאַסקע פֿון גלייכגילטיקייט און נעבעכדיקייט... דערפֿאַר אָבער האָט ער זיך פֿלוצלונג דערפֿילט אָפּגעמאַטערט, ווי נאָך אַ גאַנצן טאָג אויסלאָדן לייוועס ביים ברעג דניעפּער. אים האָט זיך נאָך אַלץ געדוכט, אַז קלעפּיקע טאַפּ־הערנער פֿון גיפֿטיקע שרצים דערקלייבן זיך צו אים, קריכן דורכן העמד, פֿאָרשן אויס פֿון וועלכער זייט צו בייסן...

אַ זויערע נישט־גוטקייט האָט אים אויפֿגעשלאָגן צום האַלדז, ווי נאָך אַ נישט־פֿרישן עסן. פֿע!... ער, נח, טויג נישט פֿאַר אַזאַ שפּיל מיט קונציקע באַהעלטערלעך, מיט דריידלעך און שפּילקעלעך, מיט אויספֿרעגענישן און מיט אונטערשטעלן פּיסלעך. ער טויג בעסער פֿאַר אַ שטאַרקן שונא מיט אַן אָפֿענעם פּנים. מעג עס אַפֿילו זיין אַ רוצחישן פּנים, ווי ביי טשורילאָ קאַטאָרזשניק אין אָסטראָג... ברוסט קעגן ברוסט און פֿויסט קעגן פֿויסט און פֿאַרקריצטע ציין קעגן ציין. אַן אָקס אַ צעווילדעוועטן באַצווינגען... און דאָ אין גויעשקן סטאַן — טפֿו זאָל דאָס ווערן!

אַ פּעטע ביטערקייט האָט אים אַנגעשוימט אין מויל, ווי פֿון זייף. ער האָט האַסטיק אויסגעשפּיגן, געגאַנגען און געשפּיגן. אין האַלדז איז אים אָבער דערפֿון געוואָרן נאָך טריקענער און אויפֿן האַרצן שפּלדיקער.

ער האָט זיך געשעמט מיט זיך אַליין... דער געשטופּלטער פּיסאַרעל מיטן פאַרקלעפּטן כאָכעלטשיק האָט אים עפּעס אַ כישוף אָנגעטאָן. מיט זיין חוצפּהדיקן קוקעלע און מיט זיין נאָכגיביקן סקריפּען מיט דער פּענעלע — געצוווּנגען אים, פּאַנדרען, אָפּצוגעבן כבוד זיין דם־שונא — דעם פּריסטאַוו.

— וואַשע בלאַהאָראָדיע! וואַשע בלאַהאָראָדיע!... אַזוי האָט זיך פּאַנדרע אַליין איבערגעקרימט — אַ מנוול ביסטו, פּאַנדרע גנב! אַזאַ יאָר אויף דיר וואָס פאַר אַ העלד דו ביסט!... „וואַשע בלאַהאָראָדיע", „וואַשע בלאַהאָראָדיע!" צי מען דאַרף, צי מען דאַרף נישט. נאָך יעדן וואָרט — „וואַשע בלאַהאָראָדיע". און וועמען? אַזאַ המן, אַזאַ פּיאַניצע אַ גוי, וואָס האָט דיך אומגליקלעך געמאַכט, געקוילעט אָן אַ מעסער, חרוב געמאַכט דאָס גאַנצע שטוב... און וואָס אויסגעפירט? אַרויסגע־דרייט זיך אויף אַ ווײַלע פון פּאַניעס הענט. אויף ווי לאַנג נאָך?... האַ־האַ! זיי ווייסן ווער ס'האָט דעם זשאַנדאַר מכבד געווען. זיי וועלן דיך שוין דערטאַפּן!...

— אפשר גאַר אַנטלויפן? — איז ווי אַ מייזל אַרויסגעשפּרונגען אַ צעשראָקענע מחשבהלע. — נאָך אַ מאָל אַ משפּט? נאָך אַ מאָל אָסטראָג?...

ער האָט געטיאָפּעט אין דער אָסיענדיקער בלאָטע פון מאַרק, און מיט האָס און בענקשאַפט אומגעקוקט זיך אויף דעם גרינעם קאָפּ פון טורעם אויפן געמויערטן סטאָן, אויף די נידעריקע קרעמעלעך פון אָפּגעשטאָר־בענעם מאַרק, און האָט פאַרקריצט די שטאַרקע ציין:

— אַנטלויפן ווי אַ טרוס? ווי אַ צעטראָטענער וואָרעם? אַ פאַר־שפּיגענער?

דער פרייער, מוטיקער יונג ווי ער איז געווען אַמאָל, פאַר דער חתונה, האָט זיך אין אים אַ ריר געטאָן. ס'איז ביי אים געוועזן אַ נאַטיר־לעכער צוריקשלאָג נאָך זיין דערנידערונג אַ גאַנצן פרימאָרגן:

— וואָס מאַכסטו זיך געפּגרט, פּאַנדרע גנב! וואָס שפּילסטו דעם נעבעכקע?... אַ זשאַנדאַר האָסטו געשלאָגן אין דער פינצטער ביי די אַרשער ברעמלעך? געשלאָגן! אַ חזירשן באַקנביין האָסטו צעבראָכן? צעבראָכן! אַ־אַה, דאָס קענסטו? טאַ האָב מוט צו נעמען אויף זיך דאָס וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן. עס דיך נישט לעבעדיקערהייט! קריך נישט ווי אַ מיאוסקייט דורך שפּאַלטן! קוויטשע נישט!...

— אַך, ווען נישט מערע! — האָט ער אָפּגעזיפצט, און דאָס האַרץ האָט אים פאַרקוועטשט דערמאָנענדיק זיך, ווי זי זיצט אַצינד „שבעה"

איינינקע אַליין אין דער פּוסטער שטוב, אָן טאַטע, אָן מאַמע, אָן אַ קינד, אָן פּרנסה... די גאַנצע לאַסט פון אַ חרוב־געוואָרענער משפּחה האָט אים אַ דריק געטאָן, אַ בויג געגעבן די נאַר וואָס אויסגעגלייכטע פּאַטילניצע — האָסט חתונה געהאַט, פּאַנדרע גנב! געפּטרט אַ מויד אַ קראַסאַוויצע. אומגליקלעך געמאַכט סענדערס שטוב? טאַ טראָג־זשע, ברודער, דעם זאַק מיט דער קאַטאָרזשנער משא!... רעד נישט!

ווי אַ געשוויר צום פּלאַצן איז אין אים אָנגעוואַקסן דער כעס אויף זיך אַליין און די ביטערע רחמנות אויף מערען זיין ווייב. וואָס זאָל ער דאָ טאָן? צו וועמען זיך ווענדן? אויף „אַבּרעמעלע די־געקוילעטע־קאַץ" פאַרלאָזן זיך? אויף זיינע עצות?... וואָלט ער כאָטש אַצינד אָנגעטראָפן מאַדיען, „מאַדיע מיטן אמת", האַצע דעם הינקענדיקנס פּאַרטרעטער. זיי האָבן אים פאַרשלעפּט אויף דער סכאָדקע, טאַ זאָלן זיי כאָטש העלפן אַרויסקאַראַבקען זיך. נו, יאָ, אויף אַריינשלעפן אין זאַק זענען דאָ אַ סך גוטע־ברידער. אויף אַרויסשלעפּן — קיינער נישט. דאָס בעסטע וואָלט גאָר אַצינד געווען... אַ טרונק בראָנפן! אַ גוטן טרונק בראָנפן אויפן ניכטערן האַרצן. אפשר צולויפן אין „צעך" צו דער סטאָיקע? אָטכאַיען זיך... נישקשה! מ'עט אים נאָך דאָרטן געבן אויף באָרג.

און ווי ער טראַכט אַזוי און טאַפּעט אין קויט, איז ווי אָן אָנגע־טראָטענע קאַץ, פון הינטער אַ ווינקל, אַרויסגעשפּרונגען אַ יידענע מיט אַ קוויטש און מיט אַ זידנדיקן מענה־לשון:

— אָט גייט ער דער אָסטראָזשניק, דער רוצח פון מיין מאַן!... זעט מענטשן! ער גייט! גאַרגישט, ער גייט זיך!...

פּאַנדרע האָט אויפגעשוידערט, ווי פון אַ עמער קאַלטע וואַסער איבערן צעהיצטן קאָפּ. ער קוקט זיך אום — ערשט ער שטייט לעבן ניסן דעם דיעכטיאַרניקס קראָם. און די יידענע, וואָס איז אים באַפאַלן, דאָס איז פּעשע — קושקע־בראַנדס אַלמנה. איר פּנים איז רויט, די ליפּן בלוי, די אויגן בלאָנדזשען, און אַ שוים שטייט איר אין די מויל־ווינקלען. אַן אַנדערש מאָל וואָלט זיך דער גאַנצער מאַרק צוזאַמענגעלאָפן אויף אַזאַ קוויטש, מיט אַזאַ געשריי. נאָר אַצינד, מגפה־צייט, זענען די געמיטער פאַרטשמעליעט, די נייגעריקייט דרימלט. נאָר ניסן דער בעל־תשובהלע אַליין שטייט ביי אַ פּעסל מיט פּעך אָן אונטערגעאַרטלטער, אַ וואַכער, אַ נייגעריקער, און רייבט זיך די פאַרדיגאַכצטע הענטעלעך מיט גרויס כוונה. ס'הייסט: „זי איז דאָך גערעכט ווי דער טאָג, פּעשע די אַלמנה... ווי איך בין אַ ייד!"

האָט זיך דערפאַר פאַנדרען גלייך אויסגעדוכט, אַז ניסן־דיעכטיאַרניק איז דאָס דער אַנרייצער, דער מחבל, וואָס האָט, פון זיין שוואַרצער פעסל, אַרויסגעלאָזט אויף אים אַזאַ אַנשיקעניש און אַריינגעגעבן איר פעך און שוועבל אין מויל —:

— אָט איז ער, דער אומגליק מיינער! איינגעוואָרפן די וואַנט אויף מיין מאַן און אַליין איז דאָס געזונט ווי אַ יון. די כאָליערע אין שפּיטאָל האָט אים אויך נישט גענומען...

נח האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון זיין פּלוצלעכן שרעק. אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער זיך מסתמא אָפּגעקערט אָן אַ זייט און וואָלט דער יידענע פאַרשוויגן. דאָס מאָל נישט. דער כעס וואָס האָט איז אים געזאָדן, מיט אַ מינוט צוריק, אויף זיך אַליין, האָט זיך אַ גאָס געטאָן אויף פעשעס קאָפּ:

— יענטע איינע, איר ווייסט וואָס איר רעדט?... וואָס האָט איר זיך אויף מיר אַלע אַנגעזעצט, צו אַל־די קאַדיק!

און באַלד אַ קער געטאָן זיך מיט פאַרביסענע ציין צום בעל־תשובהלע, צו ר׳ ניסן דעם דיעכטיאַרניק:

— און איר רייבט זיך די פאַדריפּעטע הענטעלעך? אַנגערייצט אַ יידענע און קוועלט? אַליין איז דאָס טריף ווי חזיר און רק דאָס זוכט הטאים אויפן צווייטן...

אין נחס אויגן האָט ר׳ ניסן דערזען, אַז אַצינד איז אַ גרויסע סכנה צו שפּילן דעם בעל־תשובה, וואָס האַלט אין איין שאָקלען מיטן קעפּעלע אויף פרעמדע זינד. האָט ער געגעבן אַ שפּרונג ווי אַ שוואַרצער קאָטער, און באַהאַלטן זיך אין דער טיף פון זיין שוואַרצער קרעמעלע. צעשמאָלצן זיך דאָרטן ווי אַ לעבעדיקער שטיק פעך צווישן די פעסלעך מיט דיעגאַכץ. נאָר פעשע, קושקעס אַלמנה, האָט נאָך אַלץ אַרויסגעשריען פון זיך דאָס, וואָס ניסן דער בעל־תשובה האָט אין איר אָקערשט אַריינגערעדט:

— מענטשן! הערט! ער סטראַשעט נאָך, דער אָסטראָזשניק! די שטאָט איז אויף מיט אים און מיט מיקיטאָס שיקסע, און ער שרייט נאָך! דאַכט זיך ווו אַ צרה אין שטאָט דאָרטן איז סענדערס איידימל, דער תכשיט...

פאַנדרען האָט גלייך אָפּגענומען לשון. ער האָט עפּעס אַ בורטשע געטאָן און מיט האַסטיקע טריט גענומען שפּרייזן צום באַלעגאָלישן צעך. די זינד זיינע מיט קאַטערינושקאַן טרעפט אים שוין, ווי מיט אַ מעטער אין האַרצן, צום דריטן מאָל. איינמאָל צווישן די יאַטקעס, דאָס צווייטע

מאָל ביים גאַניק פון שפּיטאָל, אַציינד דאָ, אין מיטן מאַרק, בפרהסיה... מען קען זיך פון דעם מער נישט באַהאַלטן און נישטאָ ווו צו באַהאַלטן זיך. ער האָט זיך דאָך שוין מודה געווען פאַר מערען זיין ווייב, די ערשטע נאַכט נאָכן אָפּטאָן אַזאַ מעשה. מודה געווען זיך, און עס העלפט נישט...

2.

דאָפּלט געפאַלן ביי זיך האָט פאַנדרע אריינגעשפּרייזט אין צעך. דאָרטן איז געווען שיטערלעך. אַ פּאָר פון די עלטערע באַלעגאַלעס האָבן זיך אַוועקגעפּאַקט. שליאָמע דעם „פּאַרעווען", דעם עלטסטן אין באַלעגאַלישן צעך, נאָך ר' סענדער פּאַרדאָן עליו־השלום, האָט מען אַפילו אָפּגעראַטעוועט פון דער קלעפּיקער חולאת, נאָר ער איז נאָך געווען צו שוואַך, געלעגן אין דער היים. זיין אָרט דאָ האָט פאַרטראָטן ליפּע — זיין עלטערער זון.

פאַנדרע האָט זיך געשעמט צוצולויפן גלייך צו דער סטאָיקע. נישט געווען דאָ אַזוי לאַנג און פּלוצלונג צוכאַפּן זיך צום „שקאַליק"? פע!... האָט ער עפּעס געגומען באַלעבעטשען מיט ליפען דעם „פּאַרעווענס" פונעם פערד, וואָס מ'האָט אים געווען געגעבן אויף אויסצאָלן און וועלכן מ'האָט צוגענומען צוריק, ווען ער, נח, האָט געאַרבעט אין שפּיטאָל...

נאָר אַ געניטן באַלעגאָלע דאַרף מען קיין סך נישט צעקייען. ליפּע דעם פּאַרעווענס האָט גלייך דערזען, אַז נחס אויגן ברענען און זיין פּנים איז פינצטער ווי די ערד. ער רעדט דאַכט זיך פון פרנסה און אליין קוקט ער גאָר שדים ווייסן וווהין. האָט ער אים גלייך אליין אַרויסגעפירט אויף אַ דרך.

— עס זיך נישט דעם לעבער, — מאַכט ליפּע — דיין פערד, מאָל דיר אויס, איז גאַנץ. נאָר דו ביסט מיר עפּעס נישט אינגאַנצן, ביסטו... סוסים, ברוך־השם, זענען דאָ אַציינד מער ווי באַלעגאָלעס. דו זעסט דאָך. ביי מיר אין שטאָל שטייט דיין שוואַרצער פערדל און וואַרט אויף דיר. איז קום בעסער און לאָמיר אים טאַקע „באַנעצן", א? דיין דאָקטאָר הישיז זאָגט אַפילו, אַז משקה טאָר מען אין אַזאַ צייט אין מויל נישט נעמען, נאָר מיט פעפער מעג מען יאָ. לכל הדעות...

ביי דער טיפער גלעזל משקה מיט פעפער האָט זיך ביי ליפּע דעם פאַרעווענס צעשרויפט די צונג, און ער האָט פאַנדרען דערציילט אַלץ

וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. יאָ, פריילעכע זאַכן האָט ער אים דערציילט. זיי באַהאַלטן אַפילו אויס, די שונאי־ישראל, נאָר צעך ווייסט. אַלע בייעסן קומען אַהער אַן מיט צעזאַמענגעפּאָרענע באַלעגאָלעס. המ... לחיים! וואָס האָט ער געוואָלט זאָגן? יאָ, זינט מיט די חולאתן אין שטאָט איז געוואָרן אַ ביסל רואיקער — זענען די גויאים געוואָרן אומרואיקער. די חוצפּה פון די שטאָטישע ערלים איז נישט אויסצוהאַלטן. אַפילו די דאָרפישע יורקעס האָבן פאַרריסן די נעז. אַז מען זאָגט זיי אַ מקח אויף אַ הערינג לאַכן זיי אין די פּאַקליע־בערד: „צוליב וואָס אַברעמע־לעכע, אָדער איסעריכע, רייסטו אַזאַ הויט? זע קאָרשט אַז דיין אייגענע הויט זאָל בלייבן גאַנץ!...״ נו, ווען זיי עפּעס די הערינג־הענדלערקעס פאַרשווייגן? שטופּן זיי דעם שנוק פון נאַסן הערינג אין גויעשקען פּרצוף־פּנים אַריין און זידלען זיך: „כאַריאַ, כאַריאַ! (מאָרדע, מאָרדע!) גיי צו דיינע חזירים אין דאָרף עסן הערינג!..״ ס׳איז אַן אַלטע חזקה פון די הערינג־ווייבער צו טאָן אַזוי אַן אייגעשפּאַרטן גוי. איז אַמאָל פלעגט אַ גוי אַ יורקע אָפּלעקן, נאָך אַזאַ קבלת־פּנים, דעם הערינג־ראָסל פון באָרד, פאַרבייסן מיט ברויט און מאַכן אַ שווייג. היינט אָבער שלאָגן זיי זיך גאָר. ס׳געהערט? אָט דאָ אַנומלט זונטיק האָט אַן אויסגעדינטער יון פון דאָרף אויסגעקערט, פאַר אַזאַ מעשה, אַ פולע פעסל מיט הערינג אין מיטן מאַרק. שיינע־שרה דער עגונהס פעסל. אַ ביטערע האַרץ אַ יידענע! און ווייסטו ווער? מיקיטאַס איידימל פון מאַקאַראַווקי האָט דאָס אָפּגעטאָן...

— לחיים! — גיט פּאַנדרע גיך אַ קער אַריין זיין שקאַליק, אַ וויש דעם שטערן און גיט אַ ווונק, מ׳זאָל אים נאָך אַמאָל אָנגיסן.

— ס׳פאַרשטייט זיך, — דערציילט ווייטער ליפּע דעם פּאַרעוועגס — אַז אַ גוי פון דאָרף טוט אָפּ אַזאַ מעשה ווערט דאָך אַ רעדל און מ׳נעמט דעם ערל געבן טרוקענע. מ׳עט אים דען שווייגן, וואָס? איז אחת למעלה ושבע למטה, ווי דער כהן־גדול אין בית־המקדש, להבדיל. איין הארטן זעץ אין מאָרדע און זיבן ווייכע — אין די בעבעכעס. מ׳גיט מיט פּאַרשטאַנד. דעם ערל זאָל זיך אַפילו נאָך אַמאָל יאָ פאַרגלוסטן איבערצוקערן יידישע פעסלאָך אין מאַרק, זאָל ער דאָס שוין מער קיינמאָל נישט קענען... נאָר צו אַזאַ גרונטאָוונער מלאכה דערגייט דאָס נישט. דער „אדון״ מיטן קנעפּל שפּרינגט אַרויס און נאָך אים דער זשאַנדאַר פון מאַהליוו, מיט דער צעמזיקטער באַק. ער קוקט גאָרנישט וואָס אַ גוי פון דאָרף האָט אָנגעטאָן אַזאַ היזק אַן אָרימער יידענע.

ער הויבט אָן, דער קנעפּל, גלייך צו קאָמאַנדעווען און צו זידלען. פון פייער און פון וואַסער רעדט ער אויס, נאָר נישט פון די צעשאָטענע הערינג און פונעם אויסגעגאָסענעם ראָסל. ער דערמאָנט גאָר חאַצע דעם הינקענדיקנס עוולות... הלמאי יידישע קינדער שטעלן זיך קעגן פּראַוויטעלסטווע, מאַכן סכאָדקעס און האָבן אַ העזה צו אַנטלויפן ווען מען קומט זיי אַרעסטירן. זיי שלאָגן אפילו פּאָליציע... אַט קוקט, פּראַוואָסלאַוונע מענטשן, מאַכט ער, וואָס מ'האָט אָפּגעטאָן דעם קייזערס אַ טרייען דינער! דעם גאַנצן „ציפערבלאַט" האָט מען אים, הייסט דאָס, קאַליע געמאַכט...

— לחיים! — מאַכט פּאַנדרע קורץ און האַסטיק, קערט אַריין און גיט אַ ווונק מ'זאָל אָנגיסן.

— מילא, לחיים איז לחיים, — הויבט ליפּע דעם פּאַרעוועס מיט די פּלייצעס — האָסט זיך דאָך אַלע מאָל איינגעשטעלט פאַר שטאָט און אַצינד — פון איין אויער גייט דיר אריין, פון צווייטן אַרויס. קענסט זאָגן וואָס דו ווילסט, אָבער קיין גוטע סימנים זעבען דאָס נישט. אַז אַ פּריסטאַוו אַליין בעט די אָנגעלאָפענע גויאים מ'זאָל זיך פאַנאַנדערגיין, מיט גוטן בעט ער זיי... און אויף יידן שרייט ער... פאַרשטייסטו מיט וואָס דאָס שמעקט?

— איך פאַרשטיי! — ענטפערט פּאַנדרע קורץ און קערט איבער דעם דריטן שקאַליק.

ליפּע דעם פּאַרעוועס אויגן ווערן אומרואיק: וואָס טוט זיך דאָ היינט מיט פּאַנדרען? אים אַרט גאָרנישט פאַר שטאָט? אָפּגעטרייסלט זיך פון אלץ און פון אַלעמען? ער, ליפּע, נעמט זיך דעם לעבער, וויל מ'זאָל עפּעס טאָן, מ'זאָל זיין גרייט. מאַלע וואָס עס מאַכט זיך... און פּאַנדרע גיסט אַריין און — גאָרנישט. טו וואָרטזשע אקאָרשט! אַזוי טראַכט זיך ליפּע, ס'זאָל דיר אויך ווערן קאַלעמוטנע.

— נו, — מאַכט ליפּע אַ פאַרסודעטן פּנים און קוקט זיך ארום — קום אהער אַ ווײלעטשקע, אַט אַהער. דו הערסט? כ'וואָלט דער געגעבן אַן עצה, וואָלט איך דיר... דו זאָלסט זיין אָסטאָראָזשנע, דו זאָלסט היטן דיין מערען, זאָלסטו...

— עט, — מאַכט פּאַנדרע און די אויגן ווערן ביי אים שאַרף, די אויערן שפּיציק, נאָר ער פאַרבאָרגט דאָס און מאַכט זיך, כלומרשט, גלייכגילטיק — זי איז שוין אין שטוב, מערע. אין שפּיטאָל גייט זי נישט מער. איר מאַמע, סענדעריכע, ווייסט דאָך מסתמא —

— ניין, נישט דאָס! — ציט אים ליפּע פֿאַרן אַרבל — דו הערסט דאָך! הייַנטיקן זונטיק, נאָך די קלעפּ וואָס מיקיטאַס איידימל האָט געקראָגן אויפֿן מאַרק פֿאַר די הערינג, האָט ער זיך גוט אָנגעשניאָקעט, ער און קאַטערינקאַ זיין יונג־ווייבל — מיקיטאַס טאָכטער, און פּאַדאַוואַי שרייען־געוואַלדעווען איבער גאַנצינקן מאַרק... ווייסט וואָס? קודם־כּל האָט דער טייערער יונגערמאַנטשיק גענומען שלאָגן זיין באַשערטע. נאַ דיר, מאַכט ער, פֿאַר דיין הולטאַיעווען מיט זשידעס פֿאַר דער התונה! דערנאָך האָט ער אויף איר צעריסן די נייע קאַצעווייקע אירע און געמאַכט אַ געשריי, אַז ער וועט צעשפּאַלטן דעם קאָפּ מיט האַק... „נאַי דעם אָסטראָזשניק". אַפּנים דיך געמיינט... און זי, די באַשערטע זיינע, מיקיטאַס טאָכטער, האָט אויף זיך געריסן די צעפּ פֿאַר כּעס און געקוויטשעט — נישט אַנדערש זי מוז קוילעבען דיין ווייב... אַ יאָ, עי, פּאַנדריכו האַרלאָ פּערערעזשו!... (און איך וועל איר, דער פּאַנ־דריכע, דעם האַלדז איבערשניידן!...) ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן! וואָס ביי אַ ניכטערן אויף דער לונג איז ביי אַ שיכורן אויף דער צונג.

אַ בלינדער צאָרן קאָכט פּלוצלונג אויף ביי פּאַנדרען די עטלעכע אויסגעטרונקענע שקאַליקעס געפּעפּערטן זעכציקער, אויפֿן ניכטערן האַרצן, גיבן אים אַ זעץ אין קאָפּ ווי אַ פּלאָם פֿייער. אַלע דערניד־ערונגען זיינע פֿאַרן הייַנטיקן פֿאַר־וואָרמעס, זינט ליקסיי דער דעסיאַטניק האָט אים אָנגעקלאַפּט אין טיר, רייסן אין אים אויף ווי פּולווער. דער יאָך פֿון משפּחה, די אַחריות פֿאַר מערען, דער שרעק פֿאַר אַ נייעם אַרעסט — אַלץ צעשפּרינגט אין שטויב. ער דערלאַנגט פּלוצלונג אַ טראַסק מיטן האַרטן קולאַק אין דער דעמבענער סטאָיקע, אַז אַלע פּלעשער גיבן אַ טאַנץ אויף און די ליידיקע גלעזלעך פּאַלן אנידער.

— וואַ־אָס! — ברומט ער אויף ווי פֿון אַ פּוסטער פֿאַס אַרויס — איר דאָ אויך?... מיט מאַקאַראָוקי וועט איר מיך שטעכן? אייער עסק? ווי די ווערים וועל איך אייך צעקוועטשן! אייך מיט די „כאַמעס" צוזאַמען...

באַלעגאַלעס פֿון אַלע ווינקעלעך אין צעך האָבן זיך געלאָזן לויפֿן צו דער סטאָיקע, מיט די בייטשעלעך אין די הענט. און ליפּע דעם „פּאַרעוועס" האָט שוין אַליין דערזען, אַז ער האָט אַ ביסעלע איבערגע־כאַפּט די מאָס מיט וועלן אָנשרעקן פּאַנדרען. האָט ער גענומען אים באַרואיקן, שושקען אים:

— שאַ־שאַ! קאָך זיך נישט אזוי! מאַלע וואָס מיר רעדן דאָ צווישן זיך.

נאָר פאַנדרעס וועזן האָט זיך שוין צעטיילט. איין פאַנדרעע א שטילער, אַ געדולדיקער, אַ באַזאָרגטער פאַר מערען און פאַר זיך אַליין. דער צווייטער — אַ בויאַן, אַ נישט־געצוימטע בלוט־און־פלייש, אַ כוח וואָס מוז זיך אויסשטורמען. ס'איז אים שוין נישט איין מאָל געשען צו צעדאָפּלען זיך אַזוי. און דעם לעצטן מאָל — בשעת אַוועקלייגן דעם ווילד־געוואָרענעם בוהאַי אין מאַקאַראָווקי... אויך דאָ אצינד זעט צו דער רואיקער, ניכטערער פאַנדרע, ווי דער צווייטער קאָכט זיך און ווילדעוועט און קען גאָרנישט העלפן:

— „שאַקע" מיר נישט, ליפּע פּאַרעווער, און שושקע מיר נישט! קענסט רעדן הויך! איך האָב דיך אין דער אדמה מיט דיינע סודות! איך זע טאַקע אַז חאצע דער הינקענדיקער איז געווען גערעכט... איך ווייס אַז איר אַלע רייבט זיך די הענטלעך וואָס מען האָט חאַצען אַוועקגעשיקט מיטן עטאַפּ... רואיק געוואָרן אין שטאָט, אַ? נישטאָ ווער עס זאָל בונטעווען די באַלמעכאַלעס, די שמייסערס... די פּאַדמיאָטקע האַצעס זענט איר נישט ווערט! ער האָט מיר אלע מאָל געזאָגט: אויף וועמען לייגסטו אוועק דעם לעבן? אויף דעם בייעם נגידס בהמות? אויף רכילות מיט חברה־בייטש? טפו!

ליפּע דעם פּאַרעוועס האָט צעפּירט מיטביידע הענט און די באַלעגאַלעס האָבן אָנגעבויגן די קודלאַטע קעפּ, אָנגעשטעלט די האָריקע אויערן, ווי אַרום אַ בעל־דרשער אין בית־מדרש אַרומגעשטעלט זיך. דאָס האָט פאַנדרען נאָך מער צערייצט:

— נו, וואָס? — גיט ער צו אַ וואָרף ארויף מיטן קאָפּ — איר דאַרפט מיך שוין ווייטער האָבן? אין שטאָט איז נישט רואיק. אַ? די גויאים טשעכען זיך, ווילט איר מיך שוין אַריינשלעפּן אין אַ בייער צרה. אַליין האָט איר מורא!... אלע, אלע שלעפּט איר מיך אַריין, דערנאָך לאָזט איר מיך אליין. אָט גייט, הערט! די קושקיכע אייערע האָט נאָך צו מיר מיט טענות. איך בין, הייסט דאָס, שולדיק אין קושקעס טויט. איך! אַ פריער שפּאַנט מען מיך איין ווי אַ פערד, אין אַ חורבה־וואָגנט: שלעפּ, שלעפּ, נח! און אַז עס טרעפט אַן אומגליק לאָזט מען מיך אַליין. דעם מויל האָט איר נישט געקענט איר פאַרשטאָפּן? נישט געקע־נט?

ער האָט שווער אָפּגעאָטעמט און אַ וויש־געטאָן זיך דעם הייסן שטערן מיט דער האַרטער לאַפּע. וואָס האָט ער נאָך עפּעס געוואָלט

זאָגן? אַ וואָגיקן וואָרט געוואָלט זאָגן און פֿאַרגעסן... ווי קומט אַהער פּלוצלונג האַצי דער הינקערדיקער, קושקעס אלמגה?... נישט דאָס, נישט דאָס!... ער האָט אליין נישט געוווסט, אַז דאָס ר׳עדט פֿון אים אַרויס די אָנגעזאַמלטע ביטערניש, זינט ער איז צוריקגעקומען פֿון אָסטראָג. דער פֿאַרבאָרגענער ווייטיק נאָך שמחהלעס און סענדעריכבעס טויט, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגן פֿון שפּיטאָל. נאָר קיין סך ווערטער האָט ער נישט געהאַט. האָט ער אָפּגעלאָזן די מיט בראָנפֿן־באַנעצטע צונג, ווי אַ לאָשעק. אָפּגעלאָזן זי, זאָל זי פֿאַבריקעווען! טרייסט האָט ער געזוכט צווישן ברידער־באַלעגאָלעס און זידלט זיי גאָר. אָט שטייען זיי אַלע, ווי די אָפּגעשמיסענע און לייגן איבער די בייטש־שטעקלעך פֿון איין האַנט אין דער צווייטער האַנט. ס׳איז אויף זיי אויך אַ רחמנות. נאָר איינהאַלטן זיך קען ער נישט מער:

— אַז איך, איך האָב איינגעוואָרפֿן די וואַנט אויף קושקען — דאָס ווייסט איר. אָבער אַז קושקע איז צוויי מאָל באַפֿאַלן מיין ווייב, ווייסט איר נישט! אַז מיך אַליין האָט ער געוואָלט שעכטן, דאָס ווייסט איר אויך נישט! אַז איך האָב אַ טשעפּע געטאָן אַ שיקסע, דאָס ווייסט איר, און אַז איך האָב זי געראַטעוועט פֿון אַ בוהאַי — דאָס ווייסט איר נישט... אָט, גייט זעט, אַפֿילו גיסעלע דער בעל־תשובה שאָקלט נאָך מיר מיט זיין פֿאַרדיעגעכצטן קעפּעלע... אור־או! איר זענט נישט בעסער פֿאַר אים...

די עלטערע באַלעגאָלעס האָבן זיך איבערגעקוקט און גענומען אָפּטרעטן פֿון אים. זיי האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פֿאַנדרע דער קצב־יונג פֿון פֿאַר דער חתונה, וואָס האָט געהולטאַיעוועט מיט דער אַלטער פּריצטע און געמאַכט סקאַנדאַלן אַלע יום־טוב אונטער אלעמענס פֿענצ־טער — האָט אָפּגעלעבט. סענדערס שטוב האָט אים נאָר אויף אַ צייט פֿאַרשטעלט, מערעס פֿאַרטוך האָט אים גאָר פֿאַרשלייערט...

פֿאַנדרעס האַלב־שיכורע אויגן האָבן דאָס אַרויסגעלייענט פֿון זייערע אויסגעצויגענע פּנימער, האָט ער זיך אויף זיי אַ לאָז געטאָן מיט די קולאַקעס. זיי טרעטן אָפּ און ער פֿאַרפֿאָלגט זיי:

— אויס נעבעכקע, אַ? געמיינט איר ווערט מיך אַלע מאָל האַלטן אין כאָמעט און אָנטרייבן מיט אַ לייצע, אַ? איר און גאַנץ שטאָט... איך בין דאָך אַן אָסטראָזשניק!... אור־או פֿאַדלעס! איך אליין, מיינט איר, בין געזעסן אויף ברויט מיט וואַסער אין מאַהליוווער קאַרצער? איר אַלע זיצט דאָך דאָ אַזוי ביז צום היינטיקן טאָג!... אַלע זענט איר

אַרעסטאַנטן ביי אייער פּריסטאַוול, ביי יעטוועדער דיעסאטניקל, ביי יעדן פאַרדריפּעטן קנעפּל. רק איר טרייסלט זיך איבער אייער פּרנסהלע, איבער אייער „המוציאלע״. רק איר שושקעט זיך און שושקעט זיך און שוש —

זיין לעצטער כריפּענדיקער וואָרט איז אים געבליבן שטעקן אין האלדז. הינטער די פּלייצעס פון די אָפּגעטראָטענע באַלעגאָלעס, ביים סאַמע טיר, האָט ער דערזען דעם, וועמען ער זוכט און ווער עס זוכט אים; „מאָדיען־מיטן־אמת״ האָט ער דערזען — חאַצע דעם הינקענדיקנס יורש... יענער איז געשטאַנען פונקט אקעגן אים און צוגעשאָקלט מיטן גרויסן קאָפּ. ווי איינער זאָגט: „דו רעדסט ווי מען באַדאַרף! רעד ווייטער!״ נאָר אין דער אָנגעצויגענער מינע און אין די פינצטערע אויגן האָט פאַנדרע דערקענט אז „מאָדיע־מיטן־אמת״ איז כלל נישט געקומען צו הערן דאָ זיינע שיכורע דרשות.

איז פאַנדרע אַנטשטומט געוואָרן און ניכטערער אָנגעשטעלט זיינע ביידע, מיט בלוט־פאַרלאָפענע קוקערס. שטום אַ פרעג געטאָן: „דאַרפסט מיך?״

מאָדיע האָט צו אים, שטום און געהיימניספול, אַ שאָקל געטאָן מיטן גרויסן קאָפּ.

סודות פון מאָהליוו

.1

ווי נאָך אַ הייסער באָד, אַזוי האָט זיך פֿאַנדרע אַרויסגעכאַפּט פון צעך אויף דער גאַס. די דרויסנדיקע לופט און מאָדיעס פאַרסודעטער פנים האָבן אים אַ ביסל אָפּגעקילט. בלייבט ער אַזוי אַ רגע שטיין אויף דער קלאַטקע אין מאַרק און וווּנדערט זיך: הען אַ מעשה! אין כעס איז ער גאָר געווען אויף זיך אַליין, און אויסגעלאָזן האָט ער דעם כעס צו חברה־בייטש. מיט דער אייגענער מורא פאַר נאַטשאַלסטוואָ האָט ער זיי געזידלט...

און כדי צו באַרואיקן זיין געוויסן, האָט ער עפּעס געגומען באַלע־באָטשען צו „מאָדיען־מיטן־אמת״. געוואָלט דערקלערן אים, פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי געקאָכט און וואָס ער האָט דערמיט געמיינט... אָט מיט דעם וואָס ער האָט געשריען: „אַלע זענט איר אַרעסטאַנטן! ביי יעטוועדער דיעסאַטניקל, ביי יע —״

נאָר מאָדיע האָט אים ווידער אמאָל געגעבן אַ שטומען צייכן, אַז דאָ, אויף דער קלאַטקע, איז נישט קיין אָרט צו רעדן. בפרט נאָך, אַז אין דער אָפענער טיר פון צעך האָט זיך אַרויסגערוקט אַ גאַנצער הויפן מיט קודלאַטע קעפּ פון באַלעגאַלעס: ליפּע דעם „פאַרעוועגס״, הילקע שפּאַק, נחום קוקע און אַנדערע.

פֿאַנדרע האָט שוין געקענט מאָדיעס טבע צו מאַכן פון אַלץ אַ סוד, צי מען דאַרף, צי מען דאַרף נישט. זינט דער „אָבלאַווע״, ביי די אָרשער ברעמלעך, איז מאָדיע געווען אַ שטיק קאָנספּיראַציע, ווי די „ציציליסטן״ זאָגן. און גיין גייט דאָס אום, ווי אַ הון מיט אַן איי, וואָס האָט נישט ווו צו לייגן זיך. אָבער דאָס מאָל האָט זיך נחן געדוכט, אַז ס'איז פּאָרט נישט אומזיסט. איז ער אים נאָכגעגאַנגען, ווי

אַ סטאַטיק אַ ייִנגל נאָכן רבין אין באָד, און אַ ביסעלע פונדערווייטן... מאַדיע פירט און ער — לאָזט זיך פירן.

דער פירער זייִנער איז אַוועק מיט די קלאָטקעס צום דניעפּער צו, פאַרביי דעם גרינעם קלויסטער מיט די פינף ציבעלע־קעפּ, פאַרביי דער פּאָטשט. און דאָרטן ווו די גרויסע סעדער און גערטנער הויבן זיך אָן, די הייזער זענען ווייט און די מענטשן — נאָך ווייטער, האָט זיך מאַדיע פאַרקירעוועט אין אַ געסקע, צווישן צוויי הויכע פּאַרקאַנעס, אַוועק ווי אין אַ טונקלעער לאָך אַריין, ביז ער איז דערגאַנגען צווישן פלעקענער־צוימען פון ביידע זייטן. דאָרטן איז ער שטיין געבליבן, אַרומגעקוקט זיך און געוואַרט ביז פּאַנדרע וועט צוגיין נעענטער.

דער אָרט איז געווען גוט אויסגעקליבן. דורך די שיטערע פלעקענער האָט מען געזען ווייט אַרום און אַרום, צי אייִנער גייט, צי אימיצער הערט־אונטער. אָבער אָט די אַלע הכנות מיט דער גאַנצער פאַרסודעטקייט האָבן פּאַנדרען אָנגעהויבן צו נודיען. מאַכט ער, נישט־וואַרטנדיק מער ביז מאַדיע אליין וועט אָנהויבן:

— יאָ. אברעמעלע האָט מיר טאַקע געזאָגט, אַז דו זוכסט מיך...

נישט ענטפערנדיק צו דער זאַך, הויבט מאַדיע גלייך אָן מיט זייִנע „אמתן”:

— דעם אמת מוז איך דיר זאָגן, נח! אויף דיר האָבן מיר זיך נישט געריכט... זייט מ׳האָט חאַצען אַרעסטירט קוקסטו גאָרנישט אין אונדזער זייט... דערשראָקן זיך?

— איך? — גיט זיך פּאַנדרע פאַרדראָסיק אַ קלאַפּ מיטן קולאַק אין האַרצן, ווי צו „על־חטא” — אַז פון יום־כיפּור אָן האָב איך קיין פרייע רגע נישט, אַז אין באַלניצע האָב איך —

— מ י ר ווייסן! — שלאָגט אים איבער מאַדיע, מיט אַ קוועטש אויפן „מיר”. — האָסטו זיך די גאַנצע צייט געעוסקט מיט כלערליי כניאָקעס, און ווילסט גאָרנישט וויסן וואָס עס טוט זיך ביי אונדז...

כמורעט שוין פּאַנדרע אָן די שוואַרצע ברעמען זייִנע. מאַדיע האָט אפילו גענומען אין פאַכטע דעם גאַנצן אמת, נאָר אַזאַ לשון האָט נח פיינט. ציילט ער אים אויך ווערטער און מיטן זעלבן ניגון:

— איך בין אפילו אַ „וואָלנער פּאָזשאַרניק” אין שקלאָוו, פון זינט איך בין אויפגעוואַקסן... נאָר לעשן צוויי שרפות אויף איין מאָל, אין ביידע עקן שטאָט, קען איך נישט... דו הערסט? נאָך נעכטן איז שמחהלע טורערו געשטאָרבן אויף מייִנע הענט, און די שוויגער —

— מיר ווייסן! גיט מאָדיע קאַלטבלוטיק אַ מאַך מיט דער האַנט — נאָר פון צוויי שריפות קלייבט מען אויס די גרעסערע. אַז דו וואָלסט געוווסט וואָס עס גרייט זיך אין שטאָט, וואָלסטו אַנדערש גערעדט.

— דאָס גאָר? ליפּע דעם „פּאַרעוועגס" האָט מיר שוין געזאָגט.

— וואָס ווייסן זיי דאָרטן אין צעך! אַז דיין ליפּע וואָלט געוווסט ווו עס האַלט, וואָלט ער נישט אַזוי רואיק געשטאַנען לעבן סטאָיקע מיטן בייטש אין גאַרטל... דיר קען איך זאָגן דעם אמת... איז ערשטנס דאַרפסטו וויסן, אַז האצע, א ו נ ד ז ע ר האַצע, איז אַנטלאָפן פון אָסטראָג...

— חאַצע? — הויבט זיך אָן פּאַנדרע צו טומלען — חאַצע דער קירזשנער? ניין, דו לאַכסט!... וווהין אַנטלאָפן? ווי אַזוי אַנטלאָפן? אַזאַ קאַליקע ווי ער איז...

— שש... ער איז שוין מסתמא אַריבער די גרענעץ. ווו? — דאָס ווייס איך נאָך דערווייל אַליין נישט. כ'ווייס נאָר, אַז מ'האָט אים אָפּגעשלאָגן מיט עטלעכע טעג צוריק, בשעת דער קאָנוואָי האָט אים געפירט פון אָסטראָג צום סליעדאָוואַטעל. אונדזערע גוטע־ברידער האָבן גוט געאַרבעט. קיין טראָפּן בלוט נישט פאַרגאָסן. אַפילו די זעלבער פון קאָנוואָי זענען אויך אָפּגעקומען בלויז מיט האַרץ־קלאַפּעניש. מ'האָט זיי, פאַרשטייסטו מיך, צוגעשטעלט די „שפּייערס" צו די קעפּ: „שווייגט! אָדער — דער טויט אייערער דאָ אויפן אָרט!"... האָט מען געשוויגן... און דעם אמת מוז איך דיר זאָגן. אַ סך האָט אונדז דאָ געהאָלפן אַ זשוואַוער אָסט־ראָזשניקל, אַ געוועזענער גנב. ער מיט זיינע „יאטן". ער קען דיך זאָגט ער, זייער גוט...

— נישט שעפּטעלע? — דערשטיקט אין זיך פּאַנדרע אַן אויסגעשריי און בלייבט שטיין אַ געפּלעפּטער. — ער מיט אייך? ווי קומט ער?

— ער האַלט מיט אונדז, ד י י ן שעפּטעלע... אויסער דעם, אַז מען דאַרף ראַטעווען אַ חבר קוקט מען אַ ביסל דורך די פינגער. אַ סך, מיינסטו, חאַצעס זענען פאַראַן?

— אַ פייער, נישט קיין יאט! — וווּנדערט זיך אַלץ פּאַנדרע — אין אַלע לעכער קריכט ער דורך... נאָר יאָ, וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דעם וואָס עס גרייט זיך אין שטאָט?...

— עס האָט יאָ צו טאָן, — פאַרבייסט מאָדיע אַ ליפּ און שאָקלט מיטן גרויסן קירבעס־קאָפּ — אין דער מאָהליווער פּאָליציע איז מען אויסער זיך. אלץ, הייסט דאָס, נעמט זיך פון שקלאָוו. דאָ, הייסט

עס, האָט זיך פּאַרפירט אַ נעסט פון אַל־דאָס־בייז, און פונדאַנען שטאַמט אַפילו אַזאַ חוצפּהדיקער אָנפאַל אויפן קאַנוואַי. און דעם אמת מוז מען זאָגן: קיין גרויסן טעות האָבן זיי נישט...

— המ... — מאַכט פּאַנדרע — איך פאַרשטיי שוין...

— איז פאַרשטייסטו שוין יאָ? — ציילט מאַדיע ווערטער — אַלץ פאַרשטייסטו נאָך נישט. דאַרפסט וויסן, אַז מיטן היגן פּריסטאַוו, וואָס האָט זיך אַזוי געסטאַרעט, איז מען אין מאַהליווער נאַטשאַלסטוואָ נישט צופרידן. פון זיין „אַבלאַווע" האָט זיך דאָך אויסגעלאָזן אַ טייך. אויסער איין הינקענדיקן העכט איז דאָך קיינער נישט געכאַפּט געוואָרן ביי דער האַנט. אויסער האַצען מיין איך...

פּאַנדרע דערקענט אים גאָרנישט, דעם יאָלד מיטן אמת. צום לעצטן מאָל, נאָך סענדערקעס טויט, ווען מאַדיע איז געקומען מנחם־אָבל־זיין, איז דאָס נאָך, דאַכט זיך, געווען אַ תם; אַ שטילער, אַ גוטער, אַ נאַכגיביקער. אָבער זינט ער האָט איבערגענומען חאַצעס אָרט, האָט ער זיך גאָר אומגעביטן. מאַדיע־קאָפּ. ער איז אַריין אין חאַצעס ראָל און מאַכט אים נאָך מיט אַלע פּיטשעווקעס. די זעלבע מינעס, דער זעלבער לשון. קורצע ווערטער. די זעלבע פאַרשטעלטקייט.

— ווי דו ווייסט עס אַלץ! — קוקט אים פּאַנדרע אָן — אַזוי הערט מען דאָך פון דיר קיין פּאַרע נישט...

פון אַזאַ לויב צעשמייכלט זיך מאַדיע מיט זיין קרומען פּארסודעטן שמייכעלע:

— נישט איך אַליין... בענין דעם רעדנער געדענקסטו? אויף דער סכאָדקע האָט ער גערעדט... ווייסט ער נאָך אַ סך מער. איך קום ערשט נעכטן פון מאָהליוו... בקיצור, מ'איז דאָרטן נישט צופרידן מיטן היגן פּריסטאַוו: „די אמתע חברה האָסטו נישט געכאַפּט? טאָ זע מאַך אַ טאָלק אין שטאָט אויף אַן אַנדערן אופן. שקלאָווער יידעלעך זאָלן האָבן צו געדענקען!..." בפרט, איצטער, ווען דעם איינציקן קראַמאָלניק, וואָס מען האָט יאָ געכאַפּט, האָט מען אויך אָפּגעשלאָגן. קאָכט אין זיי די טריפנה יוכע: אַ הינקענדיקער יידל פון שקלאָוו, דאַכט זיך, און איז מער בריה פון זיי... אַנטלאָפן!... סטאַרעט ער זיך, דער היגער פּריסטאַוול, קריכט פון דער הויט. די כאָליערע אין שטאָט האָט אים געווען קאַליע געמאַכט אַלע פּלענער, געמוזט אָפּלייגן דעם פּריזיוו מיטן גאַנצן אָנגעלויף פון גויאים און נאַוואָבראַנצעס.

— נאָר אַצינד, — גיט צו מאַדיע — אַז ס'איז מיט דער הולאַת

שטיל געוואָרן, ווערט שוין גיין אַ גאַנג. וועסט זען! מ׳וועט נאָך אַהער שיקן סאָלדאַטן, געקליבענע בויאַנעס, זיי, מכלומרשט, זאָלן דאָ אַכטונג געבן, די נייע פּריזיוּוניקעס זאָלן נישט מאַכן קיין סקאַנדאַלן. קען זאָלן היטן דאָס זאַלץ־ברעטל מיט פלייש... און זיי אַליין וועלן מסתמא אָנהויבן. דער גאַנצער מאַכער איז דאָ דער... זשאַנדאַר פון מאַהליוו מיט דער צעהאַקטער באַק... ד ײ ן זשאַנדאַר!... האָסט אים נישקשהדיק באַאַרבעט, נח! נישטאָ וואָס צו רעדן...

פאַנדרע גיט שוואַך אַ שמייכל און ווערט באַלד נאָך דעם פינצטער:

— ווייסט אפשר אויך, אַז דער ערל האָט דערשמעקט וו ע ר ס׳האָט אים מכבד געווען?

— און נאָך אַ מין! — שאָקלט צו מאַדיע מיטן קירבעס־קאָפּ.

— אַז ער ווייסט שוין אפילו ווער ס׳האָט פונקט אַזוי מכבד געווען דעם... דעם...

— דעם קאַטאָרזשניק אין מאָהליווער אָסטראָג, — כאַפּט אונטער מאַדיע זייער באַהאַוונט. — אָבער קיין שום באַווייז האָט ער נישט. פלאַצט אים די חזירישע גאַל... גאַנץ שטאָט איז ער קאַפּאַבל חרוב צו מאַכן... מיט קאַרבאַלקע האָט ער שוין פאַרברענט אַלע ווייבערשע קליידלעך און מיט אומגעלאָשענע וואַפנע — אַלע מאַנסבילשע קאַפּאָטעס. אַצינד קלייבט ער זיך ברענגען די יידעלעך גופא. נאָר מיט אים וועלן מיר שוין ווי־נישט־איז פאַרטיק ווערן. ס׳איז פאַרט אַ פאָגראָמשטשיק, וואָס באַהאַלט זיך נישט... געפערלעך זענען די וואָס באַהאַלטן זיך, אָדער וועלכע מען באַהאַלט אויס...

— דעם פּריסטאַוו מיינסטו?

— האָסט נישט געטראָפן! — טרייסלט מאַדיע געלאַסן מיטן קאָפּ, פונקט אַזוי געלאַסן ווי ער רעדט. — די „מאַכער“, פאַרשטייסטו, האָבן אַלץ מורא, אַז דער זשאַנדאַרניק מיט דער צעהאַקטער באַק איז נאָך אַ צו־איידעלע זאַך אָפּצוטאָן די אמתע מיאוסע מעשים. צו גוט קענען זיי אויך די פויערשע פּריזיוּוניקעס פון אָרום שקלאָוו. העכסטנס קען מען זיי אָנרייצן צו כאַפּן לעקאַך פון די טישלעך אין מאַרק, צעברעכן עטלעכע שויבן, איבערקערן אַ פעסל הערינג, אַראָפּשלעפּן אַ פּאָר שטיקלעך רויטן סיטץ ביי די שניט־קרעמער פון די פּאַליצעס. און יוצא. דאָס איז פאַר די מאָהליווער זשאַנדערס וויניק. נישט אַזוי קערט מען אויס „קראַמאָלע“ פון אַ פאַרזינדיקטער זשידאָווסקער שטאָט. שיקט מען, פאַרשטייסטו מיך, אַ „רבין“, שיקט מען, אַ רוצח אַ גוי. אַן אמתן

קאַטאָרזשניק. ער, הייסט דאָס, זאָל זיין דער גאַנצער מאַרשעלאָק, ווען די „חתונה" וועט זיך אָנהויבן. און נאָר צוליב דעם לאָזט מען אים אַרויס פון די קייטן און פון מאָהליווער אָסטראָג. מיטן פאַרעכאָד וועט ער, פאַרשטייט זיך, נישט קומען. צופיל עדות... וועט ער מן־הסתם אָנקומען מיטן שליאַך דורך מאַקאַראָוועקי און דורכן „אונטער־באַרג"...

מאָדיע ווערט פּלוצלונג אַנטשוויגן און באַטראַכט מיט קילע אויגן דעם רושם, וואָס זיין לעצטע נייעס האָט געמאַכט אויף פאַנדרען. דערכאַפּט פאַנדרע דעם דורכדרינגענדן קוק, טאַפּט ער זיך אָן אויער און בורטשעט:

— פונקט ווי איך, ווילסטו זאָגן... אַזוי בין איך דאָך געקומען צוריק פון אָסטראָג... איך און שמחהלע...

— אָט אָט! — צעשאָקלט מאָדיע זיין גרויסן קאָפּ — דו קענסט דעם וועג זייער גוט אַלע זיינע באַהעלטערלעך קענסטו. איז אָט... דאַרף מען זען נישט דערלאָזן...

— נישט דערלאָזן? — הויבט פאַנדרע מיט די פּלייצעס — וואָס מיינסטו, נישט דערלאָזן? ווי אַזוי דערלאָזט מען דאָס נישט?

— אוי־אוי, — באַדויערט מאָדיע־מיטן־אמת — ביסטו דאָך נאָך גאָר־גאָר אַ תם, נח טייערינקער... וואַרט! „אברעמעלע די געקוילעטע קאַץ" וועט דיר שוין זאָגן...

2.

פאַנדרע האָט אַ קוק געטאָן אויף מאָדיעס אויגן, דערזען דאָס שמייכעלע וואָס שלענגלט זיך אויף זיינע דינע ליפּן און האָט זיך דערשראָקן.

— פּלאָנטער מיך נישט, — מאַכט ער — אין אַזעלכע זאַכן... איך בין שוין גענוג פאַרפּלאָנטערט... ווייסט, אַפּנים, נישט וווהין מ'האָט מיך שוין געשלעפּט היינט אין דערפרי...

— כ'ווייס, כ'ווייס! — מאַכט מאָדיע מיט בטול. שיער נישט מיט אַ געגעץ — אברעמעלע האָט מיר אָקאָרשט געזאָגט. בין איך אוועק צום סטאַן, אָפּגעוואַרט דיך, דערנאָך צום צעך...

— אַ דאַנק דיר פאַר דער טרחה!

— האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן, נח טייערינקער. קיינער וויל

דיך נישט פאַרפּלאָנטערן. מיר ווילן דיך אַרויספּלאָנטערן. נאָר דו מוזט אונדז אויך העלפן...

— מוחל! — שניידט אָפּ פאַנדרע — שמירט מיך נישט מיט דיעגאַכץ און שייערט מיך נישט מיט זאמד. אברעמעלע אַליין איז אויך געגנוג. פאַר אים איז אַזאַ שטיקעלע ארבעט ווי אָנגעמאָסטן. קען קען ער קוילענען? איז זאָל ער קוילענען אָסטראָזשניקעס אויך.

— ניין, — רעדט מאָדיע קאלטבלוטיק — אברעמעלע אליין טויג דאָ נישט... ער קען נאָר אַרבעטן מיט אַ „שפּייער" אַברעמעלע. אָבער קיין רעש דאַרף מען דאָ נישט אָנמאַכן. סיידן... עס וועט שוין קיין אַנדער ברירה נישט זיין. דאָ דאַרף מען אַלץ אָפּטאָן שטיל, פיין, אַ האָן זאָל נישט קרייען. שפּעטער, אַז מ'וועט זיך יאָ דערוויסן — מאַכט שוין נישט אויס. אַ קאַטאָרזשניק! מער ווי דריי רובל שטראָף וועט מען פאַר אים נישט באַצאָלן...

— איך גיי נישט! — מאַכט פאַנדרע אַ טראַט אַוועקצוגיין — צוליב מיר אַליין אַרט מיך נישט. איך קען דאָס מערען נישט טאָן ווי לאַנג האָט זי מיך צוריק? גיי אַליין, אַז דו ווילסט!

מאָדיע גיט רואיק אַ הויב מיט די פּלייצעס:

— אַז מ'עט דאַרפן וועל איך גיין. מיין נישט, אז אין מאָהליוו בין איך געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ פּעריגע. יעדערן דאָס זייניקע. נאָר... דעם אמת מוז איך דיר זאָגן: איך זע, אַז דו שטויסט זיך גאָרניט אָן. דער „רבי" פון פּאָגראָם, וואָס דאַרף אַהער אָנקומען, איז דאָך דיינער אַ באַקאַנטער... אַן אַלט־באַקאַנטער...

— שוין גאָר אַזוי? מיינער אַ... יואָס?

— שעפּטעלע ווייסט בעסער. אַ תליון געוועזן דער גוי אין אָסטראָג. האָסט אים שוין איין מאָל באַרואיקט...

פאַנדרע לופּעט אויס ביידע אויגן, בלייבט שטיין אַ רגעלע, מיט אַן אָפּענעם מויל, ביז ער קומט צו זיך: —

— הער־נאָר! נישט... טשורילאָ? זאָג שוין! ער, צי נישט ער?

— מיר דאַכט זיך טאַקי, אַז ער. ער האָט, ווייס איך, פון דיר אַ גוטן אָנדענקעכץ. אַ נאָז, ווי אַ לאַטקע האָסטו אים געמאַכט. ביסט אַפילו געזעסן אין קאַרצער. נישט?

— שעפּטעלע האָט דיר דערציילט?

— געטראָפן. ער ווייסט אַפילו, שעפּטעלע, אַז מ'האָט אַצינד דעם טשורילאָן אָנגעגעבן דיך אין נדן... פאַרשטייסט? ער זאָל זיך קודם־

כל אָפּרעכענען מיט דיר פֿאַר דער גרויסער חרפּה, וואָס דו האָסט אים אָנגעטאָן אין אָסטראָג. דו און דיין ווייב זאָלן זיין די ערשטע כפּרה־הינדלעך. דערפֿאַר לאָזט מען אים אַרויס פריי פון די קייטן, דעם תליון.

פֿאַנדרעס אויגן גיסן זיך אָן מיט בלוט. ער קרימט אויס די אונטערשטע ליפּ, ווי אַ לייב איידער ער צעברומט זיך:

— אַזוי גאָר? מיין מערען? מע—ערען? ווי לאַנג „איזדעכניעט" ער, דער חזיר. מיר פריער אַ טויט, אָדער אים...

מאָדיע קוקט מיט קיילעכדיקע אויגן פון אַ נאַכט־פויגל און האָט הנאה פון זיין אַרבעט. ווי קונציק ער האָט דאָ אָנגערייצט איין חיה אויף דער צווייטער. נאָר פֿאַנדרעס אויסברוך פון צאָרן גייט גיך אַריבער. ער שטייט שוין און קוקט מיט ניכטערע אויגן. ער קוויינקלט:

— כ׳וואָלט דאָס געוואָלט הערן פון שעפּטעלען אויך. ווו האָט ער זיך דאָס באַגראָבן, דער גנב? און פון וואַנען ווייסט ער דאָס אַזעלכע זאַכן?

— אָט דאָס פֿאַרענטפערט טאַקע שעפּטעלע אַליין. — קערט זיך מאָדיע אום צו זיין רואיקן לשון — ער זאָגט, אַז פֿאַר געלט מאַכט מען אַלץ. אין אָסטראָג, זאָגט ער, האָט ער געגעסן געבראָטענע הינדלעך, בשעת אַלע האָבן געזשלאָקעט באָרשטש פון אַ פּאָמוניצע... ס׳איז אַן אמת? גאָר דאָס ווייס איך אויף געוויס, אַז זיין חברה איז אויסגעבונדן מיט כלערליי טשינאָווניקעס, מיט פּאָליציע... מיט וועמען דו ווילסט. אַלע נעמען אין יד. און מען דערגייט ביי זיי אַלץ וואָס מען דאַרף. און דיין שעפּטעלע? ער אַליין וועט דאָ, דאַכט זיך, אין גיכן זיין. אפשר גאָר אין גיכן. וועסטו אים קענען פרעגן.

פֿאַנדרע דערכאַפּט ווידער דעם פֿאַרטאַיעטן שמייכעלע אויף מאָדיעס ליפּן און כמורעט זיך אָן. נאָר מאָדיע פֿאַרלויפט אים דעם וועג, פֿאַר־ענטפערט זיך:

— איך שמייכל, ווי דו זעסט, ווייל זיכער מיט אים זענען מיר נישט. קיינמאָל נישט געווען גאַנץ זיכער. פֿאַרט אַ גנב. ער האַלט, ווייס איך, ביים אַנטלויפן. רייסט זיך אין אויסלאַנד... טו זאָל ער!

— איז ער נ י ש ט מיט אייך? האָסט דאָך פריער געזאָגט —

— ער האָט דאָס זייניקע אָפּגעטאָן. געהאָלפן אונדז ביי אַ געפער־לעכע זאַך. אָפּגעשלאָגן חאַצען... אַצינד, אַז מען כאַפּט אַזאַ יאַט, קען ער אונדז נאָך „פֿאַרשיטן". אַ גנב!... איז בעסער טאַקע ער זאָל אַוועק.

פאַנדרע האָט קרום אַ קוק געטאָן אויף „מאַדיע־מיטן־אמת”. עס האָט זיך אים פארגלוסט אַ זאָג צו טאָן, אַז אַזוי, מסתמא, וויל מען אַצינד טאָן מיט אים אויך. אויסנוצן פאר אזא גבר אַ גזלן ווי טשורילאָ און דערנאָך לאָזן לויפן... נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן און שווער אָפגעזיפצט.

— נו, נו, — מאַכט ער אָנלענענדיק זיך מאַט אָן צוים פון גאָרטן — אַ קאַשע האָט זיך דאָס פאַרקאָכט! גרוסן האָסטו מיר דאָס געבראַכט פון מאַהליוו!...

— ס׳פרעגלט זיך! — קוקט אָן מאַדיע נהן מיט זיין פארסודעטן שמייכעלע — ס׳איז נאָך אָבער אַ סך פעטער ווי דו מיינסט. זוך אַ ביסל בעסער — וועסטו געפינען גריבענעס... דער קאַטאָרזשניק פון אָסטראָג ווייסט שוין לאַנג ווער ס׳האָט אים געמאַכט אַ לאַטקע פון נאָז. דער זשאַנדאַרניק — דאָ, האָט זיך נאָר וואָס אָנגעשטויסן. אַצינד ווייסן זיי שוין ביידע, אַז שטאַמען שטאַמט דאָס פון איין קולאַק...

— נו, מאַדיע, דאָס האָקסטו שוין אַ טשייניק, האָקסטו! ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער?

— זעסטו דאָך! זי קומט. מאַהליוו איז אינגאַנצן דרייסיק וויאָרסט וויט. עטלעכע שעה מיטן פאַרעכאָד. האָט מען זייביידן צוזאַמענגעשדכנט.

מאַדיע באַטראַכט אַ רגע דעם איינדרוק וואָס דאָס האָט געמאַכט אויף פאַנדרעס אייזערנעם רויט־גליענדיקן פנים און שמידט דאָס אייזן אַזוי לאַנג ווי ס׳איז הייס:

— יאָ, נח טייערינקער, גוטע פריינט, האָסטו אַ סך. מיקיטאַס איידעם פון מאַקאַראָווקי איז דיר אויך אַ גוטער פריינט. האָסט עפּעס געהאַט צו־טאָן מיט זיין געוועזענער באַשערטער... ווי הייסט זי דאָרטן?

— אויף דיין עסק?

— מיינער? ווי קום איך? וואָס רעדסטו וואָס?... ס׳איז אָבער ז י י ע ר עסק. מען שלאָגט פון אלץ אויס „מזומן”. דאַנילאָן, דעם אויסגעדינטן יון, האָט מען שוין אויך אַרייַנגעשלעפּט אין קאָן.

מאַדיע בלייבט אַ רגע שטיין, רייבט זיך דעם שטערן און רעדט עפּעס ווי צו זיך אַליין, שטילער, פאַרטראַכטער:

— דערפאַר אפשר גייט טשורילאָ דורך מאַקאַראָווקי, מיטן שליאַך, נישט מיטן וואַסער. ער וועט מסתמא מאַכן אַ וויזיט מיקיטאַס איידעם. אפשר וועלן זיי גאָר קומען צוזאַמען. דאָס טויג נישט. דעם אויסגעדינטן יון טאָר מען דערוויל־וואָס נישט טשעפּען. אָבער דעם טשורילאָ טאָר

מען אַפילו צו מאַקאַראָווקי גישט דערלאָזן... ביי „דאַברייקער" באַרג, אויפן מיטן שליאַך, דאַרף מען אים אָפּוואַרטן. דער בעסטער אָרט. קיין הייזקע אויף אַ רפואה נישטאָ. און איבערן באַרג קען קיינער נישט אריבערקוקן...

אַ גרויל האָט פּאַנדרען דורכגענומען פון מאַדיעס מכלומרשט פּאַרטראַכטע דיבורים. אין די געצויגענע האַלבע ווערטער איז געווען אָנגעצייכנט דער גאַנצער פּלאַן. אַלץ אויסגעאַרבעט אין פּינטל.

דעם דאַברייקער באַרג האָט פּאַנדרע גוט געקענט, סיי אַלס באַלעגאַלע און סיי אַלס פוס־גייער, בשעת קומען צוריק פון אָסטראָג... אויפן מיטן וועג, צווישן שקלאָוו און מאַהליוו, ליגט ער אַ פּאָר וויאָרסט ווייטער פון מאַקאַראָווקי. באַלעגאַלעס, אַז זיי ווערן אין כעס אויף זייער פערד, שילטן זיי זיך מיט „דאַברייקע": „געשוואָלן זאָלסטו ווערן ווי דאַברייקער באַרג!..." און כדי די פורן, אָדער די שליטנס, זאָלן דאָרט בשלום קענען אַרויפקאַראַבקען זיך אָדער אַראָפּגליטשן זיך, מוזן אַלע פּאַסאַזשירן מוחל זיין, אַרויסגיין פון בויד און קריכן צו־פוס. ס'איז אַ פוסטער אָרט, אַרום און אַרום — אַ געדיכטער סאָסנע־וואַלד. פון איין זייט באַרג קען מען באמת נישט זען וואָס עס טוט זיך אויף דער צווייטער זייט.

און פּאָר פּאַנדרעס אויגן האָט אַ גרוי־געטאָן אַ פּאַרטאַג. אַ הויכער שאָטן גייט, דערנענטערט זיך. קוקט זיך אַרום. און ער און אברעמעלע שפּרינגען פלוצלונג אַרויס פון באַהעלטעניש...

כדי צו שטאַרקן זיך אַ ביסל, האָט זיך פּאַנדרע פּאַרגעשטעלט טשורילאָ דעם קאַטאַרזשניק אויפן מאַהליווער שליאַך, מיט דער אָקאָרשט פּאַרהיילטער נאָז, מיט אַ יאָר צוריק בערך, נאָכן געשלעג... און ווי יענער ווארפט אין אים אַ האַלב־פודיקן שטיין, און טרעפט אין דער פוסטער אָפּטריט־פּאָס, וואָס ער, פּאַנדרע, און שמחהלע טורערו פירן צוריק צום אָסטראָג...

דאָס האָט געהאָלפן. דער צאָרן פון הייגט אינדערפרי, נאָכן דאַפּראָס, האָט אין אים ווידער אויפגעקאָכט. ווי אויף אַ נישט געזעענעם שונא האָט ער זיך פלוצלונג פאַרמאָסטן מיט זיין האַרטן פינף־פונטיקן קולאַק און אַ גיי געטאָן אויף מאַדיען:

— איז וואָס שרעקסטו מיך וואָס, מאַדיע־קאָפּ! די שקורע מיינע וועל איך אומזיסט נישט אָוועקגעבן, וועל איך!...

מאַדיע האָט זיך פּאַוואָליע אָפּגערוקט אָן אַ זייט. מאַלע וואָס פּאָר

אַ פּראָבע פאַנדרען קען זיך אַצינד פאַרוועלן מאַכן.

— איך שרעק דיך גאָרנישט! — מאַכט מאָדיע, נישט אַראָפּלאָזנדיק זיינע אויגן פון נחס בינטל פינגער — דער עיקר איז נישט דערלאָזן זיי אָנקומען צוזאַמען, די ווילדע חזירים. מען דאַרף זיי צוטרענען, איידער וואָס ווען... אָפּגערוימט דעם רוצח אין מיטן וועג איז אַ האַל־בער פּאָגראָם צעקלאַפּט. פאַרשטייסט? אויס מיט אַלע מיאוסע זאַכן!

פאַנדרען איז שוין פריִער אויפגעפאַלן, אַז מאָדיע האָט איבערגע־נומען חאַצע דעם הינקענדיקנס מינעס. אַצינד האָט ער אין מאָדיעס אויגן דערזען דאָס, וואָס מיט וואָכן צוריק אין חאַצעס אויגן, ערב סענדערקעס טויט, דאַמאָלט בשעת חאַצע האָט אים אָנגעטראָפן הינטער דער קאַלטער באָד און גערופן אים, ריכטיקער: געהייסן קומען אויף דער סכאָדקע... אַ מאָדנע זאַך! אַלע יונים, זאָגט מען, האָבן איין פּנים און אַלע „ציציליסטן" אויך. אַז זיי עסן זיך איין אין אַ זאַך, זענען זיי איינגעשפּאַרט און קאַלט. אַלע גלייך אָן אַ ברעקל רחמנות. אויף קיינעם נישטאָ קיין רחמנות... אָט אַזוי מוז דאָס זיין און אַ סוף אַן עק!... פונקט ווי דאַמאָלט חאַצעס אויגן, לעכערן אים אַצינד דורך מאָדיעס. אַ ביסל נעפּלדיקער, קילער... אָבער דער זעלבער קוק. זיי לאַכן פון אים, דאַכט זיך, אָפּ: „האָסט זיך דאָס עפּעס פריִער באַרימט פאַר די באַלעגאָלעס, דו כוואַט איינער, אויס נעבעכקע האָסטו גע־שריען!...".

— איז אָפּגעמאַכט? — גיט פּלוצלונג מאָדיע שטילערהייט אַ פרעג, פונקט ווי זיי ביידע זענען שוין אין אַלע פּרטים מושה געוואָרן צווישן זיך, און עס פעלט נאָר „אונטערשרייבן".

— גוט! — איז פאַנדרע מסכים קורץ און קלאָר, און דרייט אָפּ דעם קאָפּ.

מאָדיע כאַפּט אים אָן ביי דער אָפּגעלאָזענער שווערער האַנט און טרייסלט:

— כ'האָב געוווסט, נח טייערער, אַז דו ביסט מיט אונדז, אונדזער נח. אונדזערער.

אַצינד איז שוין מאָדיעס פּנים ווייך. דער זעלבער גוטער מאָדיע ווי אויף דער סכאָדקע, ווי אַלע מאָל; פון וועמעס זאָגן „דעם אמת" מען לאַכט אַ ביסל אונטער... און פאַנדרע דערפילט יענע גוט־ברודערישע זיסקייט, ווי בשעת בעני, דער רעדנער, מיט די טרויעריקע ישיבה־בחורישע אויגן, האָט אים געטרייסלט די לאַפּע און געדאַנקט אים דערפאַר, וואָס

ער איז געקומען אויף דער סכאָדקע הערן אים. דער זעלבער בוימאייל צעגיסט זיך אים איבער זיין פּאַרטאַיעטן ווייטיק און זאָרג פאַר מערען — זיין עלנט ווייב, איבער דעם שרעק פאַר די נייע סכנות ,וואָס לויערן אויף אים דאָ, און אויפן שליאַך, ביי דעם „דאַברייקער” באַרג...

— נאָר למען השם, — בעט נח שטיל מיט אָנגעלאָפּענע טרערן אין די אויגן — למען־השם מערע זאָל גאָרנישט וויסן...

מאָדיע לייגט צו אַ לאַנגן דאַרן פינגער צו די דינע ליפּן. אַ סימן, אַז מ׳עט זיין שטום ווי די וואַנט. ער קען זיך אויף אים פאַרלאָזן, נח פאַנדרע.

שעפּטעלע גנבֿ איז דאָ...

1

כדי נישט אויפוועקן קיין איבעריקע פאַרדאַכטן און ריידערייען, האָט פּאַנדרע, דעם זעלבן טאָג פאַרנאַכט, איבערגעבעטן ליפּען, דעם „פּאַרעווענס" זון, און אומגעקערט זיך אַהיים מיטן שוואַרצן פערדל, וואָס צעך האָט אים געגעבן אויף אויסצאָלן. געפירט האָט ער דעם פערד פאַרן צוים איבערן מאַרק און גאַס. דאָס איז געווען אַ מין דעמאָנסטראַציע פאַר חברה־בייטש און פאַר שכנים, אַז אָט, הייסט דאָס, פּאַדרע איז נאָך דער שוויגערס טויט אַוועק פון שפּיטאָל און קערט זיך אום צו זיין שטענדיקער פּרנסה. נאָר אין דער אמתן איז דאָס געווען נישט מער ווי אַן אָנשטעל. אין האַרצן האָט גנח, ווייניקער ווי אַלע מאָל, געגלויבט, אַז ער וועט דאָ בלייבן, אַז ער קען דאָ בלייבן. אויסטערליש און אומגעווייינלעך האָט אים אויסגעזען דער היינטיקער טאָג, זינט דער דיעסאַטניק האָט אים אָנגעקלאַפּט אין טיר, מיט אַלע בייזע נייעסן, וואָס דער רוח האָט אים אָנגעטראָגן פון מאַהליוו... טע־טע־טע, נחקע! מ'האָט זיך גענומען פאַר דיר. מען טאַפּט דיך אָן פון אַלע זייטן, מען קוקט דיר נאָך פון אַלדי לעכער, מען שניידט אָפּ אַלע וועגן, אַלע אויף איין מאָל... טשורילאָ — פאַר דער נאָז, דער זשאַנדאַריוק — פאַר דער באַק, דאַנילאָ — פאַר קאַטערינושקאַן. און דאָס אַלץ איז נאָך גאָרנישט. דאָס געדיכטע קומט נאָך, עס קומט...

אין שטוב האָט ער זיך באַמיט צו זיין רעדעוודיק, געלאַסן. און פון דעסטוועגן איז ער מערען, אויף איר שבֿעה־בענקעלע, אויסגעקומען שווייגעוודיק און פאַרשלאָסן. צו פאַראַבלט איז זי אָבער געווען, זי זאָל אים דאָקוטשען. האָט זי געשוויגן. און פּאַנדרע, פון זיין זייט, כדי צו טרייסטן אַ ביסעלע זיין ווייב און אָנטאָן איר אַ שטיקל נחת־רוח, איז ער אַוועק אין נאָענטן ליובאַוויטשער מית־מדרש זאָגן קדיש נאָך דער

שוויגער. און מערע האָט אים דערפאַר באַדאַנקט מיט אַ שטילן צושאָקלען, אַרויסבאַגלייט אים מיט אַ גוטן קוק פון אירע קאַרע אויגן. קיין בע־סערן דאַנק פאַר איר מאַן האָט זי אַצינד נישט געהאַט.

שוועך און פאַרטראַכט איז פאַנדרע געגאַנגען דורך דער האַלב־טונקעלער גאַס צום בית־מדרש. ער האָט זיך געמאַכט אַ שטיקעלע חשבון־הנפש. ווי אַזוי איז דאָס געקומען דערצו, אַז ער, אַ קצב־יונג און דערנאָך אַ שמייסער, וואָס איז פון קינדהייט אָן געגאַנגען זיין וועג מיט געזונטע פריילעכע טריט און פיינט געהאַט קהלשע זאַכן, ווי אַזוי איז ער דאָס אַריינגעפאַלן אין אַזאַ קאָכיקן טאָפּ פון סכאַדקעס, קאָנספּיראַ־ציעס, און אין שטענדיקן שרעק פאַר די נאָענטע און אין שטענדיקן האָס קעגן יעדן „קנעפל״?...

ווי איבער אַ פינצטערער טרעפּ האָט זיין זכרון געקלעטערט, גע־טאַפּט, ביז ער האָט זיך דערקליבן צו אַן אָנהויב. אויב ער האָט קיין טעות נישט האָט דער ערשטער קערן פון בונט גענומען שפּראָצן ביי אים מיט אַן אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק, בשעת דער פּראָקוראָר האָט אים, אין אָקרוזשנאָי סוד, געלייענט אַ זינד־צעטל, נישט־געשטויגן נישט־געפלויגן... און ווען די אָנגעפּרעסטע „פּריסאַזשנע״ האָבן אים פאַרמשפּט. דאַמאָלסט, געדענקט ער, איז אים, צום ערשטן מאָל, אויפגעגאַנגען ווי אַ ליכט, אַ פאַרגעסענער פּסוק פון די חדר־יאָרן. מיט פאַרביסענע ציין האָט ער דעם פּסוק געטייטשט פאַר זיך און אָנגעקוקט דעם גאַנצן גויאישקן משפט, דעם גאַנצן פאַראַד פון גערעכטיקייט, ווי אַ בייזע קאָמעדיע: —

„פאַרשרייב אין אַ בוך און טו אין די אויערן פון יהושע, אַז מעקן און אָפּמעקן וועל איך עמלקס געדעכעניש פון אונטער די הימלען...״

צום ערשטן מאָל האָט ער דעם טייטש ריכטיק פאַרשטאַנען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט דעם עמלק פון אַלע צייטן, דעם אייביקן באַנדיט און פאַרפאַלגער פון שוואַכערע.

אין אָסטראָג, דערנאָך, האָט זיך דער דאָזיקער קערן צעוואַקסן, באַדעקט זיך מיט גיפטיקע בליעכץ. שעפּטעלע דעם גנבס תורה האָט דאָ אַ סך צוגעהאָלפן. אַזאַ בראַנד אַ יונג! קליין און שוואַך און זשוואַווע און זעט אַלץ און ווייסט אַלץ. דאָס האָט אים שעפּטעלע געעפנט די אויגן אויף אָרעם און רייך, און ווער עס מאַכט דעם „זאַקאָן״ און צוליב וועמען ער איז געמאַכט. און וואָס הייסט: „מען מעג״ און וואָס הייסט „מ׳טאָר נישט״. זאָלסט נישט גנבענען! זאָלסט נישט גזלענען! זאָלסט

נישט נואפן!... הכלל, „דו זאָלסט נישט!" דאָס האָבן דאָך אַלץ שוואַכינקע „פּאַרכעס" צוגעקלערט, כדי די שטאַרקע און תמעוואַטע זאָלן זיי נישט טשעפּען, נישט אָפּנעמען ביי זיי זייער גוטס, זייערע שיינע ווייבער, זייער כבוד נישט אָנרירן — די ירושה פון עלטער־זיידעס. אַהאָ! זיי האָבן זיך גוט באַוואָרנט די פּאַסקודניאַקעס פון דער גאָרער וועלט.

און אָט, נאָך דער באַפרייאונג פון אָסטראָג, מיט אַ דריי חדשים צוריק, ווען ער, פּאַנדרע, האָט זיך אומגעקערט אין דער נאַכט, אַ פאַרשטויבטער, אַ פאַרסמאַליעטער, אַן אָסטראָזשניק מיט אַ פּעקעלע אונטער דער פּאַכווע, און געפונען אַ חרוב הויז און אַ פּוסטע שטאַל, זעגען די פּירות פון שעפּטעלעס תורה אָנגעוואָקסן, צייטיק געוואָרן. האַצע דער הינקענדיקער האָט זיי דערנאָך לייכט אָפּגעריסן און גענומען צו זיך. אַצינד — מאָדיע „מיטן אמת". זיי נעמען און ער לאָזט זיך. ער קען נישט אַנדערש. די אָנגעוואָקסענע צרות בייסן ווי געשווירן. אַליין, פּאַנדרע, קענסטו זיך נישט העלפן — טו זאָלן דאָס דאָקטוירים עפּענען!... מיט מעסערס, מיט סכנות־נפשות...

עס פאַרדריסט אים נאָר, וואָס זינט ער האָט זיך פאַרבונדן מיט הברה־„ציציליסטן", איז געוואָרן אויס מיט זיין אייגענעם רצון. ער גע־הערט עפּעס נישט מער צו זיך אַליין. ווי אַ שייט האָלץ איז ער געוואָרן אין פרעמדע הענט. דאָס ביי דעם, דאָס ביי יענעם. אַפילו אַזאַ נפש ווי אַברעמעלע „די געקוילעטע קאַץ" האָט איבער אים אויך אַ שליטה. נאָר פאַרפאַלן! נישטאָ מער קיין אויסוועג, נחקע!

אָנגעקראַצט זיך אַזוי די וווּנדן ביזקל בית־מדרש, האָט אָבער פּאַנ־דרע אין יענעם פּאַרנאַכט, אין בית־מדרש גופא, קיין חרטה נישט געהאַט. געוועזן צופרידן, וואָס ער האָט געטאָן אַזאַ זאַך צוליב מערען זיין ווייב, און איז אַוועק זאָגן קדיש נאָך איר מאַמען.

נאָך איידער מ'האָט זיך געשטעלט דאַוונען מעריב, איז צו אים צוגעגאַנגען ר' ישראל דער גבאי, און צעשאָקלט זיך מיט זיין אַלטן קאָפּ. אַזוי באַגעגענען די אָרעמע דאַוונער פון „לעבן טיר" האָט נאָך, דאַכט זיך, ר' ישראל קיין מאָל נישט באַגעגענט. אַ געפאַלנקייט פון אַ יורד איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף זיין גאַנצער גבאישער ווערדע.

— כ'וואָלט דיר געדאַרפט אָפּגעבן שלום־עליכם, — מאַכט ער צו נחן — פון יום־כיפור אָן, ברוך־השם, נישט געזען דיך... נאָר אָט מוז איך דיך גאָר אָפּזאָגן אַ „ברוך דין אמת"... וואָס זאָל מען טאָן? ביי אַלעמען אַ צרה — איז אַ האַלבע טרייסט... און דו, וואָס מאַכסטו עפּעס?

גוט אַנגעמוטשעט זיך אין באַלניצע — וואָס? מיט אַזוי פיל חולאים!...

ר׳ ישראלס קול איז געווען אַזוי שטיל און וואַרעם, אַז פאַנדרען איז הייס געוואָרן אונטער די אויגן־הייטלעך. שיעור, שיעור נישט אַ כליפּ געטאָן. האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און קוים אַרויסגערעדט:

— פאַר מיר אַרט מיך נישט.. נאָר אַט... מערע.

ר׳ ישראלס באָרד האָט אָנגעהויבן ציטערן:

— וואָס פון שטאָט איז געוואָרן — אַ? נישטאָ אַ שטוב אָן אַ בר־מנין. בערע רחמיאלס, אונדזער אויבער־שמש, געווען פון די ערשטע... אַ מנין צו דאַווענען שחרית איז שווער אויפצוקלייבן... און פון וואָס מען רעדט אין שטאָט ווייסטו דאָך מסתמא? מ׳האָט אַצינד מורא פאַרן פריזיוו מער ווי פאַר דער מגיפה...

פאַנדרע דערוועגט זיך נישט צו קוקן ר׳ ישראלן גלייך אין די אויגן אַריין. אַלע מאָל אַזעלכע בלויע, קלוגע, חשיבותדיקע אויגן... אים האָט זיך געדוכט, אַז אָט דער אַלטער גבאי, מיטן גלייכן רוקן, פאַר וועלכן ר׳ סענדער, זיין שווער, האָט נאָך דרך־ארץ געהאַט, טוליעט זיך אַצינד צו אים, מיט זיין לאַנגער סיווער באָרד, צו זיין פאַרגרעבטער ברייטער ברוסט, זוכט שוץ קעגן דעם מאָרגנדיקן טאָג. ווי אַ שוואַך קינד קוקט ער אים אין די מיט גבורה אָנגעגאָסענע אויגן... אַ גרויסער רחמנות!

פון אַזאַ פאַרלעגנהייט האָט פאַנדרען געראַטעוועט בונים דער שמש. יענער האָט פלוצלונג אַ פּאַטש געטאָן מיט זיין האַמעטנער דלאָניע אין באַלעמער־טיש, און ר׳ יחיאל דער חזן האָט זיך טרויעריק־שטיל צעברומט מיט זיין לייבן־קול:

— אַי... והוא רחום יכפר עון ולא ישחי—ית...

פון אַלע מאָל אָן, נאָך אַלס ייִנגל, האָט פאַנדרען דער אָוונטדיקער ניגון פון „והוא רחום״ געצופּט ביים האַרצן. נאָך דאַמאָלסט האָט ער נעפּלדיק געפילט, מיט זיין קינדישער האַרץ, אַז עס הערט זיך אָן ווי קינות־זאָגן, ווי „איכה״ תשעה־באָב, ווען יידן זיצן אויף דער פּאָדלאָגע אין בית־מדרש. ער האָט, פאַרשטייט זיך, קיין מאָל נישט געוווּסט, אַז אַזאַ תפילה, ווי „והוא־רחום״ איז באַשאַפן געוואָרן אין די טונקעלע צייטן פון מיטאַלטער, בשעת די מוראדיקע רדיפות פון די „קרייץ־פאַרער״... נאָר ווי אַלע יידישע קינדער האָט ער אינעם געצויגענעם, געשטיקטן ניגון דערכאַפּט דעם ווייטן אָפּקלאַנג פון אַן עת־צרה, אַ קלאַנג פון גלעקער און אַ שרעק פון צוזאַמענגעטוליעטע שעפּסן אין אַ שטורעם.

אַצינד, ווען דאָס האַרץ איז אים געווען פאַרקוועטשט פון אַ רחמנות צום אַלטן גבאי, האָט אים דער ניגון געטראָפן ווי אין אַן אָנגעצויגענער סטרונע און אָפּגעקלונגען מיט אַלע איידעלע טענער פון די חדר־יאָרן.... די עטלעכע שאָטנס פון איבערגעשראָקענע יידן, וואָס דרייען זיך אַרום אין האַלב־טונקעלן בית־מדרש, האָבן נאָך דעם געצויגענעם ניגון פאַרטיפט, צוגעגעבן אים דעם טרויער פון אַ וועלט־אומגליק.

— ד׳ הושיעה! המלך יעננו ביום קראנו!...*)

אַ פריטשמעליעטער האָט פאַנדרע נאָכגעזאָגט די אַלט־באַקאַנטע ווערטער פון סידורל... ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער זיך אַליין אויסגעפּאַטשט, מיט פאַרמאַזאָליעטע לאַפּעס, אין מיטן בית־מדרש. וואָרום אַנטלויפן האָט ער געוואָלט אין אַזאַ צייט, ראַטעווען די אייגענע שקורע און איבערלאָזן זיי, אָט די אַלע יתומים מיט סיווע בערד, אייניקע אַליין, אויף הפקר... אַ נס, וואָס מאַדיע „מיטן אמת" האָט אים אָפּגע־האַלטן... דאַוון, פאַנדרע־גנב, דאַוון!...

2

נישט אַנדערש, אַז דער היינטיקער טאָג איז אויסגעפאַלן אַזוי, אַז אַלע, פאַר דער לעצטער צייט, צעריסענע פעדימער, זאָלן זיך צונויפלויפן פון אַלע זייטן און פאַרקניפּלען זיך אין איין געוועב. פאַראַן אַזעלכע טעג.

אַ נייע איבערראַשונג האָט אויף פאַנדרען געוואַרט, ווען ער האָט זיך אומגעקערט נאָך קדיש אַהיים.

אַ וועלכענע צוואַנציק טריט פון שטוב האָט פאַנדרע דערהערט אַן אומישנעם הוסטעלע. פון אַ גאָרטן־פּאַרקאַן, אויפן ברעג אַזערע, האָט זיך אָפּגעטיילט אַ שאָטן און אַ פאַרשטעלטער, אָבער באַקאַנטער, קולכל האָט אים אַ רוף געטאָן:

— ע... נח?

געשפּאַנט ווי פאַנדרע איז געווען אַ גאַנציקן טאָג, האָט אים דער פאַרזיכטיקער רוף, אין דער פינצטער, איבערגעשראָקן. ער האָט אַזש אַ טראָט געטאָן אויף הינטן, אָנגעשפּיצט זיך:

---

* אָה, גאָט, העלף! דער מלך וועט אונדז ענטפערן אינעם טאָג, ווען מיר וועלן טאָן רופן צו אים!...

— זע!... ווער איז דאָס דאַרטן?

פלינק ווי אַ קאַץ איז אימיצער צוגעשפּרונגען צו אים, אָנגעכאַפּט אים ביי אַ פּלייצע און אַ טשמאַק געטאָן אין דער האַרטער באַק:

— ששש... ס׳בין איך — שעפּטעלע.

אַ פרייד האָט זיך צעצאַפּלט און אויפגעלויכטן אין פאַנדרעס אומעט:

— דו? ניין... טאַקע דו?... אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין!...

פון גרויס שמחה האָט ער דעם אומגעריכטן גאַסט אַראָפּגעלאָזט אַ פלאַכן טערעבענץ אין רוקן, אַז יענער האָט אַזש אַ קוויטש געטאָן:

— דו... הער! מיין זעקל ביינער וועסטו נאָך מיר אויסשיטן...

— שעפּטעלע, ס׳האָט זיך דיר נישט געשלוקערצט? מ׳האָט דאָך טאַקע היינט גערעדט פון דיר!

— שש... נישט אַזוי הויך. מיט וועמען גערעדט? מיטן קירבעס־קאָפּ?

— יאָ, מיט מאָדיען.

— זאָג מיר בעסער, נח, ווי לאַנג איז דאָס, אַז מיר האָבן זיך נישט געזען?

— רעכן!... פון מיטן חודש אב. אין וואַלד פאַר מאַקאַראָווקי, געדענקסט? היינט האָבן מיר חשון. אַ וואָכן עלף...

פאַנדרע האָט גערעכנט און געסטאַרעט זיך אַריינקוקן אינעם שאַרפינקן שוואַרציינקן פנימל, מיט די שטעכיקע אויגעלעך און ווייסע ציינדלעך און מיט די טאַטערישע וואַנסעלעך אַזוי ווי ער האָט אים צום לעצטן מאָל געזען, אויפן מאָהליוועער שליאַך. ער האָט אָבער כמעט ווי גאָרנישט דערזען. ס׳איז געווען צו טונקל. קיין שטערן אַפילו נישט געווען אין נעפּלדיקן חשון־הימל. האָט ער זיך נישט געפּוילט און אַ טאַפּ געטאָן מיט דער לאַפּע אין דער פינצטער: אָנגעטאַפּט גאָר אַ נישקשהדיקע בערדל אַרום אַ מאָגערן פנים, אַ האַרטן, גרויסן דאַשעק, אַ לעדערנע פּאָדיאָווקע אויף שמאָלע פּלייצקעס.

— הען, — מאַכט ער — אַ בערדל ווי ביים יונגן מורה־הוראה און אַן אָנטועכץ פון אַ קצב... גיי ווייס! קום אפשר נעענטער צו אַ פענצטער...

— קענסט זיך פאַרלאָזן, — שפּאַרט זיך יענער איין מיט די פּיסלעך — ס׳איז דער אמתער שעפּטעלע גנב... צי מיך נישט צום ליכט! בלייב דאָ. כ׳האָב אַפילו מורא געהאַט צו דיר אין שטוב אַריינצוגיין, טאָמער טרעף איך אָן אַ פרעמדן. כ׳דריי מיך שוין דאָ אַרום אַ היפּשע ווײַלע... און דיין ווייבל זיצט שוין ווייטער שבעה?

— ווייסט שוין? און אַז אונדזער ייִנגעלע איז געשטאָרבן ווייסטו? און אַז שמחלע טורערו...

— כ'ווייס... — שלאָגט איבער שעפּטעלע, ווי זיין שטייגער איז, ווען מ'רעדט צו פיל פון טויט. — דער „ציציליסט" אייערער האָט מיר אַלץ געזאָגט...

— ביסט שוין גאָר געוואָרן אַ יענע מעשה... אַ זייעריקער, הער איך, ביסטו געוואָרן...

— אויף טאָן אַ טובה אַ ייִדן און פּאַניע־גנב אַ רעה איז מיר אַלץ איינס. וואָס כ'האָב געקענט האָב איך פאַר דיינע ציציליסטן געטאָן, און איצטער — ויברח!

— מיינע, אַזוי ווי דיינע! — ווערט פּאַנדרע ברוגזלעך. — אַ מאָדנע זאַך, מאָדיע־קאָפּ זאָגט מיר: „דיין" שעפּטעלע, און דו זאָגסט מיר — „דיין" מאָדיע... וווהין טראָגט דיך שוין ווייטער דער רוח?

— אין אויסלאַנד, נח. און דאָס מאָל — פּיו־טו!... אויס גנב. איך האָב דיר שוין אַמאָל געזאָגט, אין אָסטראָג נאָך... געדענקסט! „אַז גאָט וועט מיר העלפן..." און גאָט האָט מיר טאַקע געהאָלפן. מ'האָט גוט „געאַרבעט" די לעצטע צייט. איך און מיינע יאַטן... אויסגעליידיקט אַ געשעפט מיט גאָלדענע צלמימלעך, פאַרדינט אַ מצווה, זאָג איך דיר. געלט, ברודער, איז דאָ ווי שפּענער...

— מישסט נאָך אַלץ גאָט אין דיינע עסקים?

— אַ געוווינהייט אַזאַ. געהאַט אַ פרומען טאַטן... נו, און ווען דו?

— ווען וועל איך אָנהויבן גנבענען?

— ניין, ווען ק ל ע ר ס ט ו מאַכן דעם „ויברח"? אָדער קלייבסטו זיך ווייטער אין אָסטראָג?

— המ... — מאַכט פּאַנדרע — אויף וואָס פאָרן? אויף קאַראַצקעס? אַ פוסטע שטוב געפונען. איין שטיקל פערדל האָט איך — איז ער אויך אַ געליענער...

שעפּטל לאָזט אים אָבער ווייטער נישט קלאָגן זיך. ער שלאָגט אים איבער, ווי פריער, בשעת פּאַנדרע האָט זיך צעלאָזן וועגן די טויטע:

— הער נאָר, געדענקסט אפשר? אויפן מאָהליוּוער שליאַך האָב איך דיר דאַמאָלסט געגעבן אַן אַדרעס, מיין אָרשער אַדרעס... טאָמער וואָס ווען... האָסט אים נאָך?

— אָה, — רייבט זיך פּאַנדרע דעם שטערן — אַ קאָנווערט אַזאַ. יאָ, יאָ. וואַרט אַ ווײַלע!... מערע האָט אים ערגעץ־ווו אַהינגעטאָן... מיט

זימל דעם פּאַקנטרעגערס בענטשערל... דאַרפסט אים?

— איך? אויף כּפּרות!... נאָר דו, זוך אים אויף און צערייס. בעסער פאַרברען אים! ס׳איז געזינטער... און איידער דו פאַרברענסט — נעם אים אַריין אין קאָפּ. מ׳וועט דיך פון דאָרטן מאַראַוויכערן...

— וואָס? מאַראַכי... ווי?

— שוואַרצן די גרענעץ, אַז דו וועסט דאַרפן.... און דאַרפן וועסטו מסתמא. זאָל מיר גאָט אַזוי העלפן, ווי דו וועסט דאַרפן...

— פון וואַנענט ווייסטו דאָס אַלץ אַזוי?

— מאָדיע־קאָפּ האָט מיט דיר גאָרנישט גערעדט?

— און מיט דיר אויך?

— הע! פון וואַנענט, מיינסטו, ווייסן דיינע „ציציליסטן" פון דער גאַנצער קאַשע, וואָס עס האָט זיך פאַרקאָכט? אַלץ שעפּטעלע. נאָר... איך, אויף דיין אָרט, נח, וואָלט מער נישט געקראָכן...

נח זעט נישט שעפּטעלעס גנבהשע אויגן אין דער פינצטער. ער הערט נאָר זיין שושקעוואַטן קול, און אים דוכט זיך, אַז שעפּטעלע פּרוווט אים דאָ אין דער טונקלקייט, צי ער האָט נאָך דעם זעלבן מוט, ווי אַמאָל אין אָסטראָג, צי נישט.

— איך מוז! — ענטפערט פאַנדרע אָפּ קורץ און כמורנע.

— נו, אויב דו מוזט... — דערהערט נח, ווי שעפּטעלעס קול האָט זיך איבערגעריסן, פריילעכער געוואָרן, — אויב דו מ ו ז ט איז — אַנדערע „דבורים"... דו הערסט? קיין לעבעדיקן דאַרף מען מער דעם גוי פון די הענט נישט אַרויסלאָזן. אין אָסטראָג האָט ער געהאָנגען יידישע בחורים... ער האָט זיך אַליין געריטמט: נאָט אייך, מאַכט ער, „רעוואָלוציע"! און פאַרציט די אָנגעזייפטע שטריקעלע... און דו ווייסט נאָך גאָרנישט אויף וואָס אַזאַ טרפהנע־ביין איז קאַפּאַבל. ד ו דאַרפסט דער ערשטער זיין גרייט. אויף דיר צילט ער זיך...

— מ׳עט זען ער זאָל נישט טרעפן... — ענטפערט פאַנדרע אָפּ מיט דער זעלבער כמורנעקייט.

— נו, שניידט שעפּטעלע גנבּ אָפּ, — כ׳מוז לויפן.

גלוסט זיך נישט פאַנדרען צו בלייבן איינער אַליין אין דער נאַכט ביים נאַסן פּלאַנקן.

— וואַרט — מאַכט ער — נאָך אַ ווייליטשקע! מירן נאָך אַ ביסל רעדן...

— נישטאָ מער וואָס צו רעדן, — ווערט שעפּטעלע אומרויק —

מען זוכט מיך פון אַלע זייטן. אַ סך „דיעלעס״ האָבן זיך אָנגעקליבן. פּאַר אַנטלויפן פון אָסטראָג, פאַר די גאָלדענע צלמימלעך... מיר דאַכט, אַז ווער ס׳האָט אָפּגעשלאָגן האַצען דעם הינקעדיקן ווייס מען שוין דאָרטן אויך. און טאָמער ווילסטו — זענען מיינע „יאַטן״ אויך נישט שטאַרק צופרידן, וואָס איך לאָז זיי אין מיטן דרינען און פּאָר קיין דאַנציג. יידישע גנבים ווערסטו נישט נאַרן. יוקס, ברודער! זיי שמעקן מיר עפּעס צופיל נאָך... זאָל מיר שוין גאָט אַזוי העלפן דערפּאַרן אַ לעבעדיקער. און ביי זיי, ווייסטו, מיט אַ מעסער אין זייט — איז ווי ביי מיר מיט דיר אויפעסן אַן אייער־בויגל. און איך, פּאַרשטייסט מיך, נח, בין איך מיר אַ „סוואַכער מענץ״ בין איך...

— אַי שעפּטעלע, שעפּטעלע, אין אַלע פייערן קריכסטו!...

— וואָס דען, זיצן אויף איין נאַסן אָרט איז בעסער?... און דו? פאַרוואָס קריכסטו?...

נח שווייגט. אָבער שעפּטעלע וואַרט גאָרנישט אויף אַן ענטפער.

— נו, — מאַכט ער — איך מוז שטעלן פּיס... נאַ! ד אָ ס באַהאַלט...

און איידער פּאַנדרע האָט נאָך צייט אַ קער צו טאָן זיך מיט זיין שווערן גוף, דערשפירט ער אַ גיכן טשמאַק אין דער האַרטער באַק, אַזוי ווי פריער, און אַ קאָנווערט גיט אַ שאָרך ביי דער האַנט און שטופּט זיך אים אריין צווישן די פינגער.

— וואָס איז דאָס? — דערשרעקט זיך פּאַנדרע.

— רעד נישט קיין סך!

— וואַרט אַ רגעלע; וואַרט...

שעפּטעלע וואַרט אָבער נישט. בשעת נח טאַפּט נאָך אַרום דאָס געפילטע פּאַפּירל מיט גראָבע, נישט זיכערע פינגער, שפּרינגט שעפּטעלע אַוועק, ווי אַן איבערגעשראָקענער קאָטער פון דער קאַץ, און ווערט נעלם אין דער נאַכט אַריין.

ביים געלבלעכן שוואַכן שיין, וואָס זעט זיך פון סענדערס פענצטערל אין קאָכשטוב, האָט פּאַנדרע אויפגעריסן דעם קאָנווערט און פאָרזיכטיק אַריינגעקוקט. אַ פּאַרביק פּעקעלע אַסיגנאַציעס איז דאָרט געלעגן. אַלע, דאַכט זיך, פינף־און־צוואַנציקער. וויפל — האָט ער נישט איבערגעציילט.

דעם פאָגראָם אַקעגן

1

באַלד נאָך דעם האָט זיך די קלעפּיקע חולאת אין גאַנצן דערשראָקן פאַרן אָנקומענדיקן ווינטער. זי האָט פאַרקאַטשעט איר תכריכים־שלומפּער, אַרויפגעכאַפּט זיך אויף איר אַלטער, צעשויבערטער פּאָמיעלע און אַנט־לאָפן איבער וועלדער און פעלדער. נאָר אַ פּראָסטיקער שניייעלע האָט איר נאָכגעוויעט און פאַרווישט איר לעצטן סליאַד. אין די שפּיטעלער — אין יידישן אַזוי ווי אין גויאישקן — איז פּוסט געוואָרן. געשלאָסן האָט זיך דער פריקרע־געוואָרענער גאַניק אויף דער פּאַזניע, מיט זיינע גיפּטיק־קאַלירטע שייבעלעך, וואָס קיינער האָט מער נישט געקענט אָנקוקן... די דאָקטוירים פון שטאָט און דער פערשעל זענען געשלאָפן גאַנצינקע טעג און נישט געקענט זיך אויסשלאָפן, אַזוי אויסגעמוטשעט זענען זיי געווען. האָט מען זיי געדאַרפט האָבן צו אַ חולה האָט מען זיך נישט געקענט דערקלאַפּן ביי זיי. איינער האָט ברוגזדיק אָפּגעשיקט צום אַנדערן. חישין צו קראָלן און קראָל צו חישינען. פאַרגעסן אַפילו אויף קאָנקורענציע.

דערפאַר האָבן זיך אויפגעעפנט די קוואַלן פון טרערן. כמעט אין יעדער יידישער הויז האָט מען געגומען ציילן דאָס, וואָס מ׳האָט פאַרלוירן אין לעבנס, אין כוחות און אין פּרנסה... אָבער אַפילו זאָט אויסצוויינען זיך איז נישט אויסגעקומען אין יענער שלעכטער צייט. וואָרום פיל ווע־געגער מיט פּריזיוניקעס האָבן געגומען אָנקומען פון די אַרומיקע וואָ־לאָסטן. נישט קיין פריילעכע פּריזיוניקעס, נאָר שווייגעדיקע מיט אָנגערוקטע מאַגערקעס איבער די אויגן. אַלע מאָל האָט מען זיך געפרייט אויפן פּריזיון. אין מאַרק האָט זיך בעסער געלייזט. היינטיקן מאָל — ווו אַ קופּקע פּריזיוניקעס דאָרטן האָט מען געשלאָסן די קראָמען, פאַר־האַקט לאָדנס און טירן. וואָרום צו די פאַרשפּיצטע יידישע אויערן זענען אומעטום דערגאַנגען די שמועסן פון די דאָרפישע לייט. פון די פריזער־

דיקע גויאישע אַנצוהערענישן זענען געוואָרן אָפּענע דיבורים, אַז די זשידאָווסקע „דאָקטורס״ מיטן זשידאָווסקין „כפּערשעל״ האָבן געהיילט נאָר די זייעריקע. די „פּראַוואָסלאַוונע״ האָבן זיי אָפּגעסמט... דערפאַר, הייסט דאָס, זענען אַזוי פיל „אונדזעריקע״ אויסגעשטאָרבן אין די שפּיטאָלן... ווי נאָר מ׳האָט עמיצן געבראַכט פון דאָרף אין באָלניצע, אַזוי איז ער קיין לעבעדיקער מער נישט אַרויס. ווי אַ הונט ביי נאַכט אַרויסגעשלעפּט און באַגראָבן אויפן „מאָהילניק״ (בית־הקברות), נישט דער פּאָפּ האָט זיך דיר געצלמט, נישט אין קלויסטער האָט מען געקלונגען...

און גיי טענה זיך מיט זיי אויס! גיי דערווייז זיי, אַז מיט יידן, להבדיל, איז אויך אַזוי געשען, אויפן יידישן שטייגער.

פּאַרדעכטיקטע פּרצוף־פּנימער, אין שטאָטישע היטעלעך, האָבן זיך מיט די דאָרפישע פּריזיוויניקעס געשושקעט לעבן גרינעם קלויסטער. גייט פאַרביי אַ ייד פון מאַרק, אַזוי פאַרוואַרפט מען אים מיט שטיקער געפרוירענע בלאָטע. און פון יידענעס לאַכט מען אָפּ מיט נישט־אָנשטענדיקע תנועות. וואו־זשע איז דער נייער פּריסטאַוו מיט זיינע דעסיאַטניקלעך, מיטן זשאַנדאַר פון מאָהליוו? זיי האָבן דאָך עפּעס פריער גענישטערט אין גאַנץ שטאָט, געזוכט חטאים אין יעטוועדער ווינקעלע... נישטאָ! זיי אַלע זענען מיט אַ מאָל נעלם געוואָרן. מען הערט זיי נישט און מען זעט זיי נישט. האָבן זיך קצבים פון יאַטקע און באַלעגאָלעס פון צעך מער נישט געוואָלט לאָזן. וואָס הייסט שקצים פון דאָרף וועלן זיי באַוואַרפן מיט בלאָטע? ס׳האָבן ביי זיי גענומען בייסן די פּאַרמאַזאָליעטע הענט. אפשר מער נישט וואַרטן אויפן פּריסטאַוו און נעמען אַליין געבן „טרוקענע״? האָבן זיי אָבער קלוגע קרעמער געבעטן זיי זאָלן זיך איינהאַלטן, למן־השם — איינהאַלטן זיך און נישט אָנהויבן זיך אין אַזאַ עת־צרה! וואָרום ס׳איז דאָך שוין, ברוך־השם, קיין סוד מער נישט אין שטאָט, אַז חאַצע דער הינקענדיקער „ציציליסט״ איז אַנטלאָפן פון קאָנוואָי אין מאָהליוו... און מיטן פּריסטאַווס אויסוואָרצלען די „קראַמאָלע״ אין שקלאָוו איז מען דאָרטן שטאַרק נישט צופרידן... נו, איז אָט וויל ער זיך אָפּרעכענען מיט גאַנץ שקלאָוו איידער ער גייט אַראָפּ... המן פאַר דער מפּלה איז אַלע מאָל געפערלעך.

איז מילא, ביים פּריסטאַוו אין סטאַן שטייען און בעטן איז שוין נישטאָ וואָס. ער לאָזט קיינעם אויפן שוועל נישט אַריין. אַפילו אויף חישין דעם קאַזיאָנעם ראַבינער האָט ער שוין אָנגעשריען פאַר זיינע צוגע־

געסענע שתדלנות: „מישט זיך נישט, מאַכט ער, אין פּריזיוּר־זאַכן, גאָס־פּאָדין ראַבינער! זעט בעסער די יידישע מעטריקעס זאָלן זיין אין אָרדענונג!"... געהערט אַ לשון?

זענען אַנגעשראָקענע יידן אַוועק צום גלח, צום אַלטן פּראַוואָ־סלאַוונעם פּאָפּ — אַן אוהב ישראל, ער, הייסט דאָס, זאָל זיך אַריינמישן. האָט דער פּאָפּ נאָכגעגעבן. און זונטיק געהאַלטן, אין גרינעם קלויסטער, פאַר די פּריזיוּוניקעס, אַ קלוגע גאָטס־פּאַרכטיקע דרשה מיט טיפע ראיות פון עוואַנגעליע, אַז... גוטע קריסטן דאַרפן טאָן ווי דער יוזעל האָט געלערנט „האָב ליב דיינע פיינט!" אַזוי האָט ער געלערנט. „און פּאַטשט מען דיך אויף דער רעכטער באַק שטעל אונטער די לינקע אויך!...".

משמעות, אַז „פיינט" זענען יידן יאָ, און משמעות אַז יידן האָבן יאָ אַ טבע צו פּאַטשן זיך אויף דער רעכטער באַק... האָט טאַקע אימיצער פון די גויאישקע צוהערער אַ געשריי געטאָן, אַז ס'איז געזאָגט געוואָרן נאָר פאַר פּראַוואָסלאַוונע, נישט פאַר זשידעס... איז געוואָרן אַ פּייפעריי און אַ טומל. די מיינונגען האָבן זיך צעטיילט. קודלאַטע אָפּגעדעקטע קעפּ האָבן זיך אויפגעשאָקלט, ווי כוואַליעס אין אַ געוויסער, און דעם גלחס דרשה האָט זיך געענדיקט.

אַ ייד אויף אַ רפואה איז דעמאָלט נישט געווען ביים קלויסטער, גע־האַלטן זיך פונדערווייטן. נאָר חיה־שרהקע די משוגענע איז יאָ געווען. אָנגעפּאַנצערט מיט איר טשוהונענעם, איבערגעקערטן קעסעלע אויפן קאָפּ, האָט זי פאַר שטיינער מער קיין מורא נישט געהאַט. נישט פאַר גויאישקע שטיינער, נישט פאַר יידישע. האָט זי זיך גלייך אַ לאָז געטאָן איבערן שטאָט און צעטראָגן די נייעס אויף איר משוגענעם שטייגערל, מיט אירע אויסטערלישע גראַמעלעך:

אויס מיט קלינגען און מיט חגא!
שפּרינגט דער פּאָפּ אויף איין פיסנאָגע:
בים־באַם!
לעבן קלויסטער יושען גויאים
אוי, שיכורים, אוי רשעים!
בים־באַם!

פּאַנדרע אַליין האָט אינעם זעלבן זונטיק באַקומען אַנצוהערעניש פון מאָדיען „מיטן אמת", אַז איצטער ווייסט ער שוין, קען מען זאָגן, „אויף געוויס"... אויב מ'האָט אים, פּאַנדרען, נאָך נישט אַרעסטירט, פאַר מכבד זיין דעם מאָהליוּוער זשאַנדאַרניק, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל

מ׳האָט אַ בעסער עצה ווי פּטור צו ווערן פון אַזאַ סקאַנדאַלן־מאַכער, פון אַזאַ געוועזענעם אָסטראָזשניק... בשעת דעם ערשטן טומל אין מאַרק, וועט מען זען פּאַרטיק ווערן מיט אים בחברותא... איז זאָל ער זיך קאָרשט היטן די ביינער, זאָל ער.

— כ׳וועל מיר שוין היטן! — לאַכט פּאַנדרע און שפּילט מיטן קולאַק.

— נאָר נישט מיט נאַקעטע הענט! — טרייסלט מאַדיע מיטן גרויסן קאָפּ — וועסט זיך נאָך אָפּברענען!

ער רוקט דערביי אַריין זיין שוואַכע האַנט אין דער טיפער קעשענע און ציט אַרויס אַ נייאיינקן פּיסטאָל און דערלאַנגט:

— נאַ, נעם! אַברעמעלי וועט דיך שוין אויסלערנען!

פּאַנדרע האָט פּאַוואָליע אָנגערירט די נייע כלי, אַ גלעט געטאָן זי מיט הארטע פינגער און נישט געוואָלט נעמען:

— בעסער נישט! — מאַכט ער — איך קען מיט אַזעלכע איידעלע זאַכן נישט אומגיין. אָט מיט אַן אייזערנעם פּוד, מיט אַ האַלאַבליע!...

אַ לאַך געטאָן און אַריינגעשפּרונגען צו זיך אין ליידיקן וועגל.

כאַפּט אָבער מאַדיע אָן ביי איין לייצע: יאָ, וואָס נאָך האָט ער אים געוואָלט זאָגן? מאָרגן־איבערמאָרגן דאַרף מען זיין גרייט. ווי נאָר דער פּריזיוו וועט זיך אָנהויבן, דאַרף מען גיין דעם „מחותן" אָקעגן, אפשר ביז דאַברייקער באַרג... פּינקטלעך־ווען — ווייסט ער נישט..

— גוט! — גיט פּאַנדרע האַסטיק אַ זאָג, ווי ער אַליין וואָלט מורא געהאַט חרטה צו האָבן, און גיט אַ טרייב דאָס פערדל.

אַהיים, צו מערען, איז ער פונדעסטוועגן געפאָרן אַ פּאַרטראַכטער. אַ טאַפּ געטאָן זיך אונטער דער בוזים־קעשענע אין פּאַדיאָווקע. דאָרטן איז אומבאַרירט געלעגן שעפּטעלע דעם גנבס געלט. ווי אַן איינגענייטע „קמיע" האָט ער דאָס דורכגעטאַפּט דורכן גראָבן געוואַנט. אַזוי ווי ער האָט דאָס באַקומען אין יענעם ביינאַכט, נאָך מעריב, אַזוי האָט ער דאָס אַראָפּגעשטופּט, אונטערן וואַטאָוועז אונטערשלאַק, דורך דער אָנגעריסענער בוזים־קעשענע. די ערשטע פרייד פון אַריינבאַקומען אין די הענט אַזאַ מטמון מיט געלט איז שוין לאַנג אַוועק. פון שעפּטעלען אַליין איז ער דאָך געוואויר געוואָרן, אַז שטאַמען שטאַמט דאָס פון אַן אויסגעליידיקטער קראָם מיט גאָלדענע צלמימלעך... האָט ער דאָס מער נישט געוואָלט האָבן פאַר די אויגן. נאָר זיכערער איז ער ביי זיך פאַרט געוועזן. דער וועג צו אַנטלויפן, אויב ער וויל, שטייט פאַר אים אַצינד אָפן! די שיין־קאָלירטע

אַסיגנאַציעס לויכטן, ווי אַן אויסגעהאַקטער פענצטער אין אַן אָסטראָג...
און דורכן „פענצטער" זעען זיך בוימער, שליאַכן, פאַסן זון...

נאָר דווקא ווייל דער וועג איז אָפן — אַלץ מער פּילט ער אַצינד די אחריות פאַר ר' ישראל דעם גבאי, פאַר אַלע קינדער און ווייבער אין שטאָט, וואָס קוקן שרעקעוודיק אַרויס פון די איינגעבויגענע הייזקעס; אַלץ מער פאַרעקשנט איז ער אויסצופירן דאָס, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען...

פון שעפּטעלעס „קמיע", אונטערן וואַטאָוון אונטערשלאַק, ווייסט מערע גאָרנישט. ער וויל זי נישט מישן אין אַזעלכע זאַכן. זי דאַרף גאָרנישט וויסן, זיין פאַראַבלטע עלנטע ווייב, ווי אַזוי און קעגן וועמען ער שטעלט אַצינד איין זיין לעבן... שווער איז אים און שפּל צו באַהאַלטן זיך פון מערען, צו פראַוווען סודות היגטער אירע פּלייצעס. נאָר די לעצטע צייט האָט ער זיך אויך דאָס אויסגעלערנט. איז זאָל שוין בעסער דאָס געלט ליגן אין זאַפּאַס. אויף „מאַלע וואָס עס מאַכט זיך". אפשר גאָר אין גיכן קען אים אויסקומען צו אַנטלויפן אין מיטן העלן טאָג און מ'וועט אַפילו נישט פאַסעיען צו פאַרקויפן די ליידיקע שטוב. נאָך אַלעמען, שפּעטער, וועט מען זיך אַן עצה געבן. מ'וועט זיך אויסרעכענען.

און פּלוצלונג גיט פאַנדרע אַ קריץ מיט די ציין און אַ שמיץ מיט אַן עק לייצע דאָס נישט־אויסגעצאַלטע פערדל:

— דו פאַרקעסט זיך שוין ווייטער? ווייטער?...

דאָס האָט געגאָלטן נישט דעם פערד, נאָר זיך אַליין. דאָס איז געווען איינע פון זיינע צאַרן־אויסברוכן, אין דער לעצטער צייט, דערפאַר וואָס זינט ער איז אַרויס פון שפּיטאָל האָט ער זיך אַרייגגעלאָזן אין צופּיל טראַכטעניש, פּילעניש, גריבלעניש. אַ יאָלד געוואָרן. אַ סוף זאָל עס נעמען, פאַנדרע־גנב! ווייניקער געטראַכט און מער געטאָן.

און פון כעס אויף זיך אַליין — שמיץ נאָך שמיץ דעם שוואַרצן אויס־געבאַרגטן פערדל, שמיץ נאָך שמיץ:

— ניאָ, ניאָ, ניאָ! — פאַרברענט זאָלסטו ווערן אַן סטראַכאָווקע!...

2

מיט אַ טאָג און אַ האַלבע נאַכט נאָך דעם, ווי דער נאַבאָר האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זיך פאַנדרע געגעבן אַ כאַפּ פון שלאָף, ווי אימי־צער וואָלט אים אַ שטורך געטאָן מיט אַ שייט האָלץ אין זייט. ביים

נאַכט־לעמפּעלע אויפן קאַפּטער האָט ער, פּינטלענדיק, אָנגעקוקט ר׳ סענ־דערס ירושה־זייגער מיט איין וואָג. דער זייגער האָט געוויזן דריי.

פּאַנדרע האָט זיך שטיל און פלינק גענומען אָנטאָן. ער האָט אָבער געזען נישט פאַרגעסן יעדע קלייניקייט. די שטיוול מוזן זיצן גוט, נישט רייבן. דער פּאַסעק מוז גוט אַרומכאַפּן די לענדן. מ׳דאַרף זיין גרייט צו פאָרן, צו גיין און צו לויפן, אַ קליפּערל טאָר נישט פעלן.

ער האָט זיך אומגעקוקט צי מערע זיין ווייב שלאָפט געשמאַק, און פון אונטערן אַלמער אַ כאַפּ געטאָן אַ קורצן שטיק אייזן מיט אַ קיילעכ־דיקן קאָפּ און פאַררוקט אין די טיפע באַלעגאַלישע פלודערן. ס׳איז געווען אַן אַלטער אָפּגעבראָכענער טוקאַטש אַ יתום, אָן אַ שטויסל... די שטויסל איז שוין לאַנג פאַרלוירן געגאַנגען, נאָך אין די צייטן פון ר׳ סענדערן עליו־השלום. האָט מען מיטן טוקאַטש געשלאָגן טשוועקעס און געקנאַקט ניס, ביז איין קאָפּ איז אים אָפּגעפּאַלן. אָט דעם דאָזיקן טוקאַטש האָט דאָס פּאַנדרע, אָציִנד פאַרטאָג, אַריינגעכאַפּט אין קעשענע ווי אַ וואָפן. און מיט עקל דערפילט די קעלט פון אייזן אויפן אויסגעוואַרעמטן לייב. ביזקל ביין האָט די אייזערנע קעלט דורכגענומען; ווי אַ גיפט...

מערע האָט זיך אויפגעכאַפּט און פאַרשלאָפן אַ פרעג געטאָן:

— שוין?

— שוין דריי אַ זייגער. — האָט איר פּאַנדרע אָפּגעענטפערט מיט אַ געמאַכטן געגעץ — דעם פערד נאָך נישט געשפּאַנט.

נעכטן פאַרנאַכט האָט ער איר דערציילט אַ בייקע, אַז ער פירט אָפּ פאַרטאָג אַ „שודאָק" ביז קופּיאַל — האַלב וועג אויף מאָהליוו — און פאַר גאָר אַ געהויבענעם לוין... באשר אויפן דניעפּער גייען שטיקער אייז און פאַראַכאַדן פאָרן שוין נישט מער... האָט זיך מערע געוווען גע־שטעלט אַקעגן: הייַנטיקע צייטן פאָרט מען ראַנעטשקע נישט אַרויס, און נאָך אַזוי ווייט פון שטאָט... האָט זי פּאַנדרע באַרויקט. ערשטנס ביי טאָג, ווען דער שליאַך איז פול מיט גויאישקע פורלעך איז „די סכנה" גרעסער. און צווייטנס — אַלע באַלעגאַלעס זאָלן מורא האָבן אַזוי ווי זי, וואָלטן זיי שוין געמעגט פאַרקויפן די פערד יאָקע דעם שינדער און אַליין אַוועקגיין אין דראַכלע...

אַריינגעכאַפּט, אָציִנד פאַרטאָג, אַ לעבלעכע גלאָז טיי פון הליאַק, האָט ער דעם אָפּגעשניטענעם שטיק ברויט פאַררוקט אין בוזים. מערע זאָל נישט באַמערקן, אַז דאָס עסן איז אים אין האַלדז נישט געקראָכן, און איז אַרויס שפּאַנען דעם פערד.

שטאָק פינצטער איז געווען אויף דער גאַס און אַ רויִע קעלט האָט געבלאָזן. אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, הינטער די גערטנער, האָט זיך נאָר געבלייכט איין פענצטער. דאָס ליכט פון נר־תמיד מסתמא. טומאַנען זענען געשטאַנען איבער דער אָזערע, טומאַנען איבער די דעכער. אויף דער פאַרהאַרטעוועטער פאַלדן־בלאָטע, אין מיטן דער גאַס, איז געלעגן אַ זילבערדיקער זשאַווער פון דעם באַגינענדיקן פראָסט. דאָס האַרץ האָט פאַנדרען פאַרקוועטשט. האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן מיטביידע הענט אין שפאַנען און אין שנאָלעווען. צעוואַרעמען זיך האָט ער געוואָלט. און מיט פריקרעקייט ווידער אַ מאָל דערפילט די שווערקייט פון דעם אייזער־נעם טוקאַטש אין דער טיפער קעשענע.

ס׳האָט אויף אים אַ ווייע־געטאָן מיט רציחה און מיט בלוט. מיט פאַרקלעמטע ציין האָט ער זיך דערפאַר איינגעהאַלטן, נישט אַרויסצוואַרפן דעם שווערן שטיק אייזן און ווייטער געשנאַלעוועט. שווער איז אים אויך אָנגעקומען דאָס אַריין צוריק אין דער וואַרעמער שטוב און דאָס בעטן מערען, זי זאָל פאַרריגלען. שיעור־שיעור האָט אים דער קול נישט אַ ציי־טער געטאָן.

ביים צוריגלען די טיר האָט אים נאָך מערע פאַרשלאָפן אַ פרעג געטאָן:

— איז צום אָנבייסן וועסטו זיין צוריק, נח?

פאַנדרע איז געלאָסן אַרויף אויף דער קעלניע פון דער אַלטער בריטשקע און כלומרשט מישובדיק געדעכנט:

— דריי שעה אַהין, דריי־פיר צוריק... יאָ. אַרום אַ זייגער צען.

און אַ שמייך געטאָן דעם „שוואַרצן” מיט דער לייצע.

פוסט און הילכיק האָט זיך צעשריען די גאַס מיט האַרטע קולות פון געפרוירענער בלאָטע. פאַנדרע האָט פאַרביסן אַ ליפּ, געזען פאָרן אָן אַ זייט, ווו דער וועג איז גלאַטער. צופיל טומל מאַכט שוין אָן די גאַנצע קאָמעדיע מיטן „שודאַק”, וואָס ער דאַרף כלומרשט אָפּפירן אַזוי פרי... ס׳איז דאָך אַלץ נישט מער, ווי אַן אָנשטעל פאַר מערען; מערע זאָל צופיל קשיות נישט פרעגן: וואָס? ווער? וווהין?... און דאָ האָט אַלץ געדאַרפט זיין שאַ—שטיל. אַ סך שטילער. אין גאַנצן צופוס. ביזקל „אונ־טערבאַרג” — אויך צו פוס... נאָר פאַרפאַלן!

אָנהויב „אונטערבאַרג”, ס׳הייסט: דאָרטן, ווו דער פאַס ערד שניידט זיך אַריין צווישן אָזערע און דניעפער, האָט אים אין דער פינצטער אימיצער אַ רוף געטאָן:

— נח, דו?

— טפררו! — שטעלט אָפּ פֿאַנדרע זיין „שוואַרצן“ און גיט פֿאַר־זיכטיק אַ קוק אַראָפּ פון קעלניע.

אין שאָטן פון אַ גרויסער ווערבע האָבן אים אָפּגעוואַרט מאַדיע „מיטן אמת“ און אַברעמעלי „די געקוילעטע קאַץ“. פֿאַנדרע האָט זיי דערקענט און אַראָפּגעשפּרונגען מיט די לייצעס אין האַנט. זיין אָרט אויף דער קעלניע האָט גלייך פֿאַרנומען מאַדיע. נישט געניט אַרויפגעדראַפּעט זיך און איבערגענומען מיט ווייכע פינגער די קאַלטע לאַנגע רימענס.

— דעם אמת מוז איך אייך זאָגן, — האָט ער אָנגעהויבן ווי זיין שטייגער איז, געוואָלט אָפּנים זיך פֿאַרענטפערן פֿאַר זיינע חברים.

נאָר אַברעמעלי „די געקוילעטע קאַץ“ האָט אים קורץ און אַנטשלאָסן איבערגעשלאָגן:

— מ׳עט אַצינד אויסקומען אָן דיין אמת... פֿאָר!

— דיסציפּלין, חבר־אברהם! — גיט מאַדיע נישט איבעריק שטרענג אַ זאָג; וואָרום ער פילט זיך שולדיק, וואָס ער שיקט זיינע חברים אויף אַ ז אַ ז ד און אַליין זיצט ער גאָר אין בריטשקע. נאָר גלאַט אַזוי אַוועקפאָרן ווילט זיך אים אויך נישט. דערמאָנט ער זיי, וואָס מ׳האָט אָפּגערעדט:

— איז געדענקט: אַהין — צוזאַמען, צוריק — באַזונדער; און צוריק נישט מיטן שליאַך...

— מ׳געדענקט! שניידט ווייטער אַברעמעלי אָפּ. זיין שאַרפער פּנים איז גרוי און האַרט, ווי געגאָסן פון אייזן.

— און דעם „שפּייער“ נישט באַנוצן, סיידן... סיידן...

— סיידן־סיידן! — מישט איבער אַברעמעלי.

ער איז ביי זיך אַצינד תקיף, „די געקוילעטע קאַץ“. די אויבערהאַנט האָט ער אַצינד איבער מאַדיע־קאָפּ. ער, אַברעמעלי, איז שוין אַריין אין זיין עלעמענט פון געפאַר און רציחה. היינט וואָס פֿאַר אַ צורה האָט ביי אים מאַדיע מיט זיינע צען מאָל איבערגעקייטע פּלענער? איבעריק און אויסגעדראָשן זענען זיי אים אַצינד אויס.

— איז טרעפן מיר זיך ביי דיר! — שטעלט אַריין אַ וואָרט פֿאַנדרע. אַברעמעלעס שאַרפער קול אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, צווישן צוויי וואַסערן, שטעכט אים ווי אַ מעסער. וויל ער מאַכן אַ סוף.

— ביי מיר! — ענטפערט מאַדיע פון קעלניע אַראָפּ.

— פאַרגעס אים נישט אָנצופאָיען, מיין „שוואַרצן״... כ׳האָב נישט פאָספּעיעט...

— אויף האָבער וועסטו אים ביי מיר געפינען...

געבליבן ביידע אַליין, האָבן זיך אַברעמעלי און פאַנדרע אַריינגעקוקט אין די אויגן, אויף וויפל ס׳איז מעגלעך געווען אין אַזאַ חשון־נאַכט, פיר אַ זייגער פאַר טאָג. ביים שוואַרצן אָפשיין פון דער אָזערע האָבן זיך אַברעמעליס „קוקערס״ מאָדנע איבערגעגאָסן. דאָס וואַסער פון דער נאָ־ענטער הרעבליע האָט ברומיק און גוטמוטיק געבורטשעט, ווי אַן אזהרה פון אַן עלטערן, אַ געניטן...

— מ׳גייט?! — גיט אַברעמעלע שטיל אַ פרעג. און זיין פרעגן הערט זיך אָן ווי אַ באַפעל.

— מען גייט. — גיט פאַנדרע נאָך.

— איז געגאַנגען זאָל ווערן!...

זיי האָבן באַלד אַריבערגעשפרייזט דעם בריקל איבער דער הרעבליע, דערנאָך אַוועק צווישן ביידע שורות הייזקעס פון אונטערבאַרגער ישוב. האַרט ביים ליים־באַרג, אין אַ ווינקעלע, האָט פאַנדרע דערזען די בודקע פון ברעטער, וווּ מען האָט געטרונקען זעלצער־וואַסער, בשעת קומען צוריק פון אָסטראָג. מיט אַ פּרענט־אייזן, באַלכסון, ווי מיט אַ קרומען „פּתח״, איז אַצינד געווען פאַרשלאָסן איר הילצערנע טירל. ששאַ!... זי הייסט אַצינד אויך שווייגן, די בודקע.

טיף־אָטעמענדיק מיט קאַלטער לופט, האָבן זיי זיך אַ נעם געטאָן לינקס. אַרויף דעם משופּעדיקן באַרג. און אין גיכן זענען שוין ביידע געווען אויפן שליאַך, ביים אויסגעברענטן שטיק וואַלד. ס׳איז געווען דער זעלבער וואַלד, וואָס האָט פאַנדרען מקבל־פּנים געווען מיט אַזאַ „לומי־נאַציע״, אין דער ערשטער נאַכט פון זיין צוריקקומען אַהיים...

דאָפּלט שוואַרץ, אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט, האָבן דאָ אַרויסגעשטעקט די רעשטלעך אָפּגעברענטע סאָסנע־שטאַמען, קרומע פינגער פון די אויפגעשפּרונגענע וואַרצלען. ווו אַ טראָט, ליגן צעשאָטן די כוחות פון פאַנדרעס האַרטן לעבן. ווי לאַנג, אַ שטייגער, האָט ער דאָ געלאָשן דעם מיט־פייער־פאַרגאָסענעם וואַלד און געראַטעוועט דעם „אונ־טערבאַרג״? אומעטום ליגן זיינע כוחות צוגעטוליעט צו דער ערד, צו אָפּגעסמאַליעטע שטיקער שטאַמען און וויינען...

פאַנדרעס האַרץ האָט זיך פאַרקוועטשט, ווי פריִער בשעת שפּאַנען דעם פערד. כדי נישט פילן זיך אַזוי עלנט, האָט ער אויסגעדרייט דעם

קאָפּ צו אַברעמעלין, באַטראַכט זיין האַלבן פּנים אינעם גרויען חושך. אָט דער דאַרער נפש, אין צו גרויסע שטיוול, איז געגאַנגען צום ציל מיט גיכע, נישט־גלייכע טריט; איבערוואָרפנדיק זיך פון זייט צו זייט, מיט אַ טאָפּטשע־צו, ווי עפּעס גאָר אַ גרויסער גיבור, וואָס די ערד ציטערט אונטער זיינע טריט. און אין זיינע אויגן, בולטע און קיילעכדיקע ווי ביי אַ נאַכט־פויגל, האָבן זיך איבערגעגאָסן געהיימע אָפּגלאַנצן פון וואַלד און נאַכט. אין זיי, אַזוי ווי אין זיין אויסגעצויגענער מאָרדעלע, האָבן אַציננד שאַרף אַרויסגעטראָטן זיין געבוירענע רוצחישע נייגעריקייט, זיין זשעדנעקייט נאָך געפאַר... מיט דער זעלבער פאַרשפּיצטער מאָרדעלע, אַפּנים, און מיט די זעלבע אומבאַוועגלעכע אויגן האָט ער, ייִנגלווייז, אַרויסגעלייגט רעגן־ווערים אויף דער זון און געקוקט ווי זיי צאַפּלענען זיך און גייען אָפּ מיט וואַסער, ביז עס בלייבט פון זיי טויטע פעדימער... מיט אַזאַ נייגעריקייט האָט ער אוודאי געוואָרפן פליגן אין שפּינוועבס אַריין און צוגעזען ווי גרויסע אַכט־פיסיקע שפּינען פּענטען זיי און זויגן זיי לעבעדיקערהייט. און פונקט אַזאַ פּנים האָט ער מסתמא געהאַט, בשעת ער האָט געקוילעט די קאַץ מיט אַ צעראַצטן מעסער. און ווען אַלע זיינע חברימלעך זענען זיך צעלאָפן, האָט ער זיך איינער אַליין אַראָפּ־געלאָזט אויף די ציפּקעלעך און צוגעקוקט זיך ווי די חיה וואַרפט זיך מיטן בייכל אַרויף און וויל נישט פּגרן. אַציננד איז די גאַנצע פאַרטאַיעטע רציחה אַרויס. און מיט א י ר כוח שפּרייזט ער דאָס דורך נאַכט און וואַלד מיט אַזאַ אימפּעט. שפּרייזט און שפּייט דורך די ציין. באַטראַכט, ווייזט אויס, ווי בעסער אָפּצוטאָן די זאַך.

אָפּמאַרשירנדיק אַזוי ביי אַ שעה צייט, דורכן פינצטערן וואַלד, האָט פאַנדרע גענומען קווענקלען, צי ס'איז נישט אומזיסט?... און פאַרזיכטיק אַוועקגעשטעלט אַ נישט־זיכערע פראַגעלע:

— איז ווייסטו אויף געוויס?...

— אַז וואָס? — פרעגט איבער אַברעמעלי צווייִדייטיק, כאָטש וויסן האָט ער זייער גוט געוווּסט, וואָס פאַנדרע מיינט דערמיט. ער האָט דאָס אַציננד געטאָן ווי אַ בייזער רבי, ווען אַ תּלמיד שטעלט אָן איבעריקע קשיא. די חוצפּה זיינע, אַקעגן פאַנדרען, האָט זיך אַפּנים גענומען נאָר דערפון, וואָס פאַרטיק צו ווערן מיט טשורילאָ קאַטאַרזשניק האָט אויף זיך גענומען ער, אַברעמעלי, אַליין. פאַנדרע האָט געדאַרפט מאַכן קלעפּיק די הענט נאָר דאַמאָלסט, ווען אַברעמעלי וועט האַלטן שלעכט. אַזוי איז געווען אָפּגערעדט.

פאַרשטייט אים פאַנדרע זיין מיין:

— אַז גראַד היינט פרי וועט ער אָנקומען...

אַברעמעלי האָט שאַרף אַ שפּיי געטאָן דורך די ציין, ווי מיט אַ מיל־כיקן שפּריצער אויפן שוואַרצן שליאַך:

— אין „קופּיאַל" אין שענק פּאָפּט ער. צוויי וויאָרסט הינטער דאַ־ברייקע. נעכטן פאַר נאַכט האָט מען אים דאָרטן געזען...

און נאָך אַ פּאָר מינוט מאַרשירן שווייגענדיקערהייט, הויבט אָן, ביי אַברעמעלין אַליין, צו בייסן די צונג:

— ווי נאָר אַ פורל קומט אָן — איז טוז צווישן די בוימער! פאַר־שטייסט? מ'דאַרף אונדז דאָ נישט זען...

— כ'ווייס! — שאָקלט צו פאַנדרע.

— דער עיקר איז פאַרביי מאַקאַראָווקי. באַלד גייען מיר פאַרביי...

פאַנדרען גיט אַ טיאָכקע אין האַרצן. נאָר ער גיט דאָס נישט אַרויס און זאָגט כלומרשט גלייכגילטיק:

— מאַקאַראָווקי ליגט אָן דער זייט, טיפער. קוים וואָס מען זעט פון שליאַך דעם שפּיץ קלויסטערל...

— פונדעסטוועגן... — קוקט אים אָן אַברעמעלע מיט קיילעכדיקע זשעדנע אויגן — וועמען־וועמען... ד י ך קען מען דאָ גוט...

דער „דיך" איז געווען אַרויסגעזאָגט מיט אַ קוועטש. אַלע רעדערייען אין שקלאָווער מאַרק האָבן אין אים אָפּגעקלונגען. און פאַר פאַנדרעס אָנגעכמורעטע אויגן האָבן זיך אַ טראַג געטאָן קאַטערינושקאָס רויטע קאַצאַווייקע, דאַנילאָס הארמאָשקע, מיקיטאָס רעטאַך־באָרד... די וועלט איז אַזוי ענג! מען דרייט זיך, מען דרייט זיך און מען קומט צוריק צום זעלבן אָרט. ווי אַ בלינדער פערד אין קרייז — שטענדיק צום זעלבן אָרט...

אַ סוף מיט טשורילאָ קאַטאַרזשניק

1

אַ האַלב וויאָרסט פאַר מאַקאַראָווקי זענען אַברעמעלע און פּאַנדרע אַריין צווישן די סאָסנעס, וואָס ווייטער פון אומגעריכטע באַגעגענישן, און געטאַפּט־געגאַנגען פּאַזע מיטן שליאַך. מיט נאַכט־גערוישן און מיט אימות האָט דער וואַלד געהודזשעט איבער זייערע קעפּ. אַזאַ טבע האָט שוין אַ סאָסנע־וואַלד; רויִקע שטאַמען אונטן, און אויבן — אומרויִקע נאָדל־קרוינען. שוואַרץ־גרינע כוואַליעס ברויזן איבער אַ ברוינעם פאַרגליווערטן תהום: „זזוו—או, או! זזווו—או—או!...".

וועגן דער עלנטקייט פון דעם מענטשן אויף דער ערד האָט דער וואַלד געוואָיעט, וועגן זיין פאַרוואָרפנקייט אין אַזאַ רויער חשון־נאַכט. אַפילו צווישן אָט די שטילע שטאַמען — אַ קלייניקער, אַ פאַרלוירענער. סאַראָקעס שלאָפן אין זייערע נעסטן, שלייענס אין אָזערע, צווישן טראָסטינעס. נאָר דער מענטש, דער פאַרוואָגלטער, דער קיין מאָל זיכערער, בלאָנדזשעט דאָ, אין דער פינצטער; פלאָנטערט זיך צווישן בוימער, באַהאַלט זיך פון זיינע פיינט און אַליין לויפט ער אַרום צו זוכן זיי ווי אַ פאַרסמטער. און ווער ווייסט וואָס באַלד, אין אַ שעה אַרום, וועט נאָך געשען...

כדי שטאַרקן זיך אַ ביסל האָט פּאַנדרע אָנגעטאַפּט דעם טוקאַטש אין קעשענע, דעם אייזערנעם טוקאַטש פון דעם אַלטן פאַרלוירן־געגאַנגענעם שטויסל... דעם איינציקן שטיק כלי־זין, וואָס ער האָט זיך דערלויבט צו נעמען מיט זיך אויף „מאַלע וואָס עס מאַכט זיך"... האָט ער דאָס אַצינד אַ טאַפּ געטאָן, און, מיט שפלדיקייט, אַוועקגעכאַפּט די האַרטע האַנט זיינע, ווי פון אַ צוזאַמענגעקנוילטע, אויסגעוואַרעמטע שלאַנג. וואָפן האָט פּאַנדרע בכלל פיינט געהאַט פון תמיד אָן. אַ שפלות פון אַ שוואַכן האָט ער געפילט אין יעדן געווער. אַ גיפט־שטאָך פון אַ שרץ. נאָר די חברים

זיינע האָבן אים שטאַרק צוגערעדט, נישט אָוועקצולאָזן זיך מיט נאַקעטע הענט... האָט ער אים גענומען. פאַרט בעסער ווי אַ גזלנישער מעסער, אָדער ווי אַן אומברחמנותדיקער פּיסטאָל.

אָפּגעטרייסלט זיך פון שטיק אייזן אין קעשענע, איז פאַנדרע, מיט דער זעלבער האַנט, אַריינגעפאָרן אין וואָרעמען בוזעם נאָכן שטיק ברויט, וואָס ער האָט נישט געקענט צובייסן צום לעבלעכן טיי. אָפּגעקניפּן אַ גוטן שטיק — האָט געפּרווט קייען גייענדיק. נאָר ס׳איז אים גלייך זויער געוואָרן אין מויל. האָט ער זיין טרוקענעם אָנבייסן אָנגעבאָטן אַברעמעלען:

— נאַ, ווילסט?

נישט רעדנדיק קיין וואָרט, האָט אַברעמעלע זשעדנע אַ נעם געטאָן דעם שטיק ברויט. און באַלד האָט זיך דערהערט זיין שליימיקער זשוואַקען. געגאַנגען און געזשוואַקעט אין דער פינצטער.

ערגעץ־ווו הינטער די ביימער, ווי פון דער טיף אַרויס, האָט זיך צעבילט אַ הונט, אַ באַסאָווער, אַ הייזעריקער. און נאָך אים אַ צווייטער, אַ קלאָרערער ביל, אַ יונגערער... דערשמעקט מענטשן. מאַקאַראָווקי ליגט דאָ ערגעץ־ווו אין טאָל. נאָר צווישן די פינצטערע שטאַמען זעט מען נאָך גאָרנישט. אַפילו דעם נייעם שפּיץ פון דאָרפישן קלויסטער — אויך נישט. אַ פּאַרטאַגיקער האָן האָט זיך צעקרייט, און זיין פאַרשלאָפענער קריי איז געבליבן הענגען אין דער לופט, נישט ווי אַ קול פון אַ לעבע־דיקער זאַך, נאָר ווי דער בלייענער קריי פון אַ צאַצקע־הענדל, וואָס מען קויפט פאַר אַ קאָפּיקע אויף שקלאָווער יאַרידן...

— קאַ—קע—ריי—איי!

ווי לאַנג איז דאָס זינט קאַטערינושקאַ האָט אים דאָ, פאַנדרען, אַ לויכט געטאָן צווישן די ביימער מיט איר רויטער קאַצאַווייקע און מיט איר הייסער ווייבל ערלעכקייט, פאַרכישופט אים מיט איר בערעזאָ־ווער קערבעלע פול מיט ברוסניצעס און הייסע גלוסטעבישן?... אין גאַנצן אַ וואָכן עלף־צוועלף... ווי גיך ס׳איז אַוועק די צייט! און אַט שלאָפט זי שוין אַצינד מיט דאַנילאָן — איר אויסגעדינטן און באַליידיקטן יון — אויף די פויערישע „פּאַלאַטיעס” אין דאָרף... אפשר האָט ער זיך אַצינד אויפגעכאַפּט, דער יון, מיט זיינע שווערע פאַרדאַכטן. דער פּאַרטאָגיקער האָן האָט אים אויפגעוועקט. שלאָגט ער זי, קאַטערינושקען, אין די ווייכע זייטן, אין מיטן דער נאַכט. ער שלאָגט זי און זי וויינט און קושט אים דעם קולאַק און ווייסט אַפילו נישט, אַז ער, פאַנדרע, איר פאַרפירער,

גייט אַצינד פאַרביי... עלנט איז מען אויף גאַטס וועלט, עלנט ווי אַ שטיין.

וואַרעמער אַ ביסל איז פאַנדרען געוואָרן אויפן האַרצן, ווען מ׳איז מיט אַ וויאָרסט ווייטער פון מאַקאַראָווקי, צוריק אַרויס אויפן שליאַך און ווידער גענומען גיין גיכער און פרייער, פלייצע צו פלייצע מיט אַברע־מעלען, פאָכענדיק פוןביידע זייטן מיט די הענט, ווי מיט וויאָסלעס. אַזוי האָבן זיי שווייגנדיק אָפּגעמאַרשירט אַ גוטע אָנדערטהאַלבן שעה, צע־וואַרעמט זיך.

אין דער שוואַרצער טיפקייט פון די בוימער, אויף דער לינקער זייט שליאַך, דאָרטן וווּ דער דניעפּער שלענגלט זיך, ערגעץ־ווו, צווישן ליים־בערג, האָט גענומען גרויען אויף טאָג. דער שליאַך האָט אָנגעהויבן גיין אַרויף־אַרויף. אַברעמעלי האָט זיך אומגעקוקט אויף פאַנדרען און ביידע האָבן גענומען גיין פאַרזיכטיקער, רייבן זיך ביי די בוימער, און גרייט געווען אַלע ווײַלע אַריינצושפּרינגען צווישן די שטאַמען, פאַרטאַיען זיך. וואָרום דאָס גיין־אַרויף איז געווען אַן אָנזאָג, אַז דער דאַברייקער באַרג דערנענטערט זיך. ווייטער פון באַרג קען מען שוין נישט גיין. באַהאַלטן זיך צווישן די קוסטעס מוז מען דאָרטן און אָפּוואַרטן דעם בעל־דבר... וואָרום דאַברייקע שטייט ווי אַ הויכע זאַמדיקע פעסטונג צווישן שליאַך אַראָפּ שקלאָוו און צווישן שענק אין קופּיאַל, וווּ טשורילאָ דער רוצח איז געבליבן נעכטיקן.

פּלוצלונג איז אַברעמעלי געבליבן שטיין און אויפגעהויבן אַ פינגער. פאַנדרע האָט זיך אָנגעשפּיצט, אויסגעדרייט אַן אויער. אַזוי זענען זיי אַ ווײַלע געשטאַנען ווי אַ פויגל־שרעקער אויפן מיטן שליאַך. אַ ווייטער, נישט־דייטלעכער גערויש האָט צו זיי גענומען דערגרייכן פון יענעם זייט באַרג. אַ פּור נישט־אַ־פור, נאָר עפּעס אַן אָפּגעמאָסטענער קלאַפּן פון ווייטע האַמערס אין אַ קוזניע. באַלד איז דער גערויש געוואָרן קלאָרער. ווי דאָס גלייכמעסיקע טופּען פון אַ סך באַשטיוולטע פיס האָט עס זיך אַצינד אָנגעהערט.

אַברעמעלעס פּנים האָט זיך אויסגעצויגן:

— נישט אַליין? שלע—כט!... נו, קודם־כל — אָפּציען!...

און פּונקט אַזוי ווי פאַר מאַקאַראָווקי אַזוי זענען זיי אויך דאָ אַריין צווישן די סאָסנעס. פאַרטאַיעט זיך הינטער די ברייטע שטאַמען, אַרויס־געקוקט...

דאָס געמאָסטענע טופּען פון אַ סך פיס איז געוואָרן אַלץ דייטלעכער, נענטער. דער גאַנצער שליאַך, אין דער באַגינענדיקער שטילקייט, האָט

דאַכט זיך, געקלונגען ווי אַ ריזיקע ברייטע ברוסט:

— פּום—פּום! פּום—פּום!

הינטער דער ברוינער נעץ פון שטאַמען האָט זיך פּאַר נחס און אַברעמעלעס אויגן אַרויסגערוקט אַ מין לעבעדיקער קאַסטן. דער קאַסטן שווימט, און פון פאָרנט ביי אים פּאַכעט אַ גרויסער פאַרטוך. אַ פּאַך און אַ קלאַפּ מיט אַ סך שטיוואַלעס. אַ טופּ און אַ פּאַך.

דער קאַסטן וואַקסט אָן, ווערט ממשותדיקער, פּילט אויס די ברייט פון פּוסטן קאַרג־באַלויכטענעם שליאַך, און ערשט דאָ ווערט קלאָר, אַז דאָס זענען סאָלדאַטן אין שינעלן. אַ גאַנצע ראָטע יונים.

שטיל ווי די לעמער האָבן נח און אַברעמעלע אַרויסגעטשיקעוועט. דער כוח פון אַזוי פיל טופּענדיקע פיס, אין אַזאַ באַגינענדיקער שעה, האָט זיי דערדריקט. אָבער קיין שום ציוויל־פאַרשווינען האָבן זיי אַרום די סאָלדאַטן נישט באַמערקט. אויסער דעם פעלדפעבעל אין דער שפּיץ פון ראָטע. אין אַ ביסל אַ שענערן שינעל איז ער געווען אָנגעטאָן. זיכערער און פרייער געטופּעט מיט זיינע גרוי־פאַרשטויבטע שטיוואַלעס, געגעבן דעם טאָן דער גאַנצער ראָטע:

— טופּ־טופּ! טופּ־טופּ!

גיכער ווי זי איז אָנגעקומען האָט זיך די ראָטע אָוועקגערוקט אַראָפּ שליאַך. פון די לעבעדיקע באַזונדערע סאָלדאַטן איז ווידער געוואָרן אַ קאַסטן, איין פּירעקעדיקער שטיק, וואָס קריכט אַוועק אויפן וועג קיין שקלאָוו און פּאַכעט מיט אַ גרויען וואַליקן פאַרטוך. אַצינד נישט פון פּאָרנט, נאָר פון הינטן... און נח און אברעמעלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז פּאַכען טוען דאָס די לאַנגע זעלנערישע אַרבל, וואָס גיסן זיך ביסלעכ־ווייז צונויף, אין דער שטויביקער ווייטקייט, ביז זיי פאַרשווינדן אין גאַנצן.

ערשט אַצינד האָט אברעמעלי דער כוואַט געקראָגן לשון. ער האָט זיך דריבנע צעשאָקלט מיט זיין שאַרפער מאָרדעלע אויף פאַנדרען:

— פאַרשטייסט?

און נישט וואַרטנדיק אויף פאַנדרעס ענטפער פאַרטייטשט:

— איצטער זעסטו שוין? מאָדיע איז געווען געריכט... מיט די דאָרפישע פּריזיוועניקעס איז מען אין מאָהליוו נישט זיכער... טרוסן! שיקט מען זיי „רבנים", מיט ביקסן־שפּיזן אין די גאַרטלען. אָט די, אַז מ׳וועט זיי הייסן עפּעס טאָן, וועלן זיי י אַ פאַלגן. אויסגעשקאָליעטע...

— ווער וועט זיי דאָס הייסן? — פרעגט פאַנדרע תמימותדיק. ער האָט

אַברעמעלעס ווערטער נישט גוט צעקייט. אין קאָפּ האָט זיך דאָס אים אַפילו נישט פּאַסטופּיעט, מ׳זאָל שיקן אַ גאַנצע ראָטע מיט אויסגעמושטריר־טע רוצחים אויף אַ שטאָט מיט אומבאַוואָפנטע יידעלעך, און ווען? נאָך אַזוי פיל אומגליקן און חולאתן, ווען קיין איינציקע שטוב האָט נאָך נישט פאַספּיעט צו באַווייגן אירע טויטע.

— ווער ווער הייסן? — פרעגט איבער אַברעמעלע מיט אַ געזאַל־צענעם געלעכטערל — ר׳ ישיעלעס איידעם מסתמא!... קום!

ער האָט דאָס ווידער אַ זאָג־געטאָן, אַברעמעלע „די געקווילעטע קאַץ״, ווי אַ רבי צו אַ נישט־געראָטענעם תלמיד. און פאַנדרע האָט אויך דאָס אַראָפּגעשלונגען און נאָכגעגאַנגען. אַזוי געפאַלן איז ער ביי זיך געווען ערב דער מיאוסער זאַך, וואָס דאַרף דאָ נאָך פאָרקומען היינט פרי אין וואַלד.

2

אין די קוסטעס, אויף ד ע ר זייט דאַברייקער באַרג, איז זיי אויס־געקומען צו זיצן אין באַהעלטעניש אַ גוטע האַלבע שעה. די מינוטן האָבן זיך געצויגן ווי פון פעך. אַברעמעלעס פּנים איז פאַר דער האַלבער שעה מאָגערער געוואָרן, די אויגן — שטאַרער. פון נאָגנדיקן אומגעדולד האָט ער שאַרף געשפּייט דורך די נישט־געזונטע ציין. און פאַנדרע איז געזעסן צוזאַמענגעקאָרטשעט, מיט זיין אייזערנעם גרויסן גוף, און געזוכט אין זיך אַ ביסל כעס אויף טשורילאָ קאַטאַרזשניק, אַ ביסל רציחה אויף זיין אַלטן שונא פון אָסטראָג, און נישט געקענט געפינען.

דער נאָענטער, מיט קוסטעס באַוואַקסענער באַרג האָט געוואָרפן אַ גרויסן שאָטן אַראָפּ שליאַך. האָט אויסגעזען שוואַרץ און פלאַך, ווי אויסגעשניטן פון גראָבן קאַרטאָן און אָפּגעשפּאָלטן פון אויבן. נאָר זיין סאַמע שפּיץ איז געווען אַרומגעזוימט מיט רויטלעכן שיין. דער פרי־מאָרגן אַליין האָט זיך אויך פאַרטאַיעט... ז י י דאָ, אויף דער זייט, און ע ר אויף יענער זייט באַרג, און כאַפּט אַ קוק, מיט איין רויטן, צוגע־שטשורעטן אויג, אויף די צוויי מאָדנע פאַרשויגנע אין די טונקעלע קוסטעס...

אין רעכטן מיטן פון באַלויכטענעם שפּיץ האָט מען שוין אַצינד דייטלעך געזען דעם איינשניט פון שליאַך, וואָס שטייגט אַרויף פון יענער

זייט באַרג, צעשלענגלט זיך ווי אַ ברייטער פּאַס און צעגיסט זיך, דאָ נאָענט, ווי אַ פּאַרגליווערטער גרויער טייך.

אַברעמעלעס קעפּעלע האָט זיך פּלוצלונג אַ דריי געטאָן, ווי ביי אַ קאָטער ווען ער דערהערט אַ סקראָבען פון אַ מויז. מיט חיהש־פּאַר־גרעסערטע אויגן האָט ער זיך פאַוואָלינקע אויפגעהויבן אויף די ציפּקעלעך, פאַרריסן די שאַרפע מאָרדעלע, אַ צי געטאָן די רויע לופט און באַלד אַראָפּגעזעצט זיך צוריק:

— אימיצער גייט!

— ער? — גיט זיך נח אַ טרייסל אויף, און דערפילט, צו זיין גרויסער חרפּה און שאַנדע, אַז עס גלוסט זיך אים קלאַפּן מיט די ציין... נאָר אַברעמעלעס קאַלטקייט און זיין קעצישער קוק צווינגען אים איינצוהאַלטן זיך מיט אַלע כוחות. אַברעמעלע שניידט אָפּ קורץ:

— מ׳עט שוין זען... פּאַרטיקערהייט.

און מיטן זעלבן טאָן פון אַ טרוקענעם רבי, וואָס באַלערנט זיין האָמעטענעם תלמיד, גיט ער צו:

— לאָז זיך בעסער אַראָפּ אויפן בויך! ביסט צו גרויס, ביסטו... אַז ע ר וועט אַראָפּ טיפער, וועט ער אונדז פון אויבן מער נישט קענען זען. דאַמאָלסט וועלן מיר קענען אויפשטיין...

אַ שוואַרצער פלעק האָט זיך באַוויזן אינעם זוים־ליכטיקייט אויפן שפּיץ באַרג, און אין אַ פּאָר מינוטן אַרום האָבן זיך שוין צו די קוסטעס דערטראָגן סמאָרעדיקע טריט פון שטיוול, דאָס קייקלען זיך פון שליאַך־שטיינדעלעך. דער באַרג אַראָפּ האָט זיך באַלויכטן און מ׳האָט אויף זיין משופּעדיקן מיטן ד׳ערזען אַ ריזיקע גויאישקע געשטאַלט, אַ שפּיציקע פּעלצענע היטל, הויזן אין כאַליאַוועס, הענט קרום פאַררוקט אין קעשענעס־שפּאַלטן פון אַ נייער פּאָדיאָווקע. די געשטאַלט בלייבט אַ ווײַלע שטיין, קוקט זיך אַרום און לאָזט זיך אַראָפּ מיט אַ ביסל פוילע אָבער זיכערע טריט.

אין דער הויכער, געזעצטער און גוט־אָנגעטאָנענער געשטאַלט האָט פּאַנדרע בשום־אופן נישט געקענט דערקענען זיין געוועזענעם בלוטיקן שונא, דעם צעשליסענעם, פּליכעוואַטן אַרעסטאַנט, מיטן אָנגעדראָלענעם מגושמדיקן פּנים, מיט וועלכן ער האָט זיך געשלאָגן אין אָסטראָג אויף טויט און אויף לעבן, און נישט דעם, וועלכער האָט אים דערנאָך געוואָרפן אַ האַלב־פּודיקן שטיין אין קאָפּ אַריין, אויפן מאָהליווער שליאַך... גיכער האָט דער אָנקומענד׳יקער אויסגעזען ווי אַ בעל־גוף אָן ערל, אָן אייגגע־

פונדעוועטער פֿייער, וואָס האָט זיך געקויפּט אַ יום־טובדיקן גאַרניטער און לאָזט זיך אַראָפּ אין שטאָט צו „באַנעצן" דאָס נייע אָנטועכץ מיט אַ קווערטל בראָנפֿן. נאָר עפּעס האָט, אינעם פּוילן הילוך און אין דער שווערער זיכערקייט פֿון אַ בער, פּאָרט דערמאָנט אָן יענעם קלאָציקן גוי, וואָס איז אַמאָל אַריינגעשפּרייזט מיט אַ קלונג פֿון קייטן צווישן די נאַרעס אין אָסטראָג, און גענומען טשעפּען זיך צו די יידישע אַרע־סטאַנטן...

וואָס נידעריקער דער גוי איז אַראָפּ פֿון דאַברייקער באַרג, אַלץ בולטער זענען געוואָרן די באַזונדערע תנועות זיינע פֿון אַ צעלאָזענעם פּוילן בופֿלאָקס, אַלץ שטאַרקער האָט ביי פֿאַנדרען גענומען קלאַפּן דאָס האַרץ, אַלץ שאַרפֿער און פֿאַרשפּיצטער איז געוואָרן די גאָמבע ביי אַברעמעלען, און אַלץ קעציִשער — זיינע ווייסלעכע אויגן. פֿאַנדרע האָט באַמערקט, אַז אַברעמעלע איז בודק שטילערהייט איןביידע קעשענעס, פֿאַרגעוויסט זיך מיט זיינע וואָפֿן: מיטן מעסער אין דער רעכטער קעשענע און מיטן פּיסטאָל אין דער לינקער... אין דריטן און אין ערגסטן פֿאַל, אויב נישט קיין מעסער, נישט קיין קויל וועט דעם גוי נעמען, ערשט דאַמאָלסט קומט אין באַטראַכט פֿאַנדרעס אייזערנער טוקאַטש פֿון דעם פֿאַרלוירן־געגאַנגענעם שטויסל...

וואָס נעענטער דער גוי איז צוגעקומען, אַלץ דייטלעכער איז געוואָרן זיין גוטע אָנטועכץ און אַלץ אומדייטלעכער — זיין פּרצוף־פּנים. אַ רויכל פֿון אַ „ציהאַרקע" האָט אים פֿאַרשלייערט... מ'האָט אַציינד, פֿון באַהעל־טעניש, גוט געזען די שוואַרצע געוועטענע הויזן און די כאָליאַוועס פֿון די נייע שטיוול, די אַ ביסל העלערע פּעלצענע פּאָדיאָווקע, דאָס שפּיציקע ווינטער־היטל פֿון גרויע באַראַשקע; אָבער די נאָז, די צעבראָכענע, די רויטע לאַטקע־נאָז, אַזוי ווי פֿאַנדרע האָט זי געזען צום לעצטן מאָל אויף דעם מאָהליוועער שליאַך, אָט דעם בעסטן סימן, אַז ס'איז נישט קיין אַנדערער, נאָר טשורילאָ קאַטאָרזשניק, האָט פֿאַנדרע קלאָר נישט געקענט זען, ווייל וואָס נידעריקער דער גוי איז אַראָפּ פֿון באַרג, אַלץ ווייטער איז ער אַוועק פֿונעם ערשטן שיין אויף טאָג, אַלץ טיפֿער איז ער אַריין מיטן פּנים אין שאָטן. בולט איז נאָר געוואָרן די אָנגעצונדענע „ציהאַרקע" אין פֿליישיקן מויל, דאָס בלויע טאַבאַק־רויכל...

— ס'איז ער? גיט אַברעמעלע אַ שושק אויף פֿאַנדרעס אויער.

פֿאַנדרע האָט אַ ווייז געטאָן מיט צוויי פֿינגער אויף זיין אייגענער

נאָז און אַ הויב געטאָן מיטביידע פּלייצעס, ס'הייסט: ער זעט נישט קלאָר די נאָז... ער איז נישט זיכער...

אַברעמעלע האָט נאָר אומגעדולדיק אַ פּאַך געטאָן מיט זיין ביינער־דיקער האַנט. ס'הייסט: „שטאַרק פאַרלאָזן זיך אויף דיר, נחקע, קען מען אויך נישט!... דו קוועטשט זיך מיר, ווי אַ רב ביי פּסקענען אַ שאלה"...

און האָט זיך אַנטשלאָסן אַ הויב געטאָן. דאָס האָט געזאָלט באַדייטן, אַז ער, אַברעמעלע, וועט זיך שוין אַליין אַן עצה געבן...

ער האָט איילִיק אַרויסגעכאַפּט אַ שטיקל פּאַפּיר פון קעשענע, אַ קייקל געטאָן איין מאָל און צוויי מאָל, אַ פּיר געטאָן מיטן שפּיץ צונג, אַריינ־געשטעקט זיך אין מויל אַ מכלומרשטע פויערישע „ציהאַרקע" און שטיל אָבער האַרט אַ זאָג געטאָן:

— קום נאָך, נח! אָבער נ י ש ט אויפן שליאַך... פאַרשטייסט?

און האָט זיך אַרויסגעמאַכט פון צווישן די קוסטעס.

פּאַנדרע האָט זיך האַסטיק אויך אַ הויב געטאָן און גענומען נאָכגיין צווישן די סאָסנעס, פּאַזע מיטן שליאַך, און קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פון זיין רירעוודיקן חברל. אַברעמעלע האָט קונציק אויסמערקירט אַרויס־צוטרעטן אויפן וועג אַזוי, אַז ער איז אויסגעקומען דעם גוי פון הינטן; און נאָר עטלעכע קלאַפּטער האָבן זיי פּאַנאַנדערגעטיילט.

דערהערט טריט הינטער זיך, האָט זיך דער ערל גיך אומגעדרייט און מיט פאַרדאַכט אַ טראָט געטאָן אויף הינטן. ער האָט אָבער דערזען עפּעס אַ צעקראָכענעם בחורל, אַ דאַרן נפשל, אַן עניוותדיקן איינגעבוי־גענעם, איז ער גלייך שטיין געבליבן, אַרויסגענומען די רויכערדיקע „ציהאַרקע" פון מויל, בריישלעך אַרויסגעלאָזט רויך פון די נאָזלעכער; און מיט אַ מין קאַלטער אַרויספאָדערונג פון אַן אַלטן בויאַן אָפּגעוואַרט ביז אַברעמעלע האָט זיך מיט אים אויסגעגלייכט. פּאַנדרע האָט זיינע אויגן נישט געגלויבט. איינגאַנצן אומגעביטן האָט זיך אַברעמעלע. ווו איז דאָס עפּעס אַהינגעקומען זיין איינגעגעסענע חוצפה, זיין צעלאָזענע מינע פון אַ גאַסן־יונג? אַ באַשיידענער, פּריטשמעליעטער נפש איז דאָס אַצינד געוואָרן. שיעור נישט אַ ישיבה־בחור, וועלכער גייט איינינקער אַליין אין וואַלד און טרעפט אַ פרעמדן משונהדיקן גוי...

פּאַנדרע האָט אַצינד איבערגעפירט זיין פאַרוואונדערטן קוק אויפן גוי און האָט שיעור נישט אַ געשריי געטאָן. דער דיקער קנויל רויך, וואָס דער גוי האָט אָקאָרשט אַרויסגעוואָרפן פון מויל און נאָזלעכער איז צעגאַנגען, און די פרימאָרגנדיקע ליכטיקייט, פון שפּיץ באַרג, האָט

אַציגנד העל באַלויכטן דעם ערלס אומגעדרייטן פּרצוף. אַ צעקרימטע רויטע לאַטקע איז דאָ געזעסן אָנשטאָט אַ נאָז. אַ רויטלעכע שלעכט־געשוירענע בערדל האָט אַרומגעצוימט אַן אַנגעדראָלענעם פּנים פון אַ פּיאַניצע. ווייסלעכע, נישט־פינטלדיקע, האַלב־פאַרשלאָפענע אויגן, אַן ווי־עס, האָבן פון דער רויקייט אַרויסגעקוקט מיטן באַזונדערן קוק פון אַן אַלטן פאַר־ברעכער. טשורילאָ!!!

אַזאַ פּלוצלעכע באַרויקונג און ברייטלעכקייט פון גוי האָט אַברעמעלע גלייך אָפּגעשאַצט מיט זיין היגטישן חוש. ווי אַ נעבעכקע איז ער צוגעגאַנגען צום גוי, מיט גנביש געבראָכענעם קול אויסגעטאָן דאָס היטל פאַר אים, אָפּגעגעבן אַ גויאישקן „גוט־מאָרגן”, ווי אַן אמתער מעקלערל, וואָס שאַרט זיך צום פולן וואָגן פון אַ דאָרפישן בעל־גוף... אָבער בעת־מעשה קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פון גויאישקן פּרצוף, אויסגעקוקט, אָפּנים, צי ס'איז טאַקע טשורילאָ דער קאַטאָרזשניק מיט דער צעבראָ־כענער נאָז, צי נישט.

נישט מיט קלענערער נייגעריקייט האָט טשורילאָ באַטראַכט אַברע־מעלען; וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ יידליק אַזאַ, וואָס איז פּלוצלונג אַרויסגעקראָכן הינטער אים? פון וואַנעט האָט ער זיך גענומען?

כדי נישט געבן צופיל צייט דעם גויאישקן האַמעטנעם, נישט־איבעריק ניכטערן קאָפּ, ער זאָל זיך צו עפּעס דערטראַכטן, האָט זיך אַברעמעלע צוגעאײַלט און באַלד נאָכן „גוט־מאָרגן” אונטערטעניק, און מיט אַ חניפה־דיקן שמייכעלע, אַ בעט געטאָן:

— און פאַררויכערן, כאַזשאַין, קען מען?

אַזאַ זיסינקע הכנעהדיקייט און אַזאַ הויכער טיטול ווי „כאַזשאַין” (באַלעבאָס) צו אים — אַ קאַטאָרזשניק, וואָס איז יאָרן־לאַנג געזעסן געשמידט אין קייטן, האָט אים ווייזט אויס אין גאַנצן צענומען, איינגע־שלעפערט זיין וואַכקייט.

— זאַקוּרִיט מאַ־אָשנאָ!...* — ציט דער גוי שטאַרק פאַנפאַטע און וואַרפט אַראָפּ דעם אַש פון זיין „ציהאַרקע” מיט איין רויטן פריקרע־גלאַטן פינגער. און פאַנדרע דערהערט אין זיין באַהעלטעניש הינטער אַ בוים, צום ערשטן מאָל דערהערט ער, ווי פאַרענדערט עס האָט זיך טשורילאָס „כלי”. פון זיין רויען, הזיריש־כרוּקנדיקן קול אין אָסטראָג איז עפּעס געוואָרן אַ סיפּעגדיקער, פייפנדיקער ביי־קול, מיט „פהען” אַנ־

* זאַקוריט מאָזשנאָ — ס'הייסט פאַררויכערן קען מען.

שטאָט „גונען" און „רישן". אָט וואָס פאַר אַ חורבן אין לשון די צעהאַקטע נאָז האָט אָנגעמאַכט! גישט אומזיסט האָט אים ד'ערגאָך טשורילאָ גע־וואָרפן אַזאַ מוראַדיקן שטיין אין קאָפּ...

אַברעמעלע פּאַלט צו מיט זיין פּאַלשן פּאַפּיראָס צום גויס „ציהאַרקע". נאָר דאָ קריגט דער באַבוימאַיילטער קאַטאָרזשניק פאַרדאַכט און ציט אַ ביסל אַוועק די האַנט מיט דער „ציהאַרקע".

— אַ טי — מאַכט ער — פּטאַ בונדיש פּפימעפנאַ? ** אַ־אַ... זשיד? אָדער וואָס?...

אַברעמעלע מאַכט אַ קורצינקן פלינקן טריטעלע פאָראויס און ציט זיך כלומרשט זייער זשעדנע מיט זיין פאַלשן פּאַפּיראָס צום גויס רויכער־דיקע „ציהאַרקע". ער מאַסקירט דערביי די רעכטע האַנט, מאַכט, בשעת־מעשה, פאַרוואונדערטע אויגעלעך און פרעגט מיט גרויס תמימות:

— ווער? איך?...

— דו! — פּאָנפּעט שטרענג דער ערל. — איזפּיעסנאַ — דו! ***

— טשיטשאַס, כאַזשאַין* — שמייכלט אַברעמעלע צוקער־זיס און פּיקעט מיט זיין פּאַפּיראָסל אין דער „ציהאַרקע". — ס'הייסט: אָט, כ'וועל נאָר פאַררויכערן וועל איך דיר זאָגן...

נאָר אין דער זעלבער רגע, ווען דעם ערלס אויגן האָבן זיך צוזאַמענ־געשפּיצט אויף דעם פּונק פון זיין „ציהאַרקע" און אויף דעם יידליקס פאַרדעכטיקטן פּאַפּיראָס, גיט אַברעמעלעס פלייצע מאָדנע אַ פּלאַטער, און אַ קורצער בליץ לויפט דורך צווישן זיין רעכטער האַנט און צווישן דעם ערלס טונקעלע פּאָדיאָווקע. מיט אַן אָפּגעהאַקטן שאַרפן „אוי" גיט זיך דער גוי אַ וואָרף אויף צוריק און כאַפּט זיך אומווילִיק אָן ביים לינקן זייט. ווי אויסגעטשוכעט פון זיין פאַרשלאָפענער זיכערקייט, גיט ער אַ קוק מיט ווילדע אויגן אויף אַברעמעלעס אויסגעשטרעקטן מעסער און אַ קוק זיך אַליין צווישן די שטיוול. וואָס איז דאָס?... אַ טונקל רויטע ריטשקעלע ר'ינט אַראָפּ איבער די נייע כאַליאַוועס, מיט אַ שוימיקן געררויש פון אַ שטראַל מילך, בשעת מעלקן אַ בהמה... דער גרויסער מאַסיווער גוף גיט זיך אַ שאָקל, פון דער לאַטקע־נאָז רייסט זיך אַ דערשטיקטער, גע־צויגענער ברום.

** אַ טי כטאָ בודיש פרימיערנאַ? — ס'הייסט: ווער וועסטו זיין, צום ביישפּיל.

*** איזוויעסטנאַ — ס'הייסט: פאַרשטייט זיך.

* אָט באַלד באַלעבאָס.

זייענדיק זיכער, אַז דער גוי האַלט ביים אַנידערפאַלן, מיינט שוין אַברעמעלע, אַז אַצינד איז געקומען די ריכטיקע צייט אַ טשעפּע צו טאָן זיך מיטן רוצח פאַר זיין גסיסה, גיט ער גיפּטיק אַ וואָרף־אַרויף דאָס שאַרפע מאָרדעלע זיינע:

— איצטער ווייסטו ווער איך בין?... אַ? נאַ־זשע דיר פּאָגראָמען, טשורילאָ תלין!

אָבער דאָ איז געשען אַ זאַך, אויף וואָס אַברעמעלע האָט זיך געוויס נישט געריכט. ער האָט בשום־אופן נישט געקענט גלויבן, אַז אַזאַ טיף־געשטאָכענער, קלאָציקער גוף איז אויף דעם פּעיִק. מיט אַ כריוקען פון אַ וואַלד־חזיר און מיט דער האַסטיקייט פון אַן אַראָפּגעפּאַלענער משא, האָט זיך טשורילאָ אַ וואָרף געטאָן אויף זיין באַוואָפנטן שונא. אַ מוראַדיקער רויטער קולאַק האָט זיך אַ הויב געטאָן אין דער לופטן. אַברעמעלעס פּנים האָט זיך משונהדיק צעקרימט. ער האָט זיך פאַרלוירן, ווי פון אַן אויפרייס, און קוים באַוויזן אויסצודרייען זיך און אַריינשפּרינגען צווישן די בוימער. דער רויטער קולאַק האָט אַ פּאַך געטאָן הינטער זיין נאַקן, ווי אַ שווע־רער האַמער איבער אַ פאַרפּעלטער קאָוואַדלע. נישט געטראָפן... „אוי, נח!" האָט נאָך אַברעמעלע פּאָספּעיעט אַ געשריי צו טאָן. און זיין קורצער געשריי איז גלייך אויסגעגאַנגען אין אַ כריפּען פון אַ האַלב־דערשטיקטן. וואָרום צוויי בערישע לאַפּעס האָבן אַברעמעלעס שוואַכן גוף אַרומגעכאַפּט פון הינטן, אַרום ביידע אָרעמס און ברוסט, און אַ הויב געטאָן פון דער ערד. און טשורילאָ וואָלט אוודאי צוגעקוועטשט, ווי אַ פוילן עפּל, אַברע־מעלען... געראַטעוועט האָט אים נאָר דעם גויס טיפע וווּנד אין זייט, די קאָרטשעס פון שאַרפן ווייטיק. וואָרום דער ערל האָט נישט אויסגעהאַלטן אַזאַ פּלוצלעכע אָנשטרענגונג און ווי דורך אַן איבערוואַג, קריצנדיק מיט אַלע ציין, געגעבן אַ פאַל אויף הינטן צווישן די בוימער, און דער האַלב־דערשטיקטער אַברעמעלע מיטן דאַרן ציטערדיקן רוקן — איבער אים.

נאָר אויך אַזאַ „שוואַכער" אַרומנעמען איז געווען גענוג פאַר אַזאַ נפש ווי אַברעמעלע. דער שאַרפער מעסער האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט פון ווייך־געוואָרענעם בינטל פינגער. און אַליין האָט ער צעוואָרפן ביידע דאַרע הענט זיינע, ווי אַ טאַנץ־ליאַלקע, ווען מען גיט זי אַ ציי פאַר דעם שטריקעלע...

3

דאָס אַלץ איז געשען אַזוי בליץ־שנעל, אַז אין דער ערשטער סעקונדע האָט פֿאַנדרע בכלל נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, נישט מיט זיין גרויסן גוף, וואָס שטייט פֿאַרקלעמט צווישן סאָסנע־שטאַמען, נישט מיטן אייזערנעם טוקאַטש אין קעשענע.

נאָר באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, וואָס עס באַדייט אַזאַ „אַרומאַרמען" פֿון אַזאַ בער ווי טשורילאָ איז. ער אַליין האָט דאָס שוין אַ מאָל פֿאַרזוכט אויף זיין אייגענער שקורע. כדי דאַמאָלסט אַרויסראַטעווען זיך פֿון אַזאַ קלעם, האָט ער געמוזט צעטרושטשען טשורילאָן די פּאָנישע נאָז און זיך אַליין — צעשינדן די גאָמבע...

איז ער אַרויסגעשפּרונגען פֿון זיין באַהעלטעניש, אַרויסגעכאַפּט און צעוויגט דעם אייזערנעם טוקאַטש אין שפּרונג, און אַ זעץ געטאָן איבער טשורילאָס צוזאַמענגעקלעמטע פֿינגער. כדי אָבער נישט צו טרעפֿן אַבּרעמעלען אין דער שוואַכער ברוסט, האָט ער דאָס נישט געטאָן מיט צופֿיל כוח און נישט פֿון אויבן אַראָפּ, נאָר פֿון רעכטס צו לינקס; ווי אַ שווערן אומרו אַ פֿיר געטאָן דעם טוקאַטש איבערן לעבעדיקן קלעם. און אין נעפּלדיקן מוח האָט אים דערביי דורכגעבליצט אַ געדאַנקל: „העך, ער איז דאָך מיר פֿאַרט צונוצגעקומען"...

נאָר אויך אַזאַ ריב איז געווען גענוג — דעם גויס פֿאַרהאַקטע פֿינגערקנעכלעך זאָלן זיך פֿאַנאַנדערנעמען. ווי אַ נישט־דערקוילעטער אָקס האָט ער אַ בריל געטאָן פֿון נייעם ווייטיק אונטער אַבּרעמעלען.

און פֿאַנדרע האָט קיין רגע מער נישט פֿאַרלוירן און, מיט זיין פֿרייער לינקער האַנט, אַ ריס געטאָן זיין חברל פֿאַר אַ פּלייצע. האָט זיך אַבּרעמעלע אַ קייקל געטאָן און, בלויז ווי אַ מילץ און אָטעמענדיק ווי אַ פֿיש, געבליבן שטיין אויף די קני, ווי אַ ייִנגעלע אין קונע, אָנגעשטעלט זיינע בלאָנדזשענדיקע אויגן אויף זיין וווּרגער און געקלאַפּט מיט די ציין.

אַצינד, אַז אַבּרעמעלע האָט זיך געראַטעוועט, אַראָפּגעקייקלט זיך, איז געפֿאַלן די לעבעדיקע מחיצה צווישן פֿאַנדרעס אַראָפּגעבויגטן האַרטן קאָפּ און צווישן דעם געפֿאַלענעם גלית אויף דער ערד. דער פֿרײַערדיקער בריל אינעם גויס האַלדז איז פּלוצלונג פֿאַרלאָשן געוואָרן. די צעבלוטיקטע לאַפּעס האָבן אָנגעהויבן צוקן. זיינע רונד־אַרומפֿאַרנדיקע מאָוימדיקע אויגן האָבן זיך, ווי אַ גנבישע בלענד־לאַמטערנע, אָפּגעשטעלט אויף איין

פונקט. ער האָט דערקענט דעם, ווײַלכער האָט אים געמאַכט פּאַר אויס „קנאַקער״ אין מאָהליוועֶר אָסטראָג, פּאַר אויס הערשער איבער די אַרע־סטאַנטן. אַצינד איז דער זעלבער שונא געשטאַנען איבער אים, און דער אײַזערנער טוקאַטש אין זײַן שטאַרקער האַנט איז געווען אַ גוטע וואָרענונג נישט אַ ריר צו טאָן זיך פון אָרט...

אויף פאַנדרע האָט זײַן אַלטן שונא דערזען גאָר נאָענט. אַלע פאַרגע־סענע אייגנצלהייטן פונעם רוצחישן פּרצוף האָבן זיך אים אָנטפּלעקט. ווארום דעם גויס גרויע באַראַשקענע היטל האָט זיך פון פאַל־אַנידער אַראָפּגעקייקלט אָן אַ זייט, און דער פליכצוואַטער שטערן פון אַ ריז, מיט אַלע זײַנע רויע פלעקן און וואַנצן־גרויסע זומער־שפּרינקעלעך, וואָס פאַנדרע האָט אַזוי גוט געקענט פון אַמאָליקן געשלעג, האָבן אויפגעלעבט פון דאָס נײַ. די שיטערע געלבלעכע האָר, אויף בײדע זײַטן פון אָקסענעם קאָפּ, זענען געווען צעשויבערט און אויסגעמישט מיט פאַרגעלבטע סאָסנע־נאָדלען אויף דער ערד. און דאָס האָט פאַרגרעסערט די משונהדיקע העס־לעכקייט פון זײַן רויטער לאַטקע אין מיטן פּנים אָנשטאָט אַ מענטשלעכע נאָז... צוויי זאַיאַדלע פּיינט האָבן זיך אַזוי אָנגעקוקט. אַ שרעקלעכע גע־שפּאַנטע רגע פאַר זיי בײדן.

די קאַליקע נאָזלעכער פון גליט האָבן זיך אָבער גלײַך צעסאָפּעט אויף דאָס נײַ. אַ שוים פון אַ צעזשוועטן און צוזאַמענגעבראָכענעם באַזק האָט זיך באַוויזן אין זײַנע פלײשיקע מויל־ווינקלען.

— טײ־יי־יי? (דו?) — האָט זיך דער געפאַלענער גליט צאָרנדיק צע־זאָדן פון צווישן די פאַרשטשירעטע צײן.

— אַ־אַ־אַה... טײ־יי! — האָט ער זיך אַליין באַשטעטיקט מיט אַ געצווי־געגעם כריפּ.

מער קיין ווערטער האָט ער מסתמא אין דער דאָזיקער מינוט נישט געהאַט, כדי אויסצודריקן זײַן טויטלעכן ווייטיק אין זײַט, אין די קאַליע־טשעטע פינגער, זײַן אומבאַהאָלפנקייט קעגן זײַן אַלטן שונא מיטן אייזן אין האַנט.

— זעץ! זעץ! — האָט פאַנדרע גלײַך נאָך דעם דערהערט אַ כריפּענ־דיקן קוויטש. ער האָט דעם קול כמעט ווי נישט דערקענט. אַברעמעלע „די געקוילעטע קאַץ״, האָט דאָס געקוויטשעט. ער איז געקומען צו זיך און ווי אַ באַנומענער געשריען אויף פאַנדרען, יענער זאָל וואָס גיכער אויפהויבן דעם אײַזן און מאַכן אַ סוף...

אָבער פאַנדרע האָט נישט „געזעצט״. נישט געאײַלט זיך צו „זעצן״.

איינגעבויגן מיטן טוקאַטש אין דער האַנט, ווי ער איז אַזוי געשטאַנען, האָט ער קיין מוט נישט געהאַט אַראָפּצולאָזן זיין גראָבן וואָפן איבערן פליכעוואַטן שאַרבן פון געפאַלענעם און שווער פאַרוווּנדעטן שונא. ער האָט אין זיך ווידער אַ מאָל געזוכט זיין אַמאָליקן כעס, כאָטש איין ביסעלע נקמה־געפיל... און נישט געפונען. גאָר עפּעס אַנדערש האָט זיך אים געוואָלט. ס'איז אַ שאַנדע צו זאָגן! ער האָט רחמנות געקראָגן אויפן ראַזבאָיניק, אויפן תלין, וואָס האָט זיך געקליבן אין יידישן שטעטל אַריין, צו זיין דער רבי פון אַלע נישט־געניטע פּאָגראָמשטשיקעס... ס'איז אַ חרפּה צו דערציילן! נישט הרגענען אים האָט זיך פאַנדרען געגלוסט, נאָר העלפן אים אויפשטיין, אָנטאָן אים דאָס וואַרעמע היטל אויפן גרויסן פליכעוואַטן קאָפּ. ס'איז גאָרנישט געווען די זעלבע זאַך, ווי אַמאָל אין אָסטראָג. דאָרטן איז מען געשטאַנען ברוסט קעגן ברוסט.ביידע מיט נאַקעטע פויסטן. די געפאַר איז געווען אַ גלייכע. די כוחות גלייכע, און דאָ... ע—עך! אַ געשאָכטענער אָקסן־מענטש, אין סאָסנע־נאָדלען אויס־געקייקלט, אין בלוט... ע—עך!

מיט דעם דאָזיקן מאָמענטל פון שפלדיקייט און קווענקלעניש ביים שונא, האָט זיך באַנוצט טשורילאָ קאַטאָרזשניק. ער האָט קרום אַ וואָרף געטאָן מיט ביידע אויגן, דערזען עפּעס... און מיט אַ האַסטיקייט פון אַ חזירישע ביין, וואָס קען איבערטראָגן יעדן ווייטיק, האָט ער אַ הויב געטאָן דעם אויבערשטן האַלבן גוף און אָנגעכאַפּט לעבן זיך דעם פאַר־בלוטיקטן מעסער, וואָס איז אָקאָרשט אַרויסגעפאַלן פון אַברעמעלעס האַנט. נאָך איין הויב מיטן אָרעם און ער וואָלט פאַנדרען צעשפּאָלטן ווי אַ רעטאַך, צווישן ביידע פיס, פון אונטן אַרויף...

דערצו האָט דאָס מאָל אַברעמעלע נישט דערלאָזן. ער האָט אָפּגעצאָלט פאַנדרען פאַר דאָס ראַטעווען אים גלייך אויפן אָרט... פון דער פאַרקערטער זייט, הינטער טשורילאָס אָפּגעווענדעטע קוקערס, איז ער צוגעשפּרונגען, שטיין געבליבן אויף איין קני, ווי אַ יעגער, און פון גאָר נאָענט אָנגעצילט זיך אינעם גויס שלייף. אַ געניקלטער שטיק שטאָל, ווי אַ גראָבער שליסל, האָט אַ בלישטש געטאָן פאַר פאַנדרעס אויגן און אַ קורצער ברומיקער שאָס האָט אַ הילך געטאָן, געמאַכט אויפציטערן די פאַרשלאָפענע סאָסנעס, דעם נאָענטן שליאַך, דעם באַגינען־נעפּל איבערן וואַלד. אַ וואָלקנדל רויך האָט פאַרצויגן דעם גויס פּנים. אונטער פאַנדרעס פיס האָט עפּעס שווער אַ פאַל געגעבן און איבער זיין נאַקן — אַ טרוקענע שישקע פון אַ בוים און סאָסנע־נאָדלען האָבן זיך דריבנע נאָכגעשאָטן...

אַז דער שוועבלדיקער רויכל איז צעגאַנגען, איז שוין טשורילאָ קאַטאַרזשניק געלעגן אויסגעצויגן, מיטן צעשאָסענעם שאַרבן, אויף אַ בוים־וואָרצל. פונעם צו־נאָענטן שאָס, איז דעם גויס שלייף געווען אי דורכ־געלעכערט אי געשפּאָלטן. דער אויבערשטער טייל פון שאַרבן איז קרומלעך געווען אויפגעהויבן, ווי אַ שלעכט־איבערגעקערט שיסל, און עפּעס רויט־לעכע צעקאָכטע לאָקשן זענען פון שפּאַלט אַרויסגעקראָכן, געטריפט מיט רויט און מיט ווייס... אַבּרעמעלע איז שוין דערביי אויך געשטאַנען אויףביידע פיס און געהאַלטן זיך מיט איין האַנט פאַרן האַרצן. ס׳האָט אים נאָך אַפּנים ווי געטאָן פון טשורילאָס לאַפּקעלעך... אַ שימער פון אַ האַק האָט אָבער געבלאַנדזשעט אין זיינע קאַלטע אויגן, און אַ גיפטיק שמייכעלע פון נצחון האָט באַזאַלבט זיין שפּיציקע נאָז. דערזען, אַז דער גוי רירט זיך נישט מער, האָט ער האַסטיק אַ צי געטאָן פאַגדרען פאַרן אַרבל:

— נח, לויף!

אַקעגן דעם אָקאַרשטיקן שאָס האָט זיך אַבּרעמעלעס הייזעריקער קול אָנגעהערט קינדיש און נעבעכדיק. שוין מער נישט געווען אין אים די פריערדיקע גראָבקייט פון אַ בייזן רבין צו זיין האַמעטנעם תּלמיד. גיכער איז אינעם קול געווען אַציגד וואָרענונג און געבעט:

— לויף! לוי—יף!

און אַליין, נישט פאַרלירנדיק מער קיין רגע, איז אַבּרעמעלע צוגע־שפּרונגען צום ראַנד פון וואַלד און ווי פון אַ פאַרטקע פאָרזיכטיק אַרויס־געקוקט פון צווישן די ביימער. אַ קוק רעכטס, אַ קוק לינקס, אַ לויף געטאָן איבערן ברייט פון שליאַך און איז גלעם געוואָרן צווישן די ביימער, אויף יענער זייט וואַלד.

דער נאַטירלעכער שרעק צו ראַטעווען זיך בשעת אַ סכנה, האָט אויך פאַנדרען אַוועקגעטריבן פונעם געהרגעטן תּלין. ער האָט זיך אגב דערמאָנט, אַז מ׳האָט שוין פריִער אָפּגערעדט באַלד נאָכן פאַרטיק־ווערן מיטן גוי פאַנאַנדערצולויפן זיך אויף באַזונדערע וועגן און נישט זומצוקערן זיך אין שטאָט צוזאַמען מיט אַבּרעמעלען. איז ער אַזוי געלאָפן, מיטן אייזער־נעם טוקאַטש אין האַנט, און פאַרלאָפן זיך טיף אין וואַלד. אין אַ מיש־מאַש פון ברוינע שטאַמען און גרינע קוסטעס, האָט ער זיך געפּלאָנטערט, געשפּרונגען איבער באַוואָקסענע גריבער און מאָכיקע וואָרצלען, גע־שלענגלט זיך אויף שטעגלעך, וואָס נאָר וואַלד־האָזן האָבן אַוודאי אויס־געטראָטן.

אָבער די מיאוסע בלוט־סצענע, וואָס ער האָט אָקאַרשט געזען אַזוי

נאָענט פאַר די אויגן, אין דער נעפלדיקער מאָרגן־ליכטיקייט, דאָס טריפנדיקע בלוט און געהירן פון אַ געשפּאָלטענעם שאַרבן, איז ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען אין אַ שווערער שפלדיקייט.

דער שרעק פאַר דער אייגענער שקורע איז געוואָרן אַלץ שוואַכער. אַ קאָרטשנדיקער ווייטיק האָט זיך פאַרנומען אונטער דער לעפעלע און צוזאַמענגעצויגן דעם האַרטן בויך. פאַנדרעס לויף איז געוואָרן פאַמעלעכער, וואַקלדיקער; ביז ער האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעשטעלט און אָנגעלענט זיך, ווי גרויס ער איז, אָן אַ בוים. ערשט דאָ האָט ער דערפילט די וואָג פון אייזערנעם טוקאַטש אין האַנט, ווי איבעריק עס איז און ווי ברודיק...

ווי אויף אַ וואָפן־שטיק פון אַ ווילדן האָט פאַנדרע געקוקט אויפן אייזן; און פלוצלונג, מיט אַ פריקרער מינע, אַ שטויס געטאָן אין דער רויער ערד אַריין, צווישן די בוים־וואָרצלען איינגעפלאַנצט אים, און מיטן אָפּצאַס געזעצט ווי איבער אַ טעמפּן ריזיקן טשוואָק, ביז דער טוקאַטש איז אין גאַנצן אַריין ביז איבערן קאָפּ אין דער מאָכיקער אָנגעווייקטער ערד פון וואַלד. פון די אויגן אַוועק!...

נאָר אויך דאָס האָט אים נישט באַרואיקט. אויפן האַנט האָט ער דערזען אַ בלוט־פלעק. פאַרשפריצט, אַפנים, בשעת שלאָגן דעם גוי איבער די פינגער. און די טיפע שפלדיקייט פון קלעפיקן שמוץ האָט אים ווידער אָנגענומען, מיט דאָפּלטער קראַפט. אַזאַ מוראדיקע נישט־גוטקייט האָט ער שוין איין מאָל איבערגעלעבט אין זיין פראַקטיק, אַלס פרייער פאָזשאַרניק. ער איז איין מאָל, מיטן האַק אין האַנט, געלאָפן ראַטעווען די בעבעכעס אין אַ ברענענדיקער שטוב און אַריינגעפאַלן, ביזקל גאַרטל, אין אַן אָפגעברענטן אָפּטריט... נאָר דאָרטן איז די נישט־גוטקייט געוואָרן אויסגעמישט מיט פריילעכקייט און געלעכטער. אייגענע פריילעכקייט און געלעכטער פון חברים־פאָזשאַרניקעס. דאָרטן איז געווען צוגעמישט די שמחה פון געבן יידן ראַטונעק. און דאָ — עלנטקייט אין מיטן וואַלד, אַן אומעט אָן טרייסט, די שותפותדיקייט פון אַ פאַרברעכן, די מיאוסקייט פון אומברענגען אַ מענטשן. דערפאַר האָט דאָ די שפלדיקייט אַזוי טיף און שאַרף צעטרייסלט זיין גאַנצן גוף, דורכגענומען, ווי אַ פריקרער גיפט, זיינע אַלע שטאַרקע אברים. האָט ער זיך פלוצלונג אָנגעכאַפט מיטביידע הענט אָן אַ בוים און גענומען ברעכן מיט קאָפ־שווינדל און מיט קאָרטשעס, ווי איינער, וואָס האָט זיך אָנגעגעסן מיט פוילע פלייש אויפן ניכטערן.

אָבער מ י ט וו אָ ס צו ברעכן איז נישט געווען. אויסער אפשר דאָס ביסל שיטערע טיי, וואָס ער האָט ראַנעטשקע געטרונקען. אַפילו דאָס

שטיק ברויט, וואָס ער האָט מיטגענומען אין בוזעם, האָט אַברעמעלע אויפֿ־געגעסן... האָט אים דערפֿאַר דאָס באַנעמעניש אומגעדרייט אַלע בעבעכעס אין בויך, אויסגעקערט גרין און גאַל, דער מאַמעס מוטערס מילך אַרויס־געקוועטשט פֿון אים.

— אוי, מאַ־מע! — האָט ער אַלע ווײַלע פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ און אָנגעכאַפּט זיך אָן בוים. — אוי, אוי, מאַ־מע!

נאָך קיין מאָל אין לעבן האָט ער, מיט קערפּערלעכער און גייסטיקער שפּלדיקייט, נישט באַגריפֿן אַזוי ווי אַצינד, ווי פֿרעמד עס זענען זײַן באַ־לעגאַלישער ערלעכער נאַטור אַזעלכע זאַכן, ווי צעטרייבערן אַ מענטשן, צוויי קעגן איינעם, באַגינען אין וואַלד, ווי די חיות... טפֿו זאָל דאָס ווערן!

„אוי, מאַמע!" האָט ער שווער געבראָכן און שוואַך גערופֿן נאָך הילף, ווי אַ ייִנגל גערופֿן, און גראָד יענע, וועלכע קען אים דאָ גאָרנישט העלפֿן, וועלכע איז שוין לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ...

„אוי, מאַמע!".. דאַכט זיך איין וואָרט אַזאַ. ס'האָט אָבער געהאַט אַצינד אַ סך טײַטשן. זײַן שווער האַרץ און זײַן גאַנצע חרטה אָן ווערטער האָט ער אינעם קרעכץ אַרײַנגעלייגט. ס'האָט באַדייט: אָט, מאַמע, אין וועלכע מיאוסע זאַכן חברה טראַסק האָט מיך אַרײַנגעשלעפּט! און ווער?... מאַדיע־קאָפּ און אַברעמעלי די „געקוילעטע קאַץ", דער אָפּפֿאַל פֿון חאַצע דעם הינקענדיקנס „ציציליסטן".

„אוי, מאַמע!" ווי גזלנים אין וואַלד, אין די מעשׂיות פֿון ר' סענ־דערן עליו־השלום, אין די מעשׂיות פֿון זיידע וואָיטעק... אַ מענטשן אומ־געבראַכט מיט אַ מעסער, מיט אַ טוקאַטש און מיט אַ פּיסטאָל, ווי אין קרויט אַרײַן... אַ לעבעדיקן מענטשן — מיט פֿיס און הענט און מיט אויגן... ווי איך.: ווי אַלע אַנדערע...

„אוי, מאַמע!" אַ גוי, אַ רוצח טאַקע, אַ שיכור, אַן אויסוואורף, אַ תּלין... אָבער אַ מענטש! נישט אַזוי באַפֿאַלט מען אַ מענטשן, נישט אַזוי טוט מען דאָס אָפּ... אַ פֿאַרפֿאַלענער בין איך דײַן נחקע, אַ פֿאַרפֿאַלענער!

כדי נישט אַנידערצופֿאַלן האָט ער שטאַרק אַרומגענומען דעם שטאַם פֿון בוים מיט ביידע הענט און געשאָקלט זיך, געשאָקלט זיך ווי אַ טויט־שיכורער.

צווישן די הויכע באַנאָדלטע צווייגן איז פֿון ערגעץ־ווו, ווי אַ געל טייוועלע, אַרויסגעשפּרונגען אַ וועווערקע, אַראָפּגעבויגן דאָס געלע קעפּל און נייגעריק אַראָפּגעקוקט מיט שטעכיקע שוואַרצינקע אויגעלעך און מיט אַ שוואַרצינקן נעזעלע. אַ שוואַרצער „סגל"... און גאָר פּלוצלונג האָט זי

פֿאַרוואָרפֿן דעם פּוכיקן עק איבערן שוואַרצן פּיסקל, ווי מיט אַ האָריקער דלאָניע צוגעדעקט זיך און צעקנאַקט־צעלאַכט זיך מיט אַ בייזווייליקן דריבנעם וואַלד־געלעכטערל:

— טאַרק־טאַרק־טאַרק!

האָט זי דאָס אָפּגעלאַכט פֿונעם מענטשנס קליינמוטיקייט, די וועווערקע? האָט זי אים געוואָרנט?

פֿאַנדרע האָ טזיך אויף איר אַפּילו נישט אומגעקוקט.

פעטער אוריס סטראַטעגיע

1

אין דער נאַכט אײדער טשורילאָ איז געהרגעט געוואָרן איז שטאָט געווען אין איין ציטערניש. מאָדיעס סודות, וואָס ער האָט געבראַכט פון מאַהליוו און אָנגעטרויט זײנע חברים „ציציליסטן", האָבן זיך, אויף געהײמע וועגן, דורכגעזײט דורך כלערלײ שפּאַלטן און שפּאַרונקעס. און ווי דער שטײגער איז בײ אַזעלכע נײעסן, וואָס גײען איבער פון מויל צו מויל, האָט מען זײ אַ שפּאָר ביסל מגזם געווען. אַזוי, למשל, איז פון איין באַפרײטן אָסטראָזשניק, וואָס דאַרף קומען מיטן שליאַך און אָנהויבן דעם פּאָגראָם, געוואָרן אַ גאַנצע כאַפּטע מאָהליווער אַרעסטאַנטן, וואָס מ׳האָט אויסגעקלײדט אין נײע פּאָדיאָווקעס און געלאָזן אויף שקלאָוו... אָט, שלמה המן דער באַלעגאָלע, הילקע כאָדאַק און ישראל קוקע זענען אָקאָרשט געקומען פון וועג דערציילן זײ, אַז אין שענק, הינטער דאַ־ברײקער באַרג, זיצן שוין אַלע אָסטראָזשניקעס און שיכורן... פון די אמתע סימנים!

די איבערגעטריבענע אַנגסטן האָבן אָבער געהאָט אַ גרונט. וואָרום שוין דעם ערשטן טאָג פון פּריזיוו איז געוואָרן קשה, פון וואַנעט האָבן דאָס די דאָרפישע נאַוואָבראַנצעס גענומען אַזוי פיל בראָנפן אָנצושיכורן זיך? די מאָנאָפּאָל איז דאָך פּריזיוור־צײט געשלאָסן, און אין אַלע אַכסניות האָט דער פּריסטאַוו מכלומרשט זײער שטרענג אָנגעזאָגט, מ׳זאָל קײן שום גאַסט אַ טראָפּן נישט פאַרקויפן...

אויסער דעם, זענען עפּעס צופיל פויערים אָנגעפאָרן פון די דערפער מיט זײערע שקצים־פּריזיוניקעס, און קויפן טוען זײ נישט. זײ גײען נאָר אַרום צווישן די קראָמען, קוקן קרומלעך, וואַרטן אַפּ. שלעפּן זײ פאַר די פּאָלעס טויג אין גאַנצן נישט. זײ שלאָגן גאָר איבער די הענט, די כאַמרולעס; זײ לאָזן זיך נישט. און טאָמער זענען זײ נישט בײז —

לאָכן זיי. עפּענען אויף בהמהשע מיילער און כאָכאָטשען:

— וואָס איילט איר זיך אַזוי, יידעלעך, מירן שוין דאָס אונדזעריקע קוי—פּן!

און פאַרנאַכט דעם זעלבן טאָג, איז שוין קיין סוד מער נישט געווען, אַז די גויאים פּלאַנעווען עפּעס, נאָר אַליין האָבן זיי נישט גענוג מוט, קוקן זיי אויס אויף וועג־ווייזער... מ׳האָט שוין אַפילו גענומען רעדן פון אַ גאַנצער ראָטע מיט איבערגעטאָגענע זשאַנדאַרניקעס, כאָכלעס פון זשלאָבין, בויאַנעס פון מאָקאַראָווקי. יידן! גאַנץ מאָקאַראָווקי גייט אויף שקלאָוו, און מיקיטאָס איידעם, מיט דער האַרמאָשקע, איז זייער אָנפירער...

און דער פּריסטאַוו? דער פּריסטאַוו לאָזט מער אַ יידן אויפן שוועל נישט אַרויף. נו, איז מען געלאָפן צום ראַבינער, צו דאָקטאָר חישינען. ער ווייסט דאָך אין וואָס פאַר אַ סכנה גאַנץ שטאָט געפינט זיך. איין שוועבעלע — און עס צינדט זיך אָן... וואָס זשע זאָל ער טאָן? ער איז דאָך עפּעס אַ ראַבינער, טו זאָל ער געבן אַ טעלעגראַמע צום גובערנאַטאָר אין מאָהליוו זאָל ער געבן, מ׳זאָל שיקן הילף. וואָרום אויף די צוויי דעסיאַט־ניקלעך און אויפן זשאַנדאַר מיט דער צעהאַקטער באַק, קען מען זיך גאָר ווייניק פאַרלאָזן.

האָט חישין געמוזט נאָכגעבן, אָוועקגעקלאַפּט אַ טעלעגראַמע און גע־זעצט זיך וואַרטן אויף אַן ענטפער. וואַרט ער אַזוי, און שטאָט וואַרט מיט אים צוזאַמען.

און ווי די נאַכט איז צוגעפאַלן, אַזוי איז דער שרעק געוואָרן גרעסער. אין אַ סך הייזער האָט מען זיך גענומען פּאַקן, ווי בשעת אַ גרויסער שריפה. קיין פונק פליט נישט און קיין רויך גייט נישט און מיט סמאַלינעס, דאַכט זיך, שמעקט די גאַנצע שטאָט.

איז מילא, פּאַקן וועט מען זיך שוין ווי נישט איז איינפּאַקן. אַלע יידן זענען באַהאַוונטע וואַגלער און געניטע פּאַקער. אָבער ווו צו באַהאַלטן די פּעק איז, ברוך־השם, נישטאָ. אומעטום די זעלבע הילצערנע הייזקעס, די זעלבע שינדל־דעכער. איז מען דערפאַר אין מיטן פּאַקן זיך געקומען צו קווענקלעניש, און פון קווענקלען — צו ישוב־הדעת: אַז דערמיט, וואָס מען פּאַקט צוזאַמען דאָס בעסטע און טייערסטע אין שטוב, פאַר־שפּאָרט מען די פּאָגראָמשטשיקעס אַן אַרבעט. וואָרום אָפּנעמען און אַוועק־טראָגן אַ פאַרטיקן פּאַק איז דאָך אַ סך גרינגער, ווי צוזאַמענשאַרן און ראַבירן אין שיכורן טומל פון פּאָגראָם... בכן, איז אַ סך גלייכער צו טאָן דאָס, וואָס אַזאַ חכם ווי יעקב־אבינו האָט געטאָן, בשעת ער איז געגאַנגען

זען זיך מיט עשוקען זיין ברודער. טאָמער, אַזוי האָט יעקב־אבינו געזאָגט, וועט עשוקע אָנפאַלן אויף איין מחנה און וועט עס צעשלאָגן, וועט די אַנדערע מחנה בלייבן גאַנץ...

האָט מען זיך מיטן זעלבן אימפעט און מיט דער זעלבער ביטערקייט אין האַלדז אַ נעם געטאָן אויספּאַקן צוריק און פאַרשטופּן אַלע טייערע חפצים אין כל־ערליי לעכער אין שטוב, אין פירהויז, אויפן בוידעם און אין שטאַל ביי דער בהמה. הכלל מ׳האָט נישט געוווּסט אויף וואָסער וועלט מען איז.

גוט איז די אָרעמע לייט. זיי איז היינטיקע נאַכט וויל ווי די וועלט. זיי האָבן, ברוך־השם, נישט פאַרוואָס מורא צו האָבן. גיי, פּאָניע גנב, בייס אַ נאַקעטע וואַנט! שטופּ אַ ליימענעם טעפּל אין קעשענע אַריין!...

וואָס זאָל אָבער טאָן אַ ייד, ווי דער קאָסאָקער? אַזאַ איינגעפונדעוועטער באַלעבאָס מיט קאַסטנס, מיט זילבערנע בעכערלעך אין די קאַסטנס, מיט פאָוועלע פאַר דער נישט־אויסגעגעבענער טאָכטער, מיט פעלצן פאַר וייב און קינדער און מיט אַ טכוירענעם פוטער פאַר זיך אַליין, מיט אַ גלעזערנעם אַלמער פול מיט פסחדיקע כלים און מיט אוירינגלעך און בראַנזלעטן אין דער ווייבס שקאַטולקע... אַזאַ יידן איז טאַקע זייער שלעכט. וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן? ער אַליין האָט באַשיינפּערלעך געזען היינטיקע נאַכט, ווי גערעכט עס זענען די תנאים פון „פרקי אבות". „מרבה נכסים, זאָגן זיי, מרבה דאגה" — וואָס מער גיטער, מער זאָרגן מאַכט מען זיך אָן.

אַ דריקנדיקע שטילקייט פון אָן ערב־פּאָגראָם האָט ביי אים געהערשט אין שטוב. טרויעריק האָט טעלצע די דינסט־מויד געשיילט בולבעס אין דער קיך און געשאָקלט איבער יעדער קאַרטאָפליע מיטן קאָפּ, ווי איבער אַ בר־מינן. און נאָך טרויעריקער האָט די מומע פייגע געמאַכט אַ זאָק. זיי ביידע האָבן אַפילו זייער גוט געוווּסט, ווי איבעריק עס זענען אַצינד אַזעלכענע מלאכות. נאָר זיצן גלאַט אַזוי און קלערן איז דאָך ערגער. האָט זיך דערפאַר טעלצע אַריינגעטאָן אין די בולבעס, געזען אָפּשיילן יעדע שאָלעכץ, עס זאָל זיך שלענגלען ביזקל סוף און זאָל זיך נישט צעברעכן אין מיטן... און מומע פייגע האָט געציילט די „אויגן", געשעפּטשעט מיט די ליפּן, ווי בשעת קריאת־שמע לייענען, און געזיפצט. די קינדער: וועלוועלע, פייוועקע און ירחמיאלקע דער מוזיקל זענען זיך געזעסן צוזאַמען אין קינדער־קאַמערל, נישט געקריגט זיך, נישט געקוויטשעט, ווי אַלע מאָל איידער לייגן זיך שלאָפן. שטיל, פיין, ווי די אמתע סטאַטיקלעך. אַ שטיקל ליכט האָט געברענט אויפן קיילעכדיקן טיש אין קאַמערל און

געפינטלט. ביים פלאַטערדיקן קאַרגן שיין האָט וועלוועלע געמאָלט, און פּייוּקע און ירחמיאלקע האָבן צוגעקוקט און נאָכגעדרייט מיט די צינגער, פונקט אַזוי, ווי וועלוועלעס בלייפּען איז אַרומגעפאָרן. נאָר די הערצלעך האָבן געקלעמט...

אורי אַליין איז אומגעגאַנגען איבערן שטוב, אַרומגעוויקלט מיט זיין כאַלאַט און אַרומגעגאַרטלט. דער פּנים בלאַס און אויסגעצויגן, און מיט די קאַסאַקע אויגן און מיט גרויס התמדה באַטראַכט די אייגענע נאַז זיינע, פונקט ווי ער זעט זי צום ערשטן מאָל. נאָר פּייגע זיין ווייב האָט געוווּסט, אַז דאָס קוקט ער גאָר אויף דער סטעליע. אַלע מאָל ווען אורי איז פאַר־זאָרגט און וויל נישט מודה זיין — קוקט ער אויף דער סטעליע. איז ער איין מאָל אַזוי דורכגעגאַנגען הין און צוריק איבער דער שטוב, אַ צווייטן מאָל, אַ דריטן. שונאי־ישראל איז שיעור נישט גוט געוואָרן... נאָר פּלוצלונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ נעם געטאָן די פּרענדז פון כאַלאַט־גאַרטל אין די הענט און געזאָגט אַזוי צו זאָגן:

— איז אָט וואָס די ציציליסטלעך האָבן אונדז אָנגעמאַכט. אַלץ פון זיי...

האָט פּייוּקע דערהערט, אַז מ׳רעדט אין זאַל פון „ציציליסטן", האָט ער געלאָזן דאָס געמאָלעכץ, וואָס וועלוועלע מאָלט און אַרויסגעקראָכן, ווי אַ מייזעלע פון לאָך, הערן וואָס די עלטערע זאָגן און וואָס מ׳האָט דאָ „אָנגעמאַכט". האָט פּעטער אורי דערזען פּייוּקעס קעפּל מיט די שפּיציקע אויערלעך, האָט ער אים אַ שמיץ געטאָן מיט די פּרענדז פון כאַלאַט ווי מיט אַ נאַהייקע איבערן געשוירענעם קאָפּ:

— דו, אַוועק פון מיינע אויגן!

דערנאָך איז אורי ווייטער אומגעגאַנגען איבער דער שטוב ווי אַן אומרו און געגענעצט מיט אַ קריי. אַזוי נערוועזיש און געצויגן געגענעצט, אַז פּייוּקען, אין קינדער־קאַמערל, האָבן געגומען וויי־טאָן די באַקנ־ביינער.

— געדאַרפט... — מאַכט אורי פּלוצלונג — ע... געדאַרפט אָנשלייפן דעם טרפהן מעסער. וועט זיין גוט אויפצוטרענען אַ פּאָר העלדזער... אַ־אַ־אַ־אָ־אַ.

פּייוּקע האָט ביי זיך אין האַרצן אָפּגעלאַכט אי פון טאַטנס גזלוואַיסקע פּלענער, אי פון זיין געגעניץ מיטן קריי. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס זענען פּוסטע דבורים. געגנוג אַ קוק צו טאָן אויפן טאַטנס שמאָלן רוקן אין כאַלאַט און אויף זיינע לעדערנע שטעק־שיך, כדי גלייך צו זען,

אַז קיין מעסער וועט ער נישט שלייפן און קיין העלדזער וועט ער נישט טרענען. ס׳איז גלאַט גערעדט — געכראַבערעט זיך פאַר זיך אַליין. און אפשר פאַר דער מומע פייגען אין זאַל און פאַר טעלצען אין קאָכשטוב, כדי זיי זאָלן וויסן, אַז ס׳איז דאָ אַ מאַנסביל אין שטוב...

נאָר דאָס עצם גערייד פון אָנשלייפן אַ מעסער, נישט קיין פאַרעווען מעסער און נישט קיין מילכיקן און נישט קיין פליישיקן, נאָר דווקא דעם טרפהן, אָט טאַקע יענעם צעראַצטן מעסער מיט דעם קרומען הענטל, מיט וועלכן מען שניידט אין שטוב ליכט ערב־שבת און זייף אין מיטן וואָך און לונגען פאַר דער קאַץ, דאָס איז פּיווקען יאָ אַריין אין בעזל. ער האָט דערפילט אַ מאָדנע קעלטל אין מאָגן און אַ דרייעניש אין די קיש־קעלעך, ווי נאָכן אָנעסן זיך מיט זויערע אַגרעסטן... האָט ער אין גאַנצן אָפּגעלאָזן וועלוועלעס מאַלעריי, אַוועקגעזעצט זיך אַ פּריטשמעליעטער אין ווינקעלע, פאַרטראַכט זיך. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אַ סך גראָבע גויאישקע העלדזער אָנגעשטאָפּט מיט זייף און מיט חלב. און דער טאַטע, אורי דער קאַסאָקער, קוקט אויף זיין אייגענער נאָז און שניידט מיטן טרפהן מעסער די דאָזיקע העלדזער און סאָפּעט. ער שניידט און קיין בלוט גייט נישט פון זיי, נאָר טראָפּנס צעשמאָלצענע חלב, פּונקט ווי שבת פון די ליכט. גאָלע טרפה...

2

זייגער ניין איז אורי דער קאַסאָקער מאָט געוואָרן פון אַרומטאָפּטשען אין שטוב אין די שטעק־שיך. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און געהיימנישפול אַ רוף געטאָן:

— פייגע... קום אַהער אַ ווײַלע!

און ס׳איז אַוועק אַ שושקעניש צווישן זיי ביידן. נאָר וויפל פּיווקע האָט נישט געשפּיצט די נייגעריקע אויערלעך זיינע, האָט ער גאָרנישט נישט געהערט, אויסער פעטער אוריס צייַנערדיקע: „סי... סי... תז:... תז:..״ און אויסער מומע פייגעס שפּיץ־צונג־לשון: „שפ־שפ־שפ...״ ווי בשעת לייענען קריאת שמע.

אָפּגעשושקעט זיך אַ היפּשע ווײַלע, האָט מומע פייגע, פון איר זייט, אַ רוף געטאָן טעלצען די דינסט־מויד:

— טעלצע... קום אַהער אַ ווײַלע!

און מ׳האָט זיך צעשושקעט זאַלבעדריט. אַצינד איז אין דער שוש־

קעניש אַריינגעפאַלן אַ דריטער טאָן: „טשיפּ, טשיפּ, טשיפּ" — טעלצעס שפּיץ־צונג. אַזוי רופט זי זומער צייט די פּיסקליאַטעס, אַזוי סודעט זי זיך.

פון אַזאַ סומנעם לשון מיט גאַלע ז'ש'ר'צ!ן, ווי אין „דקדוק" שטייט, האָבן פּייווקען גענומען אַרומטאַנצן מורעשקעס איבערן רוקן. הערן האָט ער טאַקע גאָרנישט געהערט, אָבער פ ו ן ו ו אָ ס מ'רעדט דאָרטן הינטערן ווענטל אין עק זאַל, האָט ער יאָ געוווסט. היינט וואָס עפּעס זאָל ער זיך אייגיינקער אַליין אָפּעסן דאָס האַרץ? זאָלן וועלוועלע און ירחמיאלקע אויפהערן צו מאָלן און זאָלן זיי זיך אויך אָפּעסן דאָס האַרץ.

— קינדער, — מאַכט ער פּלוצלונג אַן ערנסטן פּנים פון אַ דער־וואַקסענעם — איר ווייסט? ס'וועט זיין אַ פּאַגראָם!...

מאַכט ירחמיאלקע דאָס מוזיניקל אַ פּאָר גרויסע אויגן:

— זע, וואָס איז דאָס אַ פּאַגראָם?

פּאַרטייטשט אים גלייך פּייווקע מיט אַ מינע פון אַ דערוואַקסענעם, וועלכער איז שטאַרק באַהאַוונט אין אַזעלכע זאַכן:

— גויאים מיט העק און טאָרבעס לויפן אַן.. אוי, אוי... מיט די העק צעהאַקן זיי אַלצדינג וואָס אין שטוב... און אין די טאָרבעס טראָגן זיי אַוועק קליינע קינדער און שמדן זיי אָפּ...

אַצינד דערשרעקט זיך שוין אַפילו וועלוועלע דער גמרא־בחור. ווי פון אַ פליוך קאַלטע וואַסער ציטערט ער אויף.

— אוי, אוי, וואָס ער זאָגט! — ציט ער אויס די ליפּן ווי אַ גאַנער — כ'וועל דערציילן דעם טאַטן...

— דערצייל! — שניידט אים פּייווקע אָפּ — איצטער זע איך טאַקע, אַז דו האָסט גוט מורא... היינט וואָס זיצסטו עפּעס און מאָלסט? האָסט דאָך מורא...

און כדי צו ווייזן, אַז ער, פּייווקע, האָט נישט מורא צו קוקן דעם אמת אין פּנים, ווי שרעקלעך דער אמת זאָל נישט זיין, מאַכט ער די ברידערלעך אַ צייכן זיי זאָלן שווייגן. אָט, לאָזט אים נאָר איין ווילעטשקע, וועט ער זיך אונטערגנבענען און אונטערהערן אַלץ, וואָס די דערוואַקסענע שושקען זיך דאָרטן אין זאַל און וועט זיי ברענגען אַלע נויטיקע ידיעות, פון ערשטן קוואַל.

און, סטראַשענדיק אַזוי מיטן פינגער צום מויל, גנבעט זיך פּייווקע אַוועק, שטעלט זיך אונטער דער פאַרהאַקטער טיר'ל פון זאַל, פּאַלט צו

מיט די שפּיציקע אויגלעך צו דער לאָך פון קליאַמקע, קוקט־אויס און האָרכט.

דערהערט ער טאַקע דאָס, וואָס דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט. צווישן פּעטער אורין און פייגען און טעלצען דער דינסט־מויד גייט אָן אַ מין פאַר־פּאַגראָם אַסיפה. מען איז זיך מישב ווי אַזוי איבערצוכיטרעווען די גויאים, אויב זיי וועלן אָנפאַלן, און ווי אַזוי צו באַהאַלטן די זילבערנע בעכערלעך — די גויאים זאָלן זיך צו זיי נישט דערקלייבן.

בראש אַלעמען שושקעט פּעטער אורי און זידט דורך די ציין מיט „זינס" און מיט סמכן"... זיין פּנים, דורך דער ענגער לאָך, זעט פייווקע ערגעץ ווייס, ווייטער ווי עס איז. ער איז פאַרדאַגהט און פאַרעצהט פּעטער אורי. ער מאַכט מיט די הענט און טייטשט איין אין ביידע ווייבער אַזוי:

— איז ווי נאָר וואָס ווען, ווערט דאָס אָנגערופן... וועל איך זיך אַ לאָז טאָן מיטן האַמער צו דער טיר און נישט אַריינלאָזן... (אויפן טרפהן מעסער האָט שוין פּעטער אורי אין גאַנצן פאַרגעסן) און דו, פייגע, ווערט דאָס אָנגערופן, וועסט בשעת־מעשה, די קערבעלע מיט זילבער פאַרשטופן אין פּאָפּליץ, אונטערן אויוון. מיט אַ ווילקע ווערט דאָס אָנגערופן — פאַר־שטופן. און... און יוצא.

— ביי דיר איז שוין „יוצא"?... — שעפּטשעט מומע פייגע אַ טויט־דערשראָקענע — און וואָס וועט זיין מיט די קינדער?

— אַז דו לאָזט דאָך אַ וואָרט נישט אויסרעדן! — שושקעט גיפטיק פּעטער אורי און באַטראַכט די אייגענע גאָז — מיט די קינדער, ווערט דאָס אָנגערופן, וועט טעלצע אַרויס דורכן פענצטער... פון דעם קינדער־קאַמער דורכן פענצטער, און... אין גאָרטן אַריין...

— מיט אַלע דריי קינדער? — דערשרעקט זיך טעלצע די דינסט־מויד — ווי אַזוי קען איך דאָס אַרויס מיט דריי קינדער דורך איין פענצ־טער? אייניקע אַליין...

— ביסט אַ בהמה! — שניידט איר אָפּ פּעטער אורי — זיי זענען נישט חולה, ווערט דאָס אָנגערופן, אַרויסצושפּרינגען נאָך דיר — די קינדער...

— וווהין וועל איך מיט זיי גיין? — שעפּטשעט טעלצע — אייניקע אַליין מיט דריי קינדער...

— ביסט אַ בהמה! — פאַרענטפערט איר אורי דער קאַסאַקער אויף די דאָזיקע האַרבע קשיא — וועסט מיט זיי אַוועק, ווערט דאָס אָנגערופן, פון אונדזער גאָרטן איבער די שכנימס גערטנער, וועסטו...

אַזוי האָט פּעטער אורי געפּלאַנעוועט מיט אַ קול פון קריאת שמע לייענען, און פּייווקע זיין תכשיט האָט אים אונטערגעהערט. און דעם אמת מוז מען זאָגן, אַז פּייווקע האָט קיין ברעקל דרך־ארץ נישט געהאַט פאַר דעם טאַטנס סטראַטעגיע אין פּאַל פון אַ פּאָגראָם אין מיטן דער נאַכט, נישט פאַר זיין שושקעוואַטע קאָמאַנדעוועו איבער צוויי צעשראָ־קענע ווייבער. אַן אויסגעבלאָזענע איי וואָלט פּייווקע נישט געגעבן פאַר אַזעלכע צוויי יענעראַליכעס מיט שלומפּערס, וואָס דאַרפן דאָ אויספירן ד׳עם טאַטנס פּריקאַזן. ער האָט זיך שוין אַפילו געקליבן, פּייווקע־מזיק, אַרויסצושטעקן, זיי אַלעמען דריי, די צונג הינטער דער טירל...

נאָר ס׳האָט געטראָפן אַ זאַך, אויף וואָס פּייווקע אַליין האָט זיך נישט געריכט. טעלצע, די פאַרזעסענע דינסט־מויד, האָט נישט אויסגעע־האַלטן אַזאַ גרויסע אחריות פאַר גאַנצע דריי קינדער, אַן עין־הרע, וואָס דער באַלעבאָס וואַרפט אויף איר אָן, בשעת דער באַלעבאָסטע — מומע פייגען — פאַרטרויט ער סך־הכל איין איינציק קערבעלע מיט זילבער... האָט זי זיך פלוצלונג צעכליפּעט, טעלצע, אין רעכטן מיטן סודן זיך...

אויף פּייווקען, וואָס איז געשטאַנען צוגעטוליעט צו דער טירל, אַ געשפּאַנטער, מיט אַ שווער האַרץ נעבעך, האָט זיך דאָס, נישט ווילנדיק, אָפּגערופן ווי אַ קלונג פון אַ סטרונע אויף אַ צווייטן פידל אין דער נאָענט. האָט ער אין גאַנצן פאַרגעסן אַרויסצושטעקן די צונג און אַליין מאָדנע פאַרשטיקט אַ כליפּ געטאָן. געוואָלט האָט ער פאַרשטייט זיך, קיינער זאָל קיין פּיפּס נישט הערן, און אַרויסגעקומען איז שדים ווייסן וואָס — אַ קוויטש־קול פון אַ הונט, להבדיל, ווען ער כאַפּט פליגן...

אורי דער קאָסאָקער איז אַזש אונטערגעשפּרונגען אויף דער קאַנאַפּע און האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. און אַלץ אַזוי גיך און רעשיק, אַז פּייווקע האָט אַפילו נישט פּאַספּיעט אָפּצוטרעטן.

— האַ! — שרייט אורי הינטערן װענטל — וואָס איז דאָס עפּעס?

און גיט האַסטיק אַ ריס־אויף די טירל פון זאַל. און פּייווקעס אַנגע־שפּיצטער אויער פאַלט גלייך אַריין, ווי אין אַ לעבעדיקן קלעם, צווישן דעם טאַטנס זודיקע פינגער.

— וואָס טוסטו דאָ? — נעמט אים אורי אויפן פאַרהער — מען פרעגט דאָך עפּעס ביי דיר?

פּייווקע ווייסט אָבער זייער גוט, אַז אויב ער וועט ענטפערן, וועט ער קריגן פּעטש, און אויב ער וועט נ י ש ט ענטפערן, וועט ער אויך קריגן פּעטש. האָט ער בעסער באַשלאָסן צו מאַכן זיך געפּגרט און גאַר־

נישט ענטפערן. און טאַקע באַלד, אָן שום לאַנגע חקירות, האָט ער באַקומען צוויי מזומענע פעטש פאַר אונטערהערן, און אַ שטויס מיט דער קני אין די ווייכע טיילן. אַזוי איז ער, מיטן כוח פון טאַטנס כעס, אַריינגעפלויגן אין קינדער־קאַמער. צום גרויסן שטוינען פון פעטער אורי און ברידער־לעך, האָט פּייוּקע מער קיין פּיפּס נישט געטאָן. גאָרנישט. עפּעס ווי מען וואָלט געפּאַטשט אין טיש אַריין און אָוועקגעשטויסן אַ קישעלע...

ירחמיאלקע דער מוזיניקל און וועלוועלע דער עלטערער זענען גלייך צוגעשטאַנען צו זייער כוואַסטקן ברודערל: נו, וואָס האָסטו געהערט? וואָס האָט דער טאַטע געשריען?

אָבער פּייוּקע האָט אַריינגעוואָרפן זיינע ביידע געפּאַטשטע באַקן אין די מאָגערע אָרעמס, און אויך זיי קיין וואָרט נישט געענטפערט. צו שווער האָט אים געגאָגט דאָס האַרץ ער זאָל מאַכן אַ וועזן פון אַזאַ קלייניקייט, ווי צוויי פעטש. אַ סך ערגער איז דאָס, וואָס דעם טאַטנס פּלענער און די הילף פון צוויי ווייבער זענען קיין קאָפּיקע נישט ווערט. נישטאָ וווהין צו לויפן פאַר די גויאים מיט העק... חס־ושלום זיי זאָלן באַפאַלן די שטוב אין מיטן דער נאַכט!...

פּייוּקע ווייסט זייער גוט, אַז דער פּאָפּליץ איז נישט קיין אָרט צו באַהאַלטן זילבערנע כלים, און דער נאַקעטער קרויט־גאָרטן איז קיין אָרט נישט צו באַהאַלטן קינדער. און בכלל... ווי נאָר די גויאים וועלן אָנהויבן טראַסקען אין טיר, וועט דער קאַסאָקער טאַטע דער ערשטער נעמען טומלען זיך און שרייען „טשאַהאָ טרעבאַ?...” (וואָס ווילט איר?) און נישט נאָר דעם אַלטן האַמער, נאָר אַפילו אַ שטרוי וועט ער נישט קענען האַלטן אין דער אָדערדיקער, הייסער האַנט. אַזוי וועט ער זיך טרייסלען... אַ בריה איז ער גאָר אויף שמייסן די זין זיינע און נישט אויף פּלעטן גויאים די האַרטע שאַרבנס. און די מאַמע?... זי וועט מסתמא אַ כאַפּ טאָן דאָס קערבעלע מיט זילבער אונטערן פאַרטוך און אויפן טונקעלן פּאָפּליץ אונטערן אויוון וועט זי, אין דער ערשטער סומאַטאָכע, אין גאַנצן פאַרגעסן. פון טעלצען איז שוין אָפּגערעדט! ווו פענצטער, וואָס פענצטער? ז י וועט שפּרינגען פון אַ פענצטער? אויך מיר אַ שפּרינגערקע! גיכער וועט זי זיך נעמען רייסן די האָר פון קאָפּ און קווייטשען: „באַ־לע־באַ־אַסטע־ע!”...

פּוסטע דיבורים. מ'קען זיך דאָ אין שטוב אויף קיינעם נישט פאַר־לאָזן. אַנטלויפן פון די גויאים דאַרף מען אַליין. אַ סך, אַ סך בעסערע פּלענער ווי דער טאַטע האָט ער, פּייוּקע. אַ סך גלייכער איז צו באַהאַלטן

זיך בחברותא הינטערן פּלויט פון ליובאַוויטשער בית־מדרש. דאָרטן ליגן אָנגעגרייט הורבעס מיט ציגל. טאָמער קומען אָן די גויאים — איז אין קאָפּ אַריין, איין ציגל נאָך דעם אַנדערן. די קינדער דערלאַנגען און די דערוואַקסענע שליידערן אין די גראָבע קעפּ אַריין, אין די באַוואַקסענע שטערנס!... אָט אַזוי דאַרף מען טאָן.

אָבער די דערוואַקסענע פאַרשטייען אַ האָר נישט ווי אָפּצושאַצן אַזעלכע טייערע עצות פון אַ חדר־ייִנגל. קיינער פון זיי פרעגט ביי אים נישט און קיינער וועט אים נישט פּאָלגן...

עס האָט זיך אָנגעהויבן

1

אין יענער נאַכט, ווען אורי דער קאַסאַקער און ענלעכע יידן ווי אוריפּ האָבן דורכגעפירט אַזעלכע גוואַלטאָוונע פּלענער, ווי באַהאַלטן די זילבערנע כלים אין פּאַפּליץ, איז גראָד גאָרנישט געווען.

די „חתונה" האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צומאָרגנס פּרי און גראָד דאַמאָלסט, ווען אַלע האָבן שוין געגומען האָפּן, אַז הישין דעם ראַבינערס טעלעגראַמע, צום מאָהליוער גובערנאַטאָר, האָט געהאָלפן און די געפאַר איז אַריבער.

משמעות, אַז דאָס הרגענען פּאַרטאָג, אין וואַלד, טשורילאָ קאַטאַרזשניק — דעם רבי פון די פּאָגראָמשטשיקעס — האָט וויניק וואָס געהאָלפן. נישט אַנדערש, אַז מאָדיע „מיטן אמת" האָט אומישנע איבערגעטריבן טשורילאָס באַדייטונג, כדי פאַר די זעלבע הוצאות פּטור צו ווערן אי פון אַ פּאָגראָמשטשיק אי פון אַ תליון אין דער מאָהליוווער טורמע, מיט וועלכן די „ציציליסטן" האָבן געהאַט באַזונדערע חשבונות...

די גאַנצע מאַכינאַציע פון פּאָגראָם איז שוין געווען אָנגעשטעלט שטילערהייט און געבוימלט; געוואַרט נאָר אימיצער זאָל מאַכן דעם אָנהויב און אַ דריי טאָן. נישט דערוואַרט זיך, אַז דער איבערגעטאָנענער קאַטאַרזשניק זאָל אָנהייבן — האָבן אַנדערע אָנגעהויבן אויף זיין אָרט. אמת — שוואַכערע בויאַנעס, קלענערע רוצחים, אָבער אויך זיי זענען געווען גענוג.

און אָנגעהויבן האָט זיך דאָס אַזוי:

נאָך אַ שלעכט דורכגעשלאָפענער נאַכט זענען, אין מאַרק ביי די קרעמלעך, געשטאַנען די אָסיענדיק-אָנגעטאָנענע קרעמער. די שליסעלעך פאַררוקט אין די טיפע קעשענעס און די הענט אין די אַרבל און נישט געוווּסט, וואָס זיי זאָלן דאָ טאָן. אויפשליסן די שלעסער צי נישט? אַראָפּלאָזן די שווערע פרענטן אייזן פון די דעמבענע לאָדנס, צי אָפּוואַרטן?

מיט אַ מאָל פאַשפרייט זיך אַ פריילעכער קלאַנג, אַז אַ ראָטע סאָלדאַטן קומט אָן מיטן מאָהליוּוער שליאַך. אַ נאַטשאַלניק גייט פאָראויס און מושטרירט זיי. אָט גייען זיי שוין איבער דער אונטערבאַרגער הרעבליע. אָט זענען זיי שוין ביים בלויען אַפטייק און אָט באַלד וועלן זיי זיין אין מאַרק.

האָבן זיך יידן אָטכאַיעט: אַהאַ! האָט טאַקע אונדזער ראַבינערס טעלעגראַמע י אַ געהאַט אַ פעולה... אמתע סאָלדאַטן, אַ גאַנצע ראָטע אין שינעלן קומען צו באַשיצן די שטאָט.

איז געוואָרן אַ פריילעכע אַפשליסעניש ביי די קרעמלעך. די זעל־צערקע־יידענעס, אין מיטן מאַרק, האָבן אויפגעשטעלט זייערע טישלעך, אויסגעלייגט זייערע לעקעכלעך און צוקערקעס, אַ פרווו געטאָן די קופּערנע סיפּאָנעס צי זיי גייען, אַרומגעשטעלט זיי מיט געהענטלטע גלעזער און מיט פלעשער סירופּ; גרייט אויפצונעמען וויפל דורשטיקע קונים עס זאָלן נישט אָנקומען.

אָבער, ווי נאָר די ראָטע איז אָנגעקומען אין עק מאַרק, איז גלייך געוואָרן קשה, פאַרוואָס זי גייט נישט געמושטערט ווי עס דאַרף צו זיין, נאָר אין איין הורבע, אָן אַ טאָלק און אָן אַ נאַטשאַלניק. ווער פריער ווער שפּעטער... דער פעלדפעבעל זייערער, וועלכן יידן האָבן נאָך געזען אונ־טערבאַרג, איז ערגעץ־ווו נעלם געוואָרן. צום פריסטאַוו, אין סטאַן, זאָגט מען, האָט ער זיך גאָר אַוועקגעמאַכט.

אָנשטאָט אַ נאַטשאַלניק גייט מיט די סאָלדאַטן מיט אַ געזונטער דאָרפישער שגץ אין אַ קורצן קאַזשוך, מיט אַ קאַרטוז אין דער קרום אויפן געשוירענעם קאָפּ, און שפּילט אויף אַ האַרמאָשקע. די מאַרק־מענטשן האָבן אין אים גלייך דערקענט מיקיטאַס איידעם פון מאַקאַראָווקי. דעם זעלבן מיקיטאַ, וועלכער האָט זיך די לעצטע צייט אויסגעצייכנט מיט זיינע סקאַנדאַלן צווישן די יידישע יאַטקעס און קראָמען, און וועלכער האָט בפרהסיה געשלאָגן זיין ווייב די קראַסאַוויצע דערפאַר, וואָס זי איז אים כלה־וויז נישט געווען טריי...

איז געוואָרן קשה ווי אַזוי קומט דאָס אַזאַ דאַנילאָ פון דאָרף צו זיין אַ פירער ביי זעלנער אין שינעלן. נאָר שאַרפע קעפ האָבן באַלד געפונען אַ תירוץ: דער אויסגעדינטער יונג האָט זיך, מסתמא, ביי מאַקאַראָווקי באַגעגנט מיט חברים פון פאָלק. האַליובעט מען זיך...

שפּילנדיק ברייטלעך און אויסגעלאַסן אויף דער האַרמאָשקע און שפּרייזנדיק מיט צעשפּרייטע פיס, האָט זיך דאַנילאָ פלוצלונג אָפּגעשטעלט,

אומגעדרייט זיך צו זיינע געוועזענע בריד״ערלעך סאָלדאַטן, און געהאַלטן פאַר זיי אַ מין וואָרעמע „התעוררות״ פאַר ביידע „תקיעות״ פון זיין כלי:

— איז די „באַבאַ״ מיינע, בראַטצי, קאַטערינקען, מיין געזעצלעכע ווייב, האָבן מיר די זשידעס קאַליע געמאַכט. האָב איך זי מיטן אַפּצאַס געשלאָגן אין זייט. ליגט זי די סטערוואָ און וואַיעט ווי אַ הינטיכע. האָב איך גוט געטאָן, ברידער סאָלדאַטן?

— גוט געטאָן, דאַנילאָ! — זענען מסכים עטלעכע זעלנערשע רילעס אויף איין מאָל, — ווי דען־זשע? אויב אַזאַ, אַזאַלכענע!

צעשפּילט זיך די האַרמאָשקע, צעהירזשעט זי זיך, נאָך דער זעל־נערשער הסכמה, מיט אַ קורצן האָפּערדיקן וויוואַט. און דאַנילאָ רעדט ווייטער:

— איז די כלות אונדזערע פּטרן די זשידעס אַוועק... וועלן מיר אפשר אַ הוליע טאָן מיט זייערע חאַיעטשקעס, אַה?

— כאַ־כאַ—האַ־האַ! — צעטרייסלען זיך די זעלנערשע האַרטע בייי־כער אונטער די שינעלן — אַ הוליע טאָן, קאַק־זשע? אַ הוליע טאָן ווי עס באַדאַרף צו זיין!

גיט דאַנילאָ אַ קוועטש מיט איין אויג, און פאַרבייסט די זעלנערשע אויסרופן מיט אַן אויסגעלאַסענעם וויוואַט פון זיין האַרמאָשקע. דערנאָך דרייט ער אויס דעם לעדערנעם געזעס זיינעם צו די אונטערגעוואָרעמטע סאָלדאַטן, און מאַרשירט מיט זיי אַוועק ווייטער, זינגענדיק און שפּילנ־דיק, ביז טיף אין מאַרק אַריין.

פאַרשטייען יידן נאָך אַלץ נישט, וואָס דאָס באַדייט. זיי מיינען, אַז ס׳איז גלאַט אַזוי זעלנערשע חכמות, שטיפערייען. די סאָלדאַטן לאַכן — לאַכן יידן מיט. די סאָלדאַטן מאַרשירן — שלעפּן זיי זיך נאָך.

דערגאַנגען צו די טישלעך מיט זעלצער־וואַסער, פאַרוואַרפט דאַנילאָ די שווערע האַרמאָשקע מיטן פּאַסעק איבער דער לעדערנער פּלייצע און רופט אויס אַזוי:

— בראַ—אַטצי!... ווער וויל טרינקען. אַ? סיודי, סיודי! (אַהער, אַהער!).

ער שרייט דאָס אויס מיט אַ ברייטלעכן לשון פון אַ בעל־גוף אַן ערל, וואָס האָט זיך צעקנעפּלט נאָך אַ גרויסער הוליאַנקע און איז אַלעמען מכבד אויף זיין חשבון.

ענטפערן אים אָפּ אַ סך צעיושעטע קולכער פון דער הורבע סאָלדאַטן:

— קאַק־זשע!... אויב טרינקען איז געטרונקען זאָל ווערן! פּאַ־דאַ־וואַי!

און מיט אַ ווילדן געלעכטער רינגלען זיי אַרום די זעלצערקע־יידענעס און הייסן אַנגיסן.

אַזאַ צו הייסער טומל פון פּרנסה האָט די יידענעס, ביי די טישלעך, גלייך פּאַרדעכטיק געמאַכט. די ערשטע האָט זיך צעקוויטשעט גיטקע די אלמנהלע. און נאָך איר — אַלע אַנדערע פּאַרקויפערקעס. זיי אַלע האָבן אויפגעעפנט בלויע מיילער און פּאַרלאַנגט מ׳זאָל פריִער באַצאָלן, צו קאָפּיקע פאַר יעדער גלאָז!... דערנאָך וועלן זיי אַנגיסן...

— ניע ראַזגאַוואַריוואַט! (נישט רעדן אַ סך!) — שרייט דאַנילאָ אויס מעשה נאַטשאַלניק. ער גיט אַ ריס אויס די גראָבע גלאָז פון גיטקע דער אלמנהס האַנט, גיסט זיך אַליין אָן אַ האַלבע גלאָז מיט מאַלינע־סירופּ, פּאַרגיסט דאָס מיט זעלצערקע און כאַפּט זויפן. און קוקנדיק אויף אים טוען אַזוי נאָך אַ סך פון די זעלנער. מען כאַפּט די גלעזער פון די טישלעך, מען צאַפּט, האַנט איבער האַנט, זעלצערקע פון די קופּערנע סיפאָנעס, מען שטופּט די באַפּאַרבטע לעקעכלעך אין די זשעדנע מיילער. און גיטקע די אלמנהלע צעקוואַטשקעט זיך האַרצרייסנדיק, ווי אַ הון אַ סיעדעכע, ביי וועלכער מ׳האָט אַוועקגעריסן די אויסגעוואַרעמטע אייער פון אונטערן בייכל.

2

ערשט דאָ כאַפּן זיך אַלע אַנדערע זעלצערקע־יידענעס, אַז מיט אַ שטראָם פון פּרנסה האָט דאָס לחלוטין נישט צו טאָן. גיכער זעט דאָס עפּעס אויס ווי אַ פּראָסטער גראַביאָזש אין מיטן העלן טאָג. צעקוויטשען זיי זיך און צעגוואַלדעווען זיך אַלע אין איין כאָר, צעפּלאַטערן זיך מיט די פּאַטשיילעס, ווי מיט געבראָכענע פליגלען; צעפּאָכען זיך מיט די אויסגעהאָרעוועטע דאַרע הענט:

— געוואַלד, יידן! מען ברעכט גלעזער, מען גזלט, מען ראַבעוועט! מען קוילענט אונדז אָן אַ מעסער אין מיטן מאַרק...

אויף אַזאַ ווייבערישן געוואַלד לויפן אָן יידן און גויאים און פּריי־זיוואָניקעס. שוואַרץ ווערט אַרום די טישלעך, און צווישן די קראָמען — אַ שטופּעניש. פון קראָם צו קראָם קייקלט זיך אַוועק אַ קלאַנג, אַ הילכיי־קער קניילכל: עס האָט זיך אָנגעהויבן?... ווו אָנגעהויבן? ווער אָנגעהויבן?

דערזען, אַז סאָלדאַטן מיט קנעפּלעך זענען די אָנהויבער, רוקן זיך אָסטראָזשנע יידן אַוועק אָן אַ זייט. און די רעדלעך פון דאָרפישע בייגע־

ריקע מאָרדעס, אַרום די זעלצערקע־טישלעך מיט די צאַפּלדיקע יידינקעס, ווערן געדיכטער, ווערן האַרטער, הוצפּהדיקער. דאָס גיט צו מוט די בויאַנעס מיט די געגזלטע גלעזער אין די הענט.

דער ערשטער טוט מיקיטאָס איידעמל אַ זעץ מיטן שפּיץ שטיוול אין גיטקע דער אלמנהס טישל און קערט איבער דעם סיפאָן אירן מיטן צעבער אייז פון אונטן, מיט די איבערגעבליבענע לעקעכלעך און סירופּ־פלעשער — אויבן. עס דערהערט זיך אַ שאַרפער בריאַזג פון צעבראָכענע גלעזער. און דאַנילאָ אַליין צעכריוקעט זיך נאָך פון גרויס העלדישקייט און טאַפּטשעט מיט ביידע שטיוול די רעשטלעך פון גיטקעס סחורה אויף דער ערד.

דאָס ווירקט ווי אַ געגעבענער סיגנאַל, אַן אָפּגערעדטער צייכן אַזאַ. וואָרום די זעלנער גיבן זיך פונקט אַזוי אַ וואָרף אויף די אַנדערע טיש־לעך, קערן זיי איבער ווי קאָרטן־הייזקעס, און שטעכן און ברעכן און רעוועו „הורראַ!..״ איין צעיושעטער קורנאָסער זעלנער, דער לץ פון ראָטע, אפּנים, כאַפּט איין פולן קופּערנעם סיפאָן־זעלצער אונטערן אָרעם, קוועטשט אָן מיט ביידע גראָבע פינגער דעם צאַפּן, צעטענצלט זיך אין קרייז און שפּריצט אָפּ מיט קאַלטע זעלצער־וואַסער די שרייענדיקע יידענעס. גלייך אין די צעקרימטע פּנימער שפּריצט ער זיי, אין די אויפ־געריסענע בלויע מיילער אַריין.

אַזאַ גוואַלטאָוונע חכמה פון אַ זעלנער אין שינעל רופט אַרויס אַ גאַנצן שטורעם פון הפקרדיקן געלעכטער ביים דאָרפישן עולם. דער גראָבער בויך־געלעכטער פּאַרגיסט אַלע ווייבערישע געוואַלדן. בטל־בששים ווערן אַלע יידישע פּראָטעסטן. די פּאַרקויפערקעס כאַפּן לויפן. און די פּויערישע פּריזיוויניקעס, וואָס האָבן זיך ביז אַהער נאָר צוגעקוקט און מיט אָפענע מיילער געשלונגען די שיינע תורה פון ברידערלעך־סאָלדאַטן, קריגן אַצינד אויך חשק צו סקאַנדאַלעווען. זיי שטופּן זיך דורך און וואַרפן זיך, ווי הונגעריקע הינט, אויף די רעשטלעך לעקעכלעך, וואָס וואַלגערן זיך אויף דער ערד. זיי זויגן זיך איין, מיט זשעדנע מיילער, אין די אַנידער־געוואָרפענע סיפאָנעס, ווי צו גרויסע קופּערנע סאָסקעס. אַזוי זויפן זיי ליגנדיק אויף די בייכער.

פון די זעלצער־טישלעך וואַרפט זיך דער טומל איבער אויף די נאָענטע בשמים־קרעמלעך. „יידן מען ראַבעוועט!״... קייקלט זיך אַוועק אַ געוואַלד פון קרעמל צו קרעמל. די אייזערנע פּרענשן צעטראַסקען זיך איבער די, אויף דאָס ניי צוגעשלאָסענע לאָדנס. האַסטיק שליסן זיך די

אַלטע בייכיקע שלעסער. נאָר נישט אַלע פּאַספּעיען דאָס צו טאָן אין ענג־שאַפּט און אין גויאישקן אָנפּראַל. רויטע ידים שטופּן זיך, שטורכן יידן אין די זייטן. קיילן שטערנס, קויקלען אַרויס פּעסער, וואַרפן אַרויס פּוש־קעס און קעסטלעך און פולע זעק. שטיקער פּאַרביקע שניט־סחורה צעפלאַ־טערן זיך איבער אויפגערעגטע קודלאַטע קעפּ; און האַרטע פינגער רייסן זיי דאָ, אויף אַן אָרט, אָן אַ שער און אָן אַן אַרשין, טיילן זיי מיט גויאישע קללות און זידלערייען. אויף דער ערד ליגן אויסגעשאָטן פּעקלעך ליקעס, קראַנצן שוועמלעך, טרוקענע טאַראַנקעס. פון שלעכט אויפגעבראָכענע פּעסלעך הערינג גיסט זיך ראָסל. עטלעכע גויאים שלאָגן זיך איבער אַן אויסגעשאָטענער פּושקע מיט ציגעלעך צוקער. גויאים שפּרינגען אַראָפּ פון די פורן און כאַפּן. מיקיטאַ פון מאַקאַראָווקי, מיט דער רעטאַך־באָרד, שפּרינגט דער ערשטער אַראָפּ פון זיין אויסגעבעטן וועגל. שאַרט מיט ביידע הענט די אויסגעשאָטענע הערינג און טאַראַנקעס און שוועמלעך, אַלץ צוזאַמען, און וואַרפט דאָס הויפנווייז גלייך אין וואָגן אַריין. ער שרייט עפּעס דערביי, אַז דאָס קומט אים „פּאָ זאַקאָנו", פאַר אַ ווייסן „פּיוועו" (הזאָן) וואָס יידן „טרעקליאַטע" האָבן אים „ווזבאַלאַמוטיעט" אויפן שליאַך, און פאַרן כבוד פון קאַטערינקען זיין טאָכטער, וואָס יידן האָבן פאַרשוועכט. נאָר קיינער פון די גויאים פאַרשטייט נישט וואָס ער מיינט דערמיט... איין ערל, אַ פּרעסער, שטאָפּט זיך אין מויל אַ שטיק ווייכע גאָמולקע, וואָס ער האָט אָקאָרשט אַוועקגעראַבעוועט, און קריגט דערפאַר אַ מוראדיקן פּראַסק פון אַ יידן אַ כוואַט איבער די ציין. דער נישט דערביסענער שטיק קעז ווערט באַדמט. שרייט אויף דער געשלאָ־גענער ערל ווי אַ געשאָכטענער דבר־אחר; און אין דער לופט באַווייזט זיך שוין דער אַנטבלויזטער קאָפּ פונעם כוואַטסקן יידן. אַ צעשויבערטע באָרד, אויסגעלופּטע אויגן... דאָס האָבן זיך גויאים אָנגענומען די קריוודע פונעם באַדמטן גוי מיטן רויט־געוואָרענעם קעז אין צעמזיקטן מויל...

פון ערגעץ־ווו איז אָנגעלאָפן ניסן דער דיעכטאַרניק. זיין מויל שרייט, זיינע פיס ווילן לויפן און קענען נישט. אַ הפקרדיקער געלעכטער באַ־גלייט אים. גויאים הערן אויף צו ראַבעווען און האַלטן זיך ביי די בייכער. אַזוי טשיקאַווע איז ניסן דער דיעכטיאַרניק מיט אַ מאָל געוואָרן. און ס'איז טאַקע דאָ פון וואָס צו פּלאַצן פון געלעכטער. אָט דער אַלע מאָל זשוואַוועך, קאָכעדיקער יידעלע לויפט אַצינד ווי אַ געפּענטעטער. ווי אין אַ נאַסן ווייבערשן קליידל לויפט ער. אַלע ווילע גיט ער אַ פּאַל אַנידער, הויבט זיך אויף און לויפט ווייטער, וואַרפנדיק מיט ביידע זייטן

ווי אַ יענטעצקע, וואָס וויל אַנטלויפן פון געפאַר. ביז איבערן גאַרטל האָבן אים גויאים אָפּגעטונקט אין זיין אייגענעם פאַס מיט דיעגעכץ; און די געדיכטע, שוואַרצע קלעפּעכץ האָט אים אין גאַנצן צוזאַמענגעשמאָלצן די קאַפּאָטע מיט די קורצינקע פיס. פון זיינע פאָלעס און אַרבל און קעשענעס ציט זיך דאָס דיעגעכץ אין געשטאַלט פון שוואַרצע לאַנגע לאָקשן; עס שלענגלט זיך ווי די פעטע קרייזעלעך האָר אויף דעם דיעכטיאַרניקס אַנטבלויזטן קאָפּ. ר׳ ניסן וויל זיך אַרויסמאַכן פון כאָכאָטשענדיקן רעדל גויאים און קען נישט. די צעיושעטע ערלים ווילן האָבן וואָס לענגער אַזאַ אומזיסטן טריאַטער. פאַריאָגן זיי אים צווישן די צעבראָכענע זעלצערקע־טישלעך, וועלכע זענען אָקאָרשט צעראַבירט געוואָרן. דאָ ווערט ר׳ ניסן דער בעל־תשובה געשטרויכלט און גיט ווידער אַ פאַל אַנידער מיט אויסגעצויגענע הענט און פיס. און אַז ער שטייט אויף איז ער אין גאַנצן אויסגעקלעפּט מיט שטיקער גלאָז און אייז און האָלץ און מיט כלערליי ברוכוואַרג און פאַסקודסטווע, וואָס וואַלגערן זיך דאָ אַרום. ווי אַ משונהדיקער באַבוק מיט הערנער און שפּיצן פון אַלע זייטן, שטייט ער אויף. ער איז אַזוי מוראדיק, אַז דער פויערשער געלעכטער ווערט אַ ווילדע פאַרשטומט. גויאים דערזען אין אים דעם אייביקפאַרוואָגלטן „יודאַ״, וואָס האָט דעם קריסטוס פאַרקויפט, וואָס וויל אַנטלויפן פון זיינע זינד און קען נישט... נאָר אין אַ ווילדע אַרום, ווען דער באַדיעגעכצטער ר׳ ניסן מאַכט ווייטער אַ טראָט צו אַנטלויפן, טשוכען זיך די גויאים אויס און הויבן אויף אַ נאָך מער דונערדיקן „הורראַ!״ — פון די אָנגעקלעפּטע שטיקער גלאָז און האָלץ איז ר׳ ניסן נאָך שווערער געוואָרן צו אַנטלויפן.. שטרעקט ער אויס זיינע פאַרדיעגעכצטע הענטלעך, אַזוי רחמנותדיק און אומבאַהאָלפן, ווי אַ קינד וואָס לערנט זיך גיין און בעט טאַטע־מאַמע זאָלן אים העלפן. נאָר קיינער העלפט אים נישט. אַפילו די עטלעכע היימישע גויאים, וואָס ער זעט איבעם ווילדן אָנגעלויף, וועלכע קענען אים און האָבן יאָ אַ ביסל רחמנות, רוקן זיך אָפּ אָן אַ זייט און מאַכן זיך פון אים אַוועק. וואָרום זיי האָבן מורא אָנצוקלעפּן זיך ווי אָן אַ לעבעדיקן פאַרשאָלטענעם שטיק פּעך. בלייבט איבער דער שקלאָווער דיעכטיאַרניקל אייניקער אַליין צווישן אַזוי פיל אומבאַקאַנטע דאָרפישע לצים, וועלכע באַגלייטן יעטוועדער געפּענטעטן טראָט זיינעם און פאַריאָגן אים, ליאַרמענדיק און לאַכנדיק, אין בראָכוואַרג און אין קאַנאַוועס.

דאַנילאָ אַליין ראַבעוועט דערווייל נישט. מיט אַ גראָבן יונישן שמיי־

כעלע קוקט ער צו, ווי דער פייער, וואָס ער האָט אונטערגעלייגט, צעפלאַ־קערט זיך אַלץ מער און מער און קיינער קען אים שוין נישט אָפּשטעלן. דער אָנגעלויף פון גויאים צעוואַקסט זיך און דער אַוועקלויף פון יידן ווערט שטאַרקער. די געוואַלדן פון די אַנטלאָפּענע קרעמערס ווערן אַלץ ווייטער, און דער רעש פון אויפגעבראָכענע קראָמען און אַרויסגעוואָרפענע סחורות ווערט נעענטער. דער „פּראַוואָסלאַוונער" כוח צעגיסט זיך איבערן גאַנצן מאַרק און קיינער שטעלט אים נישט אָפּ. אַפילו די שטאָטישע גויאים פאַרבויגן די חרפּה׳ לאָזן אַראָפּ די דאַשיקעס איבער די זשעדנע אויגן, ציען אָן די כאַליאַוועס און כאַפּן ראַבעווען מיט די זעלנער און מיט די פרעמדע פּריזיוויניקעס צוזאַמען. ביסלעכווייז צעוויגן זיי זיך אַזוי׳ אַז זיי אַליין ווערן דאָ די אָנפירער פון די ווילד־פרעמדע כאַליאַסטרעס, ווייזן אָן די רייכערע קראָמען און ווו עס לוינט זיך בעסער צוצולאָזן אַ האַק, אויפצוברעכן אַ לאָדן...

פון גרויס שמחה כאַפּט דאַנילאָ אַראָפּ זיין פאַרוואָרפענע האַרמאָשקע פון פּלייצע, לאָזט זיך אַוועק טאָפּטשען מיט די שווערע שטיוואַלעס איבער די אַרויסגעוואָרפענע סחורות און שפּילט אויס אַן אויפמונטערדיקן מאַרש פאַר אַלע ברידערלעך־גויאים מיט די ברעכאייזנס אין די הענט. ער זינגט פון פולן האַלדז און שפּילט צו אַזוי:

נו, אי קאַשו — זש׳ זאַוואַרילי׳,
זנאַטשיט מאַסלאַ ניע זשאַלע־עי!

ס׳הייסט: „נו, אַ קאַשע האָבן זיי פאַרקאָכט, הייסט דאָס — פּוטער דאַרף נישט געזשאַלעוועט ווערן"...

דער שוואַרץ יאַר ווייסט אים, דאַנילאָן, קאַטערינושקעס באַליידיקטן מאַן, פון וואַנעט ער האָט דאָס אויסגעקראַצט אַזאַ האָפּערדיק לידל, אָנצור־פירן מיט איר די צעיושעטע זעלנער אויפן שקלאָווער מאַרק. ס׳איז דאָך גאָר אַן אַלטע פעלד־ליד פון דער מלחמה מיטן טערק. די מויערן פון פּלעוונאַ האָבן מיט אים פאָניעס סאָלדאַטן געשטורעמט אין אַלעק־סאַנדער דעם צווייטנס צייטן, היינט ווי פּאַסט עס דאָ אַהער? נאָר קשיות פרעגן, ביי אַזאַ אויסגעדינטן יון ווי דאַנילאָ איז, איז דאָך נישט שייך! מיט זיינע גרויסע מוזיקאַלישע טאַלאַנטן און מיט זיין כעס אויף דעם זשידאָווסקען ליבהאָבער פון זיין ווייב פאַר דער חתונה׳ האָט ער דאָס מלחמה־ליד צוגעפּאַסט צום ראַזבאָי אויפן שקלאָווער מאַרק. די „קאַשע" האָבן, מסתמא, די יידן פאַרקאָכט און די „פּוטער" — דאָס מיינט אַפּנים די שיינע מעשים פון זיינע חברים־זעלנער... וויבאַלד, הייסט

דאָס, די „זשידעס״ האָבן פאַרקאָכט אַ קאַשע, טו זשאַלעוועט נישט, ברידער פּראַוואָסלאַוונע, און ראַבעוועט! אַ פיינער פאַרגלייך כ׳לעבן! נישטאָ וואָס צו רעדן, אי אמת, אי שיין, אי גערעכט ווי דער טאָג!

לערנט אָבער נישט מיקיטאָס איידעם וואָס צו טאָן, און וואָס ס׳איז שיין און וואָס ס׳איז מיאוס! ער קען בעסער זיינע ברידער און ווייסט ווי אַזוי אונטערצוואַרעמען זיי. והא־ראיה: אונטער זיין הפקרדיקן געזאַנגעכץ און שיכורע טענער פון זיין האַרמאָשקע צעברענט זיך דער גראַביאָזש ווי אַ פלאַם פייער. מיט דאָפּלטער רציחה טוען זיך די זעלנער און פּריזיוווניקעס אַ לאָז אויף אַלע זייטן מאַרק און ברעכן און שטעכן און ליאַרמען און שילטן און שלאָגן. די האַרמאָשקע ווערט שוין אין גאַנצן איבעריק, קוים־קוים וואָס מען הערט זי אָן אינעם וויסטן טומל. פאַרוואָרפט זי דאַנילאָ צוריק אויף דער באַלעדערטער פלייצע און שרייט און רופט — חברים־זעלנער זאָלן מיט אים מיטגיין:

— אַצינד, בראַ־אַטצי, קומט צום זשיד פאַנדרע! מירן אים קאַליע־מאַכן זיין פאַנדריכע!... וואָס ער מיט אונדז, וועלן מיר טאָן מיט אים... פאַסטאַרעט זיך, ברידערלעך טייערינקע!

3

פּאַר חברה עמי־הארצים אין שטאָט זעגען די אומרועו אין מאַרק נישט געקומען אומגעריכטערהייט. אויך ז י י האָבן זיך געריכט אויפן פּאָגראָם, אָבער נישט אַזוי ווי די באַלעבאַטים האָבן זיך געריכט. זילבערנע בעכערלעך אין פאַפּליץ האָבן זיי נישט באַהאַלטן, ווייבערשע אוירינגלעך און בראַשקעס האָבן זיי נישט פאַרגראָבן אין סאַזשע אויפן בוידעם. דער־פאַר אָבער האָבן זיי באַהאַלטן, אין די לעדערנע טיפע קעשענעס, ווער אַ טוקאַטש פון אַ שטויסל, ווער אַן אייזערנעם פינף־פונט, ווער אַ וואָג פון אַן אַלטן זייגער און ווער אַ שאַרפערע זאַך...

דאָס איז געווען אַ זעלבסט־שוץ, וועלכע קיינער האָט נישט באַ־וואָפנט און נישט מושטרירט. זי איז געוואָרן פון זיך אַליין, געהאַט איר שפּראַך פון צייכנס און אויסרופן. אירע אייגענע שטאַפּעטן האָט זי געהאַט. און געזאַמלט זיך, פון אין דער פרי אָן, ביים באַלעגאַלישן צעך אין עק מאַרק, און אָפּגעוואַרט וואָס דאָ וועט זיין.

און כדי אין די שפּעטערדיקע דורות זאָל מען אויך וויסן, ווער עס האָט דאָס לעבן איינגעשטעלט פאַר שטאָט און ווער עס האָט אָפּגעהאַלטן

די ערשטע אָנפאַלן, פון סאָלדאַטן און פּריזיוּוניקעס און גלאַט ערלים, איידער פאַנדרע דער שמשון־הגיבור איז אָנגעקומען מיט זיין האַלאַבּליע, וועלן מיר אויסרעכענען אייניקע פון די הויפּט־העלדן און אָנרופן זיי מיט די נעמען. וואָרום ווען נישט אָט דער דאָזיקער אַוואַנגאַרד, וועלכער האָט אָוועקגעטראָגן אַ סך צעבּלוטיקטע קעפּ, וואָלט שוין פאַנדרע אין יענעם טאָג אָנגעקומען אויף חורבות פון הייזער און אויף אַן אין גאַנצן צעראַבּירטן מאַרק.

קודם־כל די באַלעגאָלעס און דער עלטסטער זייערער ר׳ שלאָמע „פּאַרעוּוער״. אַ פּרומער ייד איז דאָס געווען, כאָטש אַ באַלעגאָלע. ער האָט קיין מאָל נישט געגעסן קיין מילכיקס און פליישיקס אין איין טאָג. נאָר איין מאָל אין מעת־לעת געמאַכט זיך אָדער פליישיק אָדער מילכיק. און צום צווייטן מאָל געגעסן נאָר פּאַרעווו. דערפאַר האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן דער „פּאַרעוּוער״ און נאָך ר׳ סענדער פּאַרדאָנס טויט האָט אים צעך אויסגעקליבן פאַרן עלטסטן.

ער האָט זיך נאָך אַפילו געפילט נישט־גוט, נאָך דעם אָנפאַל פון כאָליערע, וואָס ער האָט אַריבערגעטראָגן. נאָר, דערהערנדיק וואָס עס טוט זיך אין שטאָט און וואָס מען ריכט זיך, האָט ער זיך אין יענעם טאָג געשטאַרקט ווי אַ לייב, ברייט אַרומגעגאַרטלט דעם אָפּגע־שוואַכטן בויך זיינעם, פאַררוקט אַ פּרענט אייזן אין כאַליאַווע און אַוועק אויף דער וואַך צום באַלעגאָלישן צעך.

דערזען וואָס דער באַיאָרנטער, אויסגעקרענקטער טאַטע טוט, האָט ליפּע זיין זון אויך נישט געקענט אָפּשטיין, און געטאָן דאָס זעלבע וואָס דער טאַטע. ס׳הייסט: ער האָט אויך גענומען אַ פּרענט אייזן אין כאַליאַווע, אויך אַוועק צום צעך און געלאָזן זיין ווייב אייגע אַליין אין שטוב, זי זאָל קוויטשען וויפל איר האַרץ גלוסט... בכלל האָט ליפּע אַלע מאָל נאָכגעטאָן דעם טאַטן. און אַזוי ווי די לבנה נעמט איר ליכטיקייט פון דער זון, אַזוי האָט ליפּע אומעטום געשטראַלט מיטן שיין פון טאַטנס פּרומקייט. מ׳האָט אים אַפילו גערופן „דער יונגער פּאַרעוּוער״, אָדער „דעם פּאַרעוונס בנאָק״...

נאָך זיי זאָל דערמאָנט ווערן צום גוטן איטשע שפּאַק, וועמענס טאַטע און זיידע ס׳האָבן געפירט די פּאָטשט צווישן אָרשע און מאָהליוו. אַ געזעצטער ייד מיט ברייטע אברים איז דאָס געווען. אָנגעטאָן אין זיין באַלעגאָלישער כאַלמידע, האָט ער אויסגעזען ווי אַ סוקעוואַטער דעמבענער קלאָץ. און זיינע באָרד און פּאות — ווי נאָכגעשפּראָצטע

בלעטלעך און צווייגעלעך, וואָס שפּאַרן אַרויס, פון גרויס זאַפטיקייט, אויף דעם קלאָץ... ווו איטשע שפּאַק האָט אַ לייג געטאָן זיין הענטעלע, דאָרטן איז שוין קיין גראָז נישט געוואַקסן. קיין אייזנס האָט ער מיט זיך, אין יענעם טאָג, נישט גענומען. מיין בייטש־שטעקעלע, אַזוי האָט איטשע געזאָגט, וועט אויך קלעקן! און דאָס בייטש־שטעקל האָט באמת „געקלעקט"... נישט איין מוח געעפנט אין יענעם בייזן טאָג. וואָרום ס'איז געווען גאָר אַ באַזונדער סאָרט בייטש־שטעקל. דיק און פעסט ווי דער באַלעבאָס, און דער עק זיינס — ווי דער קאָפּ פון אַ גרויסער ציבעלע.

אַצינד, יעמוד ר' שלמה המן! אַ הויכער באַלעגאָלע מיט לאַנגע הענט און מיט לאַנגע פיס און מיט לאַנגע פאות. וואָס גיין, גייט ער מיט לאַנגע צעוואָרפענע טריט און רעדן, רעדט ער שליידערנדיק מיט לאַנגע ידים, אָט־אָט, דאַכט זיך, פאַרלירט ער אַ האַנט אָדער אַ פוס... פונ־דעסטוועגן האָט ער זיך איין מאָל פאַרוואָטן אין אַ טוץ ביר, אַז ער וועט אויפהאַלטן פאַר לאַנגע לייצעס צוויי נישט־געשפּאַנטע פערד, בשעת צוויי שמייסער וועלן זיי שמייסן איבער די ליטקעס. פאַרוואָטן זיך און דעם געוועט געוווּנען...

נאָך זיין חתונה איז ער אַוועק פון בית־מדרש, ווו ער האָט געלערנט גמרא און געשמט פאַר אַ מתמיד. און גאָר פלוצלונג גענומען זיך פאַר דער בייטש! און ווען מ'האָט אים אויפגעוואָרפן: ס'טייטש! „ווי קומט דאָס אַזאַ איידעלע זאַך ווי דו צו ווערן אַ באַלעגאָלע?"... האָט ער אַ פאָרשקע געטאָן מיט איין ליפּ און געענטפערט מיט לשון פון פרק: פּשוט נבלה בשוק!... איז דער טייטש — שינד אַ נבלה אין מיטן מאַרק, נאָר קום נישט אָן צו שקלאָווער לייט... די דאָמאָלסטדיקע באַלעגאָלעס אין צעך, וואָס זענען ביי זיך אַראָפּגעפאַלן פאַר זיין הויכן וווקס און פאַר זיין למדנות, האָבן אים אין די אויגן געחנפעט און אונטער די אויגן געבורטשעט: „אַ המן איז אויף אונדז אויפגעשטאַנען! שלאָגט אָפּ אַלע שוּדאַקעס"...

אַזוי איז זיין צונעמעניש פאַרבליבן „המן" ביז צום היינטיקן טאָג.

נאָך אים גייט ר' ישראל כדק, אַ גבר אַ ייד, אַ שטילער און אַ גוטמוטיקער, וואָס טוט אַלע מאָל מער ווי ער רעדט. וויפל ער איז אַלט ווייסט מען נישט געגוי. ווייל זיינע שוואַרצע האָר ווילן נישט גרוי ווערן. אויסער איין צייל האָר אין באָרד, וואָס איז ווייס ווי מילך און צעטיילט די שוואַרצקייט פון זיין אָפּגעברענטן פנים אויף צווייען. חדר־

ייִנגלעך האָט ער ליב ווי זיין חיות. און פאָרט ער דורך מיט אַ ליידי־קער ברישקע און דערזעט יידישע קינדער גייען פון חדר, אַזוי שטעלט ער אָפּ זיין פערדל און באַט אָן די ווייסע־חברהניקעס אונטערצופירן זיי אַ ביסל: „אָן אַ גראָשן געלט... מ׳זאָל נאָר קיין מורא נישט האָבן!”... קלעפּן זיך צו אים דערפאַר די קינדער פון שטאָט ווי פליגן צו פּאַטאָקע. פון גרויס ליבשאַפט האָבן זיי אַפילו געמאַכט פון זיין כשרער פאַמיליע אַ באַלעגאָלישן ראשי־תבות. כד״ק הייסט ביי זיי: כּאָראָשי, דאָברי קאָן... (אַ גוטער, ליבער פערד). נאָר ר׳ ישראלן אַרט נישט אַזאַ אָפּלאַכערישע אומדאַנקבאַרקייט. אַדרבא, ער אַליין האָט הנאה פון די יידישע שאַרפע קעפּלעך און פון זייערע ראשי־תבותן.

נאָך אים זאָל צו גוטן דערמאָנט ווערן הילקע קוקע — אַלס אַ באַ־לעגאָלע, וואָס האָט אַ טבע אָנצונעמען אַ בויד מיט שודאַקעס, אַז איינער דעם צווייטן קוועטשט, שונאי־ישראל, די געדערים אַרויס. און כדי די פּאַסאַזשירן זאָלן זיך נישט בונטעווען, איז ער זיי פון דער קעלניע משמח מיט כלערליי שטיקלעך און העויות. ער באַרימט זיך, אַז ער פאַרשטייט דעם לשון פון חיות און עופות, ווי שלמה המלך, און מאַכט זיי אַלעמען נאָך. בעסער ווי אַלץ — אַ קוקאַווקע אין בערעזאָווען וואַלד, ווייסנע־צייט. נאָר כדי מען זאָל אים פאָרט נישט צעמישן מיט שלמה־המלך, עליו השלום, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „קוקע”...

פון די קצבים האָבן זיך אַרויסגעלאָזן אויף קידוש־השם: חנקע פּיס־נאָהע — אַ ספּעציאַליסט אויף געסמאַליעטע פיס ערב־שבת אויף פּעטשאַ. שמעקט פון אים דערפאַר שטענדיק מיט געסמאַליעטע האָר — אויף דלד־אמות... און מיט אים צוזאַמען — משה־אָרע דער קצב: אַ ייִד אַ דעמב. ברייט און שווער ווי אַ יאַטקע־קלאָץ, מיט הענט און מיט אַ פּנים — רויט ווי לונגען. די שוואַרצע קיילעכדיקע באָרד אַרום אַזאַ פּנים האָט דערפאַר אויסגעזען נישט־נאַטירלעך, ווי צוגעקלעפּט מיט ניכטערע שפּייעכץ. נאָר עס מאַכט נישט אויס. נישט קוקנדיק אויף דער רויער גראָבקייט פון אַזאַ גוף, איז אין אים געזעסן אַ פייערדיקע יידישע האַרץ. אַ שטויבעלע האָט ער נישט געלאָזן פאַלן אויף פאָלק־ישראל. קיין גוי האָט ער נישט געשאַנעוועט און קיין אַפּיקורס אַוודאי נישט. וויי איז דעם וואָס לאַכט אָפּ, פאַר משה־אָרען אין די אויגן, פון יידן און פון יידישקייט!

נאָך אים האָט זיך אַרויסגעלאָזט — אַבראַשע „מאָסקוועער” מיט זיינע צוויי בנים... אַ מאָל, זאָגט מען, אין ראַשעיע” איז אַבראַשע געזועען

אַ גביר, געטריבן מחנות מיט אָקסן צו שחיטה, אָפּגעדונגען גאַנצענע וואַגאָנעס צו פירן געפרוירענע פליישן. נאָר נאָכן גירוש פון מאָסקווע איז ער געוואָרן אַ ייד אַ יורד. האָט ער זיך אומגעקערט אין שטאָט פון זיינע עלטערן און צוריק געשטעלט זיך מיט דער האַק אין האַנט איבער דעם קלאָץ; געטיילט חלקים...

ער און ביידע בנים זיינע זענען אַלע קראַסאַווצעס. בלוט און מילך־געטאָקטע בעזער. מיט זייער גוטמוטיקייט און גוט־ברודערשאַפט מיט אַלעמען, וואָס זיי האָבן געלערנט ביי מאָסקווער פּאָניעס און אַראָפּגעבראַכט צווישן די יידישע יאַטקעס אין שקלאָוו, האָבן זיי צוגעצויגן אַ סך קונים און אָנגעמאַכט גרויס קאָנקורענץ די אַנדערע קצבים. האָבן זיי דערפאַר די יאַטקע־לייט, לכתחילה, נישט ליב געהאַט. געסטראַשעט אַפילו אָפּצורייסן זיי די ראהקע... נאָר ביסלעכווייז צוגעוווינט זיך צו זייער העפלעכן אומגאַנג מיט קונים, געלערנט זיך גיין אויף זייער דרך, און קיין מאָל נישט אויסגעלערנט זיך...

צו די קצבים זענען צוגעשטאַנען נאָך אַ סך אַנדערע גיבורים פון שטאָט. למשל: יוסף פּאָטשאַליק דער שוסטער. הויך און האַרט ווי אַ דראָנג, מיט אויגן קאַלטע און בלויע, ווי שטאָל, מיט אַ צעשפּאָלטענער ליפּ — אַן אָנדענקונג פון די בחורישע געשלעגן פורים־צייט און שמחת־תורה. וואָרום בחור־צייט האָט ער זיך שטענדיק געבונטעוועט קעגן אַלע באַלעבאַטים אין בית־מדרש, געטשעפּעט זיך צום גבאי, געטשעפּעט זיך צום אונטער־שמש. ער, יוסף פּאָטשאַליק, וויל נישט מ׳זאָל אויפרופן לייבע־האָרב דעם פּראָצענטניק צו מפטיר!... ער, יוסף פּאָטשאַליק, וויל נישט מ׳זאָל צאָלן אַ חזן פון דער פרעמד אַזאַ געלטערייַ!... ער, יוסף פּאָטשאַליק, וויל נישט מ׳זאָל אין בית־מדרש טרינקען לחיים און פאַרבייסן מיט לעקעך! אויב חסידים־כניאָקעס ווילן נעמען אַ ביסל משקה, זאָלן זיי גיין אין שענק! הכלל, ער, יוסף פּאָטשאַליק, וויל נישט...

האָט מען דערפאַר אים נישט איין מאָל געבראָכן די ביינער בקאָמפּאַניע און פאַרזאָגט, ער זאָל זיך מער נישט דערוועגן אַריבערטרעטן דעם שוועל פון בית־מדרש... נאָר נאָך אַ פאַרליבעניש, וואָס ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ טאָכטער פון אַ צווייטן שוסטער — אַ שכן, איז דאָס געוואָרן אַן אַנדער מענטש. דעם שוסטערס טאָכטער איז געווען אַ שטילע און שיינע און אַ ליבלעכע, ווי אַ טויב. „גליקע די בלאַסע” האָבן זי אַלע גערופן. איז נישט אַנדערש, אַז זי האָט אָנגעטאָן אַ כישוף אַזאַ קאָכיקן יונג ווי יוספקע פּאָטשאַליק. איר שטילקייט האָט זיך אים

איבערגעגעבן... נאָך חתונה־האָבן מיט איר איז פונעם בויאַן געוואָרן אַ פלייסיקער, באַשיידענער באַלמעלאָכע, וואָס זיצט גאַנצענע טעג און האַלבע נעכט איבערן קאַפּיל און מישט זיך נישט אין קהלשע זאַכן. נאָר וויבאַלד גויאים קלייבן זיך אָפּצוטאָן אַזעלכע מעשים אין אַ יידישער שטאָט, האָט יוספקע פאָטשאַליק פאַרגעסן זיין נדר וואָס ער האָט געטאָן, אויפגעשטאַנען ווי הויך ער איז פון שוסטער־בענקלע, גענומען אַן אַלטע שוסטער־פייל אין קעשענע און אַוועק אין מאַרק.

איבּ איז באַכגעקומען געטשע דער נאָסקע־טרעגער, מיטן צונעמעניש „זלאָטקע" — אַן איינגעבויגענער ביינערדיקער ייד מיט אַ הוסטעלע, וואָס איז אים געקומען, ווי ער אַליין דערציילט, פון אַ צו־גרויסער משא וואָס ער האָט איין מאָל אויפגעהויבן. עפּעס, מאַכט ער, האָט זיך אים אַ ריס געטאָן אין דער לונג. פון דאַמאָלסט אָן, מאַכט ער, נאָגט אים עפּעס אין דער לינקער זייט און דאָס בלוט איז אים געבליבן שטיין אין פּנים. און, באמת, זיין ביינערדיקע צורה איז אַלע מאָל רויט און אָנגעשטרענגט, אַפילו ווען ער איז גוט אויסגערוט. נאָר עס מאַכט נישט אויס! פרנסה איז פרנסה. אין בעט וועט ער זיך חס־ושלום נישט אַוועקלייגן און קיין רפואות וועט ער נישט איינגעמען. אַ גאַנציקע וואָך טראָגט ער אויף די איינגעבויגענע פלייצעס מוראדיקע זעק מיט מעל, בערעמעס מיט האָלץ, פעסער אוגערקעס, דריי קאָפּיקעס נעמט ער פאַר טרחה, מעג מען אים הייסן קריכן מיט אַזאַ משא אויף אַ בוידעם, אַראָפּלאָזן זיך אין אַ טיפן קעלער; פון מאַרק אין עק שטאָט און פון עק שטאָט אין מאַרק. מער ווי דריי קאָפּיקעס נעמט ער נישט... ס'איז זיין טאַקסע. שבת, ווי נאָר ער פאַרעט זיך אויס אין באָד און קריכט אַריין אין שוואַרצן גאַרניטער פון זיין התונה־צייט, אַזוי לאָזט אים די גבורה אָפּ. דער הוסט ווערט טיפער און דאָס פּנים מיט די טרערנדיקע אויגן — רויטער. דער גאַנצער ביינערדיקער גוף ווערט עפּעס צעשרויפט, אַ זייט טוט ווײ... און כדי נישט צו טראַכטן פון אַזעלכע נאַרישקייטן, זעצט ער זיך אַוועק זאָגן תהילים ביים פעגצטער און פאַרגעסט אויף אַלץ אין דער וועלט. חברות־ווייז און מיט מוראדיקע גרייזן בראָקט ער די פסוקים און הוסטלט אונטער... ער שעמט זיך אַליין פאַר זיין גרויסער עם־הארצות און זאָגט קיין מאָל נישט קיין תהילים אין בית־מדרש מיטן עולם. אָבער פאַר אייגענע ווייב און קינדער איז נישטאָ וואָס צו שעמען זיך.

און ווי נאָר דער שבת־קודש גייט אַוועק, אַזוי כאַפּט זיך אין אים אויף די וואָכעדיקע גבורה, דער וואָכעדיקער געדולד. און, אַרומגעבונדן

מיט מעליקע שטריק, לאָזט ער זיך אַרויס זונטיק פרי אויף זיין שווערער פּראַצע. דריי קאָפּיקעס אַ טרחה!... און „זלאָטקע״ האָט מען אים געגעבן אַ צונעמעניש דערפאַר, ווייל ער בעט אַלע מאָל, דער אויבערשטער זאָל אים העלפן צו פאַרדינען אַ „זלאָטקע״ אַ טאָג... מער וויל ער נישט און מער דאַרף ער נישט ווי איין זלאָטקע אַ טאָג! און אַז די ווייבעלע זיינע און גוטע פריינד שרייען אויף אים אָן: „גאָט איז מיט דיר, געטשע! וועסט דאָך זיין אַ קבצן אַ שלעפּער!״... שרייט ער צוריק און קלאַפּט זיך מיטן קולאַק אין האַרצן: נישקשה, נישקשה! אַן עם־הארץ ווי איך בין, קען איך זיך באַגנוגענען מיט איין זלאָטקע אַ טאָג אויך. ס׳וועט סטאַיען!...

און צו זיי איז צוגעשטאַנען האַצקעלע קנאַק דער פּילשטשיק (זעגער), אַ זון פון אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט, אַ וואָרצלדיקער, אַ פּאַרקרימטער און געזעצטער יידעלע. פון זיין טאַטן, עליו השלום, האָט ער געקראָגן בירושה עפּעס אַ מין בלעכל מיט אַ דורכגעזעגטן נומער. דעם דאָזיקן נומער פלעגט ער אַ מאָל, אין די גוטע יאָרן, אויפהענגען אויפן לאַץ און פלעגט זיך אין אַ מאַרק־טאָג אַרויסלאָזן אויפן מאַרק און מאַכן פּאַראַנדקעס. ביי דעם גוי שטעקן צופיל די האָלאָבליעס אַרויס: אַ קנאַק איבערן באָקן־ביין; „ווי שטייט ביי דיר דער פערד? חמור איינער!״ ביי יענעם ערל האָט זיך אויסגעשאָטן צופיל היי פון וועגל: אַ קנאַק איבערן קודלאָטן שאַרבן: „וואָס פּאַרפּאַסקודיעסטו דאָ דעם מאַרק, וואָס פּאַרפּאַסקודיעסטו? מיינסט ס׳איז דיר דאָ דיין חזיר־שטאַל?״...

אַזוי האָט זיך האַצקעלע פּילשטשיק נוהג־געווען זינט ער געדענקט. נאָר ווי נאָר דער נייער פּריסטאַוו איז אָנגעקומען, איז געוואָרן אויס מיט האַצקעלעס ממשלה. דאָס בלעכל מיטן נומער האָט ביי אים דער נייער פּריסטאַוו אָפּגענומען און געמאַכט אים פאַר אויס „קנאַקער״... מען זאָגט אַפילו, אַז דער אַדון האָט האַצקעלען אָפּגעהאַלטן אין סטאַן אַ צווייַ מעת־לעת און איינגעקנעלט מיט אים, אַז מאַכן אָרדענונג אין מאַרק און שלאָגן פּויערים האָט דאָס רעכט נאָר אַ פּראַוואָסלאַוונער דעסיאַטניק און נישט קיין יידישער, מעג אַפילו זיין טאַטע געווען זיין אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט מיט אַ בלעכל.

ווי אַזוי דער אדון האָט דאָ מיט אים „איינגעקנעלט״ ווייסט מען נישט. נאָר אַז האַצקעלע איז אַ לעבעדיקער אַרויס פון סטאַן, האָט ער געהאַט בלויע צייכנס אונטער די אויגן און אַ בייל אויפן שטערן. און

פון גיין זוכן חטאים אויפן מאַרק האָט ער זיך אין גאַנצן אָפּגעווינט...
וויבאַלד אָבער ער האָט דערהערט, אַז די פויערישע כאַמעס, מיט וועלכע ער אַליין האָט אַ מאָל געלערנט בלק און געגעבן קלעפּ, אַז די זעלבע קלייבן זיך גאָר צו קלאַפּן יידן, האָט ער אַ שפּיי געטאָן אויף דעם פּריסטאַווס תורה און אַוועקגעלאָזן זיך מיט אַלע אַנדערע יידישע גיבור־רים אין מאַרק אַריין. אין מאַרק וועט מען זיך שוין אויסרעכענען...

אָט דאָס זענען נאָר עטלעכע נעמען פון דער שקלאָווער גוואַרדיע. און פון די עטלעכע געשטאַלטן וועט מען, אפשר, פאַרשטיין, ווער די אַנדערע זענען געווען.

יידן, לאָזט זיך נישט!...

1

ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן דער טומל אַרום די טישלעך מיט זעלצער־וואַסער, איז פאַרביי דעם באַלעגאַלישן צעך דורכגעלאָפן קאַוויצל דער שוסטער. פייל פון בויגן האָט ער זיך דורכגעהעצקעט און אַ געשריי געטאָן מיט זיין סקריפּענדיקן האַלדז־קולכל:

— יידן, מען לויפט!...

קאַוויצל איז אַ רירעוודיק יידעלע מיט אַ בולבעוואַטן נעזל, ווי עס גיט זיך איין ביי קורצינקע שלעכט־אַנטוויקלטע נפשות, און מיט איין פיסל — אויסגעדרייט מיט די שפּיצן פינגער צום אָפּצאַס פון צווייטן פוס. ווי יעדער בעל־מום פון געבורט באַמיט ער זיך דאָס גאַנצע לעבן צו באַווייזן, אַז גיין גייט ער בעסער און לויפן לויפט ער גיכער ווי אַלע מענטשן מיט גלייכע פיסלעך. נאָך אַלס אַ חדר־ייִנגל האָט ער זיך אויף דעם פאַרמאַסטן. האָט זיך ביי אים דערפאַר אויסגעאַרבעט אַ הילוך פון אַ סקאַראַכאַד... ס׳זעט אויס, ווי ער וואָלט זיך מיט אימיצן פאַרוואַטן אין לויפינקעס. אַלא וואָס דען, כדי דאָס אויסגעקרימטע פיסל זאָל אים נישט מאַכן שטרויכלען בשעתן וועט־געלויף, האָט ער זיך גענומען צו הילף אַ קורצע קוליע אַזאַ, וואָס זעט אויס ווי אַ קליינער האַנט־לייטערל מיט אַ שפּיץ. שפּריִנגט ער אַזוי אויף „דרייען" ווי אַן איבערגעשראָקן היישע־ריקל, ביי וועלכן ייִנגלעך־שקצים האָבן אָפּגעריסן איין פאַדערשטע לאַפּ־קע... אַ שרויף די ערד מיט זיין קאַווילעכל און אַ שפּרונג. אַ שרויף און אַ שפּרונג. רופט מען אים דערפאַר — קאַוויצל.

אויף דעם שקלאָווער האַריזאָנט באַווייזט ער זיך נאָר בשעת גאָר גרויסע געשעענישן: בשעת אַ געוויסער, בשעת גרויסע שריפות און בלוטיקע שלעגערייען. קליינע אַנגסטן, סקאַנדאַלעכלעך און בייזע בשורות אין דעטאַיל — דאָס באַזאָרגט חיה־שרהקע די משוגענע. דאָס זינגט

ז י אויס איבער דער גאַנצינקער שטאָט. קאַוויצל איז דער אָנזאָגער „אין הורט". ער איז דער ערשטער, ביי קהלשע צרות, אַרויסצוהעצקען זיך און שרייען: „יידן, מען לויפט!"... און באַווייזט דערביי אַליין דעם בעסטן ביישפּיל ווי אַזוי אַ נייגעריקער ייד באַדאַרף צו לויפן. דערפאַר אָבער, אַז עס האַלט שמאָל, איז ער ווידער אַ מאָל דער ערשטער צו אַנטלויפן און צו שרייען מיטן זעלבן אימפּעט און מיטן זעלבן ברען:

— יידן, אַנטלויפט!

און ווערט פאַרשווונדן אינעם שטויב פון זיין פלינקן קאַווילעכל.

אויך דאָס מאָל איז פּונקט אַזוי געשען, ווי לויט אַ פּראָגראַם... אין אַ מינוט אַרום, נאָך זיין דורכהעצקען זיך פאַרביי צעך, איז ער שוין, ווי אָפּגעריסן פון אַ תליה, געשפּרונגען צוריק, גיך־גיך געשרויפט מיט זיין אָנלענעכץ, וואָס זעט אויס ווי אַ האַנט־לייטערל, און געשריען מיט באַנומענע קולות:

— יידן, אַנטלויפט!

און אַלץ מיט אַזאַ היץ און מיט אַזאַ ברען און מיט אַ קורצן אָטעם, ווי מען וואָלט אים דאָ געצווונגען פון קהל: אַפּריער לויפן און אָנזאָגן, דערנאָך אַנטלויפן און וואָרענען.

דאָס מאָל האָט אָבער די יידישע גוואַרדיע ביים צעך, נישט געלאָזן אַוועקהאָצקען זיך אַזאַ זשוואַווען, אומזיסטן שטאַפּעט. זי האָט געוואָלט וויסן, די גוואַרדיע, ווי עס האַלט דאָרטן אין מאַרק. האָט זיך שלמה־המן מיט די לאַנגע רגלים אַ יאָג געטאָן און, וואַרפנדיק מיט הענט און פיס און בייטש־שטעקל, אָנגעכאַפּט קאַוויצלען פאַרן קאָלנער:

— שלימזל, רעד אַז דו רעדסט!

איז שוין הילקע קוקע אויך צוגעלאָפן און אָנגעכאַפּט דעם שטאַפּעט פאַר אַ הענטעלע:

— קוקו, קאַוויצל! קריי דיך אויס! קוקעריקו־ו־ו־ו!

האָט זיך שוין קאַוויצל געמוזט לאָזן פירן צוריק צום צעך, ווי אַן אויסטערלישער חתנדל, וואָס איז אַנטלאָפן פון אונטער דער חופּה און מ'האָט אים געכאַפּט. און אַ פאַרסאָפּעטער, אַ פאַרכליפּעטער האָט ער, מיט זיין דערוואָרגענעם האַלדז־קולכל, אויסגעשריען אַלץ, וואָס ער האָט אָקאָרשט געזען אין מיטן מאַרק. כדי צו מאַכן מער איינדרוק האָט ער דערביי געריבן מיט די גרויסע בולטע אויגן, פאַרשמאַיעט געווישט דאָס בולבעוואַטע נעזל אויף הין און צוריק און צוגעקלאַפּט מיט זיין קאַווילעכל:

— אַז איך זאָג אייך, אוי־אוי!... אַ סך פּריזיוּוניקעס, סאָלדאַטן און בעל־גופן... מען זופט זעלצערקע, מען ראַבעוועט שניט־סחורות און... און... און אוי־אוי, ווי איך בין אַ ייד!

אויסגעהערט אַזאַ קלאָרן ראַפּאָרט, האָט זיך די יידישע גוואַרדיע ביים צעך איבערגעקוקט, איבערגעוואָרפן זיך מיט קורצע אויסגעשרייען און, אַלע ווי איין מענטש, אַ לאָז געטאָן זיך צו די שניט־קרעמלעך. האָט קאַוויצל דערזען, אַז מען שרעקט זיך נישט און מען לויפט געבן ראַטו־נעק, האָט ער אויך געקראָגן מוט פּאַרקערעוועט זיין קאַווילעכל און געכאַפּט שרייען און נאָכהאָצקען זיך נאָך די באַלעגאָלעס און נאַסקע־טרעגער. אַ העצקע און אַן אויסגעשריי, אַן אויסגעשריי און אַ העצקע:

— יידן, האָץ־האָץ. מען ראַבעוועט! האָץ. פּריזיוּוניקעס, סאָלדאַטן!... האָץ־האָץ. קומט, העלפט!...

פּאַראויס אַלעמען האָבן זיך געטראָגן די צוויי לאַנגפיסיקע פון דער שקלאָווער גוואַרדיע יוסף פּאָטשאַליק דער שוסטער און שלמה המן דער באַלעגאָלע. ביי פּאָטשאַליקן האָט פּאָר כעס געציטערט די אויבערשטע צעשפּאָלטענע ליפּ, און ביי שלמה המנען האָבן זיך געוואָרפן ביידע פּאות און דאָס בייטש־שטעקל אָט־אָט פּאַרלירט ער אַ פּאה פון גרויס בריהש־קייט. נאָך זיי האָבן געשטעלט פּיס אַבראַשע „מאָסקוּוער", דער קצב, מיט זיינע צוויי בנים — מענקע און באָרקע. און הינטער אַלעמען, טופּענדיק מיט קלאָציקע באַשטיוולטע רגלים — איטשע שפּאָק און חנקע פּיסנאָהע. געשלאָסן די גאַנצע שערענגע פון גיבורים האָט געטשע דער נאַסקע־טרעגער. לויפנדיק און אונטערהוסטנדיק האָט ער אַראָפּגעכאַפּט, פון די האַרטע לענדן, די גראָבע מעליקע שטריק זיינע, מיט וועלכע ער הויבט אויף גרויסע משאות אויף די פּלייצעס, און האָט צוזאַמענגעלייגט אין פירן, כפול־שמונהדיק געמאַכט, ווי אַ קורצן און וואַגיקן קאַנטשוק.

ביי דער זייט פון דער לויפנדיקער גוואַרדיע האָט זיך, ווי אַ קאַליי־קער פּיסקלאָנעק, נאָכגעהעצקעט קאַוויצל דער שוסטער. דאָ פּאַרלויפט ער אַ ביסל פּאָראויס, דאָ שטייט ער אָפּ און האַלט זיך פון הינטן. אי ער וויל נישט אָפּשטיין, אי ער האָט מורא. אומעטום וויל ער זיין דער ערשטער און קיין קלעפּ וויל ער אויך נישט כאַפּן.

געלאָפן זענען אַזוי די יידישע גיבורים אין איין שערענגע. דערנאָך, אין מאַרק, — אין איין הורבע, כדי בעסער אָנצושרעקן דעם דאָרפישן עולם; דעמאָנסטרירן די פּאַראייניקטע יידישע כוחות. נאָר וואָס נעענטער צום גרויסן געפילדער, ביי די שניט־קראָמען, האָט זיך די הורבע אויסגע־

צויגן אין אַ ברייטן פראַנט, כּדי אַרומצוכאַפּן דעם גויאישקן אַנגעלויף פון צוויי זייטן און אָפּשטויסן אים מיט איין אָנפּראַל אויף צוריק, און כּדי אַליין, בינו־לבינו, נישט אַרומגערינגלט צו ווערן פון די פּאָגראָמ־שטשיקעס.

געדיכט ווי אַ וואַנט און ליאַרעמדיק ווי אַ כוואַליע האָט זיך געבויגן די גויאישקע מאַסע ביי די שניט־קראָמען. מיט ווילדע געשרייען גע־ברויזט און מיט בראַזגעריי פון שלעסער וואָס ווערן געבראָכן. דאָס האָט אויף אַ ווײַלע אָפּגעהאַלטן דעם אימפּעט פון די יידישע ראַטונעק־געבער. זיי האָבן זיך איבערגעשריען מיט פאַרשוימטע צאָרנדיקע מיילער, און מיט אָנגעכמורעטע פייערדיקע אויגן איין רגעלע באַטראַכט, פון וואָסער פּונקט ס׳איז בעסער אָנצוהויבן דאָס געשלעג. שלמה המן האָט אַ קער געטאָן דעם הויכן באַבערדלטן קאָפּ צו זיינע חברים באַלעגאַלעס. ער האָט זיך עפּעס דערמאָנט.

— זע! — ברומט ער אויף אַ פאַרוווּנדערטער — און ווו איז דאָס עפּעס פאַנדרע?

— פאַנדרע ווו איז? — העלפט אים ברומען יוסף פּאַטשאַליק און ציט אויך אויס זיין לאַנגן האַלדז. זיינע טונקל־בלויע אויגן ברענען ווי שוועבל און זיין צעשפּאַלטענע אויבערשטע ליפּ ציטערט פון אימ־פּעט און אויפרעגונג.

רופט זיך אָפּ, שווער־אָטעמענדיק, ליפּע דעם פאַרעוועגס:

— פאַנדרע? מיט אַ „באַש־בראַט״ שטייט אים שוין מער נישט אָן. ער לויפט אַרום מיט די „ציציליסטן״...

— מיט די ציציליסטן, מיט די ציציליסטן!... — כאַפּט אונטער קאַוויצל דער שוסטער און העצקעט זיך אויף צוריק מיט זיין קאַווילעכל. כ׳מיין... מאַלע וואָס עס מאַכט זיך, גלייכער האַלטן זיך אַ ביסעלע פון דער ווייטנס.

2

ביי די שניט־קראָמען, אויף יענער זייט מאַרק־קאַנאַווע און נאָענט צום סטאַן מיטן גרינעם טורעם, איז אויסגעבראָכן דאָס שוץ־געשלעג.

דער ערשטער אָנפּראַל פון דער יידישער גוואַרדיע האָט אַרויסגע־רופן אַ גרויסן פּאַנאַנדערלויף און מוראדיקע פויערישע געוואַלדן. די ערשטע גוטע קלעפּ, מיט גראָבע בייטש־שטעקלעך, מיט שטריק און מיט האַרטע קולאַקעס, האָבן קודם־כל געטראָפן די דאָרפישע גויאים און גויאות, וואָס האָבן אויפגעקליבן דאָס, וואָס די צעיושעטע פּאָגראָמשטשי־

קעס, אין זעלנערישע שינעלן און אין פּאַדיאָווקעס, האָבן אַרויסגעוואָרפֿן. די באַפּאַלענע פּויערים האָבן גענומען שפּרינגען מיט די לאַפּטיעס אין די פּורן און יאָגן די פּערד זייערע גלייך אויף מענטשן. און די פּויערטעס, מיט שטיקער געראַבעוועטע לעקעך אין די מיילער, מיט גרויסע קראַנצן שוועמלעך אויף די העלדזער און מיט פֿאַרביקע שטיקער סיטץ אונטער די פּאַכוועס, האָבן זיך געלאָזן לויפֿן מיט אַ גרויס געשריי פֿון געשלאָגענע געגנדז:

— קאַראַ־וויל! אוביוואַיוטש! (געוואַלד, מען ממיתט!).

האָבן זיך די יונגע נאָוואָבראַנצעס אין פּאַדיאָווקעס פֿאַרשעמט פֿאַר אַזעלכע איבערגעשראָקענע געוואַלדן פֿון זייערע נאָענטע. זיי גייען דאָך עפּעס באַלד אין קאַזאַרמע אַריין דינען דעם קיסר, היינט ווי אַזוי זאָלן זיי זיך דאָס צעלויפֿן, ווי די מייז, פֿאַר אַ פּאָר צענדליק זשידעס אין מאַרק?... האָבן זיי אין גאַנצן פֿאַרגעסן, אַז זייער גאַנצע גבורה האָבן זיי, ביז היינט, באַוויזן ביים אַקעראַייזן אין פֿעלד און, פֿאַרלירנדיק דעם פּויערישן קאָפּ, אַריינגעוואָרפֿן זיך אין געשלעג, ווי אין הייסע וואַסער; פֿאַרמאָסטן זיך מיט די יידישע קצבים און נאָסקע־טרעגער. און טאַקע באַלד אויף אָן אָרט — געכאַפּט די אמתע טערעבענצן איבער די האַרטע שאַרבנס, אין די שפּיציקע באַקנביינער, אין די זאַטל־נעזער און אין די אָנגעפּעלצטע זייטן. ס'איז זיי גלייך פֿאַרגאַנגען יעדער חשק צו שלאָגן זיך. די צעבלוטיקטע פּרצוף־פּנימער מיט די האַמעטנע לאַפּעס באַדעקט און מיט די האַרטע הינטנס געשטופּט זיך אויף צוריק. נאָך יעדערן אויפֿגענומענעם ריב אין די בעבעכעס האָט מען אַזש אויפֿגעשלוקערצט פֿאַר ווייטיק:

— אײ־יי־יק! מאַ־אַ־טקי! (אוי, מאַמעלעך!).

זיי האָבן נאָך געמעגט „גומל” בענטשן די דאָרפֿישע פּריזיוויניקעס, וואָרום דערוויל־וואָס האָט נאָך די יידישע גוואַרדיע קיין שום אייזן נישט געבראַכט, נאָר קולאָקעס און בייטש־שטעקלעך. געטשע „זלאָטקע” דער נאָסקע־טרעגער האָט מיט זיין כפּול־שמונהדיקער שטריק געאַרבעט מעשים. פֿון זיין צעפּאַכעטן פֿינף־פֿונטיקן קאַנטשוק האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַזאַ מין סאָרט מלקות, וועלכע קיין פֿרומער בעל־תשובה האָט אַפֿילו ערב יום־כּיפּור קיין מאָל נישט פֿאַרזוכט... אַלע אָנגעטראָפֿענע לעדערנע פּרצוף־פּנימער זענען אין איין מינוט ברוין און בלוי צעפּאַ־סעוועט געוואָרן. ליפּן און נעזער זענען פֿאַרלאָפֿן מיט בלוט; און, בליב־דערהייט, צוגעדעקט זיך מיט די פּעלצענע פּאָלעס פֿון די קאָזשוכן...

נאָך געטשען מיט זיין שטריק זענען שוער און העפלעך נאָכגעגאַנגען: אַבראַשע „מאָסקווע״ מיט זיינע בנים און האָבן פאַרגלעט דעם מיאוסן איינדרוק, וואָס אַזאַ אומגעלומפּערטער קאַנטשוק האָט געמאַכט:

— נו, סטופּאַי ז׳באַהאָם! (גיי מיט גאָט!).

— בעגי, רעביאַטאַ! (לויפט, יונגען!).

— אָסאַדי! (טרעט אָפּ!).

אַזוי האָבן זיי אַלע דריי זייער איידל און זייער וואַרעם געוואָרנט, מיט אַ ריינעם מאָסקווער לשון... און פּאַוואָליע, כמעט גוט־ברודעריש אַריינגעריבן, ווו מען באַדאַרף, אונטער די פאַרקאַטשעטע פּאָלעס.

אָבער קיינער פון די דאָרפישע פּריזיוניקעס האָט דאָ אַ האָר נישט אָפּגעשאַצט אַזאַ גרויס־פּאַנישן לשון. פון אַזאַ גוט־ברודערשאַפט האָבן זיי אַפילו פאַרגעסן אויף די צעפּאַסעוועטע פּנימער. אָפּגעלאָזן די פּאָלעס, אויפגעעפנט מיילער און אָן אַ פּיצל בושה צערעוועט זיך עפּעס גאָר נישט ווי צוקונפטיקע זעלנער, נאָר פונקט ווי זייערע אָקאָרשט אַנטלאָפענע מומעס:

— קאַראַ־ווו־ול!

אויף דעם אַנטקעגנדיקן פלאַנק האָבן זיך מוסר־נפש געווען חאַצקעלע קנאַק דער פּילשטשיק און יוסף פּאָטשאַליק. חאַצקעלע האָט זיך אומעטום דורכגעשטופּט, צווישן הויכע גויאישע פּיס געקראָכן, און, מהמות זיין קורצקייט, געשלאָגן באַקן־ביינער פון אונטן־אַרויף. אים איז נאָכגעלאָפן יוסף פּאָטשאַליק מיט די הויכע רגלים, און פּאַפּראַווועט. געזעצט הייסט דאָס פון אויבן־אַראָפּ. אַזאַ געשלאָגענער גויאישער קאָפּ האָט זיך באַלד געבומען שאָקלען פון אַקסל צו אַקסל, ווי ביי אַ געשאָכטענעם גאַנער; און זיינע שוואַך־געוואָרענע הענט האָבן זיך געמוזט אָנכאַפּן אָן אימיצנס רוקן, כדי נישט אַנידערצופאַלן.

נישט ווייט פון פּאָטשאַליקן עט קאָמפּאַניע, אין דער זעלבער ריי, האָבן געשמאַק געאַרבעט — חנקע פּיסנאָהע דער קצב און איטשע שפּאַק דער באַלעגאָלע.ביידע, קורצע און געזעצטע, האָבן זיי מיט די אָנגעפּעלצטע דיקע הענט נישט געקאָנט דערלאַנגען ווי עס באַדאַרף צו זיין. האָבן זיי געראַבאָטעוועט מיט די קני און מיט די שטיוול. שטויס נאָך שטויס און זעץ נאָך זעץ. ביידע זענען געווען אָפּגעגאָסן מיט שווייס און ביידע האָבן שטאַרק געסאָפּעט, אָבער ווו נאָר זיי האָבן אַריינגעטראָפן מיט די האַרטע קני, דאָרטן זענען געזונטע כלאָפּצעס געבליבן ליגן,

פלאַך־אויסגעצויגענע, אָדער צוזאַמענגעדרייט אין דרייען, מיט פּאַר־גלאָצטע אויגן, ווי אונטערגעשאָסענע עופות.

אין סאַמע מיטן פראַנט האָבן מקדש־השם געווען די אַלטע גיבורים פון חברה־בייטש. און דאָס זענען געווען שלמה המן, ישראל כאַדאַק און שליאָמע דער פאַרעווער, אַלע דריי באַיאָרנטע, מיט לאַנגע סיוולעכע בערד באַבערדלטע, אַלע געוועזענע גמרא־בחורים, אַמאָליקע אויסגע־ווייקטע למדנים, וועלכע זענען, דערנאָך, פאַרהאַרטעוועט אָבער נישט פאַרגרעבט געוואָרן, ביי זייער שווערער פּראַצע, אין דער פרייער לופט פון וועלדער און שליאַכן. זיי אַלע דריי האָבן אַצינד געלערנט בלק מיט די חמורישע קעפּ. מיט די בייטש־שטעקלעך, ווי מיט ריזיקע טייטלעך, האָבן זיי אַריינגעטייטלט אין די גויאישע רוקנס; געהאַקט ווי אין קרויט אַריין... די אָדלער־נעזער האָבן דערביי, ביי אַזעלכע רביים, גע־ציטערט פון גרויס באַהאַוונטקייט, די אויגן זענען געווען אָנגעכמורעט, די הויכע שטערנס אָנגעקנייטשט... אָבער די תלמידים אין פעלצן זענען נישט געווען אימשטאַנד אַריינצונעמען אין זיך אַזאַ האַרבע פּרשה, פון אַזעלכע געניטע קלעפּ־געבער. צעלאָפן זענען זיי זיך פון די באַלעגאָלע־טייטלעך, געכאַפּט זיך פאַר די גראָבע קעפּ, געוואַלדעוועט. די דריי פלייסיקע מלמדים האָבן זיי אָבער נישט אָפּגעלאָזט, נאָכגעיאָגט זיך און אַריינגעשלאָגן נאָך אַ פּאָר שווערע פּסוקים אין די האַרטע שאַרבנס.

שטילער פאַר זיי, געלאַסענער און מיט ווייניקער ברען, האָבן אין זייער נאָענטקייט געקנעלט צוויי שוואַכערע למדנים, און מיט יינגערע שקצים. הילקע קוקע און ליפּע דעם פאַרעווענס זענען דאָס געווען. טריט ביי טריט זענען זיי געקראָכן אויף די פריזיוווניקעס מיט די בלויזע קר־לאַקעס, געלערנט מיט זיי פּראָסטן אלף־בית, אות נאָך אות; און מיט עפּעס גאָר אַ באַזונדער לייכטקייט. מיט אַ מין פריילעכקייט, קען מען זאָגן. אַזוי קנעלן נאָר דרדקי מלמדים מיט צעלאָזענע יינגעלעך.

— אלף — אברעמל! — מאַכט הילקע גאַנץ געלאַסן און גיט אַי־מיצן אַ ריב אַריין אין די זשעבערעס. יענער גיט אַזש אַ הויב אויף ביידע הענט און אַ קוואַצקע אַרויס פון די אונטערגעשלאָגענע לונגען.

— בית — בערל! — האַלט אים נאָך ליפּע דעם פאַרעווענס און טוט דאָס זעלביקע.

— גימל — געגנבעט! — גיט הילקע אַ בוכטש מיט גרויס כוונה און פאָרט אַריין, מיט זיין בינטל פינגער, ווי אין אַ פליישיקן טייגעכץ. רויטע צעלאָזענע „פּוטער" גיט אַזש אַ שפּריץ...

— דלד — דאָס! — שטייט נישט אָפּ ליפּע דעם פּאַרעוועגס.

אַ קורנאָסער געזעצטער שגץ גיט אַ פּאַל אַנידער פון אַזאַ וואָגיקן „דלד“, ציט זיך אויס. און ביידע „רביים“ שפּרינגען איבער אים אַריבער. אַ מינוט בלייבט הילקע קוקע נישט שטיין:

— היי — העקלעך! ליפּע! העק־לעך...

— וו — וואָסערע? — שפּרינגט צו דעם פּאַרעוועגס זון, דערלאַנגט אַ טערעבענץ און מאַכט דערביי אַ פאַרוווּנדערטן פּנים.

— זין — זילבערנע! — פאַרענטפערט אים הילקע אַזאַ וואַזשנע שאלה. ער גיט זיך דערביי אַ וואָרף אויף אַ נייער קופּקע שקצים און זעצט און זעצט, אויף רעכטס און אויף לינקס. ביידע הענט אַרבעטן ביי אים ווי די טוקאַטשן:

— חית — כאַפּט אים! טית — טאַפּט אים! יוד — יאָגט אים!

— יוד — יאַטקעוועט אים! — פאַרריכט זיין טרייען באַהעלפער — ליפּע דעם פּאַרעוועגס.

3

אויף אַ פולן וואָגן מיט אָנגעראַבעוועטע טרוקענע שוועמלעך און הערינג און בלעכענע פושקעס און טשוועקעס און זייף און צוקער, אַלץ אָנגעוואָרפן צוזאַמען, איז, קוים אַ לעבעדיקער פאַר שרעק, אַרויפגע־קראָכן מיקיטאַ פון מאַקאַראָווקי, אָנגעכאַפּט זיך אָן די שטריק־לייצעס און געגומען רופן מיט באַנומענע קולות דעם טייערן איידעם זיינעם. דעם גאַנצן געפילדער האָט שאַרף דורכגעשניטן זיין פויערישער קוויטש:

— דאַני־ילאָ! אוטשיקאַ־אַי!...

אַנטלויף, הייסט דאָס, דאַנילאָ!... אַלס גאָר אַ נאָענטן מחותן פון פּאָגראָם איז מיקיטאַ צו ווייט פאַרקראָכן אין טומל און גראַביאָזש; נישט אַנטלאָפן באַצייטנס, מיט אַלע פאַרזיכטיקע פויערים אויף די פורלעך און אַ ביסל צו שפּעט אַרומגעזען זיך, אַז עס האַלט שמאַל.

נאָר ווו דאַנילאָ? ווען דאַנילאָ? אַז דאַנילאָ זיין תכשיט איז גאָר אַוועק, מיט דער האַרמאָשקע אויף דער פּלייצע און מיט אַ חברהצקע שיכורע סאָלדאַטן, צו פאַנדרעס הויז; כדי דאָרטן, אויף אַן אָרט, אָפּרע־כענען זיך מיט אים פאַר קאַטערינושקאַן, און טאָן מיט פאַנדריכען דאָס, וואָס דער זשיד האָט געטאָן מיט זיין כלה פאַר דער חתונה...

אויף מיקיטאַס פאַרצווייפלטן רוף האָט זיך, אַנשטאָט דאַנילאָן,

אָפּגערופן עפּעס גאָר אַ מאָדנער פאַרשווינדל, נישט קיין אַנדערער ווי קאַוויצל דער שוסטער. פּייל פון בויגן איז ער אַנגעלאָפן מיט זיין קאַווילעכל, וואָס זעט אויס ווי אַ שוואַרצער האַנט־לייטערל, און אויפ־געהויבן אַ הייזעריקן געוואַלד:

— יידן! לאָזט אים נישט אַוועקפירן יידיש גוטס! יי־יידן!

נאָענטער צו אים, ווי די גאַנצע שקלאָווער גוואַרדיע, האָבן גע־קנאָטן גויאישקע לייבער הילקע קוקע און ליפּע דעם פאַרעוונס. דער־הערט קאַוויצלס געוואַלדן, האָבן זיי אָפּגעלאָזט די צעמזיקטע שקצים, אַ וואָרף געטאָן זיך צו מיקיטאַן אין וואָגן און גענומען בוכצען אים פון צוויי זייטן:

— למד — לייגט אים! — זעצט הילקע.

— מם — מאַכט אים! — ענטפערט ליפּע.

— נון — נעמט אים!

— סמך — „סמייסט" אים!

— סמך — „סלאָגט" אים! — פאַרריכט הילקע מיט דער זעלבער אויסשפּראַך.

ווייטער ווי „סמך" האָבן זיי אָבער נישט געקענט קנעלן. וואָרום מיקיטאַ, ווי גרויס ער איז, האָט זיך אויסגעצויגן איבער די אָנגעראַ־בעוועטע סחורות, איינגענורעט זיין רעטאַך־באָרד אין אַ קופּקע הערינג אויפן וואָגן, און צערוועט זיך ווי אַ געשאָכטענער:

— ראַטוי־טשאַ־אַ! (ראַטעוועט!).

קיינעם פון די מאַקאַראָווקער יונגע שקצים איז שוין אָבער מער אין קאָפּ נישט געלעגן צו געבן ראַטונעק אַזאַ עלטערן לאַנדסמאַן ווי מיקיטאַ איז. פאַרקלעמט אין האַלבן קרייז און געיאָגט געפּלאָגט פון דער באַלעגאָליש־קצבישער גוואַרדיע, האָבן די צעלאָזענע נאַוואַבראַנצעס פאַרגעסן יעדע חרפּה און געשטופּט זיך, געלאָפן קאָפּ איבערן האַלדז, צווישן די ענגע שורות קראָמען. די, וואָס האָבן נישט פּאַספּעיעט אַרויס־כאַפּן זיך פונעם האָגל קלעפּ און בוכצעס — האָבן זיך, ווי די פאַר־זינדיקטע היַנטלעך, צוגעדריקט צו די הילצערנע ווענגלעך פון די קראָ־מען. פאַרשטופּט זיך ווו אַ לאָך; און ציטערנדיק, געוואָיעט סתם אין דער וועלט אַריין:

— שאָזש העטאַ־אַ, בראַטצי? (וואָס איז דאָס אַזוינס, ברידערלעך?).

משמעות געהאַט צו אימיצן טענות... ס׳הייסט: וויבאַלד דער צער פון יידישע קלעפּ איז יאָ אַזוי גרויס, היינט וואָס האָט מען דאָס אונדז

אַריינגעשלעפּט אין אַזאַ בלאָטע? אָנגערייצט אונדז טשעפּען זיך מיט יידן, צוגעזאָגט אונדז פויגל־מילך... שאָזש העטאַ? ווו איז יושר?...

מילא בקיצור, אויף אָפּצושלאָגן מיקיטאַן מיט זיין פולן וואָגן האָבן זיי שוין מער קיין מוט נישט געהאַט. דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן יאָ געקענט טאָן — איז העלפן אים שרייען. האָבן זיי אים געהאָלפן. מיקיטאַ קוויטשעט, ווי אַ נישט דערשאָכטענער חזיר, און די נאָוואָבראַנ־צעס ענטפערן אים אין איין אויסטערלישן, ווילדן כאָר:

— ראַטוי־יטשאַ!

ליפּע דעם פאַרעוועגס האָט אָפּגעלאָזן מיקיטאַן און זיך אומגעקוקט.

— שרייען אויף די ציין! — סאָפּעט ער זיך אָפּ, אַ שוועד־פאַרהאָ־רעוועטער.

— אַ חזן מיט באַהעלפער! — לאַכט הילקע קוקע.

און קאַוויצל דער שוסטער דרייט זיך, פון גרויס הנאה, אויף זיין קאַוויִלעכל, טאַנצט ווי אַ וועוויערקע אויף דריי פיסלעך, און פאַרגייט זיך דריבנע און הייזעריק:

— כי־כי־כי! ווי איך — כי־כי־כי! — בין אַ ייד!

דער געלעכטער זייערער האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. דאָס אַנטלויפן פון דער שרעקנדיקער דאָרפישער מאַסע האָט, ווי אַן אַראָפּ־געצויגענע שייד, אַנטבלויזט דעם געפערלכן קערן פון פּאָגראָם, דעם אָנגעשאַרפטן פּאַרטאַיעטן שווערד... די מאָהליוועד סאָלדאַטן, וועלכע זענען ביז אַהער געווען שטאַרק פאַרטאָן ביי די פאַרשלאָסענע שניט־קראָמען, אונטער די געמויערטע געוועלבן אַרום סטאַן, האָבן פּלוצלונג דערהערט אַ בחברותאדיקן וויי־געשריי פון זייערע ברידערלעך נאָוואָ־בראַנצעס, און האָבן זיך אויסגעטשוכעט. געווינט צו אַ קאָמאַנדע האָבן זיי אַלע, ווי איין מענטש, אָפּגעלאָזט די אַלטע שלעסער, די אייזערנע פרענטן אויף די דעמבענע טירן און אַ וואָרף געטאָן זיך העלפן די זייעריקע.

דערזען ווי געשמאַק די יידישע גוואַרדיע אַרבעט מיט די שטריק און בייטשן און קולאַקעס, האָבן די זעלנער אַראָפּגעכאַפּט די לעדערנע פּאַסן פון די שינעלן. די גראָבע זעלנערשע פּאַסן מיט די אייזערנע האַלב־פּונטיקע שנאַלן... און, פּאָכענדיק, דורכגעבראָכן אַ וועג צו די יידישע באַשיצער.

אַ מינוט שפּעטער האָט זיך שוין די זיכערקייט פון דער קצבישע־באַלעגאָלישע גוואַרדיע אַ שאָקל געטאָן. די וואָגיקע בייטש־שטעקלעך

פון אַזעלכע דריי בכבודיקע למדנים, ווי שלמה המן, ישראל כאַדאַק און שליאָמע פאַרעווער, האָבן אויפגעהערט צו טייטלען אין די גויאישקע קעפּ אַריין. כאַצקעלע קנאַק האָט אָפּגעלאָזט דאָס „קנאַקן" פון אונטן־אַרויף. און יוסף פּאַטשאַליק — פון אויבן־אַראָפּ. דער האַרטער „אלף־בית" פון ליפּע דעם פאַרעווענס און פון הילקע קוקע האָט זיך איבער־געריסן, און ווייטער ווי „פה — פּאַטש אים" — נישט געגאַנגען. שלעכ־טער ווי אַלע האָבן אָפּגעשניטן די יידישע באַשיצער אויףביידע פלאַנקען, ווייל צו ווייט זענען זיי זיך פאַרלאָפן צווישן די גויאים און צופיל אָפּגעשטאַנען פונעם יידישן „פראַנט". געטשע דער נאַסקע־טרעגער האָט זיך פאַרהוסט, פון אַ באַקומענעם זעץ מיט אַ שנאַל, און געכאַפּט רייבן זיך אַ פּלייצע. פון אונטער דער וואַרעמער היטל, ביי חנקע פּיסנאָהע, האָט אַ שפּאַר געטאָן מיט זודיק בלוט. אַבראַשע „מאָסקווער" האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן שלייף און אָנגעטאַפּט אַ גרויסן בייל. האָבן אים מענקע און באָרקע — די בנים זיינע, פאַרשטעלט מיט די ברייטע רוקנס, אויפגענומען אויף זיך די מערדערלעכע קלעפּ פון די שנאָלן און צעברומט זיך:

— זע, טאַטע!...

— טאַטע, טרעט אָפּ!

האָבן שוין די יידישע בני־רחמנים דערזען, אַז מיט ווייכע בוכצעס, מיט טרוקענע קלעפּ, מיט בויגיקע שטעקלעך און מיט שטריק־קאַנטשור־קעס וועלן זיי דאָ מער גאָרנישט מאַכן און אַ נעם געטאָן זיך פאַר די אייזנס, וואָס זענען ביי זיי געווען אָנגעגרייט אויף „מאַלע וואָס עס מאַכט זיך". די ביידע „פאַרעווע", שליאָמע און ליפּע זיין זון, האָבן געצויגן די פאַרזשאַווערטע פרענטן פון די כאַליאַוועס. יוסף פּאַטשאַליק האָט אַרויס־געכאַפּט זיין טעמפּע שוסטער־פּייל פון קעשענע. אַבראַשע מאָסקווער און ביידע בנים האָבן פאַררוקט אין די אַרבל זייערע פליישיקע פינף־פונטן פון יאַטקע. געטשע „זלאָטקע" האָט זיך אָפּגעהוסט און אַרויסגעשלעפּט פון בוזים אַ מעשענע וואָג פון אַ וואַנט־זייגער, אָנגעגאָסן מיט בליי. אַפילו אַזאַ למדן אַ באַלעגאָלע, ווי שלמה המן האָט פאַררוקט דעם בייטש אין גאַרטל, און אין זיין לאַנגער האַנט האָט זיך צעוויגט אַ משונהדיקער כלי־זין — אַן אַלטער ריגל פון אַ פירהויז־טיר... מיט אמתער געפאַר און בלוט האָט עס אַציַנד אַ ווייע־געטאָן פון יידישן פראָנט אַזוי ווי פון גויאישקן.

דערזען אַזעלכע כלים, האָט קאַוויצל דער שוסטער גלייך פאַרקירע־

וועט דאָס קרומע פיסל זיינע, אויסגעדרייט זיין קאַווילעכל, וואָס זעט אויס ווי אַ האַנט־לייטערל, און פאַדאַוואַי לויפן־פאַבריקעווען צוריק צום באַלעגאַלישן צעך. ווי אַ היישעריקל אויף דריי פיסלעך איז ער געשפרונגען, און מיט זיין סקריפּעדיק קולכל געוואָרנט דעם גאַנצן מאַרק:

— יידן, אַנטלויפט!

פון דער יידישער גוואַרדיע האָט אים אָבער קיינער נישט געפאָלגט. אויסער אפשר אַ פּאָר איבערגעשראָקענע קרעמערלעך... די יידישע באַ־שיצער האָבן אויפגענומען דעם קאַמף. אייזנס קעגן אייזנס האָבן זיך צעבראַזגעט. שוואַרצע אויגן קעגן וואַסערדיק־בלויע האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט און רציחה. יידישע טוקאַטשן פון שטויסלען, ריגלען פון טירן און שטיקער קאַטשערעס האָבן אָפּגעוואָרפן די ערשטע מערדער־לעכע אַטאַקע פון די זעלנערשע שנאָלן. פאַרבלוטיקטע הענט און קעפּ האָבן זיך צעוויגט ווי רויטע קוסטעס און צווייגן אין שטורעם.

— בעי זשידאָוו! — האָבן מוראדיק געוואָיעט די אָנגערייצטע צעיוּר־שעטע זעלנער.

— יידן, לאָ—זט זיך נישט!... — האָבן די יידישע גיבורים איינער דעם אַנדערן געמונטערט.

און אַ ווײַלע, אַ שרעקלעכע לאַנגע ווײַלע, האָט דאָס גרויסע געשלעג, בלוטיק און פאַרביסן, אָנגעהאַלטן גלייך אויףביידע זייטן. קיינער פון ביידע פיינטלעכע צדדים האָט אַ שפּאַן נישט געוואָלט אָפּטרעטן. מיר אַ טויט, אָדער דיר אַ טויט!...

די גוואַרדיע טרעט אָפּ

1

אין רעכטן מיטן פון אַזאַ קריטישן מאָמענט, ווען דער נצחון פון געשלעג האָט זיך איבערגעוואָרפן, דאָ אויף דער גויאישקער און דאָ אויף דער יידישע זייט, איז, ווי פון דער ערד, אַרויסגעוואַקסן דער מאָהליוועער זשאַנדאַר מיט דער צעהאַקטער באַק. אַפּנים, דער „גענעראַל־שטאַב" פון פּאָגראָם, דאָס הייסט: דעם פּריסטאַווס קאַבינעט אין סטאַן, האָט דאָס אים אַרויסגעשיקט זען, צי די באַנדעס זעלנער און נאָוואָבראַנצעס אַר־בעטן ווי געהעריק... ער האָט זיך אַפילו ווידער אַ מאָל איבערגעטאָן, דער שונא־ישראל, אין אַ געוועזטענער פּאָדיאָווקע און אין אַ קאַפּעליוש, פּונקט ווי ער איז געווען אָנגעטאָן אין די ערשטע טעג פון די אָבלאַ־ווּעס; אָבער יידן האָבן אים גלייך דערקענט, ווי קי דערשמעקן אַ חיה־רעה אין פעלד, אַזוי האָט מען אים דערשמעקט.

— בעי, רעביאַטאַ! — האָט ער זיך צעריטשעט הינטער די פּלייצעס פון די נישקשהדיק־צעבלוטיקטע זעלנער — שלאָגט זיי! ממיתט זיי! אָט אַזוי! און נאָך אַ מאָל אַזוי! העי, העי!

דער באַלעגאָליש־קצבישער גוואַרדיע האָט זיך, שונא־ישראל, אָפּ־געריסן אין האַרצן פון אַזאַ אָפּענעם אויפרוף צו שלאָגן יידן. ביז איצ־טער האָט די שקלאָוועער פּאָליציי פּאָרט געשעמט זיך, געאַרבעט אין דער שטיל. מ׳האָט נאָר געהערט זאָגנדיק, אָבער אויף קלאָר האָט קיינער נישט געוווּסט. אַציגד, אין דער רעכטער סכנה, — נאַ דיר! אָנשטאָט צו באַרואיקן די מאָהליוועער בויאַנעס אין שינעלן, רייצט מען זיי גאָר אויף...

אָפּשלאָגנדיק זיך מיט די לעצטע קרעפטן, שרייט אַבראַשע „מאָס־קווער" צו זיינע בנים:

— „דיעטקי"! איר פאַרשטייט צוליב וואָס פאָניע האָט געשיקט

סאָלדאַטן? טאָ האַקט־זשע, קינדערלעך! זשאַלעוועט נישט!

— באַשיצער געשיקט אונדז! — רעוועט שלמה המן, און שלאָגט ווי אַ ווילדער, מיט זיין אייזערנעם ריגל, אויף רעכטס און אויף לינקס.

און הילקע קוקע באַקומט אַ רעכטן קלאַפּ מיט אַ יונישן שנאָבל און צעלאַכט זיך ביטער:

— אַט, חישין, אוגדזער ראַביגער, וואַרט נאָך אַליץ...

— דער גובערנאַטאָר זאָל אים ענטפערן! — פאַרטייטשט ליפּע דעם פאַרעוועגס.

— טרייבערט זיי! — שרייט אַן אַפּגעגאָסענער מיט שוויס און בלוט הנקע פּיסנאָהע דער קצב.

— טשוועקעוועט זיי! — ענטפערט אים יוסף פּאַטשאַליק דער שוס־טער מיטן לשון פון זיין פּאַך.

אָבער דער איבערגעטאָגענער זשאַנדאַר שווייגט אויך נישט. ער ווינקט מיטביידע הענט צו די אַנטלאָפענע גאַוואַבראַנצעס, ער רופט, ווי אַ הייזעריקער טרומייט, די שרעקעוודיקע דאָרף־גויאים. ער קריצט מיט די ציין:

— נאַשי, נאַשי, סיודי!... סיודי, מאָרדאַ וואַשאַ! דיאַרעווניאַ! (אונ־דזעריקע, אונדזעריקע! אַהער!... אַהער, מאָרדעס! דאָרפס־כאַמעס!).

אויף זיין רוף האָט זיך געגומען אומקערן דער אַנטלאָפענער דאָר־פישער עולם. אַפריער — פאַוואַליע, פאַרשעמט פאַר דער אייגענער שרע־קעוודיקייט, שפּיצנדיק די אויערן ווי די האָזן, רייבנדיק די אָפּגעשלאָ־גענע זייטן. און ביסלעכווייז געגומען רעדלען זיך! הורבעסווייז געגומען שטופּן זיך צו הילף די ברידערלעך סאָלדאַטן. יעדערער מיט וואָס ער קען. פלוכענדיק און זידלענדיק האָבן פויערים אויף די פורלעך פאַר־קערעוועט די פערד אויף צוריק. די גויאות מיט די אָנגעראַבעוועטע קראַנצן שווענעלעך אויף די העלדזער זענען ווייטער זשעדנע געוואָרן, נאָכגעשלעפּט זיך, אויסגעקוקט אויף רויב...

מיקיטאַ פון מאַקאַראָוקי האָט זיך אויך אויסגעטשוכעט פון די יידי־שע קלעפּ, אָוועקגעזעצט זיך, ווי ער גייט און שטייט, מיטן געזעס אין די נאַסע הערינג אויף זיין וועגל, און געגומען וואָיען און קלאָגן אויף זיינע אַלטע יאָרן. געבעטן מ׳זאָל אויף אים רחמנות האָבן. און גאָר אין מיטן דרינען אויפגעהויבן אַ ווילדן געשריי, ווי אַ שיכור, וואָס גליטשט זיך אויס אין אַ פינצטערער בלאָטע:

— זאַבי־לי!...

ס'הייסט: מ'האָט אים געהרגעט און ער לעבט שוין גאָר נישט אויף דער ווייסער וועלט.

דערזעענדיק אַזאַ הילף הינטער די פּלייצעס, האָבן זיך די זעלנער מיט די אייזערנע שנאָלן צערוקט אויף רעכטס און אויף לינקס. דעם מיטן פראָנט איבערגעלאָזן די צוריק אָנגעוואָקסענע הורבעס גויאים, און אַליין גענומען אַרומגיין די אָפּגעמאַטערטע, שלעכט־באַשיצטע יידישע פלאַנקן. גענומען אַרומרינגלען זיי, לויט אַלע כללים פון מלחמה, וואָס זיי האָבן, דורך קלעפּ און פּעטש, געלערנט אויף מאַנעווערס.

מיט פאַרשטשירעטע ציין און מיט אַ פאַרביסענעם ברום האָט אָפּגע־ענטפערט די קצביש־באַלעגאָלישע גוואַרדיע. מער ווי דאָס איז זיי דאָך, ברוך־השם, נישט געבליבן צו טאָן. אויף פרישער הילף פון צעקראָכענע קרעמערלעך, פון געגנדזלערקעס אין מאַרק און פון באַלעבאַטימלעך, הינטער די פאַרהאַקטע טירן און לאָדנס, איז נישט געווען וואָס צו האָפן. האָבן די יידישע פּאָר־צענדליק גיבורים פאַרדאָפּלט זייער מסירת־נפש. נעענטער צוגערוקט זיך צו זייערע באַוואָפנטע שונאים, אַרומגעכאַפּט זיך מיט זיי, מיט פריקרעקייט און מיט האַס איינגעקלעמט זיך אין זייערע טרפהנע לייבער. און באַלד איז פון זיי אַלעמען געוואָרן איין ליאַרעמדיקער מיש־מאַש. און אַ מינוט שפּעטער האָט זיך שוין דער מענטשן־געפּלאָנטער צעשאָטן אין דריידלעך, אין, מיט־שווייס און בלוט און שפּייעכץ אָפּגע־גאָסענע, לעבעדיקע קנוילן. פון אָט די דאָזיקע, וואָיענדיקע צוזאַמענגע־פלאָנטערטע הענט און קעפּ און פיס און רוקנס האָט מען אַרויסגעזען פאַרקלעמטע קולאַקעס, פאַרסקאַליעטע ציין, פאַרבלוטיקטע אייזנס, צערי־סענע אַרבל, צעפּליקטע בערד, אָנגעבלאָזענע אויגן; לאַנגע, חזיריש־ווייסע, זעלנעריש־ראַזירטע שאַרבנס און דיבאָם־שטייענדיקע, שוואַרצע באַלעגאָ־לישע טשופּרינעס. אַ סאָפּעניש און אַ בורטשעניש און אַ מורמלעניש. אַ פאַלעניש און אַן אויפשפּרינגעניש. אַ צאַפּלעניש און אַ פלאָטערניש. יידישע „מאַמע"־ווײ־געשרייען און אַ גויאישקע שלוקערצניש פון אָפּגע־שלאָגענע לונגען: „אַך, האָספּאָדי!" „בעי זשידאָוו!" און „זעץ, זעץ! זשעב־רעווע זיי!". אַלץ אויסגעמישט צוזאַמען. אַ שטורעם פון רציחה האָט געשאָקלט אָט די אַלע איינגעשפּאַרטע מענטשלעכע לייבער. אַהין און אַהער, אַרויף און אַראָפּ געשליידערט זיי און נישט געקענט אויסוואַרצלען. און איבערן גאַנצן וויכער, פון האַס קעגן האַס און פון העלישן צאָרן קעגן צאָרן, שפּריצט, ווי אַ גיפטיקער שוים, דעם זשאַנדאַרס אויפרייצנ־דיקע קולות:

— בעי איך, בעי, רעביאַטאַ! רעזש זשידאָוו!...

און אים אויף צו להכעיס סטאַרעט זיך איבערצושרייען כאַצקעלע קנאַק דער פילשטשיק, שאַרף און הויך שאַלן זיינע הייזעריקע האַלדז־געשרייען פון אַ געוואָזענעם דעסיאַטניק און פּאַראַנדקעס־מאַכער:

— יידן, האַלט זיך! שליאָמע, זעץ! זעץ! מענקע, באָרקע, מיט די קני אין בויך!... פּיסנאָהע, פּאַטשאַליק, וואָס שווייגט איר? הילקע, ליפּע, טרייבערט זיי! אַט־אַט־אַט! טערעבע־ענ־צעוועט!

2.

נאָר גיי טו אַלץ, וואָס כאַצקעלע קנאַק הייסט, אַז פון דער גאַנצער יידישער גוואַרדיע האַלט זיך נאָך קוים אויף די פיס ביי אַן אַנדערטהאַלבן צענדליק, און צו די צעיושעטע זעלנער קומט אָן גויאישקע הילף פון אַלע זייטן. גיי, זעץ און האַק און זשעברעווע און טרייבער — אַז די יידישע אייזערנע פונטן און ריגלען און וואָגן פון זייגערס און שטיקלעך קאָטשע־רעס זענען צו־קורץ, נישט באַקוועם צו האַלטן מיט נאַקעטע הענט; און די זעלנערישע שנאַלן, אויף די בויגיקע רימענס, זענען לאַנג און וואָגיק, און טרעפן ווי וואַרף־שטיינער איבער די קעפּ. דערצו האָבן נאָך די צוריק־אַנגעלאָפענע נאַוואָבראַנצעס שטאַרק געגומען דריקן פון פאָרנט און פון הינטן. די זעלנער האָבן געקראָגן פרייערע הענט און גענומען אַצינד פאָכען פון רעכטס און לינקס. און מיט אַ מאָל האָבן זיך די יידישע גיבורים דערזען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. אַפילו דער שמאָלער צוריקוועג צום באַלעגאַלישן צעך איז געוואָרן אָפגעשניטן.

אַלס דער ערשטער צייכן פון מפּלה און געפאַר, האָט זיך פלוצלונג דערהערט שלמה המנס געשריי. אַ וויי־געשריי פון פאַרלאָרענעם מוט:

— געוואַלד, אַ־ווו איז דער פריסטאַוו?

גוטע יאָרן! אַז אַ ייד אַ גבר, ווי שלמה המן, זוכט שוין חסד ביי אַזאַ פאַרביסענעם שונא־ישראל ווי דער נייער פריסטאַוו, איז אַ סימן, אַז עס האַלט גאָר שלעכט.

זיין געפאַלנקייט האָט באַלד אַנגעשטעקט די יידישע גיבורים פון זיין עלטער:

— סדום! — שרייט ישראל כאַדאַק, אָפּשלאָגנדיק זיך פון צוויי גויאים.

פאָכעט זיך אָפּ שליאָמע פאַרעוועך מיט זיין פרענט־אייזן:

— שיכורע יונים געלאָזן אויף שטאָט... מ־ע־נ־ט־ש־ן!

נישט פאַרלוירן דעם קודלאָטן קאָפּ האָט נאָר אַבראַשע „מאָסקווער". אָפּגעגאָסן מיט בלוט און שווייס, ווי ער איז געווען, האָט ער, אין דער אויסגעבראָכענער פאַרצווייפלונג, איבערגענומען די קאָמאַנדע, כאָטש קיינער האָט אים דערצו נישט באַפולמעכטיקט:

— צום צעך, ברידער! צוריק צום צעך!...

און צו מענקען און באַרקען זיינע יונגען האָט ער האַרט אַ קאָמאַנ־דעווע געטאָן:

— שניידט אויף צוריק, דיעטקעס! האַקט „קאָנקלעטן"!

און, נישט וואַרטנדיק אויף קיינעמס הילף, האָט זיך דער טאַטע מיט די בנים אַ לאָז געטאָן צום שוואַכסטן אָרט ביי דעם שונא. דאָס הייסט: צו די נאָוואָבראַנצעס, וואָס זענען פאַרלאָפן היגנטער דעם יידישן פראָנט און פון דאָסניי צעכראַבערט זיך.

מיט די אייזערנע פינף־פונטן אין די אויסגעשטרעקטע אָרעמס האָבן אַבראַשע מיט די בנים געגומען פאָכען אַרום זיך. מיט די אייגענע קעפּ, ווי מיט בולעוועס, אַריינגעזעצט אין די אָנגעפּעלצטע פויערישע בייכער. און באַלד האָט זיך דער גויאישקער קלעם פאַנאַנדערגענומען, אויפגע־שפּאָלטן זיך ווי אַ טויער. און פון אונטער דעם צוזאַמענגעפּאַלענעם לעבע־דיקן „מויער" האָבן זיך דערהערט די פריערדיקע טיפע קרעכצן און גרויסע שלוקערצן:

— אַך טי, האָספּאָדי־באָזשאַ!

— טאַ־אַט־קי! (טאַטעלעך!).

דער צוריקקער צום צעך איז אַצינד געוואָרן מעגלעך. דורך דעם דאָזיקן געפּערלעכן טויער, וואָס האָט נאָך געפּאָכעט מיט רויטע קולאָקעס און געסטראַשעט מיט דראָנגען, האָבן אונדזערע גיבורים גענומען אָפּטרעטן פון פאַרשפּילטן געשלעג. טראָט ביי טראָט און אויף הינטן, ווי בשעת אויסגיין שמונה־עשרה, האָבן זיי געראַמט דעם מאַרק. מיט די אָפּצאָסן אָנגעטאָפּט דעם וועג אויף צוריק און מיט די אויסגעשטרעקטע צעקיילטע הענט אָפּגעשלאָגן זיך פון צעבושעוועטע גויאים. טונקל־רויטע פלעקן האָבן באַצייט דעם גאַנצן צוריק־וועג. די קאַנאַווע, ביים ראַנד פון מאַרק, איז פול געוואָרן מיט צעמזיקטע פריזיווניקעס, וואָס קריכן „אויף אַלע פיר". ביז די קצביש־באַלעגאָלישע גוואַרדיע האָט דערשפּירט דעם לאַנגן בנין פון צעך הינטער די פּלייצעס און געוואָרן פרייער און זיכערער. באַשיצט אין נאַקן, האָט זי אַצינד גענומען וואַרפן, די גוואַרדיע, מיט

שטיינער און ביינער און העלצער און האַלבע ציגל און מיט אַלץ, וואָס מ׳האָט נאָר געטראָפֿן אונטער דער האַנט. דער נצחון־בריל פֿון די גויאישע הורבעס איז שטילער געוואָרן. די אויפֿגערייצטע דאָרפֿישע כוואַליע איז שטיין געבליבן, געקריצט מיט די ציין, געסטראַשעט, געוואָרפֿן מוראדיקע זידלערייען; אָבער ווייטער, ווי איבער דער קאַנאַווע ביים ראַנד פֿון מאַרק, מורא געהאַט אַ טראָט צו טאָן.

הינטער שלמה המנס קאַרעטע, האַרט ביים צעך, האָבן באַלעגאַלעס דערזען אַ צעשויבערטן קאָפּ מיט אַ בולבעוואַטער נאָז. דער קאָפּ האָט אַרויסגעקוקט און גיך באַהאַלטן זיך. האָט חברה־בייטש געקראָגן פֿאַר־דאַכט און אַרויסגעשלעפּט דעם מאָדנעם נפש פֿון באַהעלטעניש. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז קאַוויצל דער שוסטער, דאָס קאַווילעכל, אין גע־שטאַלט פֿון אַ האַנט־לייטערל. האָט ער אַצינד געהאַלטן אונטערן פּאַכווע, ווי אַן אָפּגעבראָכענע דריטע פֿיסל. אַזוי איז ער, אַ דערשראָקענער, שטיין געבליבן פֿאַרן באַלעגאַלישן פֿאַרהער:

— וואָס טוסטו דאָ? דו!

— ווי קומסטו אַהער?

— ביסט דאָך אָקאָרשט געווען מיט אונדז!

קאַוויצל האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין קאַווילעכל און איז צוריק געוואָרן אַ דריי־פֿיסיקער.

— אי, — מאַכט ער — יידן, יידן!...

נאָר וואָס „יידן" און ווען „יידן" און וואָס ער מיינט דערמיט צו זאָגן — האָט מען דאָס מאָל נישט געקענט פֿאַרשטיין. נישט ער האָט געמונטערט, ווי זיין שטייגער איז: „יידן, מען לויפֿט!" נישט ער האָט געוואָרנט: „יידן אַנטלויפֿט!"... גלאַט אַזוי זיך: „יידן, יידן!". האָט ער דערפֿאַר פֿון הילקע קוקע געקראָגן אַן „אונטערפּלעצל". ער איז אַזש אונטערגעשפּרונגען אין דער לופֿטן, אויף אַלע דריי פֿיסלעך זיינע, קאַוויצל דער שוסטער.

3

אָטכאַיעט זיך אַ ביסל, האָבן די יידישע באַשיצער גענומען ציילן זייערע וווּנדן און ביילן. ווער עס בינדט זיך אַרום דעם קאָפּ, ווער — אַ האַנט; ווער עס רייבט זיך אָפּ אַ באַק, ווער עס ציט קאַלטע וואַסער אין נאָז. און ווי דער שטייגער איז פֿון יידן, ווען זיי פֿאַלן אַריין אין

אַ צרה — גענומען אָפּלאַכן פון זיך אַליין, מיט גאַל און מיט יאַשטשער־קעס. חנקע דער קצב לאַכט אָפּ פון איטשע שפּאַק דעם באַלעגאָלע:

— ס'איז דיר נישט פירן די בויד אין מאַהליוו? וואָ־אָס?

און איטשע שפּאַק ענטפערט אים:

— ס'איז דיר נישט סמאַליען קעלבערנע פיסנאָהעס ערב־שבת... ווי זאָגסטו?

מאַכן הילקע קוקע צו ליפען:

— ס'איז דיר נישט עסן פאַרעוו נאָך אַ פליישיקן טייגעכץ...

פאַרשווייגט אים נישט ליפע דעם פאַרעווענס:

— מאַכן „קו־קו" אויפן אָרשער שליאַך איז אַ סך גרינגער...

טשעפּעט זיך געטשע דער נאָסקע־טרעגער צו יוסף דעם שוסטער:

— איז ליגט דיר שוין מער נישט אין קאָפּ צו קריגן זיך מיט ר' ישראל דעם גבאי איבערן שמש? דער שמש געפעלט דיר שוין?

און יוסף פּאָטשאַליק גיט אים גלייך אויסגאַב:

— מיר דאַכט, געטשע, אַז דו האָסט היינט פאַרדינט מער ווי אַ „זלאָטקע"... צייל־איבער!

ביסלעכווייז גייט איבער דאָס אָפּלאַכן פון זיך אַליין אין צוין־קרי־צעריי. ערשט אַצינד דערשפּירט מען גוט די געשלאָגענע ערטער. די וווּנדן אויף די קעפּ און פלייצעס צעברענען זיך ווי פייער. זוכט מען אויף וועמען אויסצוגיסן דעם הילפלאָזן כעס. אימיצער לאָזט ווידער פאַלן אַ וואָרט, אַז פאַנדרע איז דאָ נישטאָ. כאַפּן זיך אַלע צו צום נאָמען און גריזשען און ברומען:

— אַן אַקט מיט סענדערס איידעמל!

— זיין „זוואָניע" איז גאָר היינט נישטאָ!

— דער שקלאָווער גיבור!

— לייגט אַן איי און שפּרינגט אַריבער!

— אָנגערייצט גאַנץ מאַקאַראָווקי מיט זיין טשעפּען זייערע שיקסעס...

— פאַר דם־שונאים געמאַכט מיקיטען מיט זיין איידעמל...

— איצטער זאָל ער אַליין קומען און שלאָגן זיך מיט זיי...

— אָפּרייסן קנעפּלעך ביים פּריסטאַוו, אויף דעם איז ער בריה.

— ליפע, האָסט דאָך גערעדט מיט אים, אנומלטן... וואָס האָט ער געזאָגט?

— געזאָגט? אַ מויל האָט ער געעפנט, אַז גאָט זאָל שומר־ומציל זיין. „כ'בין אויס נעבעכקע, בין איך!" און געלאָזן זיך מיט די קולאַקעס אויף

צעך. אַ נס, וואָס מאָדיע דער „ציציליסט" האָט אים אַרויסגערופן, אַז נישט —

— פּוסטע דיבורים! — שלאָגט איבער אַבראַשע דער קצב — נישטאָ קיין צייט צו באַלעבאָטשען. קוקט, קוקט!

געווען וואָס צו זען. די גויאישע חיה, אויף יענער זייט קאַנאַווע, אַקעגן צעך, האָט אויך אָפּגעכאַפּט אָטעם, געזאַמלט כוחות, געלעקט די ווונדן, געשטשירעט די ציין. ברומענדיקע הורבעס גויאים האָבן זיך גערירט פון דאָס ביי, באַוואָפנט זיך מיט דראָנגען, מיט שטיינער. מ'האָט קלאָר געזען, אַז נאָך איין ווײַלע און די צערייצטע חיה וועט זיך אַ וואָרף טאָן מיט דאָפּלטער רציחה און דאַמאָלסט ווען סיי פון צעך, סיי פון מאַרק קיין שריד־ופליט נישט בלייבן. און קיין שום פרישע הילף איז דערווייל נישטאָ.

אָבער אַ נס איז געשען. די פּיל־קעפּיקע חיה, וואָס האָט זיך אָקאָרשט געגרייט צום שפּרונג, איז פּלוצלונג ווייך געבליבן ליגן, אויף די הינ־טערשטע לאַפּעס, און צעלאַכט־צעכאַכאָטשעט זיך, מיט הונדערטער פויער־שע ביינער; מגושמדיק און גרונטאַוונע, ווי דאָרף און סאָלדאַטשינע קענען... אָט־אָט פּלאַצן זיי און דאָס חזיר־שמאַלץ צעשפּריצט זיך אויף אַלע זייטן. זוכט די קופּקע יידן ביים צעך, מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן זוכט זי דאָס, וואָס עס האָט אַרויסגערופן אַזאַ געלעכטער, און דער־זעט —

...עפּעס אַ משונהדיקע בריאה קריכט אַרויס פון קאַנאַווע, צווישן די גויאים און יידן. ס'איז נישט קיין מענטש, נישט קיין ריזן־שרץ: נאָר ביידע זאַכן צוזאַמען. אָנגעלענט אויף צוויי שוואַרצע הענטעלעך קריכט אַ קאָפּ און פון הינטן שלעפּט זיך נאָך אַ צוזאַמענגעקלעפּטע שווערע מאַסע. פּיס און קאַפּאָטע און ליטקעס זענען צוזאַמענגעשמאָלצן אין איין שוואַרצן שטיק. און די געדיכטע שוואַרצקייט איז אָנגעפּיקעוועט מיט כלערליי ברוכוואַרג פון גלאָז און האָלץ, מיט שטיין און ביין און פערדן־מיסט. און דאָס אַלץ שפּיזט זיך, ווי גראָבע האָר ביי אַ ריזיקן שטעך־חזירל. ס'איז אַ שרעק אַ קוק צו טאָן. ווי אַ באַשעפעניש פון אַ בייזן חלום זעט דאָס אויס. נישט געשטויגן נישט געפלויגן, און לעבט פאָרט, אויפן וואָר. עס קריכט גלייך צום צעך און איקעט און שפּייט און קווי־טשעט. מען קוקט זיך צו — ערשט ס'איז ר' ניסן, ניסן דער דיעכטיאַרניק, וועלכן די גויאים האָבן פריער אָפּגעטובלט אין זיין אייגענעם פאַס מיט דיעגאַכץ. בשעת דעם גרויסן געשלעג, צווישן די שניט־קראָמען, איז

ער ערגעץ־ווו פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, פֿאַרטאַיעט זיך. אַצינד איז ער אַרויס־געקראָכן ווי אַ ריזיקע יאַשטשערקע פֿון נאָרע, געפּענטעט אינעם אייגענעם שוואַרצן שליים און אויסגעקייקלט אין כלערליי מיסטן. מיט די הינטער־שטע פֿיס קען זי שוין מער נישט באַוועגן, גייט נאָר אויף די פֿאָדערשטע לאַפּקעס, און דאָס געקרייזלטע מענטשלעכע קעפּעלע שאָקלט זיך, שאָקלט זיך...

איז אָט פֿון וואָס ביי די גויאים פּלאַצן די בייכער! אָט פֿאַרוואָס זייער רציחה איז איבערגעגאַנגען אין געלעכטער... אָבער יידן שווייגן. משונהדיק, ווי דאָס בילד איז געווען, האָט דאָס אָבער ביי קיינעם אַפֿילו קיין שמייכל נישט אַרויסגערופֿן. ס׳האָט זיך ביי זיי אָפּגערופֿן אַ פֿאַר־געסן מאַרטירער־בילד, וואָס די אבות־אבותינו האָבן אפשר אַ מאָל געזען, אין די קעלערן פֿון דער אינקוויזיציע: האַלב־אָפּגעקאָכטע מאַראַנען, וואָס מען ציט קוים לעבעדיקע אַרויס פֿון קעסלען מיט זודיקן פּעך און מען וואַרפֿט צוריק אויף דער ערד פֿון קאַזעמאַט. זיי זאָלן פֿויזן און מודה זיין זיך אויף זינד, וואָס זיי האָבן נישט געזינדיקט... ר׳ ניסן דער בעל־תשובה איז אוודאי אָפּגעקומען היינט פֿאַר אַלע זיינע זינד, אויף וועלכע ער האָט כל־ימיו תשובה געטאָן אַלע שבת, פֿאַר וואָרמעס... אָט קריכט ער אויף די פֿאָדערשטע לאַפּקעס, ווי אַ גלגול, און שרייען שרייט ער שוין נישט מער. קיין כוח נישטאָ. פּיסקעט ער.

ווי דער שרעק־מוסטער פֿון פּאָגראָם און דערנידערונג, אַזוי איז ער געקראָכן, אונטער אַלע אויסגעלופּעטע יידישע אויגן. אַזוי קריכט אַ פֿאָלק, פֿאַרקלעפּט און פֿאַרשמוצט, אין דעם, וואָס איז אָקאָרשט געווען זיין פּרנסה, פֿון וואָס ער האָט נאָך היינט אין דער פֿרי געצויגן חיונה. און באַשיצן קען זיך עס נישט. כאָכאָטשען די צעיושעטע גויאים. אַפֿילו אַ שטיין וואַרפֿט קיינער נישט פֿון זיי אין ניסן דיעכטיאַרניק. קיין ערל וויל נישט קאַליע מאַכן, אַזאַ טריאַטער...

בלוטיקע טרערן פֿון חרפּה האָבן זיך געשטעלט אין די קצבישע און באַלעגאַלישע אויגן. איין אַבראַשע קצב האָט זיך נישט פֿאַרלאָרן. אדרבא, ער האָט גלייך אויסגענוצט די פֿריילעכע סומאַטאָכע ביים שונא, און ווידער אַ מאָל איבערגענומען די קאָמאַנדע, כאָטש קיינער האָט אים נישט געבעטן.

— הער נאָר! טוט ער זיך אַ וואָרף צו קאַוויצלען — טו אַ שפּרונג און זע ווו פֿאַנדרע איז! זאָג אים!

— וווהין ווועל איך שפּרינגען! — טוליעט זיך קאָוויצל צו שלמה המנס קאַרעטע.

שרייט אויף אים אַבראַשע אָן:

— אויף שרייען „אַנטלויפט!", אויף דעם ביסטו אַ שפּרינגער! לאָז זיך אַוועק מיט די הינטער־געסלעך, זאָג איך דיר! צו אים אַהיים!

— איך לויף! אַט לויף איך שוין! — ווערט קאָוויצל רירעוודיקער. ער קלעפּט זיך אָפּ פון דער קאַרעטע, נעמט אָן דאָס קאָווילעכל אין איין האַנט, בויגט זיך איין און שפּרינגט אַוועק הינטערן צעך מיט אַ זייטל, ווי אַן אָפּגעבונדענער האָן.

— און איר, — גיט אַ קאָמאַנדעווע אַבראַשע צו חברה באַלעגאָלעס — וואָס גלאָצט איר וואָס? שפּאַנט אָפּ די פערד, ווער ס'האָט נאָך נישט אָפּגעשפּאַנט. רוקט צוזאַמען אַלע וועגענער און ברישקעס, גיכער!

שרייט־אָן און מען פאָלגט.

— מענקע! באָרקע! ווו זענט איר? — רופט צו אַבראַשע קצב זיינע בנים — פאַרבונדן די קעפּ? גוט! שלאָגט זיך דורך צום קלויסטער און מאַכט אַ טרעוואָגע. קלינגט אין גלאָק!

— אין גלאָ־אָק? טאַטע!

— אין גלאָ־אָק! — קרימט זיי אַבראַשע איבער — וואָס־דען, אין אַ מילכיקן פּענדל? זאָלן זיך אַלע פּאָזשאַרניקעס צוזאַמענלויפן. זאָלן זיי מיינען, אַז עס ברענט...

— נאָך אַ מין ברענען! — איז מסכים שלמה המן. אַבראַשעס המצאה געפעלט אים.

באָרקע און מענקע גיבן זיך אַ ריס פון אָרט, ביידע גלייך, ווי צוויי סאָלדאַטן אויף דעם יענעראַלס קאָמאַנדע. זיי פאַרלויפן לינקס, הינטערן צעך, דאָרטן, ווו ס'איז פאַרזאַמלט נאָר דער שטאָטישער נישט באַוואָפנטער גויאישער עולם מיט זייערע גויאות, וואָס קנאַקן סעמעטשקעס און קוקן אָן דעם בייז־וווּנדער און וואַרטן אָפּ: ווער ס'וועט דאָ גובר זיין, מיט דעם וועלן זיי זיין...

סטראַשענדיק מיט די אייזערנע פינף־פונטן, אין די פאַרבונדענע הענט, דערשלאָגן זיך מענקע און באָרקע צום גרינעם קלויסטער. דער טויער איז געשלאָסן. טראַכטן זיי נישט לאַנג און קלעטערן אַריבער דעם אייזערנעם צוים. איינער קריכט, דער אַנדערער היט אָפּ און סטראַשעט מיטן פינף־פונט צו פּלעטן אַ מוח יעדערן, ווער עס וועט נאָר צוגיין...

און אין אַ מינוט אַרום צעטראָגט זיך שוין, איבער גאַנץ שטאָט,

אַ מאוימדיקער ברומענדיקער קלונג אָן אַ טאָלק און אָן אַ סדר, אַזוי ווי יידן קלינגען אויף אַ שריפה... האַסטיק און רעוועגדיק האָבן זיך צעקייקלט די קופּערנע טרעוואָגע־טענער איבער דער גאַנצינקער שטאָט, פאַרשלונגען אַלע געוואַלדן אין מאַרק, אַריינגעבראָכן זיך אין פאַרהאַקטע טירן, דורכגעריסן זיך צווישן די שפּאַלטן פון לאָדנס:

— בים־באָם — בום־בום! במ—אָם!

אָט צו־האַסטיק און אָט צו־לאַנגזאַם. אַזוי ווי יידן קלינגען אויף אַ גרויסער שריפה.

מען קלינגט!

1

אין אַ הינטער־געסל לעבן אָזורע, באַהאַלטן צווישן דעריקע בעריאָז־קעס, שטייט אַן אָרעמע הייזקע מיט אַן אָפּגעפּאַלענעם קוימען. גליקע די עגונה וווינט דאָרטן, מאַדיעס מאַמע, וועלכע האַנדלט מיט זעלצערקע און מיט לעקעכלעך אויפֿן מאַרק. אינעם שלעכט אַרומגעצוימטן הויף פֿון דער דאָזיקער הייזקע שטייט שוין, פֿון פֿאַרטאָג אָן, אַן איינגעשפּאַנט שוואַרץ פֿערדל און עסט פֿון אַן אונטערגעבונדענער טאָרבע. אין טאָרבע איז שוין, אַפֿנים, געבליבן גאָר ווייניק האָבער צי סעטשקע, וואָרום דאָס קלוגע פֿערדל וואַרפֿט אַלע ווײַלע אַרויף דעם קאָפּ מיט דער טאָרבע צוזאַמען, כּדי צו דערגרונטעווען זיך ביז צו די לעצטע רעשטלעך פֿון זײַן פֿערדישן אָנבײַסן. ער טוט דאָס באַהאַוונט, ווי אַ געניטער שיכּור, וואָס וויל קיין טראָפּנדל נישט איבערלאָזן אויפֿן דעק כּוס, און דריקט דערבײַ צו די פֿערדישע אויערן צו דער גריוועס שטויב און ברעקלעך קומען אים אַרײַן, פֿון אַ צו־האַסטיקן וואַרף אַרויף, אין די פֿאַרבונדענע באַז־לעכער. צעניסט ער זיך פֿערדיש און פֿאַרשקעט און פּירכעט אין דער פּוסטער טאָרבע אַרײַן, ווי אַ העפֿלעכער מענטש, להבדיל, אין די הויפּנס.

פֿון אַן אויסגעבראָכענער שויב אין פֿענצטערל קוקט אַלע ווײַלע אַרויס מאַדיע „מיטן אמת”. זײַנע אַלע מאָל פֿאַרגלייזטע, קאַלטע אויגן זענען איצט אומרואיק. זיי בלאָנדזשען פֿון פֿערדל צום טירל פֿון הויף, און פֿון טירל צום פֿערדל.

אין אַ ווײַלע אַרום טרייבט אים די אומרואיקייט אַרויס אין הויף. ער עפֿנט פֿאַוואָליע אויף דאָס קרומע טירל אין פּלאָנקן, קוקט אַרויס רעכטס. קוקט אַרויס לינקס; און גייט צוריק, שאָקלענדיק מיטן גרויסן קאָפּ. פֿאַרטראַכט פּאַטשט ער דעם איינגעשפּאַנטן פֿערד איבערן אויסגע־בויגענעם האַלדז און בורטשעט:

— שוין נאָך ניין אַ זייגער איז שוין... דעם אמת מוז איך זאָגן... ניין! עס הויבט מיר נישט אָן צו געפעלן...

שאָקלט אים צו דאָס פערד מיט קאָפּ און טאָרבע:

— גער׳עכט ווי די וועלט!... מיר הויבט דאָס אויך נישט אָן צו געפעלן...

— סטאַ־אַי! — שרייט אויף אים מאַדיע אָן סתם אין דער וועלט אַריין, ווי ער וואָלט אים דערמיט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין מענטש־לעכע זאַכן דאַרף זיך אַ סוס נישט מישן.

אַנגעבייזערט זיך און גייט הויבנדיק מיט די פּלייצעס אין שטוב אַריין.

מיט אַ מאָל דערהערן זיך האַסטיקע טריט הינטערן פּלאַנקן. דאָס טיר׳ל גיט פּאַוואָליע אַ סקריפּ. אַ צעשויבערטער, פאַרשוויצטער קאָפּ רוקט זיך אַריין, די אויגן קוקן ווילד. שטעלן זיך אָפּ אויפן פערדל. דער קאָפּ גיט אַ שאָקל־צו. ווי איינער זאָגט: אָט דאָ, אַפּנים, איז דאָס!... דערנאָך רוקט זיך אַריין אַ ברייטער האַלבער גוף אין אַ צעשליסענער פּאַדיאָווקע. און איינבויגנדיק זיך, כדי נישט אָפּקלאַפּן אַ שלייף אין דער קרומער פּריטעלקע, שטעל׳ט אימיצער אַריין אַן אָפּגעפּלודערטן פוס, דערנאָך אַ צווייטן פוס — אַ צעריסענע פּלודער אין אַ בלאָטיקער כאַליאַווע. און עס גלייכט זיך אויס און בלייבט שטיין — נח פאַנדרע.

די טיר פון שטוב האָט זיך גלייך אויפגעריסן און מאַדיע איז אַרויס־געלאָפן פאָכענדיק מיטביידע הענט. פרייד און פאַרסודעטקייט האָבן זיך געראַנגלט אויף זיין פלאַכן פנים. „אַך, דאָס ביסטו!” האָט ער ברייטלעך געוואָלט אויסשרייען און מער ווי „אַך”... נישט אויסגעשריען. אָפּגעהאַקט זיך. ער האָט פאַנדרען כמעט ווי נישט דערקענט. אַזוי ווילד און פאַר־ענדערט האָט אים זיין חבר אויסגעזען. ווו האָט ער דאָס גענומען אַזוי פיל בלאָטע אויף די אָנגעקנייטשטע שטיוול? ווי אַזוי האָט ער דאָס צעשליסן זיין שטאַרקע באַלעגאַלישע פּאַדיאָווקע? ווער האָט דאָס אים אָנגעפּי־קעוועט אין די האָר און אין דער אַרויסגעקראָכענער וואַטע פון זיין מלבוש אַזוי פיל סאָסנע־נאָדלען?

נישט ווילנדיק האָט מאַדיע געמאַכט נאָך אַ פּאָר טריט און איז שטיין געבליבן. לויט פאַנדרעס אויסזען און לויט די פינצטערקייט אין זיינע גרויע אויגן האָט מאַדיע דערפילט, אַז גלייכער איז האַלטן זיך אַצינד אַ ביסעלע ווייטער, נישט שפּרינגען אין די אויגן מיטן „אמת”... בעסער אָפּוואַרטן ביז פאַנדרע אַליין וועט אָנהויבן.

און פאַנדרע האָט אָנגעהויבן...

ווי אויפגעוועקט פון אַ שווערן חלום איז ער צוגעגאַנגען, מיט וואַקל־דיקע טריט, צום פערדל; אַ פיר־געטאָן מיט זיין האַרטער דלאָניע איבער דער אַטלעסענער פעל אונטער דעם פערדס ברוסט, אַ פלאָנטער געטאָן די צעקראַצטע פינגער אין דער שוואַרצער גריווע, און שוואַך, מיט איין מויל־ווינקל, אַ שמייכל געטאָן. „יאָ. באמת, האָט דאָס געזאָלט באַדייטן, די וועלט איז נאָך אַ וועלט. שקלאָוו איז גאַנץ. פערד עסן האָבער פון טאָרבע... אַ מאָדנע זאַך!"

דעם פערדס זשעדנע באַוועגונגען מיטן קאָפּ האָבן אים דערמאָנט, אַז ער אַליין האָט נאָך גאָרנישט געהאַט אין מויל פון ראַנעטשקע אָן. האָט ער אַ שפּיי געטאָן געדיכט און ביטער ווי נאָך אַ היץ־קרענק. אַ טשעפּע געטאָן די טשופּרינע זיינע, אַרויסגעצויגן אַ בוים־שישקעלע פון די האָר. און פלוצלונג, גאָר אומגעריכט, אַ ווענד געטאָן דעם צעפּלאָ־שעטן קאָפּ צו מאָדיען:

— איצטער שווייגסטו... וואָ־אָס?

— שש... דערשרעקט זיך מאָדיע און קוקט זיך אַרום — דעם אמת מוז איך דיר זאָגן...

— צו אַל־די קאַדיק מיט דיין פראַנצעוואַטן אמת! — גיט פאַנדרע נאָך שטאַרקער אַ ברום — וואָס צו עסן האָסטו?

— דיסציפּלין, חבר נח!

— האָ־האָ! — גיט פאַנדרע אומנאַטירלעך און ביטער אַ הירזשע — ווי זאָגסטו? דיספּיט... דיסטיפּ... אַ פּאָטיעכע, ווי איך בין אַ ייד!

— שש!... — בעט זיך ביי אים מאָדיע מיט די שפּיצן ליפּן און מיט די אויגן. און אַליין לאָזט ער זיך גיין אין שטוב אַריין און ווינקט נחן צו — ער זאָל אים נאָכגיין.

אין דער חושכדיקער שטיבל גיסט זיך אויס דער סוף פון נחס ביי־טערקייט:

— ציפּלין, סמיפּלין! מאַכסט שטענדיק נאָך חאַצע דעם הינקענדיקן און קענסט נישט. ער האָט בעסער געקענט...

מאָדיע קריגט פּחד פאַר נחס איינגעהאַלטענעם כעס, וועלכן ער פילט אין יעדן וואָרט זיינעם. טרעט ער אָפּ און שאָקלט פאַרדריסלעך מיטן גרויסן קאָפּ:

— איך זע, נח, אַז דו חלשסט זיך קריגן... פאַרוואָס?

— פאַר אַ נאָז! — ענטפערט נח קורץ אָפּ און גייט צו מיט האַסטיקע טריט צום טיש, אָן אַ טישטוך. דאָרט ליגט אַן אָנגעהויבענער לאַבן

ברויט, אַ מעסער, אַ האַלאַטשיק מילך שטייט אָנגעגרייט, אַ נישט ריינע גלאָז. אימיצער, קענטיק, האָט דאָ שוין צוגעביסן.

פליוכענדיק און פאַרשפּריצנדיק גיסט זיך נח אָן אַ פולע גלאָז מילך און קערט אַריין, גיסט אָן אַ צווייטע און קערט אַריין. ווי קליינע קעלי־שאָקעס גיסט ער דאָס אין זיך, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָנשיכורן מיט דער ווייסער, זיסלעכער פליסיקייט. אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם — גיט ער זיך אַ קרים און פאַרבייסט זשעדנע מיט אַ האַרטן ביסן.

— אַ ביסל בראָנפן האָסטו נישט? — גיט ער גראָבלעך אַ פרעג.

מאָדיע שאָקלט מיטן גרויסן קאָפּ אויף „ניין".

— וואָס דען!... — בורטשעט פאַנדרע אָפּ, ווי אַ באַנדורע — ס'הייסט: „כ'האָב אַלע מאָל געוווּסט, אַז אַזאַ יאָלד ווי דו האָט קיין שכל נישט אויף אַזעלכע זאַכן".

מאָדיע ענטפערט נישט. ער האַלט זיך פון דער ווייטנס און לאָזט פאַנדרען שטילן דעם ערשטן דורשט און הונגער. דערנאָך פאַרוואַרפט ער אַ וואָרט אָסטראָזשנע, פאַוואָלינקע:

— ע... אַברעמעלע איז שוין דאָ געווען...

— אַ? — בלייבט פאַנדרע שטיין אין מיטן קייען. דערנאָך גיט ער קאַלט אַ הויב מיט די פלייצעס. רייבט ווייטער און פאַרטרינקט.

— מיר האָבן שוין נישט געוווּסט וואָס איבערצוקלערן!... — לאָזט מאָדיע ווייטער פאַלן אַ פּאָר ווערטער.

— „מיר"? — קרימט איבער נח מיט אַ פולן מויל. דאָס מיינט ער ווייטער אַ טשעפּע טאָן מאָדיען, וואָס זינט האַצע דער קירזשנער איז אַרעסטירט האָט ע ר איבערגענומען יענעמס טבע צו רעדן בלשון רבים.

— איך און אַברעמעלע... — פאַרטייטשט מאָדיע זייער באַשיידן.

— אַ־אַ! קייט פאַנדרע ווייטער — דו און אַברעמעלע...

און מיט אַ מאָל טוט ער אַ וואָרף אָן טיש דעם שטיק ברויט פון האַנט און שלינגט שווער אַראָפּ דעם נישט־דערקייטן ביסן:

— ווערסט זיך זוכן אַנדערע שותפים!... דו מיט אַברעמעלען צוזאַ־מען... אויס!

— המ... — באַטראַכט מאָדיע דאָס, וואָס ער האָט דאָ דערהערט פון פאַנדרעס מויל, און ציט פאַרזיכטיק:

— דעם אמת מוז איך דיר זאָגן...

— איך דיר — אויך! — רייסט אים פאַנדרע איבער — אויך אָן

אמת!... נישט דו און נישט די חברה דיינע האָבן דאָ געמיינט ראַטעווען די שטאָט פון פּאָגראָמשטשיק. איר האָט נאָר געוואָלט אָפּרעכענען זיך מיט אַ תליון... ווייל ער האָט געהאַנגען אייערע „ציציליסטן" אין אָס־טראָג... ניין אפשר?

— איז וואָס האָט מען דאָ אָנגעווירן? — הויבט מאָדיע מיט די שמאָלע פּלייצעס.

— „האָט מען"... — קרימט איבער פּאַנדרע — „האָט מען"...

אַ געזאָלצענער שמייכל צעגיסט זיך אויף מאָדיעס דינע ליפּן. די אויגן גיבן קאָלט אַ גלאַנץ.

— אַוודאי, — מאַכט ער — „האָט מען"... נישט דו האָסט דאָך אים אַוועקגעלייגט. אַברעמעלע האָט מיר אַלץ דערציילט. אַלץ...

— אַלץ... — חזרט איבער פּאַנדרע סתם אין דער וועלט אַריין. דער כמורנער פּנים זיינער גיסט זיך אָן מיט בלוט. דערנאָך ווערט ער בלאַס. די שטייפע אויגן זיינע צעפּינטלען זיך.

נאָר מאָדיע מאַכט זיך, אַז ער זעט גאָרנישט און ציילט ווערטער:

— דו האָסט, זאָגט ער, נאָר אַ ביסל געהאָלפן... ע ר האָט אים דערלאַנגט אין זייט... דערנאָך מיטן „שפּייער" אין שלייף... דו האָסט נאָר אָפּגעשלאָגן אַברעמעלען... הייגט וואָס... קאָכסטו זיך אַזוי?

דאָס איז אָפּגעזאָגט געוואָרן כמעט מיט אַ שעפּטשענדיקן קול, מיט אויגן פון אַ קאָטער וואָס קוקט אויס אַ מייזל, און מיט אַ באַהאַלטענעם שטאָך. אַזוי, ווייניקסטנס, האָט זיך דאָס פּאַנדרען אויסגעדוכט. אַז אָט... אַברעמעלע, פון וועמען דו רעדסט מיט אַזאַ ביטול, איז אַ שפּאָר ביסל מער בריה פון דיר... און אָנשטאָט: „הייגט וואָס... קאָכסטו זיך אַזוי" האָט, דאַכט זיך, מאָדיע געמיינט צו זאָגן: „הייגט וואָס קאָמאַנדעווסטו אַזוי?..." יאָ, ער האָט זיך שוין צוריק געפונען, מאָדיע „מיטן אמת", ער רעדט שוין ווייטער ווי אַ נאַטשאַלניק.

פּאַנדרע האָט אַראָפּגעבויגן דעם שטאַרקן קאָפּ אונטער מאָדיעס פּאַר־שטעלטע שטעך־ווערטער. אַ ווײלע האָט ער געשוויגן און דערנאָך, שוין מיט אַ געפּאַלענעם, רואיקערן טאָן צוגעגעבן:

— וואָס אמת איז אמת... אַ ביסל געהאָלפן... אָבער בעסער וואָלט איך אין גאַנצן נישט „געהאָלפן"... צען גזלנים אין שטאָט און נישט איין גזלן אין וואַלד... אונטערגנבענען זיך... אַריינגנאַרן... טפו!

2

מיט קראַמפּנדיקע פינגער כאַפּט פאַנדרע אָן אַ פרישן שטיק ברויט, טראָגט צום מויל און וואַרפט צוריק אויפן טיש. די פריערדיקע נישט־גוטקייט אין וואַלד שלוקערצט זיך אים אָפּ. ער שפּאַרט זיך אָן מיטן קאָפּ אָן לען פון גראָבן שטול און דערפילט מיט שרעק, אַז די אויגן קלעפּן זיך אים. אַ שלעפּערדיקע ציטערניש נעמט אים דורך ביזקל די שפּיצן פיס און די גאַנצע שטוב גייט כאַדראַם, די פענצטער שווימען ערגעץ אַוועק אין אַ מילכיקן טומאַן.

אַצינד איז שוין מאַדיע דרייסטער. פאַרכישופט האָט ער נחס ווילדקייט מיט זיין „אָפּשפּרעכעניש”. מאַכט ער אַ טראָט נעענטער און גיט אַ פרעג מיט זיין געוויינלעכן קורצן לשון:

— זאָג! פאַרוואָס ביסטו געקומען אַזוי שפּעט? פאַרבלאָנדזשעט זיך?

פאַנדרע ענטפערט אים אָפּ מיט אַ כראָפּען.

מאַדיע קוקט אים אַריין אין די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. ער גלויבט נישט, אַז אַ גיבור ווי פאַנדרע איז קען זיין אַזוי טויט־מיד, פון אַזאַ קליינער אָנשטרענגונג ווי „העלפן” הרגענען אַ תליון. ער שאָקלט איבער נחס שוואַכקייט מיטן גרויסן קאָפּ. באַדויערט.

אָבער פאַנדרע גיט זיך פלוצלונג אַ כאַפּ אויף פון אָנגעפּאַלענעם דרימל, ווי איינער וואַלט אים אַ שטורך געטאָן. איבער געוואַלד רייסט ער אויף די פאַרקלעפּטע אויגן און קוקט זיך אַרום אַ דערשראָקענער:

— אַך, דו, מאַדיע...

— איך פרעג — רופט זיך אָפּ מאַדיע — וואָס ביסטו אַזאַ פאַרמאַטערטער? אין וואַלד פאַרבלאָנדזשעט זיך?

— פאַרבלאָנדזשעט זיך, פאַרבלאָנדזשעט זיך!... — כאַפּט זיך פאַנדרע אָן אָן וואָרט, מיט אַ מאָדנער היץ, און רייבט זיך די צעמישטע אויגן — אין פראַנצאָווקער וואַלד פאַרבלאָנדזשעט זיך... ווייט פון שליאַך. איך לויף און לויף. נישט קיין וועג, נישט קיין סטעזשקעלע: איך גיב אַ קוק, ערשט איך בין גאָר אין סטאַרי־שקלאָוו. ווייסט דאָך... אַ וויאָרסט דריי פון די אָרשער ברעמלעך. פאָלג מיך אַ גאַנג...

און פלוצלונג פאַלט זיין קול ווידער אַראָפּ. ער קוקט אָן מאַדיען מיט רויט־אָנגעצונדענע אויגן און שפּרינגט איבער אויף גאָר אַן אַנדער זאַך:

— דו הערסט, מאָדיע ? די ערגסטע מינוט אין מיין לעבן, זאָג איך דיר... אַ מענטשן אונטערוואַרטן ווי די מערדער. הרגענען ווי... ווי... מיט אַ מעסער, מיט אַ טוקאַטש פון אַ שטויסל. מיין שוויגערס טוקאַטש... דערנאָך מיט אַ פּיסטאָל... אַ מענטשן מיט הענט און פיס, מיט אויגן, מיט —

— קינות, חבר ! — שלאָגט אים איבער מאָדיע — אַ ווילדער חזיר האָט אויך פיס, האָט אויך אויגן...

— ניין, ניין אַ מענטש ! — מורמלט פּאַנדרע ווי אַ שיכורער — אַ מענטש ווי אַלע מענטשן. האָט אויך געהאַט אַ מאַמען... אַך, נישטאָ מיט דיר וואָס צו רעדן !... אַזוי ביסטו דאָך גאָר אַ צעקראָכענער. און אַ האַרץ האָסטו — פּונקט ווי אַברעמעלע. וואָלסט. מסתמא אויך געקענט קוילן אַ קאַץ... פון וואַנען נעמט זיך דאָס ביי אייך ?... איך קען דאָס גאָרנישט פאַרשטיין...

און די שטוב צוזאַמען מיט מאָדיען, מיט מאָדיעס שפּאָטיש־אויסגע־סקאַליעטע ציין שווימען ווייטער ערגעץ־ווו אַוועק, אין אַ מוטנער מילכיקער ווייסקייט, די זעלבע מוטנעקייט פון דער גלאָז אויפן טיש... אָקאָרשט האָט ער דאָך פון גלאָז מילך געטרונקען און מיט אַ מאָל איז זי געדראָלן געוואָרן און אָנגענעפּלט זיך ווי אַ פּאַרע אין באָד...

דער אויסגעמוטשעטער גרויסער גוף, פּאַנדרעס, שלאָפט שוין ווידער, נאָר דער קאָפּ זיינער שלאָפט נישט. די אויערן זענען וואַך. ער הערט, ווי מאָדיע רעדט עפּעס צו אים. גיט אים צו פאַרשטיין, נאָר ער, פּאַנדרע, פאַרשטייט נישט... ווען, אַ שטייגער, האָט ער דאָס שוין געהאַט אַזאַ אומרואיקן שלאָף ? געהלשט דרימלען, נאָר מ׳האָט אים נישט געלאָזן... אַ־אַ ! איצטער דערמאָנט ער זיך. ס׳איז געווען בשעת דעם נייעם נגידס שטאַל האָט געברענט. פּונקט אַזוי. מערע איז דאַמאָלסט געווען אויף דער צייט... ער בענטשט און זי שרייט ער זאָל זיך אויסטאָן... מיט קאַלטע פּאַסאָליעס האָט ער זיך דאַמאָלסט אָנגעגעסן שפּעט ביינאַכט. אַ דורכגעפרוירענער פון וועג און אָנגעשטאָפּט מיטן קאַלטן געקעכץ האָט אים פּונקט אַזוי געשלעפּערט. ער — אַ בענטש און אַ כראָפּ און מערע — אַ רוף. מערע — אַ רוף און ער — אַ כאַפּ־אויף און אַ בענטש... ביז מ׳האָט אָנגעהויבן קלינגען, קלינגען, קלינגען.: בים־באַם האָט מען דאַמאָלסט, פּונקט אַזוי ווי איצטער, געקלונגען. בים־באַם, בים־באַם !... אוף ! וואָס קלינגען זיי אַזוי ? אין אַ פענצטערל איז דאַמאָלסט געוואָרן רויט. סענדערס אַן אָנגעפרוירענעם פענצטערל... פּונקט אַזוי... אָ ? דעם אָטעם לאָזן

זיי נישט כאַפּן! ריק מען קלינגט, רק מען קלינגט אין די אויערן. מען מוטשעט... איצטער אויך... זע נאַר! איצטער אויך...

פאַנדרע שפּרינגט אויף ווי אַן אָפּגעבריטער און מורמלט עפּעס. מאַדיע „מיטן אמת" שטייט ביי דער אויסגעבראָכענער שויב אין פענצ־טערל און האָרכט. אַ שמאָלע האַנט האָט ער צוגעלייגט צום אויער. דעם דינעם האַלדז זיינעם האָט ער אויסגעצויגן, ווי אַ גאַנער. און קוקט אַרויס.

— זע... מ... מע...מען קלינגט שוין ווייטער? — צעמעקעט זיך פאַנדרע.

— ווייטער? — וווּנדערט זיך מאַדיע — וואָס הייסט ווייטער? מען האָט אָקאָרשט אָנגעהויבן...

פאַנדרע ענטפערט נישט. די שיכורקייט פון קורצן שלאָף ליגט אים נאָך אין די מאַטע ביינער. נאָר דאָס האַרץ פון אַ פאַזשאַרניק האָט שוין אין אים אַ ציטער געטאָן. גישט וויסנדיק אַליין וואָס ער טוט, ציט ער העכער אַרויף די אָנגעקנייטשטע לאַנגע כאַליאַוועס. רוקט איבער דעם ברייטן גאַרטל אויפן בויך.

— עפּעס אַ מאָדנער קלינגען! — הויבט מאַדיע מיט די שמאָלע אַקסלען — אַן אַ טאָלק. ווי פּורים מיט דער קאַלעקאָטקע... קיין רויך זעט מען נישט. ששאַ!... עפּעס הער איך קולות...

דאָס קלינגען וואָס מען קלינגט אין קלויסטער איז באמת אַן אַ טאָלק. נישט אַזוי קלינגט מען חגא, און נישט אַזוי — בשעת אַ שריפה. אָט פאַלט אויף זיי דאַרטן אַן אַ בהלה: בים־באַם, בים־באַם, בים־באַם! און אָט ציט זיך דאָס אויס ווי דער ברום פון אַ חיה — בור־הורים!... אָבער פאַנדרע האָט שוין מער קיין געדולד נישט אַריינצוטראַכטן זיך אין אַזעלכע קלייניקייטן. ער איז שוין אין גאַנצן וואַך און ווייסט מער קיין חכמות נישט. יידן ברענען, מוז מען לויפן ראַטעווען. מער גאָרנישט.

ער גיט זיך אַ לאָז צו דער טיר. אָבער מאַדיע ווערט פּלוצלונג אויך רירעוודיק. ער פאַרלויפט פאַנדרען דעם וועג, ער פאַרשטעלט אים דעם אַרויסגאַנג.

— נח! — שעפּטשעט ער און דרייט מיט די גרויסע אויגן — וואָס טוסטו? אָט אַזוי וועסטו איצטער אַרויס אויף דער גאַס? צעריסן־צעשליסן! אָנגעפּיקעוועט מיט סאָסנע־נאָדלען? אַלע זאָלן וויסן, ווו דו ביסט היינט פרי געווען?

פּאַנדרע גיט אים אומגעדולדיק אַ נעם אָן פּאַר אַ פּלייצע און שטופּט אים אָפּ:

— לאָז!

און אַליין לויפט ער אַרויס אין הויף און כאַפּט אָפּבינדן די טאָרבע פונעם פערדס מאָרדע.

מאַדיע טאַנצט בשעת מעשה אַרום אים, טענהט עפּעס. בעט זיך ביי אים, דערוויזט אים...

אָבער אין מיטן דריבנען רייסט זיך אויף דאָס קרומע טירל אין פּלאַנקן, און גליקע — מאַדיעס מאַמע, לויפט אַריין אַ פּאַרסאָפּעטע, דאָס קאָפּ־טיכל האָט זי ערגעץ־ווו פּאַרלוירן, די גרויע שיטערע האָר צעפלאָ־ שעט, די אויגן פאַרוויינט.

— מאַמע! — גיט זיך צו איר מאַדיע אַ וואָרף.

— מענטשן! — שרייט גליקע ווי אַ באַנומענע — יידן! איר ווייסט וואָס עס טוט זיך אין מאַרק?

— ווו ברענט דאָס? — לויפט פּאַנדרע צו.

גליקע פּאַכעט זיך פון אים אָפּ ווי פון אַן אָפּגעריסענעם נאַר. זי גיט זיך אַ שאָקל און לאָזט זיך אַראָפּ אַ האַלב־געחלשטע אויף דער ערד. ווי אַ קופּע מיט שלומפּערס זעט זי אויס לעבן אַלטן פּלאַנקן. דער סיווער קאָפּ שאָקלט זיך, ווי בשעת באַוויינען אַ טויטן:

— ווו ברענט, וואָס ברענט?... אַז מיין טישל מיט סחורה האָבן זיי צעטראָגן אויף שטיקלעך... אַז מ׳הרגעט, מען ממיתט, מען ראַבעוועט...

— נו, וואָס זאָגסטו? — גיט פּאַנדרע אַ וואָרף אַרויף מיטן קאָפּ צו מאַדיען.

מאַדיע „מיטן אמת" דערכאַפּט פּאַנדרעס שאַרף־געוואָרענעם קוק, ער פאַרשטייט אויך זיין „נו". דאָס מיינט: בין איך אפשר נישט געווען גערעכט? געדאַרפט אָפּטאָן אַזאַ מיאוסע מעשה מיט טשורילאָן אין וואַלד? מיט אים, צי אָן אים — דער זעלבער פּאַגראָם.

מאַדיע לויפט איבער מיט גרויס־געוואָרענע אומרואיקע אויגן פון פּאַנדרען אויף זיין מאַמען, וואָס זיצט אַ צוזאַמענגעבראָכענע לעבן פּלאַנקן, און פון דער מאַמען אויף פּאַנדרען און שווייגט. ער זעט שוין גוט, אַז ווערטער וועלן דאָ אַצינד נישט העלפן. די קלינגערייען אין גרינעם קלויסטער ווערן ווילדער, שטורמישער.

— מאַך אויף דעם טויער — גיט אויף אים פּאַנדרע אַ ברום. אַצינד איז פּאַנדרע ווידער דער שטאַרקערער.

מאָדיע פאָלגט ווי אַ פאַרזינדיקט ייִנגעלע. ער לויפט צו און רוקט אַרויס דעם דראָנג פון די פאַרזשאַווערטע רינגען. די צוויי האַלבע פליגלען פון טויער עפענען זיך אויף מיט אַ יידישלעכן קרעכץ.

פאַנדרע שפרינגט האַסטיק אַרויף אויף זיין וואָגן, כאַפּט אָן די שווערע לייצע און, שטייענדיק מיט ברייט־צעשפּרייטע פיס, הויבט ער אָן צו שלאָגן דאָס פערד מיטן עק לייצע איןביידע שוואַרצע גוט אָנ־געקאָרמעטע באָקעס:

— ניאָ, ניאָ! ניאָ־אָ!

דאָס פערדל גיט אַ וואָרף מיטן קלוגן קאָפּ, ווי אייגער זאָגט: „נאַ, אויב דו איילסט זיך אַזוי, וועט מען זען פאָסטאַרען זיך...” דער וואָגן גיט זיך אַ ריס פון אָרט, די רעדער צעטראַסקען זיך. און מאָדיע בלייבט שטיין מיט צענומענע דאַרע הענט לעבן פלאַנקן און קוקט אים נאָך. ער פילט בחוש, אַז דעם חבר נח האָט ער אַצינד פאַרלוירן אויף אייביק.

מיט דער האָלאָבליע

1

פּייוקע, אורי דעם קאַסאָקענס, האָט אויך דערהערט, אַז מען קלינגט... וואָס דען? אַז אַלע דערוואַקסענע האָבן דערהערט, אין אַלע זייערע באַ־העלטערלעך, וועט ע ר נישט דערהערן?

מ׳האָט שוין היינט ראַנעטשקע געוווסט, אַז נעכטן שפּעט אין דער נאַכט האָט מען געלאָזן רופן דעם ראַבינער, דאָקטאָר חישין, אין סטאַן, און אַז דער פּריסטאַוו האָט אים שטרענג אָנגעזאָגט ער זאָל בעסער זיצן רואיק און נישט מישן זיך... זיינע טעלעגראַמעס צום גובערנאַטאָר אין מאָהליוו זענען לחלוטין איבעריק... די פּראַוויטעלסטווע, געזונט און שטאַרק זאָל זי זיין, ווייסט אַליין וואָס צו טאָן. אַ ראָטע סאָלדאַטן האָט זי אַרויס־געשיקט צו באַשיצן די שטאָט...

איז דאָך געוואָרן ששן ושמחה. די, וואָס האָבן זיך געוועזן פאַרפאַקט, האָבן זיך גענומען אויספּאַקן. פון אונטער סאַדזשע אויף די בוידעמער האָט מען גענומען אַרויסגראָבן די ווייבערשע אויערינגלעך. אַ שעה שפּע־טער איז אָבער אַרויס אַ קלאַנג און געמאַכט ציטערן די געטרייסטע הערצער, אַז... אָנקומען איז די ראָטע יונים טאַקע אָנגעקומען, נאָר זיי אַליין זענען סך־הכל באַפאַלן די אָרעמע טישלעך אויפן מאַרק... די צע־לאָפענע זעלצערקע־יידענעס האָבן די ידיעה צעטראָגן איבער גאַנץ שטאָט.

אַצינד ערשט איז געוואָרן די אמתע בהלה מיט דער אמתער פאַר־שליסעניש פון טירן און פאַרהאַקעניש פון לאָדנס. אורי דער קאַסאָקער האָט אויסגעפירט זיין גוואַלטאָוונעם סטראַטעגישן פּלאַן. דאָס קערבעלע מיט די פּסחדיקע זילבערנע בעכערלעך האָט מומע פייגע, אונטער זיין פערזענלעכער השגחה, פאַררוקט מיט אַ ווילקע טיף אין פּאָפּליץ. די קינדער מיט טעלצען דער דינסט־מויד, האָט מען פאַרטריבן אין קינדער־

צימער, זיי זאָלן זיך דאָרטן באַהאַלטן, און „טאָמער וואָס־ווען״ — אַרויס־שפּרינגען אין גאָרטן דורכן פענצטער... און אורי אַליין האָט זיך באַוואָפנט מיטן אַלטן האַמער און געשטעלט זיך אין פינצטערן פירהויז, ביי דער פאַרריגלטער טיר, ווי גאָר אַ גרויסער מלחמה־מענטש אויף דער וואַך. אַזוי איז ער געשטאַנען און געשטאַנען, געבלינצלט מיט די קאַסאָקע אויגן אויפן האַמער און אויפן ריגל ביז ס׳איז אים נמאס און מיאוס געוואָרן. איז ער אַרויס אין גאַס צו שכנים הערן, זען וואָס עס טוט זיך. אפשר איז דאָס אין גאַנצן אַן אומזיסטע שרעק? די יונים האָבן געכאַפּט אַ פּאָר לעקעכער און צעלאָפן זיך. מומע פייגע האָט נאָך אַ מאָל אָנגע־טאַפּט, מיט דער לאַנגער ווילקע, אין פּאָפליץ, צי דאָס קערבעלע מיט זילבער שטייט אויף אַן אָרט און אַ קאַפּעלע באַרואיקט זיך. ביי טעלצען האָבן זיך אויסגענומען טרערן אין די אויגן און פייכטקייט אין נאָז. צום לעצטן מאָל האָט זי זיך אויסגעסמאַרקעט אין פאַרטוך און איז אַוועק אין קיך אַריין. איז שוין פייוקע אין גאַנצן געבליבן אַן השגחה...

אמת, אים איז נאָך געלעגן אין די ביינער דער שרעק פון טאַטנס שושקען זיך ביינאַכט, מיט דער מאַמען און מיט דעם דינסט־מיידל. די פאָרשטעלונג פון גויאים מיט לאָמען און העק, וואָס דאַרפן קומען און באַפאַלן די שטוב, האָט אים נאָך געשוועבט פאַר די אויגן. די קינדערשע נייגעריקייט איז אָבער געווען שטאַרקער, ווי אַ העזל, וואָס לויפט פאַר שרעק גלייך אויפן יעגער און הונט, אַזוי איז ער געלאָפן אויף דער סכנה. און ווי נאָר מ׳האָט דערלאַנגט דעם ערשטן קלונג, האָט ער געלאָזן די ברידערלעך און אַליין פאַוואָלינקע אַרויסגערוקט זיך פון שטוב און אַריין אין פוסטן קרויט־גאָרטן. פונעם טאַטנס גאָרטן — אין גאָרטן פון שכן; און פון שכנס גאָרטן — אַוועק מיט הינטער־געסלעך. דאָס הערצל האָט זיך אים געטרייסלט, די אויערלעך האָבן זיך געשפּיצט. און די אויגלעך לויפן אַרום און קוקן אויס ווו עס ברענט. אַזוי האָט ער זיך ביסלעכווייז אַרויסגעקליבן אויף דער שול־גאַס. זעט ער יידישע פאַזשאַר־ניקעס לויפן מיט העק אין די גאַרטלען און שרייען זיך איבער: „העי, העי ווו ברענט דאָס?״; „מ׳זעט נישט קיין רויך!״; „מ׳טומלט עפּעס!״; „אויפן מאַרק?״; „אויפן מאַ־אַרק!..״

די דאָזיקע כוואַטסקע אויסגעשרייען האָבן פייוקען אָנגעשטעקט. אַ חשק פון אַ פאַזשאַרניק האָט אים אָנגענומען. און פּלוצלונג האָט ער אַליין פאַרריסן די פיסלעך און פאַדאַוואַי פאַבריקעווען צום מאַרק צו מיט אַלע דערוואַקסענע גלייך. ער האָט אַזש דערפילט ווי די אָפּצאַסן

פון די שיך שלאָגן אים אין רעקל פון הינטן, און אַז דאָס פייכטע צינגל רוקט זיך אַרויס פון מויל, ווי ביי אַ פאַרהאָוועטן הינטל.

לויפט ער אַזוי און דערזעט אַ שווערלעכן מעליקן יידן, וועלכער יאָגט זיך נאָך די פאַזשאַרניקעס און קען זיי נישט דעריאָגן. ער וואַרפט, נישט געניט מיט די פלאַטשיקע פיס. פלאַצן פאַר געלעכטער קען מען פון אַזאַ לויפן. פייוועקע קוקט זיך צו — ערשט ס'איז טאַקע ירוחם־וואָלף דער בעקער, פאַנדרעס שכן, ביי וועלכן ער, פייוועקע, קויפט אַלע מאָל, גייענדיק נאָך וואַרעמעס אין חדר, הייסע בייגל פאַר אַ קאָפּיקע. ירוחם־וואָלף יאָגט זיך אין די בלויזע אַרבל פון העמד און אין שטעק־שיך אָן זאָקן. און כדי עס זאָל זיך נאָך בעסער לויפן, האָט ער דעם מעליקן פאַרטוך פאַרשטעקט אין גאַרטל און די מעליקע יאַרמולקע אָנגעצויגן איבער די אויערן און פאָכעט נאָך צו מיט די פּוכיקע, טייגיקע הענט פון גרויס בריהשאַפט. די קורצע הויזן זיינע — ווייס פון מעל, די באָרד אין מעל, די ברעמען אין מעל. פשוט געבומען אַ יידן, אָפּגעטונקט אים אין אַ זאַק מיט מעל און געלאָזן לויפן אויף דער פריי, ער זאָל זיך אַ ביסל דורכ־לופטערן... קריגט פייוועקע מער חשק צו פאַבריקעווען. וויבאַלד אַזאַ חשובער, מעליקער ייד לויפט אַזוי און שעמט זיך נישט, מעג ער דאָך, פייוועקע, אַן עלף־יאָריקער בהורל, אַוודאי און אַוודאי.

דערזען, אַז אַ שקאָץ לויפט אים נאָך און וויל גאָר נישט אָפּטרעטן, שרייט צו אים ירוחם־וואָלף, נישט אָפּשטעלנדיק זיך:

— פייוועקע, דו?... וווהין לויפסטו, וווהין?

ענטפערט אים פונקט אַזוי אָפּ פייוועקע אויס:

— און וווהין לויפט א י ר, וווהין?

— איך לויף, — סאָפּעט ירוחם־וואָלף — ווייל מען קלינגט.

— און איך — מאַכט פייוועקע אַ באַסאָוון קולכל — איך לויף אויך ווייל מען קלינגט.

— אוף, — כאַפּט קוים אָטעם ירוחם־וואָלף — אַזאַ שקאָץ אַזאַ!

— אַזאַ שקאָץ אַזאַ! — מישט אים איבער פייוועקע און שטייט נישט אָפּ.

— וואַרט, וואַרט, וואַרט! — סטראַשעט אים דער בעקער און טרייסלט מיט דער מעליקער באָרד, אַזש אַ ווייס רויכעלע גייט פון איר.

— וואַרט, וואַרט, וואַרט! — מאַכט אים פייוועקע נאָך.

ער ווייסט, דער וועוועריק, אַז ביי אַנדערע יידן איז דאָס אַ סטראַשו־נאָק מסרן דעם טאַטן. ביי ירוחם־וואָלף דעם בעקער — איז דאָס גלאַט

אַזוי זיך. ער וויל נאָר נישט אָפּשטיין פון קהל... מדריך־זיין פרעמדע קינ־דער מ ו ז דאָך יעדער ייִד נאָר ער, ירוחם־וואָלף, וועט דעם טאַטן נישט מסרן. פשוט, דערפאַר — ער וועט דאָך נישט וועלן פאַרלירן אַזאַ גוטן קונד אויף הייסע בייגל.

דערזען, אַז דער יאַטל ווערט אַ האָר נישט נתפעל פאַר זיינע סטראַ־שונקעס, דערנענטערט זיך ירוחם־וואָלף צו פייוקען אין לויף און מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער וויל אים דאָ כאַפּן פאַר אַן אויער. פייוקע גרייט שוין כמעט אָן דעם אויער. אַזוי געפעלט אים דער וועט־געלויף מיט דעם מעליקן באַבערדלטן בעקער. נאָר ירוחם־וואָלף טוט דאָס נישט. ער גלייכט זיך נאָר אויס, אין לויף, מיטן יאַטל, און פאַרגעסט אין גאַנצן, אַז ס׳איז אַ יושר צו דערציען פרעמדע חדר־ייִנגלעך. ער לויפט מיט אים פּלייצע לעבן פּלייצע. פאַבריקעווען זיי אַזויביידע. איינער ווי אַ לייכטפיסיקער ביקל און דער צווייטער, סאָפּענדיק און טרייסלענדיק מיט דער באָרד, ווי אַן אַלטער צאַפּ, וואָס וויל דערווייזן דעם ייִנגערן, אַז ער קען נאָך נישט צו פאַרזינדיקן, אַזוי גוט ווי יענער...

דערפילט מיט אַ מאָל פייוקע, אַז נישט אומזיסט לויפט מיט אים ירוחם־וואָלף בקאָמפּאַניע. אים חלשט זיך רעדן. נאָר די פאַזשאַרניקעס האָט ער נישט געקענט אָניאָגן, האָט ער דערפאַר זאַטשעפּעט אַ חדר־ייִנגל... וואָרט ער, דער קליינער.

און ירוחם־וואָלף כמורעט טאַקע אָן די מעליקע ברעמען זיינע און הויבט אָן פון אַ זייט:

— ווו ברענט דאָס, ווו, פייוקע? ווייסט נישט?

— מען זעט נישט קיין רויך...

— קיין רויך זעט מען נישט... — חזרט איבער ירוחם־וואָלף — נאָר אפשר... כ׳ווייס?

— נאָר אפשר כ׳ווייס... — מאַכט נאָך ממזריש פייוקע אויס.

— וואָס לאַכסטו? שקאָץ איינער! — מאַכט ירוחם־וואָלף אַ שטרענגע מינע — מ׳האָט דאָך ביי פאַנדרען אויסגעבראָכן טיר און פענצטער, האָט מען ביי פאַנדרען.

— עי! — גלויבט נישט פייוקע — ביי פאַנדרען!

— וואָס דען, ביים פּריסטאַוו? אַ כאַפּטע שיכורע סאָלדאַטן...

פייוקע גלויבט אָבער פאָרט נישט:

— עי! מיט איין קליינטשיקן פינגערל וואָלט זיי פאַנדרע אַלעמען אָורעקגעלייגט.

— הערסט דאָך! — סאָפּעט דער בעקער — אָט דאָס... אוי, נישטאָ קיין כוחות!... אָט דאָס איז דאָך די צרה... ווו פּאַנדרע, וואָס פּאַנדרע!...: נישטאָ פּאַנדרע!... מערע, זיין פּלוניתטע, איז געקומען צו לויפן צו מיר באַהאַלטן זיך אין איין אונטערקליידל... אוי, די כוחות! אוף! זאָג איך, אַ שיינעם אָרט האָסטו דיר אויסגעזוכט. פּונקט אַקעגן דיין שטוב... האָב איך זי אָװעקגעפירט הינטער די גערטנער ביי דער אָזערע ביז צום ליר־באַװויטשער בית־מדרש. זיצט זי דאָרטן, נעבעך, אין ווייבער־שטיבל — אַז נישט וואָלט... וואָלט שדים ווייסן וואָס!

— אַז נישט וואָלט וואָס? — ווערט פּייווקע שטאַרק נייגעריק.

— שפּילסט זיך מיט יונים! — קייכט ירוחם־וואָלף — ביסט נאָך אַ יינגל! וואָס ווייסטו אין אַזעלכע זאַכן...

דערפילט זיך פּייווקע באַליידיקט אין זיינע טיפסטע געפילן. הען אַן עם־הארץ פון אַ בעקער! ער, פּייווקע, לערנט שוין באַלד איבער אַ יאָר גמרא און ער איז נאָך אַלץ אַ יינגל.

— א י ך ווייס נישט? — גיט ער באַרימעריש אַ וואָרף אַרויף מיט זיין מאָגערע גאָמבעלע — אַזוי גאָר? איך ווייס יאָ! אַזוי ווי שכם מיט יעקבס טאָכטער, האָבן זיי געוואָלט טאָן... ווי מיט דינהן...

— הע־הע! שמייכלט ירוחם־וואָלף אין דער מעליקער באָרד אַריין — ביסטו דאָך גאָר נישקשה פון אַ „פּושט”, אַ נישטערעכצע! אויף אַ יידי־שער שוועל טאָר מען דיך גאָר נישט אַרויפלאָזן...

נאָר מיט אַ מאָל ברעכט ירוחם־וואָלף אָפּ דעם שפּילעוודיקן שמועס זיינעם מיטן יאַטל און כמורעט זיך ווידער אָן.

— איז ווילסטו טאַקע לויפן אין מאַרק? — מאַכט ער גרויסע אויגן, כדי אָפּצושרעקן פּייווקען — איז טאָמער ווועט מען דיר דאָרטן שפּאַלטן דיין גמרא־קאָפּ, זאָלסטו צו מיר קיין טענות נישט האָבן!

— און טאָמער אייך, — ענטפערט פּייווקע צו דער זאַך — זאָלט איר אויך קיין טענות נישט האָבן...

ירוחם־וואָלף האָט אויף אים שטרענג אַ קוק געטאָן דורך די מעליקע וויעס און פאַרשוויגן. גיי הויב זיך אָן מיט אַ „קונד”, וואָס קויפט כמעט יעדינקן טאָג, הייסע בייגל פּאַר אַ גאַנצער קאָפּיקע!...

און דאָ רוקט זיך שוין אָן דער מאַרק. און וואָס נעענטער צו אים אַלץ ברומיקער ווערט דאָס קלינגעריי אין קלויסטער און די קולות־געוואַלדן — געדיכטער. די פּאַזשאַרניקעס, וואָס זענען געלאָפן פאַראויס, פאַר ירוחם־וואָלפן מיט פּייווקען, האָבן זיך קודם־כל אָנגעשלאָגן אָן רעד־

לעך אומרואיקע גויאים. אַט אַנטלויפן זיי די פּויערישע העלדן און אַט פאַרקירעוועז זיי אויף צוריק און שרייען און טומלען. פּונקט ווי אַ כוואַליע פון פּחדנות וואָלט זיי געוואָרפן אויף אַהין און צוריק. דערזעען פלוצלונג ירוחם־וואָלף און פּייוּוקע צוליב וואָס מען קלינגט. אַ קאַלטע שריפה איז דאָס... צווישן די ערשטע שורות מיט קראָמען ליגן אָפּגעריסענע טירן. אייניקע הענגען נאָך אויף איין קרוק, ווי אונטערגעבראָכענע פליגלען. און קאָלירטע צעטראָטענע סחורות וואַלגערן זיך און הויפן זיך, ווי אַרויסגעדריקטע געדערים, אונטער די דאָזיקע פליגלען... דאָרפישע און שטאָטישע גויאות גראַבלען זיך דאָ און דאָרט אין די פאַרביקע קופּעס, ווי די זשעדנע סאָראָקעס אין אָפענע נבילות. כאַפּן עפּעס אַריין אין בוזים און קוקן זיך אום. אָבער דאָס, קענטיק, איז נאָך נישט דער עיקר. דער גאַנצער טומל פון גויאישקן המון כוואַליעט אין עק מאַרק, אַקעגן דעם באַלעגאָלישן צעך. פון דאָרטן טראָגן זיך דאָס די מוראדיקע קולות, און העלצער און שטיינער פליען דאָרטן אין דער לופטן.

און נאָך איידער ירוחם־וואָלף און פּייוּוקע האָבן צייט צו באַטראַכטן וואָס דאָ טוט זיך, לויפט זיי אַקעגן אַ כאָפּטע צעבלוטיקטע און צעשראָ־קענע דאָרף־שקצים. די מאָרדעס טרייסלען זיך ביי זיי און אין די אויגן בלאָנדזשעט די רציחה.

— פּייוּוקע! — שרייט ירוחם־וואָלף און שטרעקט אויס אַ מעליקע פּוכקע האַנט צום ייִנגל.

אָבער פּייוּוקע פילט בחוש, אַז ער אַליין וועט זיך דאָ גיכער אויס־דרייען פון אַלדאָס בייז, ווי צוזאַמען מיטן שווערן און מעליקן יידן. לאָזט ער ירוחם־וואָלפס האַנט פּאָכען אין דער לופטן, און אַליין גיט ער אַ שפּרונג רעכטס און לויפט אַוועק מיט די געוועלבטע סטרעכעס פון די שניט־קראָמען, וואָס שטייען אָנגעשפּאַרט אויף געמויערטע, אָדער הילצערנע זיילן. דאָס זענען נאָך רעשטלעך פון זאַריטשעס פּלענער — יעקאַטערינאָס ליובאָווניק — צו מאַכן פון שקלאָוו אַ מלוכה. זיי זענען אַצינד פּייוּוקען גוט צונוץ געקומען... וואָרום ער איז געלאָפן אונטער די געוועלבער, פון איין זייט אין גאַנצן באַשיצט און פון דער צווייטער זייט — אויף אַ העלפט. טאָמער זעט ער פליען אַ שטיק האָלץ, אָדער אַ ציגל, אַזוי באַהאַלט ער זיך פלינק הינטער אַ זייל, ווי אונטער אַ פּאַנ־צער, קוקט זיך אַרום איין רגעלע און לויפט ווייטער.

איבערלויפנדיק אַזוי פון זייל צו זייל רוקט ער זיך אַלץ נעענטער און נעענטער צו דעם באַלאַגערטן צעך און נעמט, פון דעסטוועגן, קיין

אויג נישט אַראָפּ פון דעם בעקערס מעליקן קאָפּ. ער זעט אַפּילו, אַז ירוחם־וואָלף לויפט פּאַזע מיט אים, אָבער אומבאַשיצט פון אַלע זייטן און אָפּגע־טיילט פון אים דורך דער אַנגעלאָפענער שערענגע פון צעבלוטיקטע שקצים. פאַרשעמט זיך פייוקע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן אַ טאַטן פון קינדער אין סכנות און אַליין געגומען זיך דעם בעסערן וועג. פאַלט ער צו צו אַ געמויערטן זייל און ווינקט און שרייט מיט אַ באַנומענעם קוויטש:

— ר׳ ירוחם, אַהער! אַ־הער!

דער מעליקער קאָפּ מיט דער מעליקער יאַרמולקע גיט זיך האַסטיק אַ קער צו פייוקעס קול. נאָר גלייך נאָך דעם גיט זיך ירוחם־וואָלף אַ מאָדנעם בויג איין, אַ גלייך אויס; און כאַפּט זיך מיט איין האַנט פאַר דער יאַרמולקע. דערזעט פייוקע, פון הינטער זיין באַהעלטערל, אַז אַ טונקל־רויטער פלעק צעגיסט זיך איבערן בעקערס בלויזן אַרבל.

— אוי, געוואַלד! — שרייט אויף ירוחם־וואָלף. ער פאַרדעקט זיך דעם קאָפּ מיט ביידע הענט, לויפט אָפּ אָן אַ זייט און ווערט פאַרשוווּנדן אינעם גויאישקן טומל.

— אוי! רייסט זיך ביי פייוקען אַרויס אַ ווידער־קול פונעם בעקערס שרעק. דאָס האַרץ צעפּויקט זיך ביי אים גיך־גיך, ווי מיט אַ האַמערל איבער אַנגעווייטיקטן פלייש. און זיינע דינע פיסלעך טראָגן אים אַוועק אַלץ גיכער און ווייטער פון מסוכנדיקן אָרט און פון דעם, וואָס ער האָט אָקאָרשט געזען... אָפּגעבריט האָט אים דער רויטער פלעק אויף ירוחם־וואָלפס מעליקן העמד־אַרבל. אַוועק, אַוועק פון דאַנען, פייוקע!

ערשט אַצינד באַמערקט ער, אַז ער שפּרינגט איבער שטיקער שניט־סחורות. צעבראָכענע לאָמפּן, אויסגעשאָטענע שוסטער־טשוועקלעך, זאַלץ, זייף, טערקישער פעפער... ער היט זיך נישט צו טרעטן איבער יידיש האָב־און־גוטס, ווי איבער מתים, און טרעט נישט ווילנדיק אַריין... אַ שווערער שטיין דערלאַנגט פּלוצלונג אַ טראַסק אין דער שינדל־סטרעכע פון דער שורה קראָמען און פייוקע קנייטשט זיך צוזאַמען, ווי אַ שנעק אין זיין מולטערל. „מ׳עט מיך באַלד הרגענען!...״ לויפט אים דורך אַ געדאַנק און רייסט אים ווידער אויף פון אָרט און טראָגט אים אַוועק. כמעט קעגן זיין אייגענעם ווילן.

ער בלייבט פּלוצלונג שטיין ביי אַן אויסגעגאָסענער בלאָטע דיעגאַכץ. ער גיט אַ קוק — ערשט ס׳איז ניסן דעם דיעכטיאַרניקס קראָם, פונקט

אַקעגן באַלעגאַלישן צעך. אַ ווינקל־קראַם. די לאַנגע שורה פון די געוועלבער האָט זיך געענדיקט.

אין אויסגעגאָסענעם טייך פון דיעגאַכץ שווימען לאַפּטיעס, שטיקער כּעך, שפּונטן פון רעדער און כּלערליי ספּורות, מיט וועלכע עס האַנדלט ר' ניסן דער בעל־תשובה. באַטראַכט פּייווקע ווי אַזוי אַריבערצוראַטעווען זיך מיט זיינע דינע שיכלעך איבער אַזאַ קלעפּיקן ים און געפינט קיין עצה נישט. ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אויב ער טוט נאָך איין טראָט בלייבט ער דאָ שטעקן ווי אַ פליג אין פּאַטאָקע. אָבער דער טומל הינטער די וועגענער ביים צעך איז דאָך גרויס און די נייגעריקייט איז נאָך גרעסער... קלעטערט ער אַרויף אויף אַ טרוקענעם איבערגעקערטן פעסל, הינטער אַ סלופּ, ווי, להבדיל, אויף אַ שטענדער שמחת־תורה אין בית־מדרש. אי ער זעט אַלץ וואָס עס טוט זיך, אי אים זעט קיינער נישט.

דאָס מאָוימדיקע קלינגען אין גרינעם קלויסטער האָקט זיך פּלוצלונג אָפּ. „זור־וו...” בורטשעט דאָס נאָך אַ רגע ווי אַ סטאַדע בינען און גייט אויס. ערשט אַציינד ברויזן אויף אין פּייווקעס אויערן די מענטשלעכע געוואַלדן אַרום צעך. מיט אַ דאָפּלטער אימה רייסן זיי זיך פון אַלע זייטן. די אָנגעלאָפענע פּאַזשאַרניקעס שלאָגן זיך דורך אַ וועג, פאָכענדיק און סטראַשענדיק מיט די שפּיציקע העק מיט זייערע. די קופּעס גויאים און זעלנער שפּאַלטן זיך אויף, לאָזן זיי דורך, שילטנדיק און זידלענדיק, און וואַרפן זיי נאָך מיט שטיינער. צווישן צוויי יידישע פּאַזשאַרניקעס דערזעט פּייווקע דעם פאַרלוירענעם בעקער. ירוחם־וואָלף האַלט זיך פאַר זיין פאַרוווּנדעטן קאָפּ און שטופּט זיך דורך צוזאַמען מיט זיינע באַוואָפנטע אונטערפירער. אַ מאָדנע זאַך מיט אַ מענטשן! אָט ערשט איז ער נאָך געווען גאַנץ און געזונט און אָפּגעלאַכט פון אים, פון פּייווקען: „אויב מ'וועט דיר שפּאַלטן דיין גמרא־קאָפּ זאָלסטו צו מיר קיין טענות נישט האָבן...” און אַציינדער...: נאַ! אין אַ שלעכטער מינוט האָט ער זיך אַרויסגערעדט. אויף אַ מעליקן קאָפּ פון אַ בעקער זעט זיך בלוט רויטער אָן, ווי אויף אַ גמרא־קעפּל!... פּע! איך בין טאַקע אַ „פּושט” בין איך, מוסרט זיך פּייווקע, אַ „נישטרעכצע”...

פּייווקעס מוסר־השכל צו זיך אַליין, שטייענדיק אויפן פעסל, רייסט זיך איבער. אַ שייט האָלץ פליט אַרויס פון אַ קופּע גויאים לעבן קאָוואָוע, טרעפט אַריין מיט אַ גוואַלטאָווגעם כוח אין פענצטער פון צעך און האַקט אויס די שויבן מיט דער ראָם צוזאַמען. נאָר קיינער קוקט זיך אַפילו

נישט אום. אַ מוראַדיקער טומל ברעכט אויס צווישן די באַלעגאַלעס און פּאַזשאַרניקעס, הינטער די קאַרעטעס און וועגענער ביים צעך. און דער טומל איז געוועגדעט גאָר אין אַן אַנדער זייט. „ווו? ווו?" רייסן זיך קולות. און פּייוקען דוכט זיך, אַז דאָס זענען פרייִלעכע קולות. „פּאַנ־דרע"?... שרייט מען פון איין זייט „פּאַנדרע!" — ענטפערט מען אָפּ פון אַ צווייטער זייט און אַ סך, אַ סך הענט צעפּאָכען זיך, נאַקעטע און פאַרבונדענע מיט משונהדיקע שטיקער אייזן אין די בינטלעך פינגער און מיט העלצער:

— גיכער! גיכער! גיכער!

אין אַ הינטער־געסקע, ליבקס פון צעך, באַווייזט זיך אַ בויטשענדיקער קאָפּ פון אַ שוואַרצן פערדל, נאָך אים — אַ פּראָסטער וואָגן. אין וואָגן שטייט פּאַנדרע מיט צעשפּרייטע שטאַרקע פיס און פּאָכעט איבערן פערד מיט אַן אַראָפּגעהאָנגענער לייצע. יוסף פּאָטשאַליק דער שוסטער און כאַצקעלע קנאַק לויפן אַרויס מקבל־פּנים זיין דעם אָנגעקומענעם, כאַפּן אָן דעם פערד ביים צוימל און שלעפּן אים אַריין, מיט גרויס כבוד, צווישן צעך און וועגענער. שטיינער פליען איבער פּאַנדרעס קאָפּ. שרייט מען צו אים פון אַלע זייטן. מען וואָרנט אים אַפּנים... גיט זיך פּאַנדרע אַ זעץ אַראָפּ פון וואָגן. פּאַזשאַרניקעס מיט אויפגעהויבענע העק און באַלעגאָלעס מיט אייזנס רינגלען אים אַרום, ווי חילות דעם אָנגעפּאָרענעם יענעראַל זייערן. דורך דעם רינג פון אַזאַ בכבודיקער וואָך שלאָגט זיך דורך אַ קורצינקער נפש מיט אַ האָנט־לייטערל. פּייוקע דערקענט קאָ־וויצל דעם שוסטער. מיט אַ ברייטקייט פון גאָר אַ נאָענטן מחותן שרייט קאָוויצל און פיקעט אַלעמען מיט זיין קאָווילעכל. מען לאָזט אים דורך צו פּאַנדרען אויפן וואָגן. קיין רגע געדויערט נישט און אַ ברום פון אַ צערייצטן לייב דערהערט זיך פון מיטן רעדל באַלעגאָלעס. פּאַנדרע שפּרינגט אויף פון אָרט, און קאָוויצל דער שוסטער מיט זיין קאָווילעכל בלייבן הענגען אין דער לופטן...

אַ האַלבער ציגל גיט פּלוצלונג אַ זעץ אין זייל, הינטער וועלכן פּייוקע שטייט און קוקט אַרויס. אַ רויטער שטויב און רויטע ברעקלעך, ווי פאַרטריקנטע שטיקלעך בלוט, צעשפּרינגען אַרום פּייוקעס קאָפּ און פאַרשיטן אים די אויגן. אַ פאַרבלענדעטער שפּרינגט פּייוקע אַראָפּ פון פעסל און כאַפּט לויפן מיט דעם זעלבן וועג, אונטער די קראָמען־סטרעכעס, מיט וועלכן ער האָט זיך אַהין דערשלאָגן. צוריק, צוריק לויפט

ער, באַהאַלט זיך הינטער יעדן זייל און שפּיצט די אויערן, ווי אַ פּאַר־יאָגטער העזל. —

2

און געשען איז אָט וואָס:

פֿאַנדרע איז ווי אַ ווילד געוואָרענע חיה אַראָפּגעשפּרונגען פֿון זיין וואָגן, אָנגעכאַפּט קאַוויצלען ווי אַ זשוואַון היישעריקל, אַ הויב געטאָן אין דער לופֿטן און צעריטשעט זיך:

— מערען?... ווי האָסטו געזאָגט? פּאַסקודניאַק! מ י י ן מערען?

קאַוויצל דער שוסטער האָט נאָר געמאַכט אין דער לופֿטן מיט ביידע פּיסלעך און מיטן קאַווילעכל, אויסגעלופּעט די אויגן און קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן.

— זאָג, זאָג! — האָט אים פֿאַנדרע גענומען טרייסלען.

און ער וואָלט פֿון אים געוויס די נשמה אַרויסגעטרייסלט, ווי אַן אַרבעסל פֿון אַ קרומער סטרוטשע. אַזוי גרויס איז געווען פֿאַנדרעס שרעק פֿאַר מערען זיין ווייב, וועלכע ער האָט געלאָזן אייניקע אַליין אין שטוב... ווען נישט ירוחם־וואָלף. ירוחם־וואָלף זיין שכן האָט זיך ווי־נישט־איז דערשלאָגן צו פֿאַנדרען, און האַלטנדיק זיך פֿאַרן צעבלוטיקטן קאָפּ, גענומען שרייען:

— לאָז אים אָפּ, זאָג איך דיר! — משוגע ביסטו, צי וואָס? מערע איז גאַנץ, מערע! אין ליובאַוויטשער בית־מדרש איז זי...

פֿאַנדרע איז בלאַס געוואָרן. ער האָט פּאַוואָליע אַראָפּגעלאָזן קאַוויצלען אויף דער ערד און געכאַפּט זיך פֿאַרן האַרצן, אָכצענדיק און אָיקענדיק מיט דער גאַנצער ברוסט פֿון אָקאָרשט איבערגעלעבטן שרעק:

— אָי, מאַמע!... אַז ער האָט מיר געזאָגט... דער... דער.... אַ רוח אין זיין טאַטן אַריין!

קאַוויצל דער שוסטער האָט כליפּענדיק אָנגעשטעלט זיין קאַווילעכל און אַוועקגעהונקען, ווי אַן אָנגעבייסענע מייזל שילטנדיק און פֿלוכענדיק האָט ער זיך אַוועקגעהאָצקעט:

— אַ כאָליערע און „באָליערע" אויף אים! נויטיק געדאַרפֿט איינשטעלן דאָס לעבן... לויף, זאָגן זיי, זוך פֿאַנדרען!... אָט!....

און ירוחם־וואָלף דער בעקער שטייט נאָך אַלץ אַקעגן נחן און פאַרגלעט זיין אומזיסטן שרעק:

— גאָרנישט זאָג איך דיר!... זאָל ער אַזוי וויסן פון זיין קאָפּ, קאַוויצל! עטלעכע זעלנער זענען דאָס געווען. שיכורע. עפּעס אַ דאָרפישער שגץ מיט אַ האַרמאָשקע האָט זיי אָנגעפירט. „וווּ איז זי, די פאַנדריכע?", שרייט ער, און אַלערליי ווערטער אַזאַלכענע...

— וועלכע ווערטער? — גיט פאַנדרע אַ כריפּ — זאָג! אַלץ זאָלסטו זאָגן!

דערזעט ירוחם־וואָלף, אַז ער קען דאָ האָבן דעם זעלבן פּסק ווי קאַוויצל. אַזוי ווילד זענען פאַנדרעס אויגן. זאָגט ער אָפּ אַלץ, וואָס ער ווייסט:

— וווּ איז זי? — שרייט דער שגץ מיט דער האַרמאָשקע — די פאַנדריכע וווּ איז? מירן זי אים קאַליע מאַכן, ברידערלעך, אַזוי ווי ער האָט די אונדזעריקע קאַליע געמאַכט! אַ פּאַטיעכע! — זיי שרייען און ברעכן זיך אין שטוב און מערע איז שוין לאַנג אין דער ווייבערשער שול... האָבן זיי אויסגעלאָזן דעם כעס צו טיר און פענצטער.

— ווי? — שטשירעט פאַנדרע אויס די ציין — די פענצטער? ר' סענדערס פענצטער? מיינע פענצטער?...

נאָר אָנשטאָט ירוחם־וואָלפס אַן ענטפער גיט עפּעס אַ פלי אין דער לופטן און טרעפט פאַנדרען אין פאַרשוויצטן שלייף, ווי מיט אַ האַמער.

אַ גאַנצער אויפרייס פון צעלאָזענעם פויערשן געלעכטער באַגלייט פון יענער זייט קאַנאַווע, אַזאַ געלונגענעם שטיין. ווי אין שווערן חלום גיט פאַנדרע אַ טראָט אויף צוריק און אַ פיר מיט דער דלאָניע איבערן שטערן. אַ גרויסער בייל איז דאָרטן אויפגעלאָפן. פון וואַנען האָט ער זיך גענומען? אָקאָרשט געווען גלאַט... די יידישע גוואַרדיע אַרום אים הויבט אויף אַ גרויס געשריי: „זעט, זעט! זיי גייען ווייטער אויף אונדז!...". ער גיט אַ קוק — ערשט די גויאישקע וואַנט, אויף יענער זייט קאַנאַווע, האָט זיך ווילד צעשאָקלט, אויפגעברויזט ווי אַ כוואַליע. שטיינער און העלצער פליען איבער די וועגענער און ברישקעס, הינטער וועלכע די שקלאָווער גוואַרדיע האָט זיך פאַרפאַנצערט. און אַ קול אַ באַקאַנטער, באַפעלערישער קול פון אַ פאָליצייסקן ריטשעט דאָרטן, ווי אַ פאַרקלעמערטער חזיר:

— וואָס אָן!... אָט איז ער, דער קראַמאַלניק, דער הינטישער זון!

נעמט אים, פּראַוואָסלאַוונע! כאַפּט אים! העי, העי!
— נח, נח! — וואָרענען באַלעגאָלעס פון אַלע זייטן.
— נח, טרעט אָפּ!
— מ׳האָט דיך דערקענט, נח!
ווי אַ משונהדיקער וויץ קלינגט דאָס אָפּ פּאַנדרען אין די אויערן. אָקאָרשט האָט נאָך חברה־בייטש געוואָרט אויף אים, געגאַרט נאָך זיין הילף. און אַצינד באַשיצן זיי אים גאָר, וואָרענען אים. גיט ער אַ קריץ מיט די ציין און קרימט איבער:
— אָפּטרעטן?
און גאָר אומגעריכט און אָן שום איבערגאַנג צעשטופּט ער די אַרומיקע באַשיצער זיינע, ווי זאַנגען אין פעלד:
— לאָזט!
ערשט איצט דערשפּירט ער דעם ברענענדיקן ווייטיק פון בייל, און מיט אויפגעקאָכטן צאָרן גיט ער זיך אַ וואָרף צו זיין געשפּאַן און טוט אַ רעווע:
— אַ מעסער!
מאָדנע האָט אים אַליין אָפּגעקלונגען זיין אייגענער הייזעריקער אויסגעשריי. עפּעס ווי אַ ווידערקול פון יענער זייט וועלט. וואָרום אַזוי האָט אַ ריטשע געטאָן טשורילאָ קאַטאָרזשניק אין אָסטראָג, בשעת ער, פּאַנדרע, האָט זיך אים צום ערשטן מאָל געשטעלט אַקעגן... אָט דער זעלבער טשורילאָ, וועלכן מ׳האָט הייגט ראַנעטשקע אַזוי מיאוס דער־הרגעט אין וואַלד ביי דאַברייקע... „אפשר איז אין מיר גאָר אַריין דעם גויס גלגול?״... לויפט פּאַנדרען דורך אַ ברענענדיקער געדאַנק, ברע־נענדיקער ווי דער בייל אויפן שטערן, און ער בלייבט איין רגעלע שטיין, ווי אין הינער־פּלעט.
באַלעגאָלעס און קצבים אַרום אים האָבן געכאַפּט זוכן אין די טיפע קעשענעס. אַליין נישט־וויסנדיק צי זאָלן זיי אים פאַרטרויען אַ שאַרפע זאַך אין אַזאַ צעווילדעוועטן צושטאַנד, צי נישט. אָבער פּאַנדרע האָט זיך גישט דערוואָרט. מיט אַן אומגעווייַנלעכן כוח האָט ער אַ ריס געטאָן די רימענס פון כאָמעט און דוהע, און אַזוי האַסטיק, אַז דאָס שוואַרצע פערדל „אויף באָרג״ מיטן גאַנצן געשפּאַן האָבן שיעור נישט אַ פאַל געגעבן אויף אַ זייט. די שנאָלן און קניפּלעך און רימענס זענען צעשפּרונגען, ווי אַלטע קנעפּלעך פון אַן אָפּגעריבענער קאַפּאָטע. איין

האַלאַבליע האָט זיך באַפרייט פון שפּאַן. און פאַנדרע האָט זיך, מיט ביידע הענט, אָנגעכאַפּט אָן איר; אַ טראַט געטאָן אויף צוריק און נאָך האַסטיקער, מיט פאַרקלעמטע ציין, אַ ריס געטאָן צו זיך, ווי אַ האַנט פון אַ הויבל. אַ געוואַלדיקער קראַך האָט זיך דערהערט. די שטאַרקע, האַלב־געקאָוועטע און איינגעדיגעכצטע האַלאַבליע האָט געפּלאַצט ביים סאַמע אַקס פון וואָגן, מיטרייסנדיק מיט זיך אַ שטיק אַקס און אַ טייל פון אַ געקאָוועטער ראָד.

אַלע אַרום פאַנדרען זענען אָפּגעשפּרונגען, ווי פון אַן אויפגערייצטער סענער באַמבע, און דערזען, אַז אין זיינע ביידע הענט איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסן אַ ריזיקער וואָפן מיט אַ פאַרדיעגעכצטער צעבראָכענער לאָך אין עק, אַן אַנדערטהאַלבן פּודיקע לאַנגע בולאַווע, וואָס קיין המן קלאַפּער אין דער וועלט האָט נאָך אַזוינס קיין מאָל אין די הענט נישט געהאַלטן. סיידן די ריזן אין אַלטע בבא־מעשיות...

פאַנדרע האָט די האַלאַבליע אַ הויב געטאָן איבער אַלעמענס קעפּ לעבן צעך, אַרויסגעשטעקט זי, ווי אַ פאַרדיעגעכצטן שטאַנג אָן אַ מלחמה־פאָן. און צום צווייטן מאָל אַ רעווע געטאָן:

— ברידער! זעט נאָר מ׳זאָל מיך נישט אַרומרינגלען!...

אַבראַשען דעם קצב מיט זיינע בנים דאַרף מען קיין סך נישט זאָגן. אַלע דריי האָבן זיך אַ וואַרף געטאָן מיט זייערע אייזערנע פינף־פונטן אין די אַרבל אויף רעכטס; פון הינטער די צוזאַמענגערוקטע וועגענער, ווי די שדים אַרויסגעשפּרונגען, און גענומען טרייבן די גויאים פון איין זייט. יוסף פּאַטשאַליק, הילקע קוקע און כאַצקעלע קנאַק זענען, ברוך־השם, אויך נישט קיין הינקעגדיקע סטאַליאַרעס. האָבן זיי גלייך פאַר־שטאַנען וואָס דאָס מיינט און אַ ריס געטאָן זיך אויף לינקס. דערזעענדיק אַזאַ מסירת־נפש האָט זיך אַ ריס געטאָן די גאַנצע געשלאָגענע יידישע גוואַרדיע מיט די פריש־אַנגעלאָפענע פּאַזשאַרניקעס צוזאַמען. אַלע ווי איינער — צו באַשיצן דעם גיבור זייערן, אויף ביידע פלאַנקן...

פאַנדרע אַליין, מיט זיין אויפגעהויבענער האַלאַבליע, האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין רעכטן מיטן. דער איבערגעלעבטער שרעק, פאַר מערעס לעבן און פאַר מערעס כבוד, האָט אים געטראָגן; דער ווייטיק פון בייל אויפן שטערן האָט אים געפייערט, ווי אַ בלאָזאַק אויף קוילן. און מיט אַט דעם כוח פון צוויי ווייטיקן, אין האַרצן און אויפן שלייף, האָט ער אַ שפּרונג

געטאָן איבער דער קאַנאַווע און צעפּאָכעט זיך, אין אַ ריזיקן האַלב־קרייז, מיט זיין האַלאַבליע, ווי אַ שניטער מיט זיין קאָסע. פון לינקס נאָך רעכטס און פון רעכטס נאָך לינקס. אַזוי האָט ער געקאָסעט, און אַלץ טיפער און טיפער אַריינגעשניטן זיך אין דער פויעריש־זעלנערישער מאַסע. ווי אין אַ בלוטיקן נעפּל האָט ער דערזען, אַז אַרום אים פאַלן לעבעדיקע שרייענדיקע זאַנגען: מענטשן אין שינעלן, אין פּאָדיאָווקעס, אין סערמיאַגעס... אַ נישט מענטשלעכער וואָיען ברעכט אויס אויף רעכטס און אויף לינקס, אַז גאָט זאָל שומר־ומציל זיין. נאָר פּאַנדרע איז שוין אַצינד טעמפּ צו אָט די אַלע געשרייען. זיינע ציין זענען פאַרקלעמט. דער בייל ברענט אויפן שטערן, דער שווייס בריט... אַ הורבע זעלנער כאַפּן זיך אָן אָן דער פּאָכעדיקער האַלאַבליע, הענגען זיך אָן, ווילן איינלייגן דעם כוח פון הילצערנעם מזיק, וועלכער זעצט אין זיי, ווי אַן אייזערנער טאַראַן אין אַ פעסטונג. אָבער פּאַנדרע גיט אַ ריס צו זיך די שווער־געוואָרענע האַלאַבליע, מיט זיין גאַנצער צעווילדע־וועטער גבורה גיט ער אַ ריס, און די גאַנצע כאָפּטע זעלנער לייגן זיך אויס, ווי די העריגג צו זיינע פיס. אייגער אויפן צווייטן. בויקערט ער זיי איבער די רוקנס, דרעשט זיי, ווי אַ גאַרב זאַנגען אין שייער און שפּרינגט אַריבער. די האַלאַבליע צעפּאָכעט זיך ווידער אין גרויסן האַלב־קרייז און דער פּראָנט פון געשלעג רוקט זיך אַוועק אַלץ ווייטער און ווייטער פון צעך. ביזקל מיטן מאַרק דערגאַנגען שוין. מען איז שוין באַלד ביי די שניט־קראָמען, ביי די איבערגעקערטע און צעבראָכענע טישלעך פון די זעלצערקע־יידענעס.

די יידישע גוואַרדיע, מיט פאַרבונדענע קעפּ, שטייט אויך נישט אָפּ. זי בוכצעט און קלאַפּט אויף די פּלאַנקן. אָנשטאָט צו שלאָגן זיך, ווי ביז איצטער, האַלב־אַרומגענומען פון די פּאָגראָמשטשיקעס, רינגלען זיי אַצינד אַרום און שניידן אָפּ די גויאישקע הילף פון צוויי זייטן. נאָר פּאַנדרע זעט דאָס שוין נישט מער. אים איז אַלץ אייגנס. ער קאָסעט מיט אַ ווילדער שיכרות און מיט מסירת־נפש. די אויגן זענען אים רויט אָנגעגאָסן, אין די ליפּן שטייט אים דער שוים. אין זיין צעפליקטער פּאָדיאָווקע מיט די צעשליסענע פלודערן אויף די קני מיט די פּאַר־בלאָטיקטע שטיוואַלעס, מיט דער שוואַרצער קוטשמע האָר אויפן שטערן, מיטן גרויסן בייל אויף איין שלייף, מיט דער שווערער האַלאַבליע, וואָס וואַרפט זיך אַהין און אַהער מיט די ברייטע פּלייצעס צוזאַמען, זעט

ער אויס... ווי זאָל ער אויסזען? ער האָט פאַרלוירן יעדן פּרצוף פון אַ מענטשן. אַ שרעקעניש איז דאָס, נישט קיין מענטש.

— לאָווי יעהאָ! — ברומט אויף ערגעץ־ווו גאָר נאָענט אַ באַפעלע־רישער קול, אַ באַקאַנטער קול... ווי פון אַ פאַס אַרויס ברומט דאָס אויף און האַקט זיך אָפּ.

פאַנדרע טשוכעט זיך אַ ביסל אויס. שפּיצט אָן אַ טויב־געוואָרענעם אויער: צי איז דאָס נישט דער קול פון זיין שונא?... דער קול פונעם זשאַנדאַרניק מיט דער צעהאַקטער באַק?... בשעת דער אַבלאַווע, ביי די אָרשער ברעמלעך, ווען ער, פאַנדרע, איז אַנטלאָפן, דורכן פענצטער, האָט אויך עמיצער געשריען „לאָווי יעהאָ!"... פונקט אַזוי חזיריש און הייזעריק... ווי אַ ביייזער ווידערקול פון יענער נאַכט קלינגט עס אים אָפּ אין געטומל.

„לאָווי יעהאָ!" מיינט: כאַפּט אים! נאָר ס׳איז פשוט נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן. ווער ווערט אים דאָ אַצינד גיין כאַפּן, דעם מזיק מיט דער האַלאַבליע? אַז די גויאים זענען זיך שוין אַלע צעלאָפן, ווער צופוס און ווער אויף וועגענער. נאָר אָפּגעשטאַנענע גויאות לויפן נאָך, ווי די פאַרסמטע מייז. קאַטשען זיך ווי צעשראָקענע עגטלעך. און פון פּריס־טאַוו מיט זיינע דעסיאַטניקלעך איז קיין זכר נישטאָ...

פאַנדרעס אויגן זענען פאַרגאָסן מיט בייסנדיקן שוויים. ער זעט נישט קלאָר, וואָס עס טוט זיך אַרום אים. אָבער צערייצט ווי ער איז פונעם חזירישן „לאָווי יעהאָ!" גיט ער נאָך אַ מאָל אַ שטאַרקן פאָך מיט זיין וואָפן. דאָס מאָל שלאָגט זיך זיין האַלאַבליע מער נישט אָן... קיינער שטייט אים מער נישט אין וועג. נאָר פאַנדרע אַליין ווערט מיט־געריסן מיט איר געוויכט, פאַלט אַנידער און ציט זיך אויס... צום ערשטן מאָל, זינט ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן קאָסען די פאַגראָמשטשיקעס. ער וואָלט גערן געבליבן ליגן אויף דער ערד און אויסגערוט זיך, איין אייג־ציק רגעלע... נאָר מען טאָר נישט... חס־ושלום! שפּרינגט ער ווידער אויף און אָטעמט זיך שווער אָפּ.

ער גיט אַ קוק — דער מאַרק איז שוין אין גאַנצן ליידיק. נאָר ווייט, ווייט הינטער די לעצטע קרעמלעך, טראָגן זיך גויאישקע פורן צום מאָה־ליוווער שליאַך. כאַפּטעס גויאים און גויאות לויפן די פורן נאָך, ווילן זיך אָנהענגען און פאַלן אַנידער. די, וואָס האָבן זיך יאָ פאַספּעיעט אָנצוכאַפּן, ווערן געשלאָגן מיט בייטש־שטעקלעך פון די, וואָס זיצן אין

די איבערגעלאָדענע פורלעך, און מוזן אויך אָפּשטיין. און אַלע וואָיען זיי און ברילן און שילטן, ווי אַ צעקלאַפּטע האָרדע פון סטעפּ־גזלנים. אין שרעק און אײַלעניש וואַרפן זיי פון זיך אַראָפּ די אָנגערויבטע סחורות און לאָזן זיי איבער אויף גאָטס באַראָט. דער גאַנצער וועג, וואָס ער, פּאַנדרע, האָט אויסגעקאָסעט מיט זײַן האָלאָבליע, איז אויך באַזייט מיט אָוועקגעוואָרפענע סחורות: גרויע, קאָלירטע, באַשפּריצטע מיט בלוט... אין הדר, געדענקט ער, האָט ער אין „שוואַרבע" אויך געלערנט אַזאַ מעשה, ווי דער פײַנט אַנטלויפט פון אַ יידישער שטאָט און באַזייט דעם גאַנצן וועג מיט וואָפן און מיט בגדים. „און גאָט, אַזוי שטייט דאָרטן געשריבן, האָט געמאַכט הערן דאָס פאָלק פון ארם אַ קול פון רייטוואָגן און פון רייטער..."

אָבער דער כעס פון פלוצלונגן אַנידערפאַל קאָכט נאָך אין פּאַנדרען. גיט ער אַ טראַסק מיט זײַן האָלאָבליע אין אַן איבערגעקערטער בודקע פון זעלצער־וואַסער. גלאַט אַזוי זיך, און... שפּרינגט אָפּ. וואָרום אין דער בודקע דערהערט זיך אַ בייזער בורטשען, ווי פון אַ גרויסן הונט אויף אַ קייט. אַ באַשעפעניש האַלב־מענטש און האַלב־חיה, גיט זיך אַ מאָר־דעווע פון אונטער איר און בלייבט שטיין אויף צוויי פיס. אַ שוידער גייט פּאַנדרען דורך איבערן רוקן פון אַזאַ פּלוצלעכקייט. ער גלאָצט אויס די אויגן און דערקענט דעם בלוטיקן שונא זײַנעם. דעם זשאַנ־דאַרניק מיט דער צעהאַקטער באַק דערקענט ער.

אַנטלאָפן

1

פֿאַנדרע האָט דערזען פֿאַר זיך דעם פֿאַרפֿאָלגער זיינעם, וועלכער ברענט אים די פּיאַטעס, זינט קושקעס טויט. דער בעל־דבר האָט אַפילו, לכבוד דעם פּאָגראָם, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם שינעל פֿון אַ פּאָליציי־מענטש און צוריק אַרייַנגעקראָכן אין דער אַלטער הויט זיינער פֿון אַן „אַגענט": אַ שטאָטישן קאַפּעליושל אָנגערוקט אויף די אויגן און אַ גע־ווענטענע פּאָדיאָווקע — איבער ברייטע הויזן און כאָליאַוועס. ס'איז אָבער ער... ער! די צעהאַקטע, שלעכט־פֿאַרהיילטע באַק איז דער בעס־טער עדות...

דער איבערגעטאָנענער זשאַנדאַרניק האָט אַ וואָרף געטאָן יענעם וואַסערדיקן קוק פֿון אַ גיפֿטיקן שרץ, וואָס האָט אַזוי דורכגענומען פֿאַנדרען אין יידישן שפּיטאָל און אויפֿן „דאָפּראָס" אין סטאַן. דאָס מאָל איז אָבער דאָס קוקעלע געווען נישט זיכער. אַזוי משונהדיק האָט אים, מסתמא, פֿאַנדרע אויסגעזען אין זיין צעשליסענעם אַנטועכץ מיטן אויפֿ־געלאָפֿענעם בלויען בייל אויפֿן צעהיצטן שטערן, מיט דער האָלאָבליע אין ביידע הענט. ער, דער ערל אַליין, האָט דאָך אָקאָרשט געשריען „לאָווי יעהאָ!..." נאָר אַצינד איז ער שוין אין ספק...

ביידע האָבן זיך אַזוי איין רגעלע אָנגעקוקט, ווי צוויי אויפֿגערייצטע חיות אין שטייג. דער זשאַנדאַרניק האָט אָבער נישט אויסגעהאַלטן דעם גרויען קוק פֿון דער נישט כיטרער און שטאַרקערער חיה. האָט ער זיך האַסטיק אַ קערעווע געטאָן און געכאַפּט לויפֿן. מיט דער זעלבער האַסטיקייט האָט פֿאַנדרע געגעבן אַ שטרעק אויס זיין לאַנגע האָלאָבליע און דערלאַנגט אים אַ קורצן און וואָגיקן שטורכאַץ אין זייט. יענער איז אונטערגעשפּרונגען אין לויף, איבערגעדרייט זיך. דער גרויס־שטאָטישער

קאַפּעליושל איז אים אַוועקגעשפּרונגען. און אַליין ציט זיך דער אַנט־לאָפענער אויס אויפן בויך, מיטן פּנים איינגעגנורעט אין דער ברודיקער ערד פון מאַרק, און וואַיעט מאָדנע שטיל און געצויגן, ווי אַ הונט, וואָס זעט אַ בייזן חלום.

פאַנדרע שפרינגט צו אים צו און, מיטן ברייטן נאָז פון זיין באַלע־גאַלישן שטיוול, גיט ער אים פּלינק און פאַרזיכטיק אַ קער איבער אויפן רוקן. ער טוט דאָס ווי אַ געניטער יעגער, וואָס פּרוווט, צי די אונטער־געשאָסענע חיה איז נאָך זשוואַווע און געפערלעך, צי נישט. זיינע צע־היצטע אויגן עסן זיך איין אין טרפהנעם פּנים. און די האַלאַבליע זיינע האַלט ער גרייט מיט ביידע הענט. און אַזוי שטייט ער פּעסט איבער דעם אַנידערגעפאַלענעם.

— נו, וואָס? — שטשירעט ער די ווייסע ציין — איצטער ווייסטו שוין ווער?

דער ערל ליגט אויסגעצויגן אויפן רוקן. איין געלבלעכע וואַנצע שטעקט אים אַרויף, די צווייטע באַהאַלט זיך אין רויטן קגייטש פון דער שלעכט־פאַרהיילטער באַק. ענלעך אַזוי איז ער געלעגן אויך דאַמאָלסט... אין דער נאַכט פון דער אַבלאַווע, אונטער דער באַרנטע.

— דו זוכסט דאָך מיך! — טייטשט אים פאַנדרע איין — פרעגסט זיך נאָך ביי שכנים אויף מיר. ביים בעקער נאָכגעפרעגט זיך...

און אַ קריץ טאָענדיק מיט די ציין גיט פאַנדרע צו האַרטער, היציקער:

— נישטאָ מער וואָס צו נישטערן!... דאָס האָב איך דיר טאַקע דערלאַנגט אין מאָרדע היגטערן בוים... געדענקסט? אַ שאָד, וואָס אַזוי שלעכט דערלאַנגט.

און, שפּילנדיק זיך מיט דער האַלאַבליע, גיט ער אַ פרעג שטילער, מאָוימדיק־שטיל:

— זאָל איך אַצינד בעסער מאַכן?! דו!

די וואַסערדיקע אויגן ביים ערל הויבן אָן צו פינטלען גיך־גיך, דער צעמזיקטער פּרצוף פאַרקרימט זיך ווי פון זויערס. שוואַך און פאַר־כליפּעט כגיקעט ער:

— אין קאַטאָרגע גייט מען פאַר אַזאַ זאַך... אין קאַטאָרגע... וועסט זען!... אין קאַטאָרגע...

ער חזרט אַזוי איבער דאָס וואָרט עטלעכע מאָל כלומרשט זייער דערשלאָגן, נאָר זיינע וואַסערדיקע אויגן, וואָס האָבן אָקאָרשט געפינטלט

בלייבן שטיין און זיין גראָבע האַנט גראַבלט זיך ביים לאַץ, גנבעט זיך צו צום בוזים און כאַפּט פלוצלונג אַרויס אַ פּיסטאָל.

אָבער פּאַנדרע איז שוין אָפּגעקילט פון הייסן געשלעג, זיין אויג איז וואַך. ער האָט גוט געוווסט איבער וועמען ער שטייט דאָ מיט דער האָלאָבליע. געהיט יעדער ריר. און נאָך איידער די שוואַרצע לאָך פון פּיסטאָל גיט זיך אַ הויב אויף באַקומט דער ערל אַ זעץ אין יד מיטן עק האָלץ, און זיין שיס־וואָפן שפּרינגט אָפּ.

אַצינד רעוועט שוין דער ערל פון ווייטיק און שרעק אָן אַ פּיצל בושה. אויף פּאַנדרען מאַכט דאָס אָבער מער קיין איינדרוק נישט. דער בלינדער צאָרן קאָכט אין אים ווידער. די האָלאָבליע גיט ער אַ וואָרף פון האַנט, פאַלט אויף איין קני און טראָגט צו צום ערלס פּנים אַ האַרטן צעשונדענעם קולאַק:

— שוין ווייטער שיסן? דו, הונט!... ווי דאַמאָלסט?...

אים חלשט זיך אַראָפּלאָזן דעם גאַנצן בינטל פינגער, ווי אַ טוקאַטש אין אַ סטופּע מיט מצה... די גזלנישע כיטרעקייט פון אָט דעם געפּער־לעכן גוי, שוין ליגנדיק אויסגעצויגן אויף דער ערד, מאַכן אים שווידערן די האָר אויפן קאָפּ און פאַרקלעמען אים אכזריותדיק די ציין. נאָר ער האַלט זיך איין, גלייכט אויס די פינגער און לאָזט נאָר דעם שונא אַראָפּ אַ באַטויבנדיקן פלאַכן פּלעם איבערן גאַנצן פּאָרטרעט.

אָבער אויך אַזאַ מתנת־יד פון פּאַנדרעס הענטעלע איז גענוג צו מאַכן אומשעדלעך דעם שונא: ווייניקסטנס — אויף אַ געוויסער צייט.

שליים און בלוט צעבלעזלען זיך ביים ערל איבער אַלע שפּאַרונ־קעס. זיין אָפּענער מויל אָטעמט, ווי אַ פיש.

— נאַ, ליג! — בורטשעט פּאַנדרע, כאָטש ווייסן ווייסט ער, אַז זיין דם־שונא הערט אים נישט מער, ליגט אין חלשות.

ער גלייכט זיך אויס און שטייט אַ ווײַלע אָפּהענטיק איבערן געחלשטן גוי. ס'איז אים אַ ביסל שפּל דערפון, וואָס ער האָט געשלאָגן אַן אַנידער־געפאַלענעם שונא. אויסגעלערנט זיך אַפּנים פון אַברעמעלען...

— אַז ער שיסט גאָר!... — מורמלט פּאַנדרע און הויבט מיט די פּלייצעס — אַזאַ חזיר! שיסט!...

דאָס פאַרענטפערט ער זיך אַזוי פאַר זיך אַליין. זיין פאַרשעמטער קוק בלאָנדזשעט: צי זעט אים קיינער נישט ביי אַזאַ געמיינהייט...

אַ פאָר טריט פון דעם באַדמטן ערל דערזעט ער דעם אָפּגעשפּרונ־

געגעם פיסטאָל. ער הויבט אים פּאַוואָליע אויף, באַטראַכט אים אַ רגעלע אויף דער אויסגעשטרעקטער דלאָניע און אַן עקל נעמט אים אָן. די כלי דערמאָנט אים ווי אַזוי אַברעמעלע האָט היינט ראַנעטשקע דערשאָסן דעם פּאַגראַמשטשיק אין וואַלד. נאָר דעם זשאַנדאַרס „כלי" גלאַנצט נישט אַזוי, ווי אַברעמעלעס. עס איז אַ טונקל-בלויער פּאָליציייסקער פּיסטאָל. אַ פינצטערער. פּונקט אַזוי ווי ביי די שומרים אין מאָהליווער אָסטראָג. פון איין אָרט שטאַמט דאָס.

זוכט פּאַנדרע מיט די אויגן וווהין צו פאַרוואַרפן דאָס, אַז קיינער זאָל זיך מער נישט קענען באַנוצן מיט אַזאַ מיאוסער זאַך. דערזעט ער דעם אַלטן פאַרלאָזענעם ברונים אין מיטן מאַרק, וואָס קיינער שעפּט פון אים נישט מער. באַוואַקסן מיט גרינעם מאָך איז דער ברונים און האַלב-פאַרשלאָגן מיט ברעטער. לויפט צו אים פּאַנדרע צו און גיט אַ שליידער אַריין.

— בר-הום! — הילכט אָפּ דער אַלטער פון זיין שוואַרצער טיפ-קייט. ער איז בייז, וואָס מ'האָט געשטערט זיין שלאָף; אַ חלום פון צעפוילטע גליטשיקע בערוועגעס און בלאָטע אויפן דעק.

.2

אָפּגעקילט און אָנגעזעטיקט פון געשלעג, כאַפּט פּאַנדרע ווידער אַרויף די האַלאַבליע אויפן פלייצע און לאָזט זיך לויפן. ער וויל וואָס גיכער אַוועק פון זיין אַזוי מיאוס געשלאָגענעם שונא. דער מאַרק איז פּוסט. עטלעכע קרעמער זענען אַרויסגעקראָכן פון די לעכער, באַטאַפּן די אָפּגעבראָכענע שלעסער פון זייערע קראָמען. איין יידענע האַלט איר צעבראָכן זעלצער-טישל אַרומגענומען מיטביידע הענט, ווי מיט אַ קראַנק קינד ניאַנטשעט זי זיך מיט אים און יאָמערט: „יידן, זעט מיין אומגליק!"...

אַ פּאָר צעבלוטיקטע נאָוואָבראַנצעס קריכן אויף „אַלע פיר" און רייבן זיך ביי די בלינדע ווענט פון די מאַרק-געוועלבער און בעטן זיך מיט אַ רחמנותדיקן קול מ'זאָל זיי נישט טשעפּען... כאָטש קיינער טשעפּעט זיי נישט מער. נאָר אין סאַמע עק מאַרק, לעבן בלויען אַפּטייק און ביים גרינעם קלויסטער, יאָגן נאָך באַלעגאָלעס און קצבים די רעשטלעך דאָרפישע און שטאָטישע פּאָגראָמשטשיקעס. און פּאַנדרע באַמערקט אַליין

נישט, אַז ער מיט זיין האָלאָבליע זענען אַריינגעלאָפן אינעם ראַיאָן פון די געמויערטע קראָמען, נאָענט צום סטאַן.

אימיצער שרייט פויעריש אויף און לויפט אַרויס פון הינטער אַ געװעלבטן זייל. און פאַנדרע דערזעט אַ גרויסע האַרמאָשקע אויף אַ רימען, וואָס שאָקלט זיך, ווי אַ טאָרבע, איבער אַ ברייטן באַלעדערטן רוקן — אַ קאָזשוך פון אַ געזונטן גוי. צי איז דאָס נישט מיקיטאַס איידעמל, וועלכער איז היינט פרי באַפאַלן זיין שטוב, „פאַנדריכען" געזוכט, פענצטער געבראָכן? ווי אַ פליוך זודיקע וואַסער טרעפט פאַנדרען דער געדאַנק.

— סטאָ־אָי! — לאָזט ער זיך לויפן מיט דער אויסגעשטרעקטער האָלאָבליע נאָכן גוי מיט דער האַרמאָשקע — טי! סטאָי!...

יענער גיט אַ דריי אויס אַ נישט־געגאָלטן אָנגעפרעסענעם פּרצוף פון אַן אויסגעדינטן יון. דאָס אַלטע יונישע היטעלע, אָן אַ דאַשעק, זיצט אים קרום אויפן געשווירעוועם קאָפּ. דערזעענדיק, אַזוי נאָענט הינטער זיך, אַזאַ פאַרשוין מיט אַזאַ כּלי־זין אין די הענט, בלייבט ער שטיין אַ פאַרציטערטער. הענט און פיס הלשן אים אָפּ. ער שאַרט זיך מיט דריבנע טריטעלעך אויף צוריק און שפּאַרט זיך צו מיטן ברייטן הינטן צו אַ פאַרשלאָסענער קראָם. די האַרמאָשקע לאָזט אים נישט אָנלענען דעם רוקן אויך. און דאָס מאַכט אים נאָך אומבאַהאָלפענער, איינגעבויגענער. דעם קאָפּ כאַפּט ער זיך אַרום מיטביידע אָרעמס און שטאַמלט:

— טי, יעטאַ... ניאַ טראָש! ניאַ, ניאַ!... ניאַ טראָש! (דו זע, נישט טשעפּע! ניין, ניין, נישט טשעפּע!).

ס'איז די ריכטיקע צייט צו בעטן רחמנות. וואָרום פאַנדרע שטייט שוין אַקעגן אים, די נאָזלעכער אָנגעבלאָזן, די קיילעכדיק־געוואָרענע אויגן ברענען, און די האָלאָבליע האַלט ער איבער אים, ווי אַ האַמער איבער אַ קאָוואַדלע.

— דאָס ביסטו היינט, כאַמרוליע, געלאָפן זוכן פאַנדריכען? דו!... האָוואָרי! (רעד!).

דאַנילאָ נעמט ציטערנדיק אַראָפּ איין אָרעם פון קאָפּ און קוקט מיט איין אויג אַרויס פון אונטער דעם צווייטן אָרעם. זיין גאַנצע פויערשע כּהדנות שווימט דאָ אַרויף פון מכלומרשט כוואַטסקן, געוועזענעם יון, וואָס איז גאַנץ דאָרף משמח מיט זיין האַרמאָשקע.

— דאַ יענאַ... — קוויטשעט ער ווי אַן אַלטיטשקע פויערטע —

יענאַ אוטשיקלאַ! אוטשיקלאַ פּאַנדריכאַ! (זי איז אַנטלאָפן. אַנטלאָפן פּאַנדריכע!).

אַ שמייכל שײַנט אויף פּאַנדרעס פאַרשוואַרצטן פּנים. ער לאָזט אַראָפּ די האָלאַבליע. אַ שטיין קײַקלט זיך אים אַראָפּ פון האַרצן. דאַנילאָ אַליין באַשטעטיקט אים דאָס, וואָס ירוחם־וואָלף דער בעקער האָט אים געזאָגט, אַז די פּאַגראָמשטשיקעס האָבן מערען אַפילו אין די אויגן נישט געזען.

— אָבער פּענצטער? — מאַכט פּאַנדרע אַ בייזע מינע — פּענצטער האָסטו יאָ געבראָכן... געבראָכן ביי מיר פּענצטער, צי נישט?

דאַנילאָ גיט עפּעס אַ מעקע און ענטפערט נישט. נאָר פּאַנדרעס כעס איז שוין אַוועק. ער קוקט אָן די פּחדנות פּונעם דאָרפישן העלד און לאַכט ביטער אין האַרצן. אים וואָלט זיך געוואָלט דאַנילאָ דער אָפּגע־נאַרטער חתן און מאַן, זאָל פּלוצלונג אַ קריץ געבן מיט די ציין, אַ שטעל טאָן זיך מיט אַן אויסגעפּרעגטער ברוסט און זאָל זיך חוצפּהדיק צעשרייען: „און דו, זשיד, האָסט מיר געמעגט קאַליע מאַכן מיין קאַ־טערינושקאַן? געמעגט?...״ ער, פּאַנדרע, וואָלט אויף אַזאַ גערעכטן כעס אויך נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן... נאָר דער דאָרפישער העלד טוט דאָס נישט. קיין מוט נישטאָ און קיין דערפינדערישקייט — אין געשווי־רענעם ווייסלעכן קאָפּ. נאָר איין בהמהשער שרעק פאַר זיך אַליין.

מאַכט צו אים פּאַנדרע אַ ביסעלע ווייכער:

— וועסט ווייטער שלאָגן קאַטערינושקאַן אין מיטן מאַרק?

— ניאַ בודו, ניאַ בודו! (כ׳וועל נישט מער!) — איילט זיך דאַנילאָ צו פאַרזיכערן אים.

— שאַנעווע דיין קאַטערינושקאַן! אַ ווייב דאַרף מען שאַנעווען!

— כ׳וועל שאַנעווען, כ׳וועל שאַנעווען!

פּאַנדרע ווישט זיך דעם שווייס פון שטערן און באַהאַלט דערביי זיין שמייכל אונטערן אַרבל. ווי אַ מלמד מיט „לאָקשן״ איבער אַ נאַקעטן לייב פון אַ ייִנגעלע, אַזוי קומט ער זיך אַליין פאַר: „אַ ייִנגעלע, אַ ייִנ־געלע, זאָל פאָלגן אַ מאַמען!...״ — „כ׳וועל פאָלגן, רבינקע, כ׳וועל פאָלגן...״, אַ ייִנגעלע זאָל נישט עסן קיין זויערע עפּלעך!״ — „כ׳וועל נישט עסן, רבינקע! ניין! ניין!...״ און אין אַ שעה אַרום, נאָך די שמיץ, טוט ער שוין ווייטער דאָס, וואָס מ׳טאָר נישט...

— סטופּאַי! — מאַכט פּאַנדרע צו דאַנילאָן.

און גיט באַלד צו שטילער און וואָגיקער:

— לויף! וואָרום איך ממית דיך גלייך אויף אַן אָרט!

דאַנילאָ גלויבט נישט זיינע אייגענע אויערן. ער קלעפּט אָפּ זיין ברייטן באַלעדערטן הינטן פון דער וואַנט, מאַכט איין טריטעלע און נאָך אַ טריטעלע און כאַפּט לויפן. די שווערע האַרמאָשקע האָצקעט זיך אים אַזש איבערן רוקן. צום טויער פון סטאַן לויפט ער. און ווי נאָר ער לויפט אַריין אין געמויערטן איינגאַנג, אַזוי דערפילט ער זיך אי זיכער־רער, אי כראַברער; און הויבט אויף אַ געוואַלד, אַז הימל עפן זיך:

— אובי־לי! קאַראַ־אָר־אול! (מען האָט מיך געהרגעט! גע־וואַ־אַלד!).

3

פון אונטערן געוועלבטן דורכגאַנג־טויער, וואָס שניידט דורך די גאַנצע געביידע פון סטאַן, הילכט די גויאישקע יללה, ווי פון אַ פּוסטער פאַס אַרויס.

— אַזאַ כלב! — הויבט פאַנדרע מיט די פּלייצעס — יאָ געבראָכן אַ ביין צי נישט — ער בילט!

ער דערמאָנט זיך ווי ער האָט אַ מאָל, אין די ייִנגל־יאָרן, אָנגעכאַפּט אַ געלן הונט פאַרן עק, דער הונט אַליין איז געשטאַנען אויף יענער זייט פּלאַנקן און האָט שפּילעוודיק דורכגעשפּאַרט דעם עק דורך אַ שפּאַלט. נו, האָט זיך אים, נחקען, אויך פאַרגלוסט אַ שפּיל צו טאָן... אַ היפּשע ווײַלע האָט ער דאַמאָלסט פעסט געהאַלטן דעם עק מיטביידע הענט. און די גאַנצע צייט האָט דער כלב געשוויגן, קיין פּיפּס נישט געטאָן. כאָטש ער, נחקע, אַליין האָט זיך פון דער זייט פּלאַנקן געקאַטשעט פאַר געלעכטער. סוף־כל־סוף איז אים נמאס געוואָרן אַזאַ שפּיל און ער האָט אָפּגעלאָזט דעם עק. און גלייך אויפן שטעל האָט דער הונט צעכראַבּרעט זיך און אויסגעשאָסן מיט אַ מוראדיקן הולטאַיסקען בילן. האַוו־האַוו־האַוו, מ׳האָט אים געקוילעט האָט מען אים! אַ שעה נאָכאַנ־אַנד האָט דאָס הינטישע האַרץ נישט געשטילט, פאַרגאַנגען זיך, פאַרקייכט זיך, פאַרקוויטשעט זיך... דעם אָפּקלאַנג פון יענעם סאָרט בילן האָט אַציַנד פאַנדרע דערהערט אין דאַנילאָס עטלעכע מאָל איבערגעחזרטן געוואַלד־געשריי:

— קאַראַ־אול!

ערשט איצט האָט זיך פּאַנדרע אַרומגעזען, אַז ער געפינט זיך אַזוי נאָענט צום סטאַן — דער קוואַל פון אַלע זיינע אומגליקן, דער נעסט פון אַלע צרות, זיינע און שטאַטישע. אַהערצו האָט אים דאָס דער טייערער פּריסטאַוול, מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק, געבראַכט צו פירן אַן אַרעסטירטן, אין מיטן דער אויסגעשנייטער נאַכט. פון דעם נייעם נגידס שריפה גלייך אַהער. און זינט דאַמאָלסט האָט ער מער קיין מנוחה נישט. קיין איינציקן רואיקן טאָג האָט ער נישט.

ער באַגרייפט אויך, אין דעם זעלבן אויגנבליק, פאַרוואָס דאַנילאָ האָט זיך דאָ אַזוי צעגוואַלדעוועט. ער איז דאָך ביי זיך אין דער היים, דער אויסגעדינטער ביטערער יון. פון דאַנען האָט מען אים מסתמא געגעבן אַ ווונק, אַז ער קען היינט פראַנק און פריי בויאַנעווען אין שטאָט מיט זיינע חברים זעלנער. קלאָגט ער זיך דאָ דערפאַר אַזוי הויך, אויף זיין אַריינפאַל, ווי יענער באַליידיקטער געלער הונט...

פּאַנדרעס איינגעלאָשענער כעס קאָכט ווידער אויף. ער האָט שוין בדעה אַ וואָרף צו טאָן זיך מיט דער האַלאַבאַליע גלייך אין טויער אַריין. אָבער אַ שענערער העכט ווי דאַנילאָ לויפט אים אַרויס אַקעגן.

אַ באַקאַנטער שווערער בראַזג מיט אַ טיר דערגרייכט צו פּאַנדרעס אויערן, און אויף דאַנילאָס באַנומענע קולות לויפט אַרויס פון טויער, פריער האַווריליאַ דער דעסיאַטניק, וועלכער האָט אים, פּאַנדרען, געהיט בשעתן לעצטן „דאָפּראָס” אין סטאַן. און נאָך אים —

פּאַנדרע גלויבט זיינע אייגענע אויגן נישט. צי האָבן זיך היינט, באמת, אַלע זיינע שונאים און פאַרפאָלגער צוזאַמענגערעדט צו לויפן, איינער נאָך איינעם, אונטער זיין האַלאַבאַליע? אפנים, אַז יאָ... ס'איז דער פּריסטאַוו בכבודו ובעצמו. ער אַליין!

אָן אַ שינעל איז דער פּריסטאַוו אַרויסגעלאָפן, אין בלויזן קאַרטוז מיט דער קאָקאַרדע אויפן קאָפּ און מיט דער שאַשקע אויפן גאַרטל. מיט דער רעכטער האַנט האַלט ער זי שוין ביים הענטל, גרייט אַרויסצוציען זי פון שייד. דאָס דאַרף דינען ווי אַ וואָרענונג. ס'הייסט: כ'וואָלט געוועזן אַ בעלן זען, ווער עס וועט אַצינד נישט מורא האָבן? סמירנאָ, שלימזלדיקע ציוויל־נפשות!

דערזען די פאַרדרייטע דראָטענע וואָנצעס, דעם האַרטן קוק פון אונטערן דאַשעק, צינדט זיך פּאַנדרע אָן ווי אַ פייער. ווי פּעטראָל אויף גליענדיקע קוילן ווירקט אויף אים דער באַפעלערישער טעמפּער קוק

פון אַדון. אָט ווער זיין אמתער שונא איז! זיין שונא איז דער שונא פון אַלע יידן פון שטאָט... און ער, פאַנדרע, האַלט זיך אין איין שלאָגן מיט דאָרפישע כאַמרולעס, מיט אָנגעריי̆צטע פויערן און נאַוואָבראַנצעס... עך! ער האָט שוין טיי ווי סיי נישט וואָס צו פאַרלירן.

גיט ער אַ וואָרף די האַלאַבליע פון פלייצע און צעלאָזט זיך אויפן פּריסטאַוו. מיט נאַקעטע הענט וויל ער אים אָננעמען. דאָס טרפהנע פלייש דערפילן אונטער די האַרטע פינגער.

דער „אדון" שטייט ווי געליימט. דער באַפעלערישער געשריי בלייבט אים שטעקן אין האַלדז. אינעם קוק און גאַנצן אויסזען פון זיין געוועזענע אַרעסטאַנט דערקענט ער, אויף וואָס ער איז איצט קאַפּאַבל. קיין שום עפּאָלעטן אין דער וועלט וועלן שוין איצטער נישט העלפן...

פאַנדרע בלייבט שטיין איין רגעלע, ווי אַ לעמפּערט איידער ער גיט אַ שפּרונג. פון זיין געזונטן פּנים איז געוואָרן איין אייזענע מאַסקע גרוי־האַרט און מיט ליפּן צעקרימט פון פאַרצווייפלונג און כעס. דאַנילאָ און דער דעסיאַטניק מאַכן אַ באַוועגונג צו באַשיצן דעם הערשער זייערן. נאָר פאַנדרע קוקט זיי אָן מיט זיין גרויען קוק און הויבט פאַוואָליע אויף אַ קולאַק. דאָס באַדייט: אויב איר גיט זיך איצטער איין ריר, חזירים, בלייבט פון אייך קיין שריד־ופליט נישט!... ד אָ ס, און די עזות פון אַ יידן צו שטעלן זיך אַזוי אַקעגן אַ פּריסטאַוו, ווירקט אויף זיי ביידן, ווי דער פייערדיקער בליק פון אַ רייס־חיה אויף שעפּסן. זיי בלייבן שטיין געפּלעפּט, אָן לשון מיט האַלב־אָפענע מיילער.

דעם פּריסטאַווס אויגן, שטענדיק האַרטע, ווי געקאָכטע אייער, און אָנגעבלאָזענע צעלויפן זיך. דאָס פּנים מיט די אויסגעדרייטע באַקנ־באַרדן, וואָס האָבן זיך שטענדיק פאַרמאָסטן מיט ניקאָלאַי דעם ערשטנס פּאָרטרעט אין שקלאָווער פּאַטשט, פאַרלירן זייער גאַנצע הערשערישע חשיבות. ער פילט אויך, אַז אָן דעם לאַנגן זילבער־גרויען שינעל, מיט די אויסגעשטאָפּטע גלייכע פּלייצעס, שטייט ער דאָ, אין געמויערטן טויער פון סטאַן, נאָך קלענער ווי ער איז, נאָך נעבעכדיקער אַקעגן אַזאַ כוח... נאָר ער פּרוווט זיך נאָך אַ כראַברע טאָן. מיט אַ טרייסלענדיקער האַנט ציט ער די שווערד פון שייד.

— קאַ־קאַ־קאַק טי סמעיעש! (ווי אַזוי דערוועגסטו זיך!) — אַזוי צעקאָקאַדאַקעט ער זיך, ווי אַלע מאָל, ווען ער באַשיצט זיין פּאָליצייאישן האָנאָר.

אַזאַ פאַרזאַאיקעטן „קאַ־קאַ־קאַק״ קען שוין אָבער פאַנדרע פון יענער שריפה אָן, ווען ער האָט דעם זעלבן „אדון״ נישט געלאָזן פּאַטשן דעם נייעם נגיד, און עס מאַכט אויף אים קיין שום רושם נישט.

— טאַק! — פאַרענטפערט ער דעם פריסטאַווס קשיא קורץ און האַרט, און כאַפּט אים אָן מיט דער אייזערנער לאַפּע פאַרן עלנבויגן. קוועטשט אַריין דעם גראָבן פינגער אין דער טרפהנער ביין. דער אדון טוט אַ קוויטש פאַר ווייטיק, די געצויגענע שווערד פאַלט אים אַרויס פון דער האַנט, און פאַנדרע טרעט אויף איר אָן, מיט זיין בלאָטיקן ברייטן שטיוול. דעם העכסטן צייכן פון הערשאַפט, אין יידישן שקלאַוו, צעטרעט ער, כאַפּט אָן דעם אדון מיט ביידע הענט פאַרן טונקל־בלויען אוניפאָרם, ביים סאַמע ברוסט, און טרייסלט. „טאַק, טאַק, טאַק!...״ כריפּעט ער אָפּגעהאַקט און ברומיק מיט פאַרשטשירעטע ציין און טרייסלט. ווי פון אַ סאַד־באַרנבוים, מיט איבערגעצייטיקטע פּירות, הויבן אָן צו שפּרינגען און פאַלן אַרום אים: באַגילדעטע קנעפּ, פּאַפּאַנעס, שנאַלן, שטיקער טאַשמעס. דער קאַרטוז מיט דער קאָקאַרדע פליט אַוועק, און די ליידיקע שייד פון דער שווערד באַמבלט זיך, ווי אַן איבערגעפאַרענער עק ביי אַ גרויסן הונט, פּאַטשט דעם אדון אין זייט. דער אַנטבלויזטער צעשוי־בערטער קאָפּ וואַרפט זיך נאָך פאָרנט און הינטן. די הויכע קני, אין די בלויע אַנגעצויגענע הויזן מיט די רויטע טאַשמעס, ברעכן זיך איבער די לאַקירטע שיינע „פלעשער״ פון די כאַליאַוועס. „האַוו־רילאַ!״ פּרוווט נאָך דער אדון רופן דעם דעסיאַטניקל זיינעם, ער זאָל אים באַשיצן. נאָר מער ווי אַ משונהדיקן „האַוו־וו, האַוו״ ברענגט ער נישט אַרויס. „וואַשע בלאַהאַראַדיע!.... באַזשאַ מאַי!״ (אייער הויכגעבורט! גאָט מיינער!) העלפט אים קרעכצן האַוורילאַ דער דעסיאַטניק און דרייט מיטן נישט־ניכטערן קאָפּ. ס׳הייסט: נאָר איין גאָט אין הימל קען דאָ העלפן אייער בלאַהאַראַדיע. איך בין דאָך נישט מער ווי אַ מענטש!...

פאַנדרעס צאָרן גייט אויס, ווי אַנגעזאַמלטע פאַרע. פּאַמעלעכער ווערט זיין טרייסלען, ביז ער שטעלט זיך אָפּ. מיט אַ פייפנדיקן אָטעם און מיט אַן אַראָפּגעהאָנגענער ליפּ בלייבט ער שטיין און דער דורכ־געטרייסלטער אדון גליטשט זיך אים אַרויס פון די הענט און פאַלט אַנידער, אַ האַלב־געחלשטער, אַ צוזאַמענגעבראָכענער, אויף דער ערד, לעבן דער פעסטונג פון זיין הערשאַפט אין שקלאַוו — לעבן טויער פון סטאַן. און פאַנדרע שטייט איינגעבויגן איבער אים מיט זיין גרויסן

צעהיצטן גוף, אָפּהענטיק, אַ ביסעלע פאַרשעמט, ווי זיין שטייגער איז נאָך אַ נישט־גלייכן געשלעג. ער איז אָנגעזעטיקט. אַרויס דער גאַנצער כעס. מער וויל ער זיין גרעסטן דם־שונא קיין שלעכטס נישט טאָן. און מיינען האָט ער פריער געמיינט, אַז ער וועט אים דאָ צערייסן אויף שטיקער, צעטרייבערן ווי טרפה־פליש אין יאַטקע. אים איז אַציינד געגוג, וואָס ער האָט דאָ דערזען דעם אדון אין זיין גאַנצער מענטשלעכער שוואַכקייט, אין אַזאַ פּחדנות. אַרויס פון אים דער גאַנצער הערשערישער האָנאָר, ווי לופט פון אַ פּענכער, אַ גוי ווי אַלע גויאים...

אַ שאַרפער, צוגעשטיקטער האַלדז־קולכל רייסט פאַנדרען אויף פון זיין אָפּהענטיקייט:

— יידן, אַנטלויפט!

ער קוקט זיך אום, — ערשט ס׳איז קאַוויצל דער שוסטער. משמעות ער האָט דאָ ערגעץ־ווו אונטערגעקוקט, אַ ציטערנדיקער און אַ נייגער־ריקער, און געזען אַלץ, וואָס פאַנדרע האָט דאָ אָפּגעטאָן. מילא, אויב טרייסלען זאָל זיין געטרייסלט... ווייבאַלד אָבער דער פּריסטאַוו איז אַני־דערגעפאַלן, האָט זיך שוין קאַוויצל דערשראָקן אויף טויט און געכאַפּט שפּרינגען מיט זיין קאַווילעכל, ווי אַ היישעריקל אויף דריי לאַפּקעס. האָץ־האָץ־האָץ! — צוריק צום באַלעגאַלישן צעך. אַזוי האָצקעט ער זיך גיך־גיך און וואָרנט אַלעמען קיינער זאָל זיך חס־ושלום נישט אַריינמישן אין אַזאַ מוראדיקער זאַך...

צו די געמויערטע און רייכסטע קראָמען אַרום סטאַן׳ צו די גוטע אייזערנע טירן טוליען זיך עטלעכע בכבודיקע קרעמער. יידן מיט בערד. זיי האָבן אויך געזען, וואָס דער באַלעגאָלע, דער געוועזענער אָסטראָזש־ניק, האָט דאָ אָפּגעטאָן מיטן האַר פון שטאָט, און האָבן מורא צו טאָן זיך אַ ריר. זיי האָבן מורא צו לויפן מ׳זאָל זיי אין עפּעס נישט חושד־זיין. ווייבאַלד דו לויפסט, איז דאָך עפּעס נישט גלאַטיק!... די פּנימער זייערע זענען מאָדנע בלאַס, ווי פאַרגעלבטע טינקע פון די געוועלבער אַרום סטאַן.

—

דערשפּירט פאַנדרע, אַז דער לעצטער האַלט איז אַוועק. ער האָט דאָ מער נישט וואָס צו טאָן און וואָס צו האָפן. די ערד ברענט אונטער די פיס. אַ מינוט אָן איבעריקע טאָר מען דאָ נישט בלייבן. אָט די אַלע, וועמען ער האָט דאָ היינט באַשיצט, וועלן זיין עדות, אַז ס׳וועט האַלטן דערביי... אַפילו אַ קוש געבן מערען זיין ווייב איז מער קיין צייט נישטאָ...

גיט ער אַ שטויס דעם פּריסטאַווס שאַשקע מיטן אַפּצאַס. ס׳איז דער לעצטער צייכן פון פאַנדרעס שנאה קעגן יעדער ממשלה איבער אים, טאַפּט אָן דאָס איינגעגייטע געלט אין דעם אונטערשלאַק פון דער צע־פליקטער פּאַדיאַווקע — שעפּטעלע דעם גנבס געלט, און לאָזט זיך לויפן איבערן, מיט אַ מאָל שטיל געוואָרענעם מאַרק, צוריק, צוריק צו זיין האַלב־אויסגעשפּאַנטן פערדל.

4

ביים צעך שטייט שוין אַ טייל פון דער צוריקגעקומענער יידישער גוואַרדיע, און זייערע פאַרבונדענע קעפּ זענען צוזאַמענגעטוליעט אין איין רעדל. קאַוויצל דער שוסטער שטייט אין רעכטן מיטן, מאַכט מיט די הענט און מיט זיין קאַווילעכל און דערציילט. ער דערציילט עפּעס זייער היציק און דאָס רעדל הודזשעט.

ווי נאָר זיי דערזעען, אַז פאַנדרע לויפט צום צעך, ווערן זיי אַלע שטיל. און קאַוויצל באַהאַלט זיך הינטער זייערע פּלייצעס.

אָן התפּעלות נעמען זיי פאַנדרען אויף, אָן אויסרופן פון אַ באַלע־גאַלישן „יישר־כוח״, נאָך אַזעלכע גבורות און ישועות... מיט פאַרלעגענע הוסטלעך באַגעגנט מען אים. מיט איבערשטעלן זיך פון איין פוס אויף דעם אַנדערן, מיט אויגן פול פּאַרטאַיעטן שרעק שטעכן אים אַלע דורך, ביז ליפּע דעם „פאַרעווענס״ נעמט זיך אָן מיט כוח און שאָקלט צו אים פאַרדראָסיק מיטן קאָפּ:

— נו... זע גה׳ וואָס האָסטו געטאָן?

— איך? — גיט פאַנדרען אַ טיאַכקע אין האַרצן פון ליפּעס לשון. ער בלייבט שטיין און זיינע גרויע אויגן לויפן איבער פון איין צעך־חבר צום צווייטן. אָבער אַלעמענס אויגן זענען פרעמד. נישטאָ אַפילו אין זיי די שמחה פון אָפּגעשלאָגענעם פּאַגראָם. אייניקע קערן אָפּ דעם קאָפּ, קענען פאַנדרען גלייך אין פּנים נישט קוקן.

— דעם „אדון״, וואָס האָסטו געטאָן? — פאַרטייטשט ליפּע — פרעגסט נאָך?

און שליאָמע, דער טאַטע זיינער, העלפט אים אונטער:

— דו ווייסט מיט וואָס דאָס שמעקט?

— אַ ביסל געטרייסלט אים... — פּרוּווט פֿאַנדרע אַ שמייכל טאָן — ער וועט גאַנץ זיין...

נאָר אָנשטאָט אַ שמייכל קומט ביי אים אַרויס אַ צעקרימטע העויה, ווי פֿון ציין־ווייטיק.

עס ווערט אַ הודזשעריי פֿון אַלע קצבישע און באַלעגאַלישע גיבורים און פּאָשזאַרניקעס. אייניקע שטעלן זיך פּאַר פֿאַנדרען יאָ איין, נאָר די מערהייט איז קעגן אים. די טענות ווערן העכער, זיכערער, צאָרנ־דיקער:

— ווייטער דעם פּריסטאַוו!

— דאַכט זיך ער ווייסט שוין!

— אומגליקלעך האָט ער אונדז געמאַכט.

— דעם קאָפּ אַראָפּגענומען...

— איך — אייך? — מישט זיך פֿאַנדרע אַריין. זיין גאָמבע איז אויס־געצויין, די אויגן בלאַנדזשען.

— ווער דען? — קרימט מען אים איבער — דער רב פֿון „סטאַריי־שטשאָוו״?

— אַז מ׳שלאָגט, דאַרף מען קוקן, דאַרף מען...

— געכאַפּט־געקלאַפּט!... אַ בער אין פּליודערן!

פֿאַנדרעס פּנים גיסט זיך אָן מיט בלוט. ער גיט אַ גיי אויף זיי אַלעמען און לייגט צוזאַמעןביידע הענט:

— טו נעמט און בינדט מיך!... איר! נאַ, נעמט!

אויף אַזאַ זאַך האָט זיך קיינער נישט געריכט. מען רוקט זיך פֿון פֿאַנדרען אָפּ, מען קוקט אים אָן ווי אַ „געררירטן״. מען שושקעט זיך איבער.

פֿאַנדרע לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און שאָקלט אים צו אויף זיינע גע־וועזענע חברים, אויף זיך אַליין — עך! ער זעט שוין ווו ער האַלט אין דער וועלט. ווער־ווער, נאָר ער אַליין איז שוין געוויס אַ פֿאַר־לוירענער.

מיט מאַטע אויגן זוכט ער אָפּ זיין האַלב־אויסגעשפּאַנטן פֿערדל מיט איין האָלאָבליע. די צווייטע וואַלגערט זיך, אַ פֿאַרבלוטיקטע, ערגעץ־ווו אין מאַרק לעבן סטאַן... ער גייט צו, רייסט אָפּ די צווייטע האָלאָבליע, און כאַפּט זיך אַרויף אויף זיין באַפּרייטן פֿערדל. אָן אַ זאָטל, אַזוי ווי ער שטייט און גייט. די פֿאַרפֿלאָנטערטע לייצעס נעמט ער אָן אין איין

האַנט, האַלב אַלס אַ צוימל און האַלב אַלס אַ בייטש. אַנקוקנדיק אַזוי, פון פּערדס רוקן, דעם עולם ביים צעך, ברומט ער טרויעריק אַראָפּ:

— נו, ברידער! מער וועל איך אייך שוין נישט אומגליקלעך מאַכן! כ'נעם אַלץ אויף זיך!... זאָגט אַלע עדות. הכלל, איין פּאַנדרע! מער קיינער נישט... גוט?

ער הויבט אויף די האַלבע לייצע, וועלנדיק אַ שמיץ טאָן, און האַלט זיך אָפּ — :

— פּאַר אייער פערדל, וואָס איז נאָך נישט אויסגעצאָלט... פּאַר אָט דעם אָ, זאָרגט זיך נישט!... ר' שליאָמע! עס איז נאָך דאָ אַ שטוב גע־בליבן נאָך ר' סענדערן... מערע וועט אָפּצאָלן... די לעצטע קישן וועט זי פאַרקויפן...

אַרויסרעדנדיק מערעס נאָמען ווערט ער בלאַס ווי קרייד, די אונ־טערשטע ליפּ, די גאָמבע מיט דער האַרטער גריבעלע, הויבן אָן צו שפּרינגען:

— און מערען זאָגט... זאָגט איר מיין מערען... אַז, אַז... אַך, וואָס איז נאָך דאָ וואָס צו זאָגן?...

די האַלבע לייצע אין זיין האַנט צעוויגט זיך אויף רעכטס און לינקס, ווי אַ וואָגיקער לאַנגער קאַנטשוק. פון רעכטס נאָך לינקס און פון לינקס נאָך רעכטס, אין איין האַלבן בויגן, צעיאָגט זיך די לייצע. מיט די לאַנגע שטיוול כאַפּט פּאַנדרע געניט אַרום די שוואַרצע קיילעכדיקע באָקעס פון פערד און צעקיצלט זיי מיט די אָנגעפּאָדקאָוועטע אָפּצאָסן. דער פערד גיט זיך אַ ריס פון אָרט, צעהירזשעט זיך פון דער נישט־געוויינלעכער משא און פון ווייטיק און געקיצל איןביידע זייטן. ער פּרוווט זיך שטעלן אויף די הינטערשטע קאָפּיטעס. ער איז געוווינט צו שלעפּן וועגענער, אָבער נישט אַזעלכע מיני רייטער אויפן נאַקעטן רוקן. אָבער פּאַנדרע גיט זיך אַ כאַפּ אָן פּאַר דער שוואַרצער גריווע און אַ ברעך אַראָפּ דעם לאַנגן אויפגעשטעלטן האַלדז. דאָס דרינגט אַריין אינעם פערדס לייב ווי אַן אזהרה: „אויב דו פּאָלגסט נישט, נעמסטו איין אַ כפּרה דאָ אויפן אָרט!...".

און דער ווידערשפּעניקער סוס באַגרייפט פּלוצלונג, אַז דאָ גייט אין לעבן, אין ביידנס לעבן... צעלאָזט ער זיך אין ווילדן גאַלאָפּ, ווי אַ צאַפּ פון אַ באַרג־אַראָפּ. לייכט, לייכט גאַלאָפּירט ער מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלדז. און פּאַנדרע ליגט איבער אים טיף איינגעבויגן און פּאַכעט מיט

דער לייצע און קנאַקט מיט איר, און בשעת־מעשה מונטערט ער דעם צעזאָדענעם פערדל און בעט זיך ביי אים:

— ניאָ, ניאָ, טייערינקער! היפּ, היפּ, היפּ!

ווי אַ געבעט קלינגט דאָס אין טומל פון גאַלאָפּ: טראָג מיך אַרויס פון געפאַר! טראָג מיך אַוועק, ווייט, ווייט! ווייטער פון די שקלאָווער הייזער, פון מוסרים, פון פּחדנים, פון אַלע אומגליקן מיינע...

אַצינד האָבן זיך מענטש און פערד פאַרשטענדיקט. צוזאַמענגעגאָסן האָבן זיי זיך, צוזאַמענגעוואַקסן, ווי אַ קענטאַור אין די בבא־מעשיות... געוואָרן איין בלוט און פלייש אין דעם אימפּעט פון אַנטלויפן. איין האַרץ.

דער גרינער שפּיץ פון דער קאַלטער שול האָט אַ שימער געטאָן לינקס הינטער געדטנער. און באַלד האָבן פאַרבייגעטאַנצט די לעצטע שורות הייזער פון שטאָט און די אָרשער ברעמלעך האָבן זיך אַנטפּלעקט. און נישט ווייט, הינטער אַ פלעקענער צוים, די פאַרשלאָסענע שטוב מיט די גרינע לאָדן, וווּ די אַבלאַווע איז געווען... דער טומל פון פּאַגראָם און פון דער זעלבסטשוץ האָבן דאָ, אין עק שטאָט, צו קיינעם נישט דערגרייכט, קיינעם נישט אַנגערירט. נאָר די לאָדנס זענען, פונדעסטוועגן, אומעטום פאַרהאַקט פאַר פּחד...

דערהערט אַזאַ ווילדן גאַלאָפּירן, מיט אַזאַ הירזשען, מיט אַזאַ „היפּ־היפּ", האָבן זיך עטלעכע פענצטער פאַוואָליע אויפגעריסן, צעשראָקענע קעפּ האָבן זיך אַרויסגערוקט: ווער רייט דאָס אַזוי האַסטיק? אַ פיינט צי אַ פריינד? אַ גוטע בשורה ברענגט ער צי אַ שלעכטע?... האָבן זיי אָבער נאָר דערזען פאַרביילויפן אַ שוואַרצן פערד. קאָפּ און ליטקעס באַדעקט מיט ווייסע מולינעס. און אַ רייטער אָן אַ זאָטל — האַלב־ליגנדיק איבער אים, ווי אַ שיכורער צי ווי אַ פאַרוווּנדעטער.

ווי לאַנג קען דאָס אַ פערד אויסהאַלטן אַזאַ גאַלאָפּ? און ווי ווייט קען ער דאָס זיין שיכורן רייטער פאַרטראָגן?

אַפּנים אַז ווייט. גאָט האָט געהאָלפן... וואָרום נח פאַנדרען האָט מען מער אין ערגעץ נישט געזען. נישט אין שטאָט, נישט אויפן שליאַך קיין אָרשע, נישט אין אָרשע גופא. אומזיסט האָט מערע אויסגעקוקט די פאַרוויינטע אויגן אויף אים, געוואַרט אין טאַטנס שטוב מיט די אויס־געבראָכענע פענצטער. געלאָפן אין מאַרק... נח, איר מאַן, איז נישט געקומען צום אָנבייסן אין יענעם טאָג, אַזוי ווי ער האָט איר ראַנעטשקע צוגעזאָגט. ער איז נישט געקומען צו וועטשערע. אויף מאָרגן איז ער אויך

נישט געקומען. נישטאָ פאַנדרע, פאַרפאַלן געוואָרן פאַנדרע, און גערעדט האָט מען פון אים אין יידישע הייזער מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, שעפּטשענדיק, אַרומקוקנדיק זיך, צי קיינער הערט נישט. איין חיה־שרהקע די משוגענע האָט הויך אויפן קול באַזונגען זיינע לעצטע גבורות. פריילעך און האָפּערדיק האָט זי געצויגן איר העראָאישן געזאַנגעלע, פון די אָרשער ברעמלעך ביזקל „אונטערבאַרג״ — ביי דער גרויסער מיל, און פון דניעפּער ביזקל דער אָזערע. עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, נאָך פאַנדרעס פאַרשווינדן, האָט חיה־שרהקע געזונגען אונטער אַלעמענס פענצטער, אַזוי צו זאָגן:

ניטשיינע האָב איך אַ קוק געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ!
אויס פּריזיוניקעס און גויאים —
דאָ, טאַקע דאָ.
פאַנדרע זעצט מיט דער האָלאָבליע —
איכאַ, איכאַ־כאַ!
פאַנדרע טרייסלט אויס דעם פּריסטאַוו
דאָ. אויכעט דאָ!
נאָך די קנעפּ מיט די „פּאָלעטן״
איכאַ, איכאַ־כאַ!

אַ נ ט וו ע ר פּ ע ן
(עפּילאָג)

.1

אין דער צייט פון די לעצטע געשעענישן אין שקלאָוו, ווען פון יענעם געגנט האָבן גענומען לויפן די ערשטע פּאָליטישע עמיגראַנטן, איז נאָך די חברה „עזרה" אין אַנטווערפּען געווען גאָר אַ יונגע חברה: געגרינדעט, אין גאַנצן, מיט אַ יאָר אַנדערטהאַלבן צוריק (אין דעצעמבער 1903). אָבער די ווענט פון איר עמיגראַנטן־הויז האָבן שוין פּאָספּעיעט דורכגענומען צו ווערן מיטן ריח פון געהאַקטע לעבערלעך, טשאָלנט און געפּאַרעטן טיי. אַזוי איז די בריק, צווישן דער אַלטער און נייער היים, נישט געווען צו פרעמד. און אַ היימישקייט האָט באַגלייט דעם עמי־גראַנט ביזקל דער שיף.

אייניקע פון די, וואָס האָבן „עזרה" געגרינדעט, זענען געווען אַמאָ־ליקע שקלאָווער חדר־ייִנגלעך, וועלכע זענען, נאָך דער חתונה, „אַוועק אין דימענטן" און באַזעצט זיך נאָענט צו די בעלגישע שלייפערייען. ס'איז דעמאָלט געווען די צייט פון אויפבליאונג אינעם דימענטן־האַנדל. אַנטווערפּען האָט גענומען קאָנקורירן מיט אַמסטערדאַם. און נישט קיין קליינעם טייל האָבן אין דעם געהאַט ייִדן פון שקלאָווער אָפּשטאַמונג. זיי האָבן רייך געמאַכט דאָס לאַנד, אַליין רייך געוואָרן. און פונדעסטוועגן געבליבן טריי זייער אַלטער היים, דעם שטעטל פון זייערע חדר־יאָרן.

דער געטרייסטער פון זיי איז ר' נתן קאַרלינער — אַ קליין־וווּקסי־קער און לעבעדיקער ייִד אין די פופציקער, מיט גאָלדענע ברילן איבער די לאַכעדיקע אויגן און מיט זילבערנע האָר־שפּרענקלעך אין דעם קיי־לעכדיקן שוואַרצן בערדל. שטענדיק יום־טובדיק אָנגעטאָן, שטענדיק אויפ־געלייגט. דערטאַפּט ער אַ שקלאָווער צווישן די עמיגראַנטן — אַזוי דער־

פרייט ער זיך מיט אים, ווי מיט אַ טאַטן: פאַרבעט אים צו זיך אַהיים, שטעלט כיבוד, פרעגט אים פאַנאַנדער, סטאַרעט זיך פאַר אים. מיט ז י י ן השתדלות איז דאָס פון דער קיך אין „עזרה" געוואָרן אַ מין קלוב פאַר אַנטלאָפענע און נע־וגדניקעס. דאָ באַגעגנט מען זיך צווישן איין מאָלצייט און צווייטן, דאָ שמועסט מען זיך דורך, דאָ מאַכט מען פּלענער ווי בעסער אויסצוואַנדערן.

אויך היינט איז דאָ נאָך, אייגנטלעך, ווייט צו וואַרמעס. אויף די בלוי־געקעסטלטע טישטוכלעך זעט מען נאָך אַפילו נישט קיין סימן פון די פאַפּירענע סערוועטקעס, פון די ציגענע גאָפּל־מעסער, פון די זאַלץ־מעסטלעך. אין אַ ווינקל ביי אַ טישל זיצן שוין פיר עמיגראַנטן און שמו־עסן. דריי מאַנסביל און איין ווייבל.

הינטער דעם אַראָפּגעלאָזענעם פענצטערל צו דער קיך הערט זיך אַ פּרעגלען און אַ האַקן און אַ זידן. פון די אָפענע פענצטער, צום ציגל־רויטן הויף, בלאָזט אַ וואַרעמער וויעסנע־ווינטל דורכגענומען מיט זאַלץ פון נישט ווייטן ים. ער שפּילט מיט די פאַרהענגלעך און זאָגט אָן אַלע פאַרוואָגלטע פון דער היים, אַז זייער אויסלייזונג איז נאָענט... אָבער אונדזערע פאַרשוינען קוקן זיך אויף גאָרנישט נישט אום. קאָפּ צו קאָפּ האָבן זיי צונויפגעבויגן און אַריינגעטאָן זיך אין שמועס. זשעדנע שפּיצן זיך די אויערן און עס ברענען די אויגן.

באַקאַנטע פּנימער... נישט אויף אַזוי פיל האָבן זיי אָפּגעבליאַקעוועט אין דער פרעמד מיר זאָלן זיי נישט דערקענען. דאָס זענען פאַנדרע, מערע זיין ווייב, האַצע דער הינקענדיקער און שעפּטעלע גנב.

פאַנדרעס שטענדיק האַרטע, ווי מיט אייזן אָנגעגאָסענע באַקן, זענען ווייכער געוואָרן. די אויגן — גרעסער און קלאָרער. אויסגעבענקטע און אומרואיקע האָבן זיי זיך איינגעגעסן אין מערעס פּנים און קענען זיך נישט זאַט אָנקוקן. מערע איז מאָגער און בלאַס, מיט בלויע קרוהעס אונטער די אויגן, ווי נאָך דער חתונה. און ווי אין איר חתונה איז זי היינט אָנגעטאָן אין איר בעסטן קלייד פון ציץ מיט רויט־בלויע, קווייטלעך, מיט דער טערקישער פאַטשיילע אויף די פּלייצעס. אַ שטראַלונג גייט פון איר פּנים און פון איר קלייד. מיט חנעוודיקער מידקייט ווייעט פון איר אויף אַלע דריי מאַנסביל, ווי פון אַ יונגער מוטער נאָך אַ שווערן קימפּעט, ווען זי קוקט אָן איר ניי־געבוירענע... דער ניי־געבוירענער, פאַר־לוירענער, פון דאָס ניי געפונענער — איז נח איר מאַן. נאָך גאַנצע זעקס

הדשים, זינט ער איז אַנטלאָפן, האָט זי זיך ערשט נעכטן דערקליבן צו אים. זי מיט אירע לעצטע בעבעכעס.

שעפּטעלע גנב שיינט. אויסגעפּוצט איז ער אין עסיק און אין האָניק. אין אַ גרויען שיינעם גאַרניטער, אין לאַק־שיכלעך. אַ האַרטער קאַפּעליושל באַשאָטנט זיינע לעבעדיקע אויגעלעך. אַ בלימעלע אין לאַץ. צי חתנט ער זיך נישט שעפּטעלע ?...

פראָסט און פּשוט, אין זיין אָפּגעטראָגענעם רעקל און אין זיין שוואַרצער רוסישער העמדל, איז אָנגעטאָן איין חאַצע דער הינקענדיקער. אַזוי ווי אין שקלאָוו, אַזוי דאָ. נאָר זיין קוליע האָט ער דאָ איבערגעביטן אויף אַ נייער, שענערער און לייכטערער, מיט אַ גומענעם שפּיץ. דאָס איז דאָס איינציקע שטיקל לוקסוס, וואָס ער האָט זיך פאַרגונען אין אויס־לאַנד. שפּילט ער זיך מיט איר אַפילו ביים שמועסן. האָט פון איר, קענטיק, הנאה, נישט ווייניקער ווי שעפּטעלע פון זיינע נייע בגדים.

די הויפּט־דערציילערין איז מערע. זי רעדט און אַלע דריי מאַנסביל האָרכן. די נייגעריקייט איז גרויס, די שלייפן פאַרשוויצט. זעלטן ווען איינער פון זיי שטעלט אַריין אַ וואָרט און פרעגט איבער. אַזוי פאַרכאַפּט זענען זיי אַלע פון שקלאָווער נייעסן, וואָס די אורחטע האָט געבראַכט. נישט ווייניקער איז צעהיצט די פאַרציילערין גופא. רויטע פלעקן שיסן איר אויף אין די אָפּגעמאָגערטע באַקן.

זי דערציילט, ווי אַזוי זי האָט בשעתן אָנהויב פון פּאָגראָם דערזען פון פענצטערל מיקיטאַס איידעם מיט דער האַרמאָשקע; און נאָך אים — אַ כאָפּטע שיכורע זעלנער. אויפן טאַטנס הויז האָט דאַנילאָ אָנגעוויזן און עפּעס געשריען. מיאוסע ווערטער אַזאַלכענע... מיט נסים האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט דורך דעם טירל פון שטאַל אין גאָרטן. און צווישן די צוימען אַנטלאָפן באַהאַלטן זיך צו ירוחם־וואָלף דעם בעקער. דערנאָך — אין ליובאַוויטשער בית־מדרש. דורך די טראָסטינעס ביים ברעג אָזערע, ביז די קני אין זומפּ, האָט זי געמוזט גיין, כדי די יונים זאָלן זי נישט דערזען... אין בית־מדרש איז זי פאַרקראָכן אין אַ לאָך לעבן באַלנמער, צווישן אַלטע פּאַפּוסעס, געלעגן שעהן־לאַנג ביז מנחה־צייט. שיעור נישט דערשטיקט געוואָרן פון שטויב און טוכלעקייט. געהערט ווי מייז טאַנצן אַרום איר אַרום און מורא געהאַט אַ ריר צו טאָן זיך. פאַרנאַכט ערשט איז געקומען צו לויפן ירוחם־וואָלף דער שכן מיט אַ פאַרבונדענעם צעבלוטיקטן קאָפּ און געהאָלפן איר אַרויסקריכן

פון לאָך. ער איז געווען אַזוי צעטומלט, דער בעקער, אַז איין וואָרט האָט זיך ביי אים נישט געקלעפּט צום צווייטן. ערשט שפּעטער, אַז זי איז אַרויס אין גאַס, האָט זי זיך דערוווּסט, וואָס אין מאַרק האָט זיך אָפּגעשפּילט, וואָס איר נח האָט אָפּגעאַרבעט מיט דער האָלאָבליע, און ווי אַזוי ער איז אַנטלאָפן. זי האָט נאָך אָבער גלייך אויפן אָרט נישט פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט, און אַלץ געוואַרט, אַז נח זאָל קומען צוריק. אָנשטאָט אים, איז צומאָרגנס אָנגעקומען די גאַנצע שקלאָווער פּאָליציע: דער פּריסטאַוו, דער אוריאַדניק,ביידע דעסיאַטניקעס. דער מאָהליווער זשאַנדאַרניק, אָט די טרפהנע ביין, איז אויך געקומען. ער האָט זיך נאָך אַ מאָל אַרומגעבונדן דעם פון דאָס ניי צעבלוטיקטן פּרצוף און געפּאָנפּעט פון אונטער דער בינדע. אַ מורא געווען צו קוקן אויף אים. זיי אַלע האָבן איבערגעקערט אַלע גאַנץ־געבליבענע בענקלעך, די בעטן. דעם אַלמער אָפּגערוקט. גענישטערט צווישן דער מאַמעס תחינות, געזוכט אין שטאַל און אויפן בוידעם. דערנאָך געשריען אויף איר און געסטראַשעט. זי, מערע, מוז אויסזאָגן גלייך אויפן אָרט, ווו דער מאַן אירער, דער אָסטראָזשניק, האָט זיך באַהאַלטן, וווהין ער איז אַנטלאָפן. זי ווייסט. זי מוז וויסן... וואָס־זשע האָט זי געהאַט וואָס

צו ענטפערן? האָט זי געוויינט.

דריי טעג נאָכאַנאַנד איז געשטאַנען אַ דעסיאַטניק ביי דעם טאַטנס שטוב און געהיט. דאָס קומט זיך ספּראַווען דער אוריאַדניק. דאָס — דער מיאוסער זשאַנדאַר מיט דער באַק. ערשט דעמאָלט האָט זי פאַרשטאַנען, פון וואָס פאַר אַ געפאַר איר נח איז אַוועק, און זי האָט גאָט געדאַנקט וואָס ער האָט זיך באַהאַלטן.

און דאָ קומט פּלוצלונג אָן אַ ידיעה, אַז צווישן די קוסטעס, ביי דאַברייקער באַרג, האָט מען געפונען אַ דערשאָסענעם גוי. דער פּריסטאַוו איז ווייטער דאָ: „ווו איז דיין מאַן?״ קלאַפּט ער מיטן שווערד אין טיש. „מען ווייסט, אַז פאַרטאָג איז ער אַרויסגעפאָרן צום מאָהליווער שליאַך, ווייסט מען. ווער־מען האָט ער געפירט? וווהין געפירט?״ חושך איז מיר געוואָרן אין די אויגן. אין גאַנץ שטאָט איז געווען חושך: עפּעס אַ נייער בלבול פונעם המון!... אָבער באַלד האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דער דערשאָסענער גוי איז אַ רוצח, אַ קאַטאָרזשניק, וואָס איז שוין נישט איינמאָל געווען פאַרמשפּט אויף „סימביר״. און אַרויסגעלאָזט האָט מען אים פון מאָהליווער אָסטראָג שדים ווייסן צוליב וואָס... פאַר אַזאַ קומט

נישט קיין שטראָף. איז געוואָרן שטיל. דער פּריסטאַוו אַליין האָט פּלוצלונג געמאַכט אַ שוויַיג. שטום געוואָרן...

אָבער אָט די אַלע רשעות זײַנע, זײַן סטאַרען זיך ביי נאַטשאַלסטוואָ האָבן אים שוין מער נישט געהאָלפן. די חרפּה זײַנע איז געווען גרויס. אַז מ׳האָט אים בשעתן פּאָגראָם געטרייסלט ווי אַ לולב, אָפּגעריסן אים די קנעפּ און „פּאָלעטען״, און ער האָט אפילו קיין מוט נישט געהאַט צו שטעלן זיך אַקעגן — איז דערגאַנגען ווו מען באַדאַרף. מ׳איז מיט אים אויך אין מאהליוו נישט געווען צופרידן וואָס קיין זאַך האָט זיך אים אין שקלאָוו נישט איינגעגעבן. נישט די אַבלאַווע ביי די אָרשער ברעמלעך, נישט דער פּאָגראָם אין מאַרק. אַ סך טומל האָט ער נאָר אָנגעמאַכט. האָט מען אים שטילערהייט אַראָפּגעזעצט פון בענקל. איין מאָל כאַפּט זיך אויף שקלאָוו און דערזעט, אַז זי האָט שוין אַ שפּאָגל־ניַיעם פּריסטאַוו, אַ דיקן און אַ געלאַסענעם מיט פעטע אויגעלעך. מען רעדט שוין אַפילו דערפון, אַז יאַשקע דער שערער איז מיטן נייעם אדון געוואָרן „פּאַני בראַט״, פאַרבעטן אים אויף געפילטע פיש מיט פּסחדיקן ספּירעט, האָפּט מען דאָרטן אַצינד, אַז מיט דער צייט וועט מען מיטן אדון דורכ־קומען.

לייגט איבער האַצע דער הינקעדיקער זײַן צאַצקעדיקע קוליע פון איין האַנט אין דער צווייטער:

— יע... האָט מען גאָר יידן נישט געטשעפּעט פאַר די קלעפּ וואָס זיי האָבן געגעבן?

— און נאָך אַ מין טשעפּען! — שאָקלט מערע מיטן קאָפּ פון אַקסל צו אַקסל — באַלד נאָכן פּאָגראָם האָט מען געווען אַרעסטירט עטלעכע יידן פון צעך, פון יאַטקע און גלאַט אַזוי יידן, קרעמער פון מאַרק. הילקע קוקע איז „געזעסן״, יוסף פּאַטשאַליק, געטשע דער נאַסקע־טרעגער, חאַצקעלע קנאַק; אַבראַשע דעם קצבס ביידע בנים. אַפילו שליאָמע דעם פאַרעווען און ר׳ ישראל כאַדאַק, אַזעלכע צוויי אַלטע לייט, האָט מען אויך געשלעפּט צום דאָפּראָס טאָג־איין טאָג־אויס. געוואָלט זיי אַלעמען מאַכן מאָט, זיי זאָלן זיך מודה זיין, נישט מער און נישט ווייניקער, אַז זיי, הייסט דאָס, האָבן אָנגעהויבן. זיי, הייסט דאָס, זיינען באַפאַלן די זעלנער נעבעך, צעקאַליעטשעט נאָוואָבראַנצעס מיט אייזנס. הכלל, אַז יידן אַליין האָבן געמאַכט אויף זיך אַ פּאָגראָם... האָבן אָבער אַלע באַ־שולדיקטע געהאַט איין תירוץ. גאָט אַליין האָט זיי צוגעשיקט... אַלע אין

איין קול האָבן געטענהט, אַז זיי אַליין זיינען גאָט די נשמה שולדיק. נישט זיי, נאָר נח דער באַלעגאָלע, מ י י ן נח!... ער מיט דער האַלאַבאַליע! אַלץ ער!...

געהאָלפן אַ סך האָבן שטאָטישע גויאים אויך. מיט אַ בייזן מיין, צי אָן אַ בייזן מיין, אָבער אַ סך פון זיי האָבן עדות געזאָגט, אַז לכתחילה האָבן די מאָהליוער סאָלדאַטן און די נאָוואָבראַנצעס אין מאַרק פאַרטריבן אַלע יידן ביזקל סאַמע צעך, פאַרוואָרפן זיי מיט ציגל און צעבלוטיקט מיט די שנאָלן. נאָר דאָ איז אָנגעפאַרן נח, אָפּגעבראָכן אַ האַלאַבאַליע פון אייגענעם וואָגן און גענומען קאָסען. ערשט דאָ האָבן זיך די זשידעס צעכראַבערעט.

אַפילו דער מאָהליווער אַדוואָקאַט אַליין, וואָס מ'האָט געדונגען, האָט אַן עצה געגעבן צו וואַרפן אַלץ אויף נחן... ער איז דאָך סיי ווי סיי אַנטלאָפן, איז שוין נישטאָ וואָס אָנצוווערן. האָט מען זיי נאָך אַ צייט אַרומגע־שלעפט, די באַלעגאָלעס און קצבים, פון סטאַן צום פּראָקוראָר, און פון פּראָקוראָר צום סטאַן און מ'האָט זיי אַרויסגעלאָזן אויף דער פריי.

.2

און נאָך האָט מערע דערציילט, ווי ביטער עס איז איר געווען צו בלייבן איינינקע אַליין אין דער פוסטער שטוב מיט די צעבראָכענע פענצטער. ווי אַ פיש אָן אייז האָט זי זיך געשלאָגן מיט חיונה. מיט צען אויגן האָט מען פון דער פּאָליציי נאָכגעקוקט יעדן טריט אירן. געוואָלט איבערכאַפּן אַ בריוו פון מאַן. אַלץ געמיינט, אַז ער באַהאַלט זיך ערגעץ־ווו אין לאַנד. און נאָך ביטערער איז איר אָנגעקומען צו פאַרקויפן דעם טאַטנס הויז. וואָרום נאָכן פּאָגראָם האָבן זיך אַ סך יידן אין שקלאָוו גענומען רייסן קיין אַמעריקע. אַ סך הייזער זיינען געשטאַנען צום פאַרקויפן, און קיין סך בעלנים זענען נישט געווען. סוף כל סוף האָט זיך צעך אָנגענומען פאַר איר. ווי נאָר ס'איז שטילער געוואָרן מיטן בלבול, אַז יידן זענען באַפּאַלן סאָלדאַטן... ליפּע דעם „פאַרעוועגס" האָט זיך אָפּגעטיילט פון זיין טאַטן דעם „פאַרעוון", אָפּגעקויפט איר שטוב פאַר זיך און אָפּגערעכנט פערציק זילבערנע רובל פאַרן פערדל, אויף וועלכן נח איז אַנטלאָפן און נישט פּאַספּעיעט אויסצוצאָלן אין גאַנצן.

מיטן לעצטן פעקל איז זי אַליין אַנטלאָפן פון שקלאָוו ביינאַכט —

אַזוי האָט מען איר אָן עצה געגעבן. און געשוואַרצט דעם גרענעץ האָט זי אויף אומוועגן, לעבן פּאַדוואָלאָטשיסק, כדי פּאַרווישן יעדן סליאַד. וואָרום זי איז די גאַנצע צייט געווען „פּאָד נאַדזאָר" (אונטער אויפזיכט) און נישט געטאָרט פאַרלאָזן די שטאָט אָן אַ דערלויבעניש פון סטאַן. געבליבן איז איר פון דער גאַנצער שטוב נאָר קנאַפּע צוויי הונדערט קאַרבן. וועט דאָס גענוג זיין צו דערקלייבן זיך ביז אַמעריקע? צוויי פאַרשוין... און לעבן די ערשטע צייט דאַרף מען דאָך אויך...

— עס וועט שוין גענוג זיין! — מאַכט שעפּטעלע און גיט אַ ווונק מיט די ממזרשע אויגן פון אונטערן האַרטן קאַפּעליושל.

דערנאָך גיט ער צו שטילער, כמעט פאַרטראַכטערהייט:

— אויף וואָס זיינען דאָ קראָמען מיט גאָלדענע צלמימלעך אויף דער וועלט?

— הער נאָר — ציגדט זיך פּאַנדרע אָן — שעפּטעלע... דו!

— קענסט צולייגן „גנב"! דערלויבט אים שעפּטעלע — ביז אַמעריקע קענסטו מיך נאָך רופן: שעפּטעלע גנב. בישקשה.

— ניין! — טרייסלט פּאַנדרע מיטן קאָפּ און קריכט אין בוזים־קעשענע — דאָס וואָס דו האָסט מיר געבאָרגט... כראָברע זיך נישט אַזוי פיל!

כאַפּט אים שעפּטעלע אָן פאַר אָן אָרבל און בעט זיך:

— נח, נח, זע, זיי אַ מענטש! אין אַמעריקע, מירצעשעם, קומען די כשרע פּרנסות. דאָרטן וועסט דו זיין דער גביר און איך דער קבצן. וועסטו זען! כ׳וועל אָפּנעמען מיט „פּריצענט"...

חאַצע דער קירזשנער כאַפּט אויף פּאַנדרעס פאַרשעמטן קוק און שמייכלט. ער ווייסט שוין פון לאַנג, אַז שעפּטעלעס הלוואה דריקט אויף פּאַנדרעס געמיט. ווי אַ בליי ליגן די עטלעכע פּאַפּירלעך אין דער אויפגעטרענטער בוזים־קעשענע, אונטערן אונטערשלאַק... יעדעס מאָל, ווען פּאַנדרע דאַרף עפּעס אויסגעבן, קומט ער פרעגן אַ שאלה, ווי אויף אַ הון מיט אַ נאָדל אין פּופּיק... און, כדי אָפּצוווענדן פּאַנדרען פון זיין פאַרלעגנהייט, לייגט חאַצע איבער זיין אויסלענדישע קוליע פון האַנט צו האַנט, שפּיגלט זיך מיט איר אַ ווײַלע און זאָגט אַזוי:

— יאָ, מערע, וואָס האָב איך אייך געוואָלט פרעגן? ווו איז דאָס עפּעס געבליבן אַברעמעלע. ער האָט דאָך געזאָלט קומען מיט אייך צוזאַמען...

— אַברעמעלע די געקוילעטע קאַץ? אַזוי האָט איר זיך דאָס דאָ פאַרבענקט נאָך אים? ס׳איז גאַרנישט געוואָרן פון זיין פאָרן קיין אַמעריקע. ער „זיצט״ שוין זינט חנוכה אָן. זיינע נייע „מעשים־טובים״!... מען טאָר נישט זינדיקן, נאָר געלויבט דער אויבערשטער וואָס איך בין פּטור געוואָרן פון אַזאַ באַגלייטער! איר הערט דאָך, ווי נאָר ער האָט זיך דערוווּסט, אַז נח וואַרט אויף מיר אין אויסלאַנד, האָט זיך אין אים אָנגעצונדן אַ פייער, אין אַברעמעלען. איין מאָל פאַר אַלע מאָל, ער מוז אויך לויפן איבער דער גרענעץ. ע ר   מ ו ז! קיינער יאָגט אים נישט און קיינער זוכט אים נישט, נאָר ער מוז. געלט אָבער אויף אַזאַ בסיעה איז נישט קיין קלייניקייט. דער טאַטע זיינער, אָרע־מאַטע דער מלמד, וועט דאָך צוליב אַזאַ תכשיט די שטוב נישט פאַרקויפן. איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה, אַברעמעלע. איר ווייסט נאָך גאָרנישט אויף וואָס ער איז קאַפּאַבל...

היי־יאָר חנוכה, ביי דעם דריטן ליכטל, בשעת פרעגלען לאַטקעס ביים נייעם נגיד אין שטוב און בשעת שפּילן אין „אָקע״ מיט קראָל דעם דאָקטאָר און מיט דעם אוטשיטעל פון שקאָלע און מיט דעם אפטייקער — גיט זיך פּלוצים אַ ריס־אויף די טיר פון קאָך־שטוב און ריקליע, דעם נייעם נגידס דינסטמויד, מיט אַ פאַלומעסיק לאַטקעס לויפט אַריין אין זאַל ווי אַ באַנומענע און שרייט קולות־געוואַלדן: „באַלעבאָס! באַלע־באַ־אָס!״... און דער פאַלומעסיק פאַלט איר אַרויס פון די הענט. וואָרום נאָך איר, מאַלט אייך אויס, לויפן אַריין דריי יונגאַטשעס אין שוואַרצע מאַסקעס. שדים טייוואָלאָנים — נישט קיין מענטשישע צורות! שטעלן אָן די שיינע „כלים״ און גיבן אַ קאָמאַנדעווע: „רוקי וויערך!״ (די הענט אין דער הויך!) בלייבן דאָך אַלע געסט זיצן פאַרציטערטע. אויפגעהויבן די הענט מיט די פאַרקלעמטע קאָרטן צוזאַמען. נישט פאַספּעיעט אַרויסצולאָזן פון די פינגער... שטעלן זיך צוויי פון די חברה־לייט מיט די פיסטאָלעטן ביי דער טיר און איינער נעמט צוזאַמענשאַרן דאָס גאַנצע געלט פון טיש. „אויך מיר געלט!״ מאַכט ער און טרייסלט אויס ביי אַלעמען די קעשענעס. צוגענומען אַפילו די גאָלדענע זייגערס ביים נייעם נגיד און ביי קראָל דעם דאָקטאָר. דערנאָך הייסט ער דער נייער נגידיתטע אויסטאָן די פּערל פון האַלדז, די פינגערלעך פון די הענט. פאַלט זי דאָך, די נייע נגידיכע, אין חלשות. מיינט איר אפשר, אַז דער חברה־מאַן מיט דער מאַסקע ווערט נתפּעל? ער פוילט זיך נישט און נעמט אַראָפּ די פּערל פון דער נגידיכעס האַלדז געחלשטערהייט. די בריליאַנטענע פינגערלעך אויך אַראָפּ־

געצויגן... אָט די פינגערלעך האָבן אים דערנאָך „געקוילעט". מ'האָט זיי מיט אַ טאָג שפּעטער געפונען ביי אָרע־מאָטע דעם מלמד אונטער דער פּערענע. פון וואַנען קומען צו דיר פינגערלעך? שווערט ער זיך, אָרע־מאָטע, אַז ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן. האָט מען זיך גענומען צו זיין תכשיט, צו אַברעמעלען, און „אַריינגעזעצט" אים מיט גרויס כבוד. אַ ביסל איז אַברעמעלע אַליין שולדיק. פאַרן אַנטלויפן, מיט זיינע חברה־לייט פונעם נייעם נגידס שטוב, האָט זיך אים נאָך פאַרגלוסט אַ טשעפּע טאָן דעם אויסוואורף. אָט, מאַכט ער צום נייעם נגיד, פאַנדרע האָט געמעגט זיצן פאַר אייער פאַרכאַטער בהמה?... אַ דריי־רובלדיקע האָט איר געגעבן צושטייער פאַר זיין אַדוואָקאַט... איצטער זיצט איר, בורזשוי! און שטיל זאָל זיין! אַ פּאַרע זאָל מען פון אייך נישט הערן!..."

ריקליע די דינסט־מיידל האָט דעם קול דערקענט און געזאָגט דעם באַלעבאָס. איר דוכט זיך, זאָגט זי, אַז דאָס איז אַברעמעלע „די געקוילעטע קאַץ". איז מען נאָכגעגאַנגען נאָכן סליאַד און געפּאַקט. זיצט ער אַצינד אַברעמעלע און וואַרט אויפן פּסק. ווער זענען געווען זיינע העלפער? דאָס ווייסט קיינער נישט. אַברעמעלע, אַז מען נעמט אים אויפן דאָפּראָס מאַכט ער חוזק־חזקות. חכמהט זיך און זאָגט נישט אויס. נאָר אין שטאָט רעדט מען, אַז איינער פון זיי איז געווען „מאָדיע מיטן אמת"... וואָרום זינט דעם אָנפאַל ביים נייעם נגיד איז ער נעלם געוואָרן. נישטאָ מער „מאָדיע מיטן אמת"... נאָר וואָס איז די נפקא מינה? ווער־ווער, נאָר אַברעמעלע איז שוין איין מאָל גוט אַריינגעפאַלן.

3.

אַצינד, אַז די נייגעריקייט פון די דריי מאַנסבילן האָט זיך אַ ביסל געזעטיקט, האָט פאַנדרע דערציילט, ווי אַזוי ער, מיט זיין קוים־לעבעדיקן פערדל, האָבן זיך, אויף אומוועגן, דערשלאָגן ביז אָרשע. בייטאָג באַהאַלטן זיך אין וואַלד, און ביינאַכט געריטן. לויט דעם אַדרעס, וואָס שעפּטעלע האָט אים געגעבן, האָט ער זיך דערקליבן צו אַ יידן. עפּעס אַ מאָדנער ברוגזדיקער ייד. שווער געווען אַרויסצוקריגן פון אים אַ וואָרט. נאָר טאָן האָט פאַר אים דער ייד געטאָן ווי פאַר אַן אייגענעם. געגעבן אים צו עסן און צו טרינקען, געלייגט שלאָפן אין אַן אַלקערל. אַ מאָדנער אַלקערל איז דאָס געווען. הינטער אַן אָפּגערוקטן אַלמער... דעם פערדל

האָט דער ייד פאַר אים פאַרקויפט, אָפּגעגעבן דאָס געלט און איבערגע־פעקלט אים אין אַ צווייטער שטאָט צו אַ צווייטן יידן, אַזוי האָט ער, נח, זיך אַרומגעוואַלגערט וואָכן לאַנג, גאַנצע חדשים. ווו געטאָגט דאָרטן נישט גענעכטיקט. אויף בענק און אונטער בענק. ביז מ׳האָט אים אַריבער־געשוואַרצט דעם דייטשן גרענעץ ביי ווערזשבאָלאָווא. און פון דאָרטן ביז אַנטווערפּען איז שוין געגאַנגען אַ ביסל גיכער.

ווען מערע האָט דערציילט וועגן אַברעמעלע „די געקוילעטע קאַץ״, האָט זי נישט געוווסט, אַז עפּעס אַן אויבער־כוח, די השגחה אַליין, האָט אַברעמעלען נישט געלאָזט אַנטלויפן קיין אַמעריקע. זי האָט אים באַהאַלטן פאַר אירע געהיימנישפולע צוועקן, כדי צו לאָזן אים שפּילן אַ ראָל מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, און כדי לאָזן אים באַצאָלן, פאַר דעם בלוט וואָס ער האָט פאַרגאָסן, מיט זיין אייגן בלוט. ווייל די וועלט־ראָד דרייט זיך און קומט צוריק, און רעכנט זיך אָפּ אַפילו פאַר אַ לעבן פון אַ פאַר־ברעכער, וואָס מען נעמט צו פאַרטאָג אין וואַלד. זי האָט נישט געקענט וויסן, מערע, אַז דורך די געריבעטע פינגערלעך, צוליב וועלכע אַברעמעלע האָט זיך פאַרפּלאָנטערט, איז צוגעקומען נאָך אַ רינג אינעם אייביקן „על דאטפת אטפוך״!... דערפאַר וואָס דו האָסט דערטרונקען האָט מען דיך דערטרונקען. און נאָך דער נישט־געלונגענער רעוואָלוציע, אין רוס־לאַנד, אין יאָר 1905, איז אַברעמעלע, וועלכער איז שוין צו יענער צייט אַרויס פריי און אַריינגעטראָטן אין דער יידישער זעלבסטשוץ, געהרגעט געוואָרן אויף דער באַן אין אָרשע. מיט העק האָבן אים פּאָגראָמשטשיקעס צעהאַקט, ווי אַ נישט־געזונטן בוים אין וואַלד... און ווער ווייסט, צי זיינע מערדער זענען שוין לאַנג נישט געמשפּט געוואָרן אינעם מאָסקווער טריבונאַל און נישט דערשאָסן געוואָרן ביי אַ פּלאַנקן... אַזוי איז דער קרייז, צווישן בלוט און בלוט און צווישן יידן און גויאים, פאַרענדיקט געוואָרן. שטיין געבליבן.

פריילעכער און פאַרשמיצטער האָט דערציילט שעפּטעלע. ביי אים, מאַכט ער, איז אַלץ געגאַנגען גלאַט ווי אויף פּוטער. מיט געלט, זאָגט שעפּטעלע, מאַכט מען אַלץ. וואָס אַ גנב, מאַכט ער, פאַרגינט זיך, קען זיך, מאַכט ער, אַ פּראָסטער בשר־ודם נישט פאַרגינען. וואָס, מאַכט ער, וועט ער זשאַלעווען פרעמדע גבירישע געלט? מיטן ערשטן קלאַס איז ער געפאָרן און אין די בעסטע אַכסניות געגעסן און געשלאָפן. אין אַנטווערפּען האָט ער זיך אָוועקגעזעצט וואַרטן אויף נחן. ער איז געווען

זיכער, זאָגט ער, אַז לאַנג וועט ער שוין אין שקלאַוו נישט בלייבן... און געוואָלט זען אויף טשיקאַוועס, צי האָט ער אַ טעות צי נישט. קיין חרטה האָט ער אויך נישט וואָס ער איז געבליבן. דאָ האָט ער זיך באַגעגנט מיט מלכהלען...

— מיט וועמען?! — פרעגט איבער מערע.

— אַ חתן געוואָרן. — פאַרטייטשט שעפּטעלע — כ'האָב נאָך נחן אַמאָל געזאָגט אין אָסטראָג. געדענקסט, נחן? אַז גאָט וועט מיר העלפן, האָב איך געזאָגט, און כ'וועל כאַפּן די ריכטיקע מטבע, וועל איך אַ מענטש און האָב חתונה. איז אָט, האָט מיר טאַקע גאָט געהאָלפן...

צעלאַכט זיך חאַצע דער קירזשנער:

—ביי דיין גאָט, שעפּטעלע, שטעקן אַרויס געגנבעטע זילבערנע לייכטער פון אונטערן טלית...

אָבער שעפּטעלע באַליידיקט זיך אַ האָר נישט:

— מיט אַזאַ ביטערן „ציניליסט" — מאַכט ער — ווי דו, רעדט מען נישט פון גאָט. באַלעבאַטים און אַרבעטער, אַרבעטער און באַלעבאַטים. מער ליגט דיר גאָרנישט אין דיין קירזשנערשן קאָפּ.

האָבן זיך אַלע צעלאַכט פון שעפּטעלעס מענה־לשון, און חאַצע האָט דערציילט ווי שווער א י ם איז אָנגעקומען צו שוואַרצן דעם גרענעץ. זינט מ'האָט אים אָפּגעשלאָגן אין מאָהליוו פון קאָנוואָי האָט מען אים געזוכט אויף אַלע וועגן און אויף אַלע סטאַנציעס. זיין קאַליקע פוס איז אַ צו גוטער צייכן... האָט מען אים געזוכט אַריבערפּעקלען אין אַ וואַגאָן מיט היי. אַ פיינער געלעגער געווען. ווי אונטער אַ באַרג מיט שטויביקע פּערענעס איז ער געלעגן. אויף דער גרענעץ האָט מען די היי דורכגעטאַפּט מיט שפּיזן. על פי נס נישט דערשטאָכן אים...

דאָ, אין דער פרעמד, האָט חאַצעס קול געקלונגען ווייכער ווי אין שקלאָוו, ווו ער איז שטענדיק געווען פאַרטאָן אין קאָנספּיראַציעס. זיינע שפּיציקע קויל־שוואַרצע אויגן האָבן דאָ געקראָגן אַ מאַטן גלאַנץ. דאָס שיטערע בערדעלע זיינע האָט ער דאָ אַרומגעשוירן און איז יינגער געוואָרן. ער האָט דאָ אויך אויפגעהערט צו רעדן בלשון „מיר". מ י ר ווילן, מ י ר מוזן... די גרויסע צרות, וואָס ער האָט אַריבערגעטראָגן זינט שעפּטעלעס „יאַטן" האָבן אים אָפּגעשלאָגן פון גויאישע הענט, האָבן געהאָט אַ גוטע פּעולה. ער איז יידישלעכער געוואָרן, האַרציקער, פאַרטראַכטער.

איבערדערציילט צוליב מערען זיין אַלטע געשיכטע, האָט ער מיד

אָפּגעזיפּצט. יע, אַצינד וואָלט שוין געווען נישקשה, מען פאָרט אין אַ פרייַ לאַנד... ער האָט אָבער שטאַרק מורא די „פרייע לאַנד" זאָל אים נישט לאָזן אַראָפּגיין... צוליב זיין פּוס...

— נעם זיך נישט צום האַרצן! — טרייסט אים שעפּטעלע — וועסט פאָרן אין צווייטן קלאַס, וועסטו. ווען מיר כאַטש איין מאָל האָבן אין דיר אַ נקמה. חאַצע דער קירזשנער פאָרט ווי אַ גוטער בורזשוי!... ר' נתן זאָגט אויך, אַז ס'איז בעסער. דעם צווייטן קלאַס טשעפּעט מען נישט...

— יאָ, — מאַכט חאַצע און טאַפּט זיין נייאינקע קוליע — אָבער —

— אַ פערד עסט האָבער! שעפּטעלע האָט אָנגעהויבן און שעפּטעלע וועט ענדיקן. און... גאָט איז אַ פאָטער!

— און „קיצר" איז אַ טאָטער! — צאָלט אים חאַצע דער קירזשנער אָפּ גלייך אויפן אָרט, מיט אַ מזומנעם גראָם.

די טיר אין עק זאָל האָט אַ קלאַפּ געטאָן און שעפּטעלע איז אויפ־געשפּרונגען. זיין שוואַרץ פּנימל האָט זיך ביי אים צעשטראַלט אונטערן האַרטן קאַפּעליושל.

— זעט, — גיט ער אַ שעפּטשע — מערע! אָט איז זי מיין מלכהלע... טאַקע זי אַליין!

מערע האָט אירע אויגן נישט געגלויבט. אין זאָל איז אַנגעגאַנגען אַ שוואַרצחנעוודיקע מיידל אין אַ ווייסן לייכטן קלייד פון טיול, ווי אין אַ קלאָרן וואָלקנדל. אַן איידעלע שפּיציקע גאָמבעלע, גרויסע קאַרע אויגן, אַ מויל מיט ווייסע ציין. נאָך נעכטן האָט איר נח דערציילט וואָס פאַר אַן אַנטיק שעפּטעלע האָט דאָ געכאַפּט. אַ כלה אַ קראַסאַוויצע. אין אַנט־ווערפּען איז דאָס מיידל געבליבן אייניקע אַליין. די מאַמע איז איר אָוועקגעשטאָרבן אויפן וועג. זוכן דעם טאַטן אין אַמעריקע זיינען זיי געפאָרן. פאַרפאַלן געוואָרן אַ מאַן און אַ טאַטע. אַן עגונה איז איר מאַמע געווען, אַן אויסגעקרענקטע. איז זי נישט דערפאָרן... האָט שעפּטעלע דאָ, אין „עזרה", דערזען די יתומה און פאַרליבט זיך ביז איבער די אויערן. אָפּגעשאָטן מיט מתנות האָט ער זי. דערציילט איר אַלץ, וואָס ער איז געווען און וואָס ער קלערט צו זיין. געשווירן זיך פאַר זיינע לאַנדסלייט אין די אויגן, אַז ער וועט פון איצטער אָן ווערן „אַ מענטש". און דאָס מיידל האָט נאָכגעגעבן. אויף אַזאַ עפּעלע האָט זיך אָבער מערע אַליין נישט געריכט. אַ גנב אַ בעל־תשובה האָט דאָס גליק!

דערשפירט, אַז אַ נייער מעגטש קוקט זי אָן, איז מלכהלע צעמישט געוואָרן, פאַררויטלט זיך.

— קוקט נישט אַזוי! — בעט זיך שעפטעלע ביי מערען — זי ווייסט, מלכהלע, וואָס פאַר אַ מאַראַוויכער איר חתן איז געווען. זי ווייסט אויך, אַז שעפטעלע וועט האַלטן וואָרט. קום, מלכהלע, נענטער. באַקען דיך!...

פון דער פריינטלעכער צעמישטקייט האָט מערען, אַזוי ווי מלכהלען, אַרויסגעראַטעוועט אַ זשוואַווער אויסגעפּוצטער יידל. ער איז אָנגעקומען מיט אַ גרויען האַרטן קאַפּעליוש, מיט גאָלדענע ברילן אויף דער דיקלעכער נאָז, מיט ווייסע פּעקעלעך אין ביידע הענט און מיט אַ מאָס רייד:

— אַ גוט מאָרגן, שקלאָווער לאַנדסלייט!... ווי נישט ליב איז דיר דיין גאַסט, נח! אָט דאָס איז זיין ווייב? היינט וואָס־זשע שווייגסטו?... אַ־האַ־האַ, איצטער פאַרשטיי איך! ער איז דאָך דאָ אויסגעגאַנגען נאָך אייך, אייער מענדל! אַלעמען פאַרווייגט דעם קאָפּ דער יונגערמאַנטשיק. מערע און מערע און מערע. הימל און ערד און מערע. שיף און אַנטווערפּען און מערע! נישט געוווסט ווו צו באַהאַלטן זיך פון אים...

— ר׳ נתן קאַרלינער! — גיט פאַנדרע אַ שעפּטשע זיין ווייב אויפן אויער — אַ שקלאָווער...

— אוף! — גיט זיך ר׳ נתן אַ זעץ אַריין אין אַ שטול אַקעגן מערען — אַזוי? זייגט איר, הייסט דאָס, ר׳ סענדערס טאָכטער. ר׳ סענדער, עליו־השלום, האָט נאָך מיין טאַטן געפירט אין בויד אויף אָרשע און אויף מאָהליוו. אַ טייערער ייד געווען...

מערע האָט צוגעשאָקלט מיטן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. און דער שקלאָ־ווער תושב האָט דערזען, אַז ער האָט דאָס, נישט־ווילנדיק, דערמאָנט די טאָכטער אָן איר טאַטנס ביטערן טויט, אין די ליימיקע גריבער פון אָזערע... האָט ער גלייך איבערגעביטן דעם שמועס.

— שאַ! — גיט ער זיך אַ כאַפּ — וואָס זיץ איך? היינט איז דאָך עפּעס ל״ג־בעומר אויף דער וועלט! א י ר, זע איך, האָט פאַרגעסן. שיינע חדר־ייִנגלעך! איך — נישט. האָב איך אייך געבראַכט פייגן און טייטלען און פּאָמעראַנצן. נעמט, עסט און פאַרגעסט נישט מאַכן אַ ברכה. אין שקלאָוו זענען אַ מאָל אַזעלכע פּירות געווען פון די גאָר גרויסע מציאות. מיט יעדער טייטל האָט מען זיך געצאַצקעט. אַ פייג האָט מען זיך נאָר פאַרגונען צוצולייגן צו אַ צאָן־געשוויר. אַ פּאָמעראַנץ האָט מען

געגעסן איין מאָל אין יאָר, נאָך שלח־מנות... דאָ, ביי אונדז, איז דאָס — בולבעס. עסט, עסט, שעמט זיך נישט!...

.4

האָבן זיך שקלאָווער לאַנדסלייט נישט געלאָזט בעטן, אויסגעפּאַקט די פּעקלעך און פאַרזוכט. שוין אַ ביסל צו עניוותדיק האָט ר' נתן געדעדט פון זיין כיבוד. נישט געפּרעסטע שקלאָווער טייטלען זיינען דאָס געווען, נאָר פרישע האַניקדיקע; אויסגעלייגט אין שיינע שאַכטעלעך, מיט אַ צווייגעלע אין מיטן. נישט קראַנץ־פייגן זיינען דאָס געווען, נאָר ברייטע, פליישיקע, מיט אַ גרינעם בלאַט צוגעדעקט. און די פּאָמעראַנצן — רויט־הויטיקע, מיט אַ זאַפטיקן רויט־געשפּרינקלטן אינעווייניק און מיט אַ ריח פון מאַליגעס. אַזעלכע פּירות האָט מערע קיין מאָל נישט געזען אין שקלאָוו נישט פּורים, נישט ל"ג־בעומר, נישט „חמשה־עשר" אין שבט.

ר' נתן קאַרלינער האָט דערוויל אויך נישט געשלאָפן. צווישן איין באַשעריי און דעם צווייטן, האָט ער די אורחטע אויסגעפרעגט וועגן אַלע לעצטע נייעסן אין שקלאָוו:

— נו, וואָס מאַכט עפּעס דאָרטן פייגע־ריינע טריוואוס? זיצט זי נאָך אַלץ אויף דריי שטולן און בלאָזט זיך?

—זי בלאָזט זיך שוין נישט מער. מ'האָט זי אַראָפּגעלאָזט אין קבר אויף שטריק. צו שווער געווען... אַלע אָרעמע לייט האָבן זי באַוויינט. „דירקעליכע" האָט געריסן די האָר פון קאָפּ...

— און דאָס מויערל פון די טריוואוסעס האָט אָפּגעברענט, האָב איך געהערט... אָט דער, וואָס אַקעגן גרינעם קלויסטער...

— אויסגעברענט, ווי אַ ליכטל. נאָר דער ברוק פון אַלטן הויף איז געבליבן.

— אַך־אַך־אַך! אַלץ ברענט אָפּ... וויפל מאָל האָט מיך פייגע־ריינע געריסן פאַר די אויערן, פאַר גנבענען באַרעלעך אין טריוואוסעס גאָרטן. נישטאָ מער קיין גאָרטן?

— נישטאָ.

— נישטאָ און נישטאָ... אינעם מויער פון די טריוואוסעס פלעגן אַמאָל די פּוילישע פּריצים אָפּהאַלטן זייער „ראַוט". פּריצישע אסיפות... נאָך

אין ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן... אַך־אַך־אַך! און וואָס מאַכט די גרויסע מיל?

— אָפּגעבערענט. נאָך פּאַר פּסח...

— ווייטער אָפּגעבערענט? רבונו־של־עולם! אַלע זעקס עטאַזשן?

— קיין זכר נישט געבליבן. די ראָד פּוילט נאָך אונטער דער הרע־בליע. מען זאָגט, גויאים פון מאַקאַראָווקי האָבן אונטערגעצונדן. געווען אין כעס אויף יידן פאַר די גוטע קלעפּ וואָס זיי האָבן באַקומען... בשעתן פּאָגראָם...

— אַך־אַך־אַך! אַ וווּנדער פון שקלאָווער פּלאָטניקעס איז די מיל געווען. זעקס עטאַזשן פון בערווענעס. מיט ווייסע פענצטערלעך, מיט... מיט אַ מעשענעם האָן אויפן שפּיץ דאַך... וואָס־זשע איז געבליבן אין שקלאָוו?

— די געמויערטע שול, דער דניעפּער, צרות זענען אויך געבליבן...

— איר דערמאָנט מיך ר׳ סענדערן. אַזוי פלעגט ר׳ סענדער ריידן... נו, און דער אַלטער „פּאַרעוועער״ לעבט נאָך?

— ער? — זיצט נאָך אויף דער קעלניע אַזוי גוט ווי ליפּע זיין זון. בשעתן פּאָגראָם האָט ער זיך נאָך גוט געשלאָגן, מיט אַן אייזערנעם פרענט. נישט ערגער פאַר די יונגע...

— און פלײשיקס און מילכיקס עסט ער נאָך אַלץ נישט אין איין טאָג?... כע! און דער... ווי הייסט ער דאָרטן? קושקע בראַנד...

מערע איז רויט געוואָרן אַ קוק געטאָן אויף נחן איר מאַן און געבליבן זיצן אָן לשון.

אָנשטאָט איר האָט פאַנדרע גענומען עפּעס שטאַמלען:

— קושקע? ער... כ׳האָב אייך דאַכט מיר דערציילט... ביי איינרייסן די וואַנט... ר׳ ישיעלעס וואַנט...

ר׳ נתן קאַרלינער האָט דערזען, אַז די פּנימער ביי מאַן און וייב האָבן זיך פאַרענדערט רויט און בלאַס זענען זיי ביידע געוואָרן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָ אַריינגעטראָפן אין אַ ווייטאָגדיקן אָרט.

— נו — גיט ער זיך לעבעדיק אַ הויב פון שטול — אַ דאַנק פאַרן גרוס! פאַרגעסט נישט איבערמאָרגן קומען צו דער שיף פּונקט צען אַ זייגער אין דער פרי. מען וועט אייך קומען באַגלייטן פון „עזרה״... איך וועל דאָרטן מסתמא אויך זיין.

די טיר האָט זיך נאָך נישט פאַרמאַכט הינטער ר׳ נתן קאַרלינער,

און שעפּטעלע האָט זיך אַרויסגערופן ווייזן דער אורחטע די שטאָט. ניין, נישט דווקא די שטאָט. ער מוז איר עמיצן ווייזן אויפן גרויסן פּלאַץ... ער וויל אויף טשיקאַוועס זען צי מערע וועט דערקענען ווער דאָס איז, צי נישט...

ער האָט זיך היינט צעגאַרטלט, שעפּטעלע, צעחתנט זיך! געדונגען אַ קאַרעטע, אַריינגעזעצט זיינע לאַנדסלייט, די כלה זיינע; און אַליין אַריינגעשטופּט זיך דער לעצטער. געבליבן העגנגען אויף אַ ברעג בענקעלע, מעשה קאַוואַליער.

אַז די קאַרעטע האָט זיך גערירט, מאַכט האַצע דער הינקענדיקער:

— אין שקלאָוו וואָלט מען געזאָגט: „אַ פּולער וואָגאָן מיט קבצנים...״

— זאָל מען זאָגן! — ענטפערט אָפּ שעפּטעלע שטאַרק בגילופין — ווי זינגען חסידים אין אונדזער קאַנט:

וואָס מער קבצן, מער הוליאַקע,
און וואָס העך איך דיך? —

— שאַ, שעפּטעלע, ס'איז דאָך היינט נישט שמחת־תורה!...

— ווער עס פּאַסט אַ גאַנץ יאָר, ביי דעם איז יום־כיפּור קיין תענית נישט...

וואָס מער נגיד, מער סאַבאַקע —
און וואָס דאַרף איך דיר!

די קאַרעטע איז געפאָרן דורך די ציכטיקע אַנטווערפּענער גאַסן. ווי אין חלום, האָט מערע אָנגעקוקט דעם גלאַטן ברוק, די פּאַלאַצן, וואָס שווימען פאַרביי, די גערטנער, די קאַנאַלן, די בליאַסקענדיקע גרויסע וויטרינעס פון די געשעפטן, די יום־טובדיק־אָנגעטאָענע מאַנסבילן און פרויען. ווי חושכדיק און אָרעם שקלאָוו שטעלט זיך איר איצטער פאָר. און פון דעסטוועגן... פאַרוואָס נאָגט אַזוי דאָס האַרץ?... נאָגט...

אויפן גרויסן מאַרק־פּלאַץ האָט שעפּטעלע אָפּגעשטעלט די קאַרעטע און געבעטן אַלעמען אַרויסגיין. אויף אַלע פיר זייטן פון פּלאַץ האָבן זיך צעבליאַסקעט די אַלטע גילדע־פּאַלאַצן, געדיכט אויסגעפּאַסט מיט גע־שליפענע שויבן און שייבעלעך, ראַנד אויף ראַנד און ראַנד אונטער ראַנד. די געצאַצקעטע, מאַלערישע שטיין־רעמלעך זעען זיך קוים אָן צווישן אַזוי פיל גלאָז, און די שיינינקע טורעמלעך שפּיצן זיך אין בלויען הימל אַריין. אין רעכטן מיטן פּלאַץ איז פאַר מערעס אויגן אויסגעוואַקסן, ווי אַ כמאַרע פון פאַרגרינטן קופּער, אַ ריזיקע סטאַטוע; אַ גאַנצע

הורבע פון פיגורן מיט נאַקעטע מענטשן און שיפן און מיני עקדישן און שלאַנגען און משונהדיקע בריאות. און איבער דעם אַלעמען אַ בראָנזענער גיבור, וואָס איז פאַרגליווערט געוואָרן אין שפרונג אויף איין פוס און וואָרפט ערגעץ־ווו אַן אָפּגעשניטענע האַנט. אים צופוסנס ליגט אויס־געצויגן, קאָפּ־אַראָפּ, אַ צווייטער נאַקעטער גיבור און גייט אָפּ מיט בלוט פון איבערגעהאַקטן אָרעם.

— מערע, זעט! — רופט שעפּטעלע און ווייזט אַן מיט זיין שפּיציקן צייג־פינגערל אין דער הויך — איר דערקענט אים גאָרנישט?

— פּע! — פאַרשעמט זיך מערע און קערט אָפּ דעם קאָפּ — וואָס איז דאָס עפּעס פּאַר אַ נאַקעטע מענטשעלעך אַזאַלכענע?

— „נאַקעטע מענטשעלעך"... — ווינקט שעפּטעלע אונטער מיט איין אויגל צו זיינע לאַנדסלייט — זי שעמט זיך, ווי איך בין אַ ייד! אַי, שקלאָוו! גיי דערצייל איר, אַז ביי גויאים אין אויסלאַנד הויבט זיך גאָרנישט אָן אָן „נאַקעטע מענטשעלעך". וואָס ביי שקלאָוו אין באָד, דאָס ביי די גויאים אין אויסלאַנד אויף דער גאַס. אין מיטן די שענסטע גאַסן... ס'איז אַן אָנדענקען אַזאַ. אַ גויאישקער „אל מלא רחמים". דאָ, למשל, איז פאַרגעשטעלט די געשיכטע, ווי אַזוי אַנטווערפּען איז געוואָרן אַ פרייע שטאָט. אַ גזלן, אַ ראַזבאָיניק, איז דאָ אַמאָל געזעסן אין האַפן און געהאַלטן גאַנץ שטאָט אין מורא. קיין שיף נישט דורכגעלאָזן, קיין שטיקל סחורה. פאַר אַלץ געדאַרפט שווער צאָלן. בדיל־הדל איז שטאָט געוואָרן. ביז ס'איז אויפגעשטאַנען אָט דער גיבור, אָט דער דאָ אין דער הויך — זיין גויאישקן נאָמען האָב איך פאַרגעסן — און געשלאָגן זיך מיטן ראַז־באָיניק, אָפּגעהאַקט אים אַ האַנט און געוואָרפן אים אין ים אַריין... „האַנט־וואָרפן" הייסט דאָס... נאָר אַזוי ווי די היגע יעקעס קענען שאַרף נישט אויסרעדן אַ „האַ" און אַ „פּע", איז ביי זיי געוואָרן „אַנטווערפּען". איר פאַרשטייט, אורחטע, אין וואָס פאַר אַ שטאָט איר געפינט זיך?

— איך פאַרשטיי! — ענטפערט מערע און קערט אָפּ דעם קאָפּ.

— און דעם „נאַקעטן מענטשעלע" — קוקט איר שעפּטעלע דווקא אין די אויגן אַריין — דעם נאַקעטן מענטשעלע, אָט דאָ אויבן, וואָס וואָרפט די אָפּגעשניטענע האַנט דערקענט איר נאָך אַלץ נישט? ניין?... ס'איז מיר אַ חידוש! דאָס איז דאָך אייער מאַן! נח מיט די בייבער, ווי איך בין אַ ייד! כ'האָב שוין אייער נחן נישט איין מאָל געפירט אַהער זען ווי ער זעט אויס, וואָרום קיין מענטש קען זיך נישט...

מיט פֿאַרשעמטע אויגן האָט מערע אָנגעקוקט די מאַנסבילישע שטאַרקע פיגור אין דער הויך, איבער אַלע בראָנזענע פיגורן פון מענטשן און חיות. ער איז דאָך געדעכט, שעפּטעלע גנבֿ! איר גח זעט דאָך טאַקע אַזוי אויס גאַקעטערהייט. די זעלבע ברייטע פלייצעס, דער זעלבער שמאָלער בויך, די זעלבע אָנגעשפּאַנטע פליישן ביי די קני. און אַ ביער ליכט האָט זי אַציִנד דערזען איר מאַן. און בגנבֿה, מיט אַ קרומלעכן פֿאַרליבטן קוק, אָפּגעמאָסטן אים פון דער זייט: אַלץ ווייסט ער דער גנבֿ!

און שעפּטעלע שטייט און קנאַקט מיטן ציגל:

— כ'האָב שוין איין מאָל געזען נחן פונקט אָט אַזוי... איר הערט? אין אָסטראָג, בשעת אַוועקלייגן טשוריליאָ דעם קאַטאָרזשניק אויף דער פּאָדלאָגע... געדענקסט, נח?

טשוריליאָס נאָמען רופט אַרויס ביי פּאַנדרען די סצענע פון דעם קאַטאָרזשניקס מיאוסן טויט אין וואַלד, דער גרויסער פּליכעוואַטער שאַרבן, וואָס שטייט אָפּ, ווי אַ פּאָקרישקע פון אַ פּאַרבלוטיקטן טאָפּ. דרייט ער זיך אויס צו שעפּטעלען מיטן רוקן, און גיט אַ בורטשע:

— נו, גענוג וועט שוין זיין. קומט!

זענען זיי אַלע אַוועק צופוס צו דעם נישט־ווייטן האַפן. און מערע האָט דערזען פאַר זיך גרויסע וואַסערן איינגעשמידט אין שטיין און אייזן. און די וואַסערן שלענגען זיך אַוועק ווייט, ווייט און פּאַרלירן זיך אין עק וועלט. און באַשאָטן זענען די וואַסערן מיט גאַנצע וועלדער פון הויב־קראַנען און קוימענס פון שיפן און מאַסטן און קאַנאַטן, אָן אַ שיעור און אָן אַ צאָל. און אין די דאָזיקע בעצן, פון אייזן און פּענקע, לויפן אַרום מענטשלעך, ווי קליינע שפּינען אָסיען־צייט. לויפן אַרום און פאַרפּלאָנטערן זיך גישט. אומעטום זידן קעסלען און זיילן פּאַרע זעצן אין הימל אַריין. אַ פּאַרגלייכעניש, כ'לעבן, מיט שקלאָווער פּריסטאַן ביים ברעג דניעפּער...

און שעפּטעלע, פונקט ווי ער וואָלט געטראָפן אירע געדאַנקען, שפּאַרט זיך נאָך אָן האַרט לעבן איר, אויף דער אייזערנער פּאַרענטשע איבערן וואַסער, און דערקלערט איר:

— דאָס איז נאָך גאָרנישט. נישט דאָס איז דער ים. ס'איז די „שעלדע". געזאַלצענע אָזערעס אַזעלכע מיט קאַנאַלן און מיט וואַסער־טויערן. דאָ פּלאָנטערט זיך אַ שיף עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד איידער עס גייט אַרויס אין אָפֿענעם ים... און דער אמתער ים — דאָס איז הימל און וואַסער.

מער זעט מען גאָרנישט צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד, ביז מען קומט אָן קיין אַמעריקע... אָט זעט! צווישן די צוויי גרויסע שטיינערנע שוועלן, איר זעט? אַ געלבער אָקרענט מיט דריי שוואַרצע קוימענס... דאָס איז א ו נ ד ז ע ר שיף. מען לאָדט שוין אויף איר פעק און קאַסטנס... מיט איר וועלן מיר איבערמאַרגן אַוועקפאָרן. איר וואָלט נעכטן נישט געווען געקומען, וואָלטן מיר איר געמוזט דורכלאָזן ווי אַ סך אַנדערע שיפן, און וואָלטן... שאַ! מלכהלע, נח, חאַצע! קומט אַהער! אָט גייט אָפּ אַ שיף. זעט, זעט!...

אַ גרויסער, ווייסער אָקרענט האָט זיך האַרט ביים ברעג צערעוועט מיט אַ פייכטן סירענע־ברום:

— טוואו, טוואו — ו —!

ווי אַ ריזיקער שופר אין אַ גרויסן יום־הדין האָט דער ברום אָפּגעקלונגען אין די אויערן פון אונדזערע עמיגראַנטן. ביי נחן און מערען האָט פאַרקוועטשט דאָס האַרץ און טרערן האָבן זיך זיי געשטעלט אין די אויגן. אָט פונקט אַזוי, מיט אַזאַ ברומיקן פייף, וועט זיך אויך ז יי ע ר אָקרענט אָפּרייסן, איבערמאָרגן פרי, פון שטיינערנעם ברעג, אָן רחמנות, אָן באַדויערן. און אויף אייביק וועלן זיך איבעררייסן די לעצטע פעדימער, וועלכע בינדן זיי דאָך נאָך מיט דער אַלטער היים.

נאָר באַלד נאָכן גרויסן שופר־בלאָזן האָט אויפן אָפּגעגאַנגענעם שיף אַ זעץ געטאָן מוזיק. אַ גאַנצע קאַפּעליע פון בלאָז־אינסטרומענטן האָט אויסגעשפּילט אַ מוטיקן שטייגערל דעם ים, דעם פאַרלאָזענעם האָפן, דער קופּע באַגלייטער וואָס פאָכען מיט היט און טיכלעך אויפן ברעג. דער ניגון האָט געטרייסט, דער ניגון האָט אָנגעזאָגט אַ נייע וועלט און אַ נייעם לעבן פאַר אַלע פאַרוואָגלטע, פאַר אַלע ביטערע הערצער, אין שיף און אויפן ברעג...

— עך, מערע! — שמייכלט פאַנדרע צו זיין ווייב און ווישט זיך פאַרשעמט די אויגן — — —

און די שקלאָוער געשיכטן פון פאַנדרען זיינען געענדיקט.

אָבער פאַנדרעס לעבן איז נאָך ווייט נישט געענדיקט.

פריער־שפּעטער וועלן מיינע חברים שרייבער, אין אַמעריקע, דערקענען אים און מערען, זיין ווייב, צווישן טויזנטער, און וועלן אונדז דערציילן, ווי אַזוי זיי האָבן זיך איינגעוואָרצלט אין קאָלאָמבוסעס לאַנד. הלואי!

אַ נאָכוואָרט

וועגן דער סעריע „עמי־הארצים"

מיטן פאַרענדיקן דעם פינפטן און לעצטן באַנד „עמי־הארצים", ווילט זיך מיר זאָגן אַ וואָרט וועגן פּאַנדרעץ, וועלכער גייט דורך, ווי אַ חוט־השדרה, כמעט אין אַלע פינף בענדער: וואָס אייגנטלעך האָב איך מיט דעם דאָזיקן העלד געוואָלט זאָגן? וואָס פאַר אַ כאַראַקטער בולט מאַכן?

אין אַ געוויסער מאָס האָט דאָס דער לייענער געפונען אינעם פאָר־געזאַנג צום ערשטן בוך („ווו זייט איר?"). און די דאָזיקע ציילן ווערן געשריבן נאָר, כדי נאָך קלאָרער צו מאַכן מיין כוונה.

מיט „פּאַנדרעץ" האָב איך קודם־כל געוואָלט געבן אַ קאָלעקטיוון טיפּ פון יענע פאָלקס־מענטשן, אין יידישע שטעט און שטעטלעך, וועלכע האָבן, אין משך פון דורות, געגאָלטן אַלס גראָבע־יונגען, גייסטיק אָפּגעשטאַנענע. קורץ: פאַר פּאַריאַס אין דער יידישער וועלט פון קרעמער־למדנים, פון זיידענע בני־יחידים און שרעקעוודיקע ישיבה־בחורים. איבעריקנס, פאַר אַזעלכע האָבן זיך די „פּאַנדרעס" אַליין געהאַלטן און פאַרדעקט זייער געזונטע און גרויסע נשמה מיט גראָבע מעשים און מיט האַרטע ווערטער, אַזוי ווי בוימער פאַרדעקן זייער זאַפטיק האַרץ מיט אַ רויקער און שטעכיקער קאָרע.

קיין אויסגעשפּראָכענע קלאַסן זענען דאָך ביי אונדז יידן נישטאָ. ערשט אין די לעצטע פינף־און־צוואַנציק יאָר איז ביי אונדז אָנגעוואַקסן אַ באַוווּסטזיניקער אַרבעטער־קלאַס. און נאָך מיט אַ יאָר פערציק צוריק פלעגן כמעט אַלע „סאָציאַלע קאָנפליקטן" פאַרקומען אויפן באָדן פון געלערנטקייט און גראָב־יונגשאַפט — אין יידישן זין. און זיי קומען נאָך עד־היום פאָר אין די פאַרוואָרפענע ליטווישע און פוילישע שטעטלעך. די אַזוי־גערופענע יידישע „עליטע", וועלכע איז אויסגעוואַקסן אויף תורה און מצוות, אויף דאַוונען און לערנען, ביי זייערע שיינע טאַטעס אויף קעסט און ביי זייערע רייכע שווערן אויף קעסט, האָט זיך אַלע מאָל צוגענומען אַלע פּריווילעגיעס אין יידישן לעבן. און פאַר די „פּראָסטע

יונגען״ און באַלמעלאָכעס — איבערגעלאָזט די ביינער פון „עולם־הזה״, אַזוי ווי פון „עולם־הבא״.

אַלס פּראָטעסט און נקמה אין דער דאָזיקער שוואַכלייביקער „עליטע״, וועלכע נעמט זיך צו דעם גרעסטן חלק כבוד און באַקוועמלעכקייט אויף ד ע ר וועלט און דעם גרעסטן חלק „לוויתן״ אויף י ע נ ע ר וועלט, האָט דאָס פאָלק געשאַפן די לעגענדעס פון געהיימע צדיקים, וועלכע זענען אויסערלעך גראָב און רוי: קוימענקערער, וואַסער־טרעגער, האָלץ־העקער, ליים־גרעבער, אָנגעטאָן אין צעריסענע פעלצן און אין ברודיקע גויאישע לאַפּטיעס און אונטערהאַלטן, פון דעסטוועגן, מיט זייער געטלעכער עניוות און שטילער פרומקייט דאָס גאַנצע יידנטום. זיי שטיצן געפאַלענע אין דעם ריכטיקן מאָמענט און רעדן גלייך צו גאָט אין אַ „עת־צרה״, ער אַליין כביכול, זאָל זיך אַריינמישן... הקיצור, נאָר אַזעלכע, אויסערלעך רויע מענטשן, זענען די אמתע ל״ו צדיקים, אויף וועלכע די וועלט שטייט און האָט אַ קיום... אַזוי האָט זיך דאָס פאָלק „נוקם״־געווען אין די אויסדערוויילטע.

די דאָזיקע פאָלק־לעגענדע גייט דורך, ווי אַ רויטער פאָדים, דורך דער גאַנצער געשיכטע פון חסידות, פון בעש״ט אָן... און האָט שוין אַ סך מאָל געהאַט איר אָפּקלאַנג אין דער מאָדערנער ליטעראַטור אויך. ביי י. ל. פּרץ און ביי בערדיטשעווסקין. איינע פון די שענסטע מאָדעלן, פון דעם דאָזיקן זשאַנר, איז פּרצעס קורצע דערציילונג „אויב נישט נאָך העכער״...

די דאָזיקע פאָלקס־לעגענדע גייט דורך, ווי אַ רויטער פאָדים, דורך באַזיס פאַר „נח פּאַנדרען״, אָבער גאָר פון אַן אַנדער אויגן־ווינקל געזען און פון אַן אַנדער זייט גענומען. דאָס הייסט: איך האָב באַוווסט־זיניק אָפּגעוואָרפן די גאַנצע מיסטיק פון דעם דאָזיקן פאָלקס־טיפּ און געמאַכט אים פאַר דעם איינפאַכסטן ייד צווישן יידן. דאָס מיינט: די אויבן דערמאָנטע למד־וואָניקעס, ווי פּרץ און בערדיטשעווסקי האָבן זיי גע־נומען, זענען דאָך ביי זיך אין האַרצן באַוווסט ו ו ע ר און ו ו אָ ס זיי זענען. זיי מאַסקירן זיך נאָר, כדי צו זיין נענטער צום פאָלק, כדי אומבאַמערקט צו העלפן געפאַלענע און כדי נישט לאָזן זיך באַצאָלן די גוטע מעשים מיט כבוד און מיט עושר אויף ד ע ר וועלט. זיי לאָזן דאָס אַלץ איבער אויף יענער וועלט... מיין „נח פּאַנדרע״ איז גאָר אַן אַנדערער. ער איז נאַאיוו, ווי אַ קינד — אַ גרויס קינד פון פאָלק. ער ווייסט אַליין נישט ווער ער איז. אַ וווּנדערלעכער גראָבער־יונג, וועלכער האַלט זיך קליין,

קלענער פאַר יעדער ליידיקגייער און טויגעניכץ, און האָט אין זיך, פון דעסטוועגן, טויזנט מאָל מער ליבע צו זיין פרוי, איידלקייט צו עלטערע לייט און אָפּפערוויליקייט צו שוואַכערע, ווי אַלע לעגענדאַרישע צדיקים צוזאַמענגענומען. העלפן די, וועלכע נויטיקן זיך אין זיין גבורה, איז ביי אים אַ באַדערפעניש; כמעט אַ פיזישע באַדערפעניש, ווי צו אָטעמען די פרייע לופט פון וועלדער און פעלדער אויף זיינע „יאַזדעס" מיט דער באַלעגאָלישער פור. און העלפן העלפט ער ממשותדיק, נישט מיט קוויטלעך, נישט מיט השבעות און מיט שם־המפורשן, נאָר מיט זיינע אייגענע האַראָפּאַשנע הענט און מיט זיין אייגענער דיקער הויט. ס'איז אַן אייביקער, אמתער ברודער, וואָס לויט זיין כוח און רויקייט זעט ער אויס ווי אַן ע ש ו און העלפט, פון דעסטוועגן, אומעטום דעם שוואַכ־לייביקן יעַנקעלען מיט וואָס ער קען. אין זיין באַלעגאָלישן וועגל, אַזוי צו זאָגן, וואַרפט יעדער איינער אַריין זיין שווערן פעקל: „שלעפּ, ברודער!" און ער שלעפּט און הערט אַפילו קיין דאַנק נישט פון קיינעם. ער איז דאָך געזונט און שטאַרק דער פּאַנדרע, דער עם־הארץ, טאָ זאָל ער! נישקשה!...

עס קומט אָבער אָן דער קריטישער מאָמענט. זיין לעבן ווערט איבער־געלאָדן פון פרעמדע פעקלעך. עס פאַרפעלט אים לופט און ער מוז אַנט־לויפן... די חוט־השדרה אין שטעטל גיט זיך דעמאָלסט אַ שאָקל. די שוואַכע ריפּן און דער גאַנצער חברהשער בוי האַלט דאָרט ביים צוזאַמענ־פאַלן. ד אָ ס א י ז ב ע צ ם ד ע ר ת ו ך פ ו ן מ י י ן ו ו ע ר ק. אַ העלד אין פרימיטיוועסטן זין פון וואָרט און דאָך אַ גרויסע מענטשלעכע פיגור. אַ סימבאָל פון אַן אמתן מענטשן, אויף וועלכע די גאַנצע געזעלשאַפט שפּאַרט זיך אָן, ווי אויף שטאַרקע ווינקל־שטיינער. אָבער ווינקל־שטיינער ליגן, מיינסטנס, טיף באַגראָבן אין דער שוואַרצער ערד.

נישט אַזוי קלאָר און בולט, ווי איך טייטש דאָ אויס, האָבן דאָס די יידישע, ענגלישע, דייטשישע און פראַנצויזישע לייענער באַגריפן. אָבער דער אָפּקלאַנג, וואָס מיין פרימיטיווער העלד האָט געהאַט אין אַלערליי שיכטן, ביי פּראָסטע לייענער אַזוי ווי ביי אינטעליגענטן; ביי פרומע לייט, אַזוי ווי ביי פריידענקער, דאָס אַלץ האָט מיר נישט איינמאָל באַוויזן, אַז איך האָב מיין ציל דערגרייכט.

אַלע פינף טיילן „עמי־הארצים" זיינען געשריבן געוואָרן אין משך פון צוויי און אַ האַלב יאָר: פון מיטן 1927 ביז סוף 1929.

ז. שניאור